This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

7

1969

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון ססר

נײַנטער יאָרגאנג

פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל“

מאָסקווע

7 יול

1969

БИБЛИОТЕКА
ДОМА ЕВРЕЙСКОЙ КНИГИ
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

זייַט

איציק פעפער. די זון פאַרגייט ניט (פּיעסע) 3

צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין

יאַקאָוו דוואָרקין. אַף שטענדיק אין מײַן האַרצן . . 55

בוזי אָליעווסקי. בא לענינען (ליד) 57

אַף די שפּורן פון געשעענעם. איליטשס באַליבטע קאָמפּאָזי־
טאָרן. דער פּראָפיל אַפן אָרדען 64

שירע גאָרשמאַן. פון אַמאָל און פון איצט (דערציילונגען) 66

כאַים מאַלטינסקי. די רויִקייַט (לידער) 87

אויסלענדישע שרײַבער צוגאַסט אין „סאָוועטיש היימ־
לאַנד“. דזשודאַ אואָטען. דאָס מעסער. — די
שוועסטער (דערציילונגען) 90

יאַנקעוו שטערנבערג. פאַרשיידענע לידער . . . 100

בער האַלפּערן. אַ פּוסטער טאָג. — וואָס זאָגט קויהעלעס
(דערציילונגען) 105

אַלעקסאַנדער גובניצקי. מײַן ייִכעס (דערציילונג).
צייכענונגען פון ה. אינגער 112

פּיניע קיריטשאַנסקי. דרייַ לידער 124

מישע מאָגילעוויטש. מײַן אַרבעט (ליד) 124

זיכרוינעס. שיפרע כאָלאָדענקאָ. מײַן ברודער דאָוויד
האָפּשטיין אין די יונגע יאָרן 125

טריבונע פון לעבן

שלוימע ראַבינאָוויטש. זאַריאַדיע 130

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

מוישע שאַפּיראָ. ייִדישע לעקסיקאָגראַפיע און דער
ליטעראַרישער ייִדיש 134

הירש רעלעס. זייערע נעמען זײַנען אויסגעקריצט אַפן
מעמאָריִאַל־טאָוול (פאָרזעצונג) 140

קורצע רעצענזיעס. יעכיִעל שרײַבמאַן. אַלטער
קאַציזנע; מייער יעלין. אַ בוך — אַ גוויִעס־איידעס 143

באָריס שיינין. וועגן דעם מאָלער מאַרק קליִאָנסקי . . 146

נאָטיצן פון אַ ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאַטשיק.
„מאַמע־לשון“ 148

פאַרשיידנס 150

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 152

כראָניק 89, 104, 149, 153, 154

לאָמיר זינגען נײַע לידער. נעמט אַוועק די קינדער.
ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי 155

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו 156

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 158

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . . 159

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פאַראַנטוו. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

די זון פארגייט ניט

פערזאָנען

דאָוויד אבארבאנעל.
פראמעק — זײַן זון.
קיווע.
שעלי — זײַן טאָכטער.
וועלוול.
דידאָק.
שימשון־האגיבער.
וואסילי, ניקאָלײַ, גריגאָרי, סטעפּאן, סאשע — פּארטיזאנער.
קאָמיסאר.
וואָלאָדיע.
דער מענטש פון לאגער.
מיקיטע וואניטש.
דער דײַטשישער גענעראל.
בוש.
גיונטער.
העכט.
פרידריך.
האנס.
געטאָ־ייִדן.

ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

נאכט. וואלד. הארבסט. כמארנע.

פּ ר א מ ע ק. ניין, ניט דאָס, אפּאָנעם, איז דער אלטער דעמב
מיט אָפּגעהאקטע צווײַגן צוויי, ווי הענט,
וואָס דארף ווײַזן אונדז די וועגן.
פארוויינט זײַנען די וועגן אינעם וואלד
מיט געלע בלעטער.

ש ע ל י. און שוין אוועק דער טאָג.
שוין נאָך א טאָג אוועק.
א פינצטערניש! א קעלט.
ווי ס׳וואָלטן מער די שטערן ניט געלויכטן אף דער וועלט!
קום!

פּ ר א מ ע ק. אָט דאָ פארבלײַבן וועלן מיר ביז טאָג.
איצט איז פאר אונדז דער בעסטער פרײַנט די נאכט!
מיר זײַנען דאָ פארשלאָסן, ווי אף שלעסער,
נאָר פארן פײַנט איז אויך דער וואלד פארמאכט.

פונעם דיכטערס ליטערארישער יערושע.

שעלי. ניין, ניין, מיר וועלן גיין.
דער זיבעטער מעסלעס איז שוין פאַרבײַ
פון יענער נאכט, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט די געטאָ.
געדענקסטו, פראמעק, וואָס מע האָט געזעדט דאָרט?
כ׳וועל גיין, כ׳וועל שוין ניט שלאָפן סײַוויסײַ.

פראמעק. מיר זײַנען מיד. די מידקײַט הײַנט פאַרטרײַבן
וועט זײַן ניט גרינג. וואַרט צו ביז פרי!

שעלי. ניין, ניין, מע טאָר דאָ אינעם וואלד אזוי ניט בלײַבן!
געדענקסט, וואָס פאַר א כוויוו עס ליגט אף אונדז!
דער קאָמיטעט האָט אונדז געזאָגט: „איר זאָלט ניט רוען, ביז...״
כ׳וועל גיין, כ׳וועל גיין. איך הער נאָך אַלץ די קלאָג
און דאָס געשריי, און דאָס געוויין אין געטאָ.
מע האָט דאָך אונדז געשיקט אין ווײַטן וועג
ניט צוליב דעם, מיר זאָלן שלאָפן אף די בלעטער!
מיר מוזן צו די רעטער אָפּזוכן דעם וועג!
דער זיבעטער מעסלעס איז שוין אוועק.

פראמעק. דער זיבעטער מעסלעס!
דאָך זע איך ניט דעם אַלטן דעמב.
ווײַל נאָר דער אַלטער דעמב קאָן אונדז צעשיידן.
געדענקסט דעם פּלאָן, וואָס איז פאַרטרויט אונדז ביידן?
ווהין זשע ווילסטו גיין אַליין?!

שעלי. כ׳געדענק: דו דאַרפסט זיך לאָזן רעכטס
און איך דאַרף לאָזן זיך, אָן דיר, אף לינקס.
אזא איז דער געזעץ! און דער געזעץ, ער שוינט ניט קיינעם!

פראמעק. אָט זעסטו, ס׳איז אונדז באשערט נאָך זײַן א ביסעלע אינײנעם.
די אײַלעניש קאָן ברענגען צו א שלעכטן סאָף!
פון אַלע ווינקלען גייט אונדז די געפאַר אנטקעגן.
זי טאָר ניט זען אונדז מידע אף די וועגן.
פאַר מידקײַט איז די בעסטע היילונג שלאָף!

שעלי. (מאכט צו די אויגן). אין שלאָף ווערט אף קיין רעגע מיר ניט גרינגער.
אין כאָלעם זע איך אים, דעם קעלער, ס׳איז באנאכט.
דער אומלעגאלער קאָמיטעט פון געטאָ זיצט ארום א קאַנעץ.
זיי האָבן אונדז באגלייט, ווי אף א שלאכט,
און מיר...

פראמעק. כ׳פאַרשטיי דײַן אומגעדולד, נאָר אײַלן זיך מע טאָר ניט!
ס׳מוז אָפּגעוויגן ווערן יעדער שפּאַן!

שעלי. זיי קומען אַלע נאכט צו מיר אין כאָלעם
און קוקן אף די הענט, וואָס טוען נאָך דערווײַלע גאָרניט.

פראמעק. אין וואלד מיר זײַנען ניט אף א שפּאַצירגאַנג!
מיר זײַנען אף מילכאָמע שוין,
אין אויסשפּיר!

שעלי. עס ווערט מיר אזוי קאַלט, ווען איך דערמאָן זיך
דער מאַמעס ווערטער און דעם טאַטנס טרער.

פראמעק. כ׳האָב אויך געזען אף טאַטנס אויג א טרער.

שעלי. מיט פּענעמער, פון הונגער אויסגעצויגן,
זיי כאַפּן יעדן צופעליקן שאָרך פון מיר.
זיי זײַנען איצט, ווי שטרוי, וואָס יעדער איינער

קאָן מיט א שוועבעלע זיי לאָזן מיטן ווינט
און אויס... ווי ניט געווען!
איך זע די ביינער זייערע אין מיסט!
אוי! טאטע־מאמע.

פראמעק. זײַ רויִק! מיר וועלן ברענגען זיי די רעטונג!

שעלי. זיי וועלן דאָך אליין צו אונדז ניט קומען, די פארטיזאנער...
איעדע רעגע קאָסט דאָך בלוט!
„דו, שעלי, דארפסט געפינען דעם אָטריאַד, — האָט מען געזאָגט,—
ווו ס׳איז דער קאָמאנדיר דידאָק".

פראמעק. און איך — דארף אָפּזוכן די טיר
צו יענער מאכנע, ווו ס׳איז דער קאָמאנדיר פעדאָט.

שעלי. „און אויב די דײַטשן וועלן אײַך... — האָט מען געזאָגט. —
האָסט גוט באהאלטן דײַנע דאָקומענטן?"

פראמעק. איז אָט: ביז ס׳וועט דער אלטער דעמב ניט קומען אונדז אנטקעגן,
איז נאָך ניטאָ קיין וועג אף יענע וועגן,
וואָס קאָנען אונדז צעשיידן!

שעלי. מע טאָר שוין מער ניט ציִען!

פראמעק. רויִק בלײַב אָט דאָ!
מע ווייסט אין מאָסקווע אלץ!
און דאָס געשריי, און דאָס געוויין פון געטאָ
דערגייט אהין.
און וועגן בלאָנדזשען אונדזערן אין וואלד
מע ווייסט דאָרט אויך!
איך פיל אפילע, ווי עס פירט אונדז איצט א האנט,
פון דאָרט א האנט.

שעלי. דער פארטיזאנער־קאָמיטעט פון קאנט —
דעם זיבעטן מעסלעס ער ווארט אף אונדזער וואָרט.
און מיר... ווי ס׳האָט אונדז צוגעשמידט צו אָט דעם אָרט.
עס ווארט די געטאָ, דער קאָמיוג, און טאטע־מאמע.
זיי קערן דאָרט געוויס אונדז שוין באוויינען.
ביסט מיד. כ׳וועל נאָך א זוך טאָן דאָ ניט ווײַט.

פראמעק. ניין! רויִק בלײַב! כ׳באפויל אזוי!
ווארט צו ביז פרי!
הערסט? עס שלאָפט ניט די סאקאָנע,
זי נישטערט, ווי א וואָלף, אין אָט די נעכט.
עס זאָגט מיר איצט דאָס הארץ, אז זײַן וועט שלעכט.
ווערסט זוכן פרײַנט, און קומען צו די סאָנים.

שעלי. די סאָנים... האָסט אלץ בא זיך? די פאָטאָגראפיעס אויך?

פראמעק. ס׳איז איצט בא מיר אין קאָפּ א רויך.
מיר דוכט — דער רויך אָט דער וויל מיך פארטראָגן זייער ווײַט.

שעלי. ביסט מיד. געדענקסט די ווערטער, וואָס מיר דארפן זאָגן
אין יענעם פאל, ווען דײַטשן...

פראמעק. כ׳געדענק. אָבער מיר דארפן זיך צעשיידן
לעם אלטן דעמב. ניט פריִער.
און אז די צײַט וועט קומען, באם צעשיידן זיך,
דארף איך נאָך עפּעס דיר זאָגן...

שעלי. כ׳דארף אויך דיר עפּעס זאָגן.

פראמעק שלאָפט איַין.

איַינגעשלאָפן. ער האָט די מידקייט מער שוין ניט געקאָנט פארטראָגן.
ער אָטעמט אזוי רויִק און געלאסן,
ווי ס׳וואָלט שוין די געפאר פון אונדז אוועק,
ווי ס׳וואָלטן ניט געווען שוין מער קיין געטאָ־גאסן.
און מיר זיַינען געקומען צו א ברעג.
ער שלאָפט!
צי ווייסט ער, ווי איך האָב אים ליב?!
ווען כ׳קאָן אים זאָגן!
ווי שווער איז מיר צעשיידן זיך מיט אים...
נאָר פארן אָפּשיידן, באם אַלטן דעמב,
וועל איך דיר זאָגן אַלץ.
ווי טיַיער ס׳איז דיַין אָטעם מיר!
ווי ס׳לינדערט זיך די פּיַין, ווען כ׳ווייס, אז דו ביסט דאָ!
פראמעק! פראמעק! פראמעק!
איך וועל א בסורע ברענגען דיר!
אָט דאָ ניט וויַיט מוז זיַין דער דעמב.
די וועגן. און די רעטונג!
איך וועל א זוך טאָן. עס דראָט דאָך אים דערוויַיל ניט קיין סאקאָנע!
איך וועל א זוך טאָן. און כ׳וועל קומען באַלד צוריק.
פראמעק... באַלד צוריק!

שעלי אָפּ.

בוש. האָסט ליב אזא שפּאצירגאנג, גיונטער?

גיונטער. שפּאצירן? שפּאצירן וואָלט איך גערן, הער מאיאָר.

בוש. איך פרעג, האָסט ליב די לופט אין וואלד באנאכט צו שפּירן?

גיונטער. די לופט באנאכט אין וואלד איז שעדלעך, הער מאיאָר.

בוש. יאָ, מערער האָב איך ליב בּאטאָג דאָ שפּאנען. און דו?

גיונטער. כ׳האָב ליב, וואָס איר, מאיאָר. באטאָג איז טאקע רויִקער!

בוש. האָסט ניט פארשטאנען!!!

גיונטער. (באמערקט פראמעקן). וואָס איז דאָס פאר א בער?

בוש. רייד שטילער, גיונטער! ס׳קאָן דער בער דערהערן!

גיונטער. זיי קאָנען שיסן שלאָפנדיקערהייט!

בוש. כ׳האָב שוין געזען אזוינע בערן! זיי קאָנען.

גיונטער. דערלויבט, זאָל איינער פון די יונגען
שטילערהייט צו אים דערקליַיבן זיך
און מיטן מעסער אים אריַינקריכן אין גאָרגל.
כ׳האָב ליב די רויטע בערן טויטערהייט. ס׳איז רויִקער!

בוש. ניין, ניין! כ׳הייס צוּווארטן ביז מאָרגן!
גאנץ מעגלעך, אז ס׳איז א גרויסער העכט.

גיונטער. דער הער מאיאָר איז אַלעמאָל גערעכט!

בוש. נו, גייט! באַקוקט אים שטילערהייט!
ער האָט ניט קיין געווער?
דאַן איז ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן! נו, גייט!
(צו פּראַמעקן) אופשטיין! וואָס האָט דיך פאַריאָגט אהער?

פּראַמעק. שעלי... שעלי...

בוש. ניט רירן זיך פון אָרט!
ביסט איינער דאָ? צי האָסט נאָך א קאַפּעליע?
דו האָסט דערשראָקן זיך?

גיונטער. רייד אויס א וואָרט!

בוש. דו שווייַגסט? דו מעגסט שוין שווייַגן.
כ'וועל באַלד דיר זאָגן, וואָס דו קאָנסט מיר זאָגן.
דו ביסט א זון פון א פּראָפעסאָר, ביסט א רוס,
וואָס קאָן די רויטע פעסט שוין ניט פאַרטראָגן.
און ביסט אנטלאָפן זוכן אונדז. צופוס.
און איצט ביסטו אזוי שוין איבערגליקלעך,
אַז האָסט די שפּראַך פאַרלוירן מיטאַמאָל.
נו וואָס?.. געטראָפן? זאָג א וואָרט!
כ'וויל הערן כאָטש דייַן קאָל!
א־א־אָ! ביסט ניט קיין זון פון קיין פּראָפעסאָר? ניין!
דו ביסט געווען אמאָל א גאַלעך!
דו ביסט פון דער טשעקא אוועק. ס'איז זייער שיין!
און איצטער ביסטו העכסט צופרידן,
וואָס דו געפינסט זיך שוין אין גוטע הענט
און האָסט געראַטעוועט דייַן לעבן פון די ייִדן,
וואָס האָבן דייַנע שוועסטער און דייַן פרוי געשענדט...
גענוג געשוויגן! זאָג, ווער ביסטו, שווייַן!

פּראַמעק. א דייַטש.

בוש. א דייַטש?

פּראַמעק. א דייַטש!

גיונטער. א דייַטש! אזא מין כיטרע ענטפער
האָט מען גאָר דערוואַרטן ניט געקאָנט!

פּראַמעק. מייַן פאָטער איז א דייַטש און אויך מייַן מוטער.

בוש. און דייַטש ער רעדט ניט שלעכט!
באַקוק אים פון דער נאָענט!

גיונטער. ווייַזט אויס, ער איז אנטלאָפן פונעם פראָנט!

בוש. דו ביסט א דייַטש? וואָס דאַרפסטו זיך באַהאַלטן?
און ווי א גאַנעוו לויפן פון דער שייַן?
דער דייַטש איז נאָר געוווינט א זיגער זייַן!
און ווייסט, אַז נאָר באַזיגטע זיך באַהאַלטן.

גיונטער. ווי קאָן עס גאָר א דייַטש אזוי זיך האַלטן?!

בוש. באַנאַכט! אין וואַלד!

גיונטער. ווער ביסטו, שווייַן?

פּראַמעק. איך בין א דייַטש!

גיונטער. דאָס איז אים גוט אין קאָפּ אריין!

בוש. און וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען פּאַרטיזאַנער
געפינען דיך אין וואַלד!

פּראַמעק. איך וואָלט געטאָן, וואָס אַלע דײַטשן טוען,
און וואָלט גערעדט, וואָס אַלע דײַטשן ריידן אין אַזאַ מין פאַל.

בוש. דער יונג איז נעטו!

גיונטער. דער יונג איז אַף קיין רוס ניט ענלעך.

בוש. און קיין פראַנצויז איז ער אַוודאי ניט!

גיונטער. צו קלוג איז ער, דער יונג!
איך וואָלט געשווירן, אַז ער איז אַ ייִד.

בוש. איז ער צו דרייסט... אַ ייִד וואָלט זיך דערשראָקן!

גיונטער. איך האַלט, אַז ס׳איז שוין צײַט אים שטעלן פּאַקן...

צו פּראַמעקן.

וועסט זאָגן? צי דו ווילסט מײַן שטאַרקע האַנט?

פּראַמעק. ווי וואַגסטו ריידן מיט אַ דײַטש אַזוי? אַ שאַנד!
איך שטאַם פון יענע אַלטע גוטע דײַטשן,
וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אָט דעם לאַנד פאַר קאַטערינעס צײַטן.

גיונטער. עס איז צײַט שוין?!

בוש. זעץ פאָר!

פּראַמעק. מײַן זיידע איז געווען אַ גובערנאַטאָר
אין דער באַרימטער שטאָט... אין טווער.
פאָן שטיין האָט מען גערופן אים.

בוש. דײַן פאָטער?

פּראַמעק. מײַן פאָטער איז געווען אַן אינזשעניער,
איך האָב זײַן בילד.

בוש. האָסט דאָקומענטן?

פּראַמעק. אָט זײַנען זיי.

בוש. ביסט זייער רויִק. דײַן רויִקײַט איז מיר אינגאַנצן ניט פאַרשטענדלעך!

פּראַמעק. וואָס האָב איך אומרויִק צו זײַן? כ׳בין ריין!

בוש. נו גוט! מיר וועלן גיין אין שטאַב!

גיונטער. זײַן זיידע איז געווען אַ גובערנאַטאָר,
און די טשעקאַ האָט אים געלאָזט צורו... (כאַזערט איבער די פראַזע עט־לעכע מאָל).

בוש. נו! מאַרש!

אַלע אָפּ.

שעלי. (לויפט אַרײַן). פּראַמעק! פּראַמעק!
מיר דוכט, עס קלינגט נאָך דאָ זײַן קאָל!
ווו קאָן ער זײַן?
אָט איז דאָס טיכעלע, וואָס כ׳האָב אים אויסגענייט אַמאָל...
וואָס האָב איך אָפּגעטאָן! ער איז געוויס אַוועק מיך זוכן!

פראַמעק! פראַמעק! פראַמעק! ער איז ניטאָ!
מיר האָבן זיך אפילֿע ניט געזעגנט.
איך פילֿ זײַן אָטעם נאָך אף אָט די בלֿעטער!
ער מוז דאָך זײַן מיט מיר! ער מוז דאָך קומען!
אויב ניט... אויב ניט...
פראַמעק! פראַמעק!

פאָרהאנג.

דאָס צווייטע בילד

נאכט. א שלֿאָפֿצימער. סימאָנים פון אמאָליקער פארמעגלֿעכקײַט. דאָס צימער איז פול מיט מענטשן, מע ווארט אף דאָווידן.

ערשטער ייִד. איך האָב געהערט, אז טשערניאכאָווסקי דער בארימטער גענעראלֿ, איז שוין ניט ווײַט. שוין גאָר ניט ווײַט!

צווייטער ייִד. יאָ, יאָ. כ'האָב אויך געהערט. מע זאָגט נאָך,
אז בא זיי, די דײַטשן, טוט זיך כוישעך!
א מעהומע!

ערשטע פרוי. ווו קאָן מען דאָ דערגיין דעם עמעס?
אז מ'איז אָפגעשניטן פון דער גאנצער וועלֿט!

דריטער ייִד. און ווו איז דאָווידֿ? פראַמעקס טאטע.
איך פרעג, אווו איז דאָווידֿ?

צווייטע פרוי. שטילֿער, שאַ! איר זעט דאָך, אז מעווארט, מע ווארט אף אים.
ער איז ניטאָ.

פערטער ייִד. ער האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט.

צווייטע פרוי. ער דארף אינגיכן קומען.

דריטער ייִד. פונוואַנען! פונוואַנען דארף ער קומען?

דריטע פרוי. שאַ, שטילֿער! מ'האָט דאָך אײַך געזאָגט. זײַט שטילֿער!

פינפטער ייִד. כ'האָב אינדערפרי געזען אים אין דרויסן.
ער איז געגאַן מיט קיווען און מיט ווערלֿוולֿען.

דריטער ייִד. מיסטאמע עפּעס נײַס פאראַן! פאראַנען...

ערשטע פרוי. אז דאָווידֿ זאָלֿ ארויס פון שטוב, דארף עפּעס וואָס געשען!

פערטע פרוי. א גרוס פון פראַמעקן באקומען מינאַסטאַם?

זעקסטער ייִד. און עפּשער פונעם וואַלד א גרוס!

פינפטע פרוי. פון די פארטיזן...

אלֿע. שאַ, שאַ, שאַ. שטילֿער!

דריטער ייִד. נײַס, זאָגט איר?.. פון וועמען נײַס?.. פון אים, פון פראַמעקן?

צווייטער ייִד. פארוואָס זשע שווײַגט מען?

אלֿע. נו, נו, דערציילֿט, דערציילֿט.

פינפטער ייִד. ווען איך האָב דאָווידן דערזען,
האָב איך אויך געקלֿערט... א גוטער סימען!
ווײַזט אויס, פון פראַמעקן באקומען א יעדיִע.

פערטע פרוי. נו יאָ! פון פראַמעקן, פון שעלין.
אָדער עפּעס נײַס פון דאָרטן. פון די פּאַרטיז...

אלע. שא! שטילער!

פערטע פרוי. א יעשוע.

פינפטער ייִד. א יעשוע, זאָגט איר?

ערשטער ייִד. איך האָב געהערט, אז טשערניאַכאָווסקי, דער באַרימטער גענעראַל, האָט זיך דערקליבן אזש אהין... קיין מאָסקווע. צום באַלעבאָס.
און ער, דער באַלעבאָס, האָט אים געהייסן בעקיצער מאַכן מיט די דײַטשן און ראַטעווען די וועלט פון דער מאַגייפע.

זעקסטער ייִד. אויב ס׳האָט דער באַלעבאָס אזוי געהייסן!

דריטער ייִד. צו וועמען זאָגט איר?

צווייטער ייִד. מע זאָגט דאָך אײַך, צום באַלעבאָס.

ערשטער ייִד. שא! מע גייט, מיסטאַמע דאָוויד!..

פינפטער ייִד. דאָוויד? ס׳קאָן ניט זײַן! איך האָב אים דאָך געזען ערשט ניט לאַנג.
איך זע — ער גייט. און נאָך אים — קיווע, וועלוול.
און עפּעס טראָגן זיי. איך קוק זיך אײַן — א מיטע...

פינפטע פרוי. א מיטע?

דריטע פרוי. א מיטע!

ערשטע פרוי. זיי טראָגן גאָר א מיטע.

פינפטער ייִד. דאָס האָבן זיי געטראָגן פריידען — דאָווידס ווײַב.

צווייטע פרוי. געשטאָרבן פריידע!

דריטער ייִד. נו, איז וואָס זשע איז דאָס פאַר א סימען?!

זעקסטער ייִד. אָט דאָס זײַנען די נײַס?!

צווייטער ייִד. ער גייט, דאַכט זיך. זאָל ווערן שטילער!

ס׳קומט דאָוויד.

דאָוויד. ניטאָ קיין נײַס! ניטאָ... עס ווערט שוין שפּעט.
ס׳קומט שוין די צײַט, ווען קיינער טאָר זיך אויף די גאַסן ניט באַווײַזן.
נו, גייט אהיים! גייט!

אלע אָפּ.

(אליין). ביסט אויך, מײַן ווײַב, פון מיר אוועק!..
שוין ניט געקאָנט דעם גרויסן אומגליק איבערטראָגן,
זינט אונדזער פראַמעק איז פארשוווּנדן.
זי איז אליין אוועק. און אים, מײַן פראַמעקן, האָט מען געשיקט!
פון דאָרט איז ער ארויס (ווײַזט אפן קעלער), פון קעלער.
שטילערהייט געזאָגט — א גוטע נאַכט, א קוק געגעבן אויף דער קראַנקער מאַמען.
ארומגענומען זי. און צו דער טיר אוועק. און אויס!
ניטאָ מײַן פראַמעק שוין! ניטאָ מײַן פריידע!
איצט דאַרף איך זיצן שיווע נאָך זיי ביידע!
שיווע?! ניין, ניין... קיין שיווע זיצן וועל איך ניט!
איך וועל ניט זיצן מער קיין שיווע!

קאָן זײַן, עס וועט פון גרויסן אומגליק
עמעצער פאַרבלײַבן — איז זאָל ער וויסן וועגן אַלץ!
כ׳וועל אַלץ פאַרשרײַבן! אַלץ פאַרשרײַבן! אַלץ פאַרשרײַבן!
ס׳איז אַלט דאָס פאָלק אונדזערס! ס׳איז אַלט.
און הייבט אָן אַלעמאָל פון אַלעפבייס.

ס׳האָט גאָלדעלע, מײַן שאָכן שאָלעמס טאָכטער,
אינגאַנצן צוויי כאַדאָשים אָפּגעלעבט נאָר אָף דער וועלט!
דאָס קינד איז אָף א שפּיז א דײַטשער אויסגעאַנגען.
מײַן שאָכן האָט מען לעבעדיקערהייט פאַרברענט!
ס׳איז מוישע טויט. און לייב איז טויט. און בער איז טויט.
און זכאַריעס האַרץ האָט מען מיט שפּיזן דורכגעשטאָכן.
איך האָב אַליין געזען: זײַן בלוט האָט זיך געגאָסן
אָף מאַלקעס ברוסט... און מאַלקע איז געווען זײַן ווײַב.
זיי האָבן ניט געוואָלט דעם דײַטש זיך אונטערגעבן.
און, ווי גיבוירים, זיך געשלאָגן פאַרן לעבן...

און ס׳האָבן זיך די טויטע הענט מיט טויטע הענט געפלאָכטן.
א גאַנצער דאָר!!! א גאַנצער דאָר האָט זיך
געראַנגלט מיטן טויט!
געשען איז דאָס אין נײַנצן הונדערט פערציק ערשטן.
פערציק צווייטן. פערציק דריטן יאָר.

ס׳קומט וועלוול.

ו ע ל ו ו ל. עס וועט ניט אויסהאַלטן!
דאָוויד! ווער זיצט קיין שיווע ניט אַצינד?
ווער — נאָך א ווײַב, ווער — נאָך א קינד.
אַן אומשולדיקער קאָרבן,
ווער נאָכן יוישער, וואָס איז אויך געשטאָרבן.

ד אָ ו י ד. זי שטייט די גאַנצע צײַט מיר פאַר די אויגן!

ו ע ל ו ו ל. ס׳איז נאַכט שוין, דאָוויד. און איר, איר זיצט נאָך אַלץ איבער די קסאָווים.

ד אָ ו י ד. די נאַכט איז אונדזער טאָג! און מײַנע קסאָווים.
לויט זיי וועט מען דערזען,
ווי ס׳האָט א דאָר געראַנגלט זיך, געלעבט.

ו ע ל ו ו ל. וואָס הייסט געלעבט?! דאָס הייסט געלעבט?!
אָף מײַנע סאָנים און אָף זייער קאָפּ!
און עפּעס נײַס פאַראַנען?
פון פראַמעקן איז עפּעס נײַס פאַראַנען?

ד אָ ו י ד. אַזויפיל גרויע וואָכן זײַנען שוין אַוועק!
אויב פראַמעק שווײַגט, איז שוין אַן עק!

ו ע ל ו ו ל. ער שווײַגט? ווען פראַמעק שווײַגט,
מיסטאָמע ווייסט ער, וואָס ער טוט!

ד אָ ו י ד. איך קען מײַן זון! דעם יוירעש מײַנעם.
ער וואָלט פון יענער־וועלט אַפילע
געשיקט א גרוס דעם טאַטן זײַנעם.
אַזוי! עס גייט צו נעילע!

ו ע ל ו ו ל. וואָס הייסט, צו נעילע?
פיר באָנים האָב איך אָפּן פראָנט!
איר ווייסט, וואָס דאָרטן טוט זיך?
און אונדזער רויטאַרמיי...

וואָס הייסט?! מע וועט זיך לאָזן גלאַט אַזוי?!..
ע־ע־ע, דאָוויד! און זיי? וואָס זאָגן זיי?
זיי האָבן נײַעס? ס'איז מאָרגן עפּעס דאָך א טאָג!!

דאָויד. א טאָג?!

וועלוול. נו, יאָ!.. דער זיבעטער נאָיאַבר!

דאָויד. א־א־אָ!.. דער זיבעטער נאָיאַבר!
ס'האָט עפּעס פריידע אַלץ גערעדט. גערעדט!
„ס'איז ערעוו יאָמטעוו... ערעוו יאָמטעוו".
און פראַמעקן האָט זי דערמאָנט.
געוואַרט אַף אים.
דער זיבעטער נאָיאַבער!

וועלוול. דאָס זאָג איך דאָך!

ס'קומט קיווע.

דאָויד. ס'האָט עפּעס וואָס געטראָפן?

קיווע. כ'האָב אויך די גאַנצע נאַכט געוואַכט.
די אויגן האָבן אָפּגעוווינט זיך שלאָפן.
און ס'ווילט זיך זײַן זיי אָפן, אָפן, אָפן.
קאַלזמאַן מע האָט זיי מיר נאָך ניט פאַרמאַכט!
און אײַער פריידע האָט אַליין פאַרמאַכט די אויגן!
דאָס איז א גרויסע טרייסט — אַליין פאַרמאַכט!

וועלוול. וואָס מיינט איר? אין דעם איז אויך פאַראַן א זכות!
וואָס מיינט איר? אין דעם איז...

דאָויד. ניט טרייסט מיך, וועלוול. און ניט טרייסט מיך, קיווע.
מיר דאַרפן איצט שוין אַלע זיצן שיווע!

וועלוול. וואָס דאַרשנט איר? פיר באַנים מײַנע...

קיווע. עס זיצט דאָך ניט דאָס גאַנצע פאָלק אין געטאָ!
דאָס פאָלק איז ניט אָט דאָ! אָט דאָרטן איז דאָס פאָלק!
און דאָרטן איז דאָס פאָלק.
ווער מיט א ביקס אין האַנט, ווער מיטן עמעס,
אָפּגעדרוקט אַפן פּאַפּיר!
כ'האָב שוין געזען אין שטאָט צעהאַנגען בלעטלעך אַף די ווענט.
לעקאָוועד אונדזער מאָרגעדיקן יאָמטעוו.
הערט!.. א פּאַטעפּאַלנאָסט פון יונגעלײַט!
צעהענגען בלעטלעך אַף די ווענט מיט אויסרופן:
„זאָל לעבן דער אָקטיאַבער־יאָמטעוו!"
און אומעטום א כסימע שטייט: „אין נאָמען
פונעם אומלעגאַלן קאָמיטעט — פראַמעק".

דאָויד. פראַמעק?

קיווע. וואָס איז דער וווּנדער?!
פאַראַיאָרן האָט מען אויך אוועקגעשטעלט
זײַן כסימע אַף די יאָמטעוו־בלעטלעך...
נאָך דעם, ווי מ'האָט א פינף פראַמעקס שוין געפּאַקט!
מיט פראַמעקס זײַנען איצטער פול די שטעטלעך.

דאָויד. פראַמעק. נו, און פון שעלין האָט איר עפּעס?

קיווע. וואַרט!

וועלוול. וואָס איז?

ק י ו ע. שא, שטילער!

ד אָ ו י ד. מיר דאכט זיך אויס, אז עמעצער דערנעענטערט זיך אהער.

ק י ו ע. מיר אויך.

ס׳קומט מיקיטע וואניטש.

מ י ק י ט ע. א גוטן־אָוונט, שכיינים!

ד אָ ו י ד. מיקיטע?!

ק י ו ע. מיקיטע וואניטש!

ו ו ע ל ו ל. מיקיטע וואניטש! ס׳איז א גוטער סימען!
געמיינט, פארגעסן שוין אין אונדז!
די שכיינים דײַנע אַלטע.

מ י ק י ט ע. פארגעסן? פארגעסן מעג מען גוטפרײַנט
נאָר אין א גוטער צײַט!

ד אָ ו י ד. וואָס מאכן דײַניקע?.. האַרפינע, ליובקע?..

מ י ק י ט ע. האַרפינע? זי איז שוין זייער ווײַט.
זי איז פון מיר אוועק! געשטאָרבן.
אָט דאָ ניט לאנג. דעם לעצטן פרײַטיק.
האָב איך זי באהאלטן. וואָט טאק!

ד אָ ו י ד. נו, און ליובקע?

מ י ק י ט ע. און ליובקע איז מיט גנאטעקן אין וואלד אנטלאָפן.
די פארטיזאנער זוכן.

ו ו ע ל ו ל. אָט... אָט די פארטיזאנער!

מ י ק י ט ע. נאָר איך, מיקיטע, בין אינערגעץ ניט אוועק.
צו אלט בין איך! איך וווין אין שטאל.
אליין געבליבן! אפילע מײַן כודאָבע
האָט מען אזש קיין דײַטשלאנד אָפגעשיקט.
אליין... און וואָס מאכט פראמעק דײַנער?

ד אָ ו י ד. אין וואלד אוועק מיט שעלין. די פארטיזאנער זוכן.

מ י ק י ט ע. וואָס הייסט אוועק אין וואלד?
איך האָב דאָך ערשט געזען צו דעם אָקטיאבער־יאָמטעוו
בלעטלעך אָף די ווענט מיט פראמעקס נאָמען.

ד אָ ו י ד. מע האָט זײַן נאָמען אופגעשריבן.
זיי ווייסן שוין מיסטאם, אז ער איז שוין ניטאָ.
און ס׳וועט אים שוין ניט שאטן.

מ י ק י ט ע. שכיינים מײַנע!
איר געדענקט דעם יאָמטעוו אין דער גוטער צײַט?
ע־ע־ע־ן!.. איך האָב צוליב דעם יאָמטעוו אײַך געבראכט.
דאָ האָט איר ברויט, א ביסל בולבעס. עסט!
יאָרן מײַנע! יאָרן!

ד אָ ו י ד. א דאנק, מיקיטע, דיר. א דאנק!
נאָר מער זאָלסטו ניט ברענגען אונדז קיין עסן,
פאר קומען אין דער געטאָ קומט דאָך טויט!

מיקיטע. אָר־וואָ!.. אַ טויט! איך האָב פאַר אים קיין מוירע קיינמאָל ניט געהאַט,
און איצט בין איך מיט אים אַ גאַנצער פאַניבראַט!
נאָר קומען וועל איך ניט צו אײַך... וואָט טאַק!

קיווע. פאַרוואָס?

דאָוויד. פאַרוואָס... וואָט טאַק?

וועלוול. פאַרוואָס?..

מיקיטע. איר ווייסט נאָך גאָרניט...
שכיינים מײַנע! הײַנט באַדאַרף מען וויסן אַלץ!
ערשט נעכטן האָט די געטאָ נאָך געהאַט געציילטע טעג.
און איצט! איצט זײַנען בלויז געציילטע שאָען שוין געבליבן.

דאָוויד. געציילטע שאָען?

קיווע. שאָען?

וועלוול. ס׳קאָן ניט זײַן!

מיקיטע. דערוווּסט האָב איך זיך...
זיי ווילן אינעם טאָג פון יאָמטעוו מאַכן אויס:
די געטאָ אונטערצינדן און דאָס דאָרף
אויך מיטן פײַער לאָזן... וואָט טאַק!

דאָוויד. וואָט טאַק... מיקיטע וואַניטש! הער!
דאָס איז מײַן פּינקעס, ליעטאָפּיס.
פאַרשריבן האָב איך דאָ אַ סאַך!
נעם אָט דעם פּינקעס אין די אַלטע אָרנטלעכע הענט אין דײַנע.
און היט אים, ווי דאָס אויג אין קאָפּ!
און ווען דער גרויסער אומגליק וועט פאַרבײַ
און דו וועסט לעבן בלײַבן, גיב אים איבער...
דאָס האָט דײַן שאָכן, דאָוויד אַבאַרבאַנעל,
וואָס איז שוין טויט, געשיקט!
דער גרויסער אומגליק איז אָט דאָ פאַרשריבן!
דאָ זײַנען די רעציכעס זייערע אין שורעס אויסגעלייגט!
דער יאָם־האַדין וועט קומען! ער וועט קומען!
דאָ איז זייער מישפּעט, זייער פּסאַק!

מיקיטע. כ׳וועל טאָן, ווי דו אַליין וואָלסט טאָן!.. וואָט טאַק.
מײַן ליובקע און מײַן גנאַטעק האָבן צוגעזאָגט.
און אויב זיי האָבןביידע זיך דערקליבן,
קאָן זײַן... איך ווייס, וואָס ס׳קאָן נאָר זײַן! וואָט טאַק!

דאָוויד. וואָט טאַק!.. (מיקיטע אָפּ.)
איצט וואָרענען מע דאַרף זיי דאָרט, אין קעלער!
וועלוול! קיווע!

ס׳דערהערט זיך אַ קלאַפּ, און דורכן פענצטער רײַסן זיך אַרײַן דײַטשן.

הענכט. אַהאָ! אַ גאַנצן מיטינג דאָ צונויפגענומען!
ס׳האָט ליב דער פּיורער, ווען די יודען שלאָפן,
און זיי... באַנאַכט אַפילע האַלטן זיי די אויגן אָפן!
אַ פאָלק זאָל שטענדיק האַנדלען נאָר פאַרקערט!
ווער איז דאָ דאָוויד אַבארב...

דאָוויד. דאָס האָט איר מיך געזוכט?

הענכט. דאָס ביסטו, דאָוויד? פרידריך! אַטאַ! די ביידע
פירט אַרויס! שנעלער! שנעלער!

1*

מע פירט ארויס וועלוועלען און קיווען.

דײַן זון האָט זיך געפֿונען.
פֿארפֿלוכט זאָל זײַן זײַן נאָמען!
פֿראמעק.
מ׳האָט אים געכאפּט מיט פּארטיזאנער!
מע וועט אים הענגען!
דו, יודע, ווו זײַנען דײַנע איבעריקע קינדער?
האָסט נאָך געוויס?

דאָוויד. איך האָב! איך האָב זיי אָן א צאָל!
כ׳האָב זין און טעכטער אָן א צאָל!
כ׳האָב אייניקלעך און ברידער האָב איך...

העכט. ווו זײַנען דײַנע זין?

דאָוויד. כ׳האָב זיי אין טויזנטער! מיליאָנען זין!
זיי זײַנען אױף די פֿראָנטן.
זיי זײַנען אין די וועלדער!
זיי זײַנען איצט מיט מיר אָט דאָ.

העכט. צום טײַוול גיי, פֿארפֿלוכטער יודע!
מיליאָנען זין! מיר האָבן שטריק פֿאר הונדערטער מיליאָנען.

ער שיסט אויס, דאָוויד פֿאלט. דער דײַטש אָפּ.

דאָוויד. (הייבט זיך אוף). און אויב ס׳וועט איין פֿארפֿאָלק פֿארבלײַבן,
וועט זײַן א פֿאָלק!..

צווייטער אקט

דאָס דריטע בילד

ס׳גייט ארײַן דער קאָמיסאר מיט א גרופּע פּארטיזאנער.

קאָמיסאר. ניקאָלײַ, וויפֿל קוילנוואַרפֿערס איז אונדז צוגעקומען הײַנט באנאכט?

ניקאָלײַ. דרײַ קוילנוואַרפֿערס, כאווער קאָמיסאר!

קאָמיסאר. און וויפֿל ביקסן, זאָג, וואסילי?

וואסילי. ביקסן? צוואנציק און אכצן... און דרײַ...

ניקאָלײַ. איין און פֿערציק, כאווער קאָמיסאר.

קאָמיסאר. פֿארשרײַב, גריגאָרי, איין און פֿערציק ביקסן.
שימשן, און וויפֿל דײַטשן האָבן מיר עוואקויִרט אף יענער־וועלט אין אָט דער נאכט?

שימשן. א סאך! מ׳האָט ניט באוויזן איבערציילן, כאווער קאָמיסאר.
איצט ווייסט עס נאָר דער טײַך,
ווו ביידע עשעלאָנען ליגן.

ס׳גייט ארײַן דידאָק.

דידאָק. אזוי! דער לאנדריוּוקער וועג. דער מײַרעווו־וועג איז שוין בא אונדז!
מיר האָבן זיך געשלאָגן פֿאר דעם וועג כאדאָשימלאנג.

קאַמיסאר. הונדערט פערצן טעג.

דידאַק. און איצט איז ער בא אונדז!
בא אונדז איז ער, דער וועג!
דער דײַטש וועט דעם נאָיאבער פארגעדענקען!
מיר האָבן שוין באצייכנט אונדזער יאַמטעוו!
כ'האָב ליב, אז יאַמטעוו זאָל זײַן יאַמטעוו!
אזא מין מענטש בין איך.
פארשרײַב, גריגאָרי! — איבערגעבן גלײַך אין שטאב:
עס רעדט דידאַק...

גריגאָרי. עס רעדט דידאַק...

דידאַק. דער לאַנדעריוזקער וועג...

גריגאָרי. דער לאַנדעריוזקער וועג.

דידאַק. איז איצט בא אונדז...

גריגאָרי. איז איצט בא אונדז.

דידאַק. איך גיי!..

גריגאָרי. איך גיי!

ס'קומט סטעפאַן.

סטעפאַן. דערלויבט אײַך מעלדן, כאווער קאָמאנדיר!
כ'קום נאָרוואָס פונעם אויספשפיר, לויטן באפעל...
אין דאָרף כאַלמי... אין דאָרף כאַלמי...
דרײַ ווערסט פון לאַנדעריוזקער וועג,
גייט איצט אַן עקזעקוציע.
די דײַטשן האָבן שוין די ערשטע הײַזער אָנגעצונדן.
און אַלע פויערים מיט זייערע מישפּאָכעס
פאר קלעפּן בלעטלעך אָף די ווענט
און העלפן אונדז פירן איצט די דײַטשן
צום קלויסטער־פלאַץ...

קאַמיסאר. א סאך פאשיסטן זײַנען דאָרטן פאראן?

סטעפאַן. א מאן דרײַסיק.

דידאַק. נו, קאָמיסאר! נעם מענטשן,
וויפל דו געפינסט פאר נייטיק.
א הארמאט, קוילנווארפערס אויך, און ראטעוועט דאָס דאָרף כאַלמי!
סטעפאַן, פארשטארק די וואך באם לאַנדעריוזקער וועג,
וואָס פירט אין יענער ריכטונג! נו, גיי!

סטעפאַן. איך גיי.

דידאַק. נו, גיי מיט גליק!
פארהאַלט זיך ניט. קום גלײַך צוריק!

קאַמיסאר. געדענק, דידאַק, דארפסט ריידן נאָך מיט שעלין.
נאָר זי אַליין קאָן אויספילן דעם פלאַן!
שעלי.

דידאַק. מיט שעלין? איך וועל זי צוגרייטן. דערקלערן אַלץ גענוי.

קאמיסאר. איך צווייפל ניט אין דעם.
ביסט דאָך א לערער! (אָפּ.)

דידאָק. א לערער און א קאָמאנדיר!
ניקאָלײַ, גיי קאָנטראָליר די פּאָסטנס בא די בריקן!

ניקאָלײַ. כ׳גיי קאָנטראָלירן די פּאָסטנס בא די בריקן.

דידאָק. וואסילי, גיי קאָנטראָליר די פּאָסטנס בא דעם רעכטן ברעג!

וואסילי. כ׳גיי קאָנטראָלירן די פּאָסטנס בא דעם רעכטן ברעג.

דידאָק. מיט אלע קויכעס אײַנהאלטן דעם וועג!
ביז ס׳וועט אונדזער ארמיי אים ניט באטרעטן!
נו, גייט! (ניקאָלײַ, וואסילי און גריגאָרי אָפּ.)

שימשן. א גרויסער טאָג הײַנט, כאווער קאָמאנדיר!

דידאָק. א־א־א... ש־ש־שימ...

שימשן. שימשן.

דידאָק. שימשן! וואָס ווילסטו זאָגן?

שימשן. דערלויבט אײַך ראפּאָרטירן, כאווער קאָמאנדיר!

דידאָק. איך הער.

שימשן. כ׳האָב הײַנט באנאכט ארויסגעפירט פון געטאָ
זעקס אלטע לײַט,
פיר פרויען עלטערע און זיבן קינדער...

דידאָק. שוין אלעמען לויט שעליס צעטל?

שימשן. עס פעלן נאָך דרײַ אלטע לײַט און צווישן זיי אויך שעליס פאָטער.

דידאָק. קיין וואָרט פאר שעלין וועגן דעם!
וואָס נאָך האָסטו צו זאָגן מיר?

שימשן. די אומלעגאלע דרוקערײַ, וואָס איז, לויט שעליס אינפאָרמאציע,
געווען אין געפאר, איז שוין בא אונדז!

דידאָק. נו, און די יאָמטעוו־בלעטלעך האָבן זיי?

שימשן. איבערן גאנצענעם ראיאָן זײַנען צעהאנגען אופרופן,
געווידמעט אונדזער יאָמטעוו.

דידאָק. ווי גוט, וואָס שעלי האָט באוויזן קומען פון דער געטאָ צו דער צײַט!
מיר האָבן הײַנט א גרויסן טאָג! (באקוקט די בלעטלעך).
גוט! זאָל לעבן אונדזער יאָמטעוו! פּראמעק... פּראמעק...
עס האָבן זיך שוין אלע אומגעקערט?

שימשן. אלע, כאווער קאָמאנדיר...

דידאָק. און ווו איז שעלי?

שימשן. (פארלוירן). שעלי...

דידאָק. אלע. אלע. און שעלי איז ניטאָ!
ווי נאָר זי וועט באווײַזן זיך, שיק זי צו מיר! (דידאָק און שימשן אָפּ.)

ס׳קומט שעלי.

שעלי. אָט בין איך ווידער אין דער היים!
דאָרטן, בא די ברעגן.

האָט מיר געדוכט, אַז פּראַמעקס בליקן באַגלייטן מיך.
פּראַמעק!
אויב ס'האָט דער טויט בא מיר דיך צוגענומען,
וועל איך זיך נויקעם זײַן אַפילו אינעם טויט!..

ס'קומט דידאַק מיט אַ פּאַרטיזאַנער.

דידאַק. (צו זיך). שעלי?.. (צום פּאַרטיזאַנער.) גיי!..
איך האָב אַ וויכטיקן געשפּרעך (דער פּאַרטיזאַנער אָפּ.)

שעלי. כ'האָב ניט באַוויזן זאָגן דיר, באַם אַלטן דעמב,
וואָס כ'האָב באַדאַרפט דיר זאָגן!

דידאַק. מיט וועמען רעדסטו, שעלי?
ווי פילסטו זיך?

שעלי. אַ דאַנק, מײַן לערער, מיט אײַך פיל איך זיך שטענדיק גוט!

דידאַק. האָסט זיך שוין אויסגערוט?

שעלי. מײַן רו האָב איך שוין לאַנג פאַרלוירן.
און כ'דאַרף זי ניט אַצינד. אַ גליק אַ גרויס! פאַרלירן אַלץ
און נאָר די רו געפינען.

דידאַק. האָסט נאָך עפּעס געפונען הײַנט באַנאַכט?
די גרויסע שלאַכט, וואָס ס'פירט אונדזער אַרמיי, די רויטע,
באַשטייט פון קליינע שלאַכטן.
פון קליינע שלאַכטן, וואָס איך און דו
און יעדער איינער פירט אַף זײַן באַצירק.
דער לאַנדערײַוואָקער וועג איז איצט בא אונדז!
נו, קום אַהער! דערצייל. דערצייל גענויער!

שעלי. אײַער באַפעל איז אויסגעפילט.
מיר האָבן מיט מײַן גרופּע אַלץ געטאָן,
ווי ס'איז געווען באַפוילן, כאַווער קאָמאַנדיר.

דידאַק. און דאָס איז אַלץ? מער האָסטו גאָרניט וואָס צו זאָגן?

שעלי. איך האָב דערשפּירט אַ פרייד אין זייער צאַר.
איך האָב געזען, ווי ס'איז די שרעק אַרײַן זיי אין די אויגן,
ווי דעכער זײַנען איבער קעפּ געפלויגן
און ווי געשווינדלט האָבן הענט מיט פּיס אין דײַטשישע שינעלן.
ווי זייער בלוט האָט זיך מיט שמוץ געמישט,
איז אָט דער שווידער זייערער מיר שטאַרק געווען געפעלן.
עס האָט מיך זייער אומגליק אָפּגעפרישט.

דידאַק. איז וויפל, זאָגסטו, שעלי, האָט דײַן גרופּע עשעלאָנען?

שעלי. צוויי עשעלאָנען.

דידאַק. צוויי גאַנצע עשעלאָנען!
כ'האָב ליב, ווען די פאַשיסטן באָדן זיך אין טײַך.
אַזאַ מין מענטש בין איך.

שעלי. מיט אײַך איז גרינג אַזוי, ווען ס'איז אַפילו זייער שווער.

דידאַק. שווער?!

שעלי. שווער און פינצטער.

דידאַק. שווער און פינצטער?

שעלי. יאָ. שווער און פינצטער. עס דאכט זיך מיר
אפילע אָפּט, אז ס'איז די זון פארגאנגען.
שוין אף אייביק.

דידאָק. די זון? די זון פארגייט ניט.
זי רוט זיך אויס באנאכט, קעדיי
גאנצפרי נאָך שטארקער שײַנען!

שעלי. דערלויבט אײַך פרעגן, כאווער קאָמאנדיר.
מ'האָט שוין געבראכט פון געטאָ עמעצן?

דידאָק. געבראכט. געבראכט. ס'וועט אלץ זײַן גוט!

שעלי. דער אומלעגאלער קאָמיטעט?

דידאָק. אין אָרדענונג.

שעלי. ווו זײַנען זיי?

דידאָק. דו וועסט אינגיכן זען זיי.

שעלי. און די מאמע? און דער טאטע?

דידאָק. מע האָט א גרוס געבראכט פון זיי. ס'וועט זײַן אלץ גוט! הער אויס.
דו ביסט געקומען פון דער געטאָ צו דער צײַט. הער אויס.
ווען דו האָסט זיך געפּאָרעט בא די בריקן,
האָב איך געהאַט א גרויסן גאסט.

שעלי. א גאסט?

דידאָק. א גאסט פון... מאָסקווע.

שעלי. פון מאָסקווע? פון דער גרויסער ערד?

דידאָק. ער איז געווען אינגאנצן דאָ א שאָ און האָט אונדז גרויסע נײַס געבראכט.
אונדזער ארמיי גרײַפט אָן!
די דײַטשן שמירן שוין מיט פעטס די הויכגעשעצטע פּיאטעס.
דאָס איז א פאקט! און פאקטן האָב איך ליב!
אזא מין מענטש בין איך.

ס'קומט ניקאָליי.

ניקאָליי. כאווער קאָמאנדיר, אכט רײַטער האָבן זיך באוויזן
באם לאנדעריווקער וועג, ניט ווײַט פון בריק.

דידאָק. נו, ווײַטער, ניקאָליי?

ניקאָליי. שיקן רײַטער קעגן זיי?

דידאָק. נו יאָ... קיין איינער פון די אכט זאָל ניט אוועק צוריק!

ניקאָליי. ס'וועט זײַן אין אָרדענונג. (אָפּ.)

דידאָק. א־א־א! צום לאנדעריווקער וועג זיי ציִען זיך!
זיי וועט שוין גאָרניט העלפן!
יאָ. גרויסע נײַס! פארשטייסטו?
ניט ווײַט פון אונדז אָט דאָ אין געגנט. ניט ווײַט פון לאנדעריווקער דאָרף.
אף רעכטס, פארבײַ די כוטאָרן איוואנאָווקע און אנדערע.
איז דאָ א לאגער. א טויט־לאגער!

שעלי. אָט דאָ, ניט ווײַט פון אונדז. אָט דאָ אין געגנט ניט ווײַט פון
לאנדעריווקער דאָרף,

אַף רעכטס, פֿאַרבײַ די כוטאָרן איוואַנאַווקע און אַנדערע.
איז דאָ אַ לאַגער... אַ טויט־לאַגער!..

דידאַק. האָב איך אים אופֿרײַסן געוואָלט, דעם לאַגער. קעדיי דעם טויט פֿון אים פֿאַרטרײַבן.
איז לאָזט זיך אויס, אַז ס'ווילן אים די דײַטשן אופֿרײַסן אַלייִן.
פֿאַרשטייסט?

שעלי. ניין.

דידאַק. די מענטשן דאָרטן ווילן זיי פֿאַרברענען,
עס זאָל קיין שפּור ניט בלײַבן אַף דער ערד!
די מענטשן ווילן זיי פֿאַרברענען, דעם לאַגער אופֿרײַסן.
פֿאַרווישט! און אויס! ניטאָ קיין שפּורן!
און מיר! מיר דאַרפֿן ראַטעווען די מענטשן!.. און אַלע שפּורן ראַטעווען!
פֿאַרשטייסט?

שעלי. די מענטשן ראַטעווען און אַלע שפּורן ראַטעווען.

דידאַק. ס'וועט די מילכאָמע גיך זיך ענדיקן, ס'וועט קומען דער געריכט!
און סטאָפּ! ניטאָ קיין טויט־לאַגער. ניטאָ קיין שפּורן.
ניין!!! ס'איז דאָ! פֿאַקטן!!! איידעס!!!
עס איז אַ שווערע אופֿגאַבע.
נאָר איך — איך האָב קיין גרינגע אופֿגאַבעס ניט ליב!
אַזאַ מין מענטש בין איך.

שעלי. איך אויך, מײַן לערער.

עס קומט וואַסילי.

וואַסילי. אַ ראָטע דײַטשישע סאָלדאַטן האָט זיך צעזייט,
האָט זיך צעזייט פּאַזע די רעלסן. באַם לאַנדעריווקער וועג.

דידאַק. נו, יאָ!.. דאָס וויל אַן עשעלאָן אַ דײַטשישער זיך דורכרײַסן צום פֿראָנט.
וויפֿל זײַנען זיי אין צאָל, די דײַטשן?

וואַסילי. אַ האַלבע ראָטע רעכטס. אַ האַלבע ראָטע לינקס.

דידאַק. אַ האַלבע און אַ האַלבע. פֿאַר אַריפּמעטיקע קומט דיר אַן איינס...
צוויי ראָטעס שיקן קעגן זיי!

וואַסילי. פֿאַרשטאַנען, כאַווער קאָמאַנדיר. (אָפּ).

דידאַק. זיי וואַרפֿן זיך ווי כײַעס ווילדע.
זיי האָבן זייער פּלאַן געהאַט אַף אָט דעם טאָג.
דעם זיבעטן נאָיאַבער... נאָר דאָס איז אונדזער טאָג!
ווער קאָן אונדז צווינגען שווײַגן?!
אַפֿילע טויטע שווײַגן ניט אַצינד!

שעלי. און נאָר מײַן פּראַמעק לאָזט פֿון זיך ניט הערן.
פֿאַרשווונדן, ווי איין וואַסער.

דידאַק. פֿאַרשווונדן?

שעלי. נו, זאָגט אַלייִן, מײַן לערער. אַז וווּ איך קום,
די וועגן פֿירן צום בעסוילעם...

דידאַק. צום בעסוילעם... און דאָס האָסטו געזען? (ווײַזט איר דאָס יאָמטעוו־בלעטל.)

שעלי. פראמעק... פראמעק! אזויפֿיל פראמעקס זײַנען דאָ אַצינד,
אַז כ׳ווייס שוין ניט, ווו זאָל איך מײַנעם זוכן.

דידאָק. צום בעסוילעם... אָט דער בעסוילעם
באַשיצט די לעבנס אונדזערע.
אָט האָסטו שוין פֿון פראמעקן אַ גרוס.
דו זעסט: די ספּייקעס האָבן פֿליגל און דער עמעס גייט צופֿוס.
צופֿוס געדויערט מערער.

שעלי. איר מיינט אַזוי, מײַן לערער?

דידאָק. מײַן לערער! לערער! אַמאָל בין איך געווען דײַן לערער,
איך האָב אין שול געלערנט דיך. דערנאָך אין אינסטיטוט.
הײַנט לערנען מיר זיך אַלע גאָר אַ נײַעם פֿאַך. צו שלאָגן
אונדזער פֿײַנט!
אַמאָל, אַמאָל האָט יעדערער פֿון אונדז געהאַט אַ גרויסע היים,
אַ לאַנד.
און אויך אַ קליינע היים. אַ שטוב.
הײַנט האָבן מיר פֿאַר זיך נאָר איינס: די גרויסע היים באַפֿרײַען,
ווײַל אָן דער גרויסער היים — איז גאָרנישט ניטאָ.
די שטוב איז ניט קיין שטוב! דאָס לעבן — ניט קיין לעבן.
מ׳האָט טויט־לאַגערס צעשטעלט אַף אַלע וועגן.

שעלי. דערלויבט מיר, לערער. כ׳וועל אײַך עפּעס פֿרעגן.
וואָס וואָלט געווען, ווען כ׳זאָל אין זייער נעסט אַרײַן.
איר דאַרפֿט דאָך שיקן עמעצן אַהין. אין טויט־לאַגער.
איר דאַרפֿט דאָך וויסן וואָס און ווען.
כ׳בין אַף קיין ייִדישקע ניט ענלעך...
כ׳וועל זיך איבערטאָן אַזוי, אַז איר אַליין וועט אויך מיך
ניט דערקענען.

דידאָק. כ׳פֿאַרשטיי דײַן מיין. ווּעסט עפּשער פראמעקן...
די קליינע היים. די שטוב.

שעלי. ניין, ניין. איך וועל צו זיי אין נעסט אַרײַן
און וועל זיך וועגן אַלץ דערוויסן!

דידאָק. דו אײַל זיך ניט אַזוי!
גריגאָרי! גריגאָרי! גיי, רוף צונויף די קאָמאַנדירן,
זיי זאָלן קומען גלײַך אַהער.
דו אײַל זיך ניט אַזוי. קיין אײַלעניש האָב איך ניט ליב,
אַזאַ מין מענטש בין איך.

מע פֿירט אַרײַן אַ מענטשן פֿון לאַגער. ס׳קומט דער קאָמיסאַר.

דער מענטש. איך לעב נאָך. פֿאַרוואָס עפּעס אָפּן בעסוילעם?

דידאָק. ווער ביסטו?

קאָמיסאַר. פֿאַרענדיקט איך האָב די אָפּעראַציע אין דאָרף כאַלמי.
איך זע, אין וועלדל קריכט אַף אַלע פֿיר אָט דער.
אָט, אָט באַווײַזט ער זיך. און אָט פֿאַרשווינדט ער.
שווײַגט די גאַנצע צײַט. כ׳מיין — ער קומט פֿון דאָרט.

דער מענטש. ווער זײַט איר אַלע?

דידאָק. ווער ביסטו, מענטש?

דער מענטש. מענטש. שוין זייער לאַנג דאָס וואָרט כ׳האָב ניט געהערט.

דידאָק. פונוואַנען קומסטו?

דער מענטש. פון דאָרט.

דידאָק. רייד קירצער. ניט ליב האָב איך קיין לאַנגע רייד.

דער מענטש. פון דאָרט. פון די פאַרוואַרטייטע. פון טויט-לאַגער.
מע הייצט דעם אויוון דאָרטן נאָכאַנאַנד. דעם קאַלך-אויוון.
ער פלאַקערט. די נאָענטסטע דרײַ טעג זיי ווילן אַלעמען פאַרברענען.
פון אַלע מאַכן אַש. פון די ברידער — אַש!
פון די מאַמעס — אַש! פון די קינדער — אַש!
אַש... אַש... אַש...

דידאָק. צוויי טעג! עס שטימט מיט דעם, וואָס כ׳ווייס.

מענטש. איך בין געלאָפן ניט נאָר צוליב זיך.
איך בין געשיקט פון זיי. פון די פאַרוואַרטייטע.
פון טויט-לאַגער. דער קאָמיסאַר מאַזײַ האָט מיך געשיקט.
דער קאָמיסאַר קאָן זיך פון אָרט ניט רירן.
מע האָט די פיס אים אָפּגעהאַקט. האָט ער געזאָגט צו מיר:
— דו. דו האָסט נאָך פיס, טאָ לויף.
דו לויף און זאָג: „עס ענדיקט זיך די שפּיל!“
דער קאָמיסאַר מאַזײַ, סטעפאַן קירילאָוויטש, האָט מיר אַזוי געזאָגט.

דידאָק. דער קאָמיסאַר מאַזײַ, סטעפאַן קירילאָוויטש...

מענטש. איר קוקט אויף מיר ניט מיט פאַרדאַכט!
איך האָב די גאַנצע נאַכט אין וואַלד אויף אַלע פיר געפּויזעט.

דידאָק. פירט אים אָפּ אין וואַלד. מיט הייסער טיי דערוואַרעמט אים און טוט אים אָן.
כ׳וועל שפּעטער זיך מיט אים באַקענען נעענטער.

מענטש. און נאָך. און נאָך האָט ער געזאָגט, דער קאָמיסאַר:
עס טאָר ניט לעבן בוש! — דער קאָמענדאַנט בוש!

דידאָק. בוש!

שעלי. בוש!

מענטש. פאַרגעסט ניט. דער קאַלך-אויוון. ער פלאַקערט! (אָפּ.)

דידאָק. וואַסילי! וואַסילי! גיי, רוף צונויף די קאָמאַנדירן!
זאָלן זיי קומען גלײַך אַהער!

קאָמיסאַר. מיט שעלין האָסטו דאָ גערעדט?

דידאָק. דו, קאָמיסאַר, גיי גלײַך אין שטאַב.
איך שיק זי גלײַך צו דיר. (קאָמיסאַר אָפּ.)

שעלי. כ׳וועל גיין אין טויט-לאַגער! אין אויסשפּיר וועל איך גיין!

דידאָק. מיר דאַרפן נאָך צוליב דעם יאָמטעוו אונדזערן
א ביסל בראַנפן נעמען.

שעלי. דאָס האַרץ מײַנס טרײַבט מיך אונטער און איך פיל,
אַז ס׳וועט מײַן ליבע העלפן ניט נאָר מיר אַליין.
זי וועט מיר געבן פליגל, ווען איך וועל ניט טאָרן גיין,
און וועט מיר געבן שטאַרקײַט אין די פיס, ווען כ׳וועל
ניט טאָרן פליִען.

דידאָק. די שטערן שײַנען, ווי אַמאָל. ווי שיין!
ווען שטערן שײַנען, האָב איך זייער ליב!
אַזאַ מין מענטש בין איך.

שעלי. נו, זאָל איך גרייטן זיך אין וועג?

דידאַק. דו גיי זיך דורך צום קאָמיסאַר! ער וועט דיר זאָגן ווי און וואָס און ווען.

שעלי. פאַרשטאַנען. (אָפּ.)

דידאַק. ווען שטערן שײַנען, האָב איך זייער ליב.
אזא מין מענטש בין איך.

פאַרהאַנג.

דאָס פערטע בילד

בוש — גיונטער.

גיונטער. דער גענעראַל האָט דיר געבראַכט אַן אָרדען,
א קרייץ אן אײַזערנעם.
דער גענעראַל, זאָגט מען, שעצט הויך דײַן מי.

בוש. א דאַנק. א דאַנק.

גיונטער. כ'באַגריס דיך, בוש, ווי נאָר אן אַלטער פרײַנט
קאָן דעם נאָענטסטן פון זײַנע פרײַנט באַגריסן!

בוש. א דאַנק. א דאַנק. איך גיי צום גענעראַל.

גיונטער. (פאַרהאַלט אים). יאָ, בוש! און דאָס האָסטו געזען? „זאָל לעבן דער אָקטיאַבער!"

בוש. געזען. געזען. דער גענעראַל טאָר וועגן דעם ניט וויסן!

גיונטער. נו, און אָט דעם אונטערשריפט האָסטו געזען? פּראַמעק!

בוש. דער רויטער פּראַמעק הענגט שוין אַפן בוים!
ער האָט ניט לאַנג זײַן לעצטן קרעכץ געגעבן.

גיונטער. א גאַנצע וואָך וועט ער זיך הוידען אינעם רוים
און זאָל די גאַנצע געגנט זען,
ווי פּראַמעק הענגט א טויטער!

בוש. וואָס נאָך?

גיונטער. דער לאַנדעריוּוקער וועג איז נאָך באַ זיי.
דער גענעראַל טאָר וועגן דעם ניט וויסן!

ביידע אָפּ, פּויזע.
גיונטער — פּראַמעק.

פּראַמעק. און אויב עס האָט באַ מיר דער טויט דיך צוגענומען,
וועל איך זיך נויקעם זײַן אַפילו אינעם טויט!..

גיונטער. מיט וועמען רעדסטו, קאַרל שטיין?

פּראַמעק. צו אײַער דינסט, מײַן לייטענאַנט!

גיונטער. קאַרל, ווי געפעלט דיר בוש? ווי אומפאַרשעמט ער איז!
ער האָט ניט אופגעהערט זיך צו באַרימען, אַז ער האָט פּראַמעקן
דעם פּאַרטיזאַנער אין זאַק אַרײַנגענאַרט.
מ'האָט נעכטן אים, דעם גאַזלען, אופגעהאַנגען.

פּראַמעק. געוויס, מײַן לייטענאַנט.

גיונטער. נאָר דאָס האָב איך געפּאַקט דעם פּראַמעקן
און אים אהער געבראַכט.

פּראַמעק. יאָ, יאָ, מײַן לײטענאַנט, ס'האָט איר אים אופגעהאַנגען.
אָט איצט וועט ער אהער שוין ניט דערלאַנגען,
אָט דער פּראַמעק...
כ'האָב אויך פון אים געליטן זייער שווער, פון אָט דעם פּראַמעקן,
ער האָט מיך שיר ניט אומגעבראַכט.

גיונטער. געפּעלסט מיר זייער, קאַרל...
און בוש — מײַן שול־פרײַנט קאָן דיך ניט פאַרטראָגן.

פּראַמעק. איר האָט געוואָלט מיר עפּעס זאָגן?

גיונטער. מײַן שול־פרײַנט בוש האָט הײַנט געהאַט א גוטע שטימונג!

פּראַמעק. באַפעלן וועלן זײַן?

גיונטער. עס וועלן זײַן.
נאָר שפּעטער איז בא אים די שטימונג שטאַרק געפאַלן.

פּראַמעק. וואָס האָט אזוינס פּאַסירט?

גיונטער. דער גענעראַל האָט אים געבראַכט אַן אָרדען. א קרייץ אַן אײַזערנעם.
נאָר טראָגן וועט דעם אָרדען שוין א צווייטער, ניט בוש.

פּראַמעק. ניט בוש?

גיונטער. ער האָט פון גענעראַל באַשלאָסן אויסבאַהאַלטן אַלץ:
דעם לאַנדעריוּוקער וועג. די אופרופן,
וואָס דער באַנדיט האָט נאָך באַוויזן אונטערשרײַבן. אַלץ!

פּראַמעק. ווי אומפאַרשעמט!

גיונטער. נאָר גיונטער איז געווען באַם גענעראַל דער ערשטער!
ס'טאָר קיינער וועגן דעם ניט וויסן!

פּראַמעק. גיונטער, הער! ווי מיינסטו? בוש — ער איז א דײַטש?

גיונטער. דו ביסט א קלוגער דײַטש! איך האָב דיך ליב צו הערן!
שפּיר נאָך נאָך יעדן טראָט זײַנעם! נאָך יעדן ריר
און גיב צו וויסן מיר. נאָר ווײַז זיך ווייניקער דערווײַל.
ביז בוש איז בוש — דאַרף יעדערער זײַן קלענער!
דערנאָך...
עס וואַרט אַף מיר דער גענעראַל!
ס'טאָר קיינער וועגן דעם ניט וויסן,
קאַרל שטיין! מײַן פרײַנט!..

ביידע אָפּ. פּויזע.
בוש — גענעראַל.
אין גענעראַלס צימער.

גענעראַל. דער קרײַז אַף אַלע פראָנטן ענגער ווערט און ענגער.
די רויטע האָבן שוין א טייל פון אונדזער רוסלאַנד אָפּגענומען,
איצט דאַרף מען ווערן שטרענגער, שטרענגער,
איר האָט קיין קוילן? קיין שטריק?
צוויי טעג איז אײַך געבליבן!
דעם לאַגער מוז מען אופרײַסן. אזוי, אז ס'זאָל קיין שפּור פון אים ניט בלײַבן!
ס'טאָר קיינער וועגן דעם ניט וויסן!
איר פאַרשטייט?! קיין שפּור!!!

בוש. כ'פאַרשטיי. קיין שפּור.

ג ע נ ע ר א ל. קיין שטיינדעלע פון קאלך־אויוון טאָר ניט בלײַבן!
איר פארשטייט? קיין האָר!

ב ו ש. קיין האָר.

ג ע נ ע ר א ל. איך האָב אָן אָרדען אײַך געבראכט. א קרייץ.

ב ו ש. איך דאנק אײַך, גענעראל. כ׳בין גליקלעך.

ג ע נ ע ר א ל. כ׳האָב ניט געוווּסט, אז ס׳שלאָגט א פרויען־הארץ אין אײַער ברוסט.
די פארטיזאנער הערשן דאָ אין קאנט! און איר!
איר האָט דעם אָרדען ניט פארדינט!!!

ב ו ש. איך האָב געוואַרט אזוי אף אײַך.
איך האָב געשאנקען פיל פאר אונדזער לאנד פארגרייט.
און כ׳וועל נאָך הײַנט זיי אָפּשיקן קיין דײַטשלאנד.

ג ע נ ע ר א ל. מיט וועלכן וועג?
מיט לאנדעריוזקער וועג?!

ב ו ש. דער לאנדעריוזקער וועג איז אין געפאר, נאָר...

ג ע נ ע ר א ל. דער לאנדעריוזקער וועג. דער וועג קאָן אײַך פארפירן זייער ווײַט.

ב ו ש. הער גענעראל! איך בין א דײַטש!

ג ע נ ע ר א ל. א דײַטש! דער גײַסט דער יידישער
האָט אויך אף אײַך געווירקט און אָפּגעשוואכט
דאָס דײַטשישע אין אײַך!
וואָס טוט זיך עס דאָ? דאָנערוועטער!
וואָס טוט זיך דאָ? פרעג איך!
אויב שפעטער מיט דרײַ טעג
צוועלף נאָל־נאָל וועט בלײַבן
כאָטש איין שפור פון לאגער!
וועט איר! וועל איך!
ס׳טאָר קיינער וועגן דעם ניט וויסן! ארויס!!!

פינצטער. פראמעק — וואלאַדיע.

פ ר א מ ע ק. אָט דאָ — דאָ קאָנסטו ריידן רויִק, ווי אין וואלד.

ו ו א ל א ד י ע. ס׳איז די ארמיי ניט ווײַט. מיר וועלן גאָר אינגיכן האָבן געסט!
פון מאָסקווע איז געווען בא אונדז א מענטש.
ער האָט דערציילט, אז טשערניאכאָווסקי, דער בארימטער גענעראל
וועט שוין אינגיכן זײַן צוגאסט בא אונדז. בא פעדאָטן.
די דײַטשן שרעקן זיך. יאָ, פראמעק.

פ ר א מ ע ק. קארל.

ו ו א ל א ד י ע. קארל.

פ ר א מ ע ק. קארל שטיין.

ו ו א ל א ד י ע. קארל שטיין.

פ ר א מ ע ק. זיי האָבן נעכטן פראמעקן געהאנגען.

ו ו א ל א ד י ע. איך וויס, א שטומען האָבן זיי געהאנגען
און אלעמען דערקלערט, אז ער איז דו.
מיר וויסן אלץ!

פ ר א מ ע ק. (גיט איבער וואלאַדיען א פאקעט). דאָס איז דער לאגער — א גענויער פלאן.
און וועגן פלאן מײַנעם מיט בושן האָסטו דערציילט פעדאָטן?

וואָלֿאָדיע. דער פּלאַן איז ניט קיין שלֿעכטער!
וועז איך האָב פעדאָטן אים געבראַכט,
האָט ער אזוי געלֿאכט, אז ס׳האָט דער וואלד גערוישט פון זײַן געלֿעכטער.

פראמעק. איך גלֿייב, אז ס׳וועט דורכגיין גוט.
די דײַטשן האלֿטן שטארק פון זייער בלֿוט
ביז ס׳רופט קיין ספּייקעס ניט ארויס בא קיינעם.

וואָלֿאָדיע. כ׳פארשטיי. דערקלֿערן אָבער בושן פאר א ייִדן.
אזא געריכט באדארף מען האלֿטן לֿאנג אין קיך
און קאָכן עס אזוי, אז בוש אלֿיין זאָלֿ זײַן צופרידן.

פראמעק. דערקלֿערן בושן פאר א ייִדן. פאר א האלֿבן. פאר א פערטלֿ.
פאר אן אכטלֿ ייִד. דער אוילֿעם איז איצט אופגערעגט.
מע שרעקט זיך איצט פאר אלֿץ. פאר זיך אלֿיין.
מע רעדט, געקומען איז דער גענעראלֿ
און זוכט די פײַנט פון דײַטשלֿאנד צווישן אונדז.
האָסט מיר געבראכט דעם בריוו, וואָס כ׳האָב באשטעלֿט?

וואָלֿאָדיע. יאָ, יאָ. דעם בריוו פון מאָזעס בוש, זײַן פעטער, כ׳האָב געבראכט.
א בריוו א ייִדישער. ניט שלֿעכט צונויפגעשטעלֿט.

פראמעק. דער בריוו איז צו דער צײַט.
א בריוו, א ייִדישער פון מאָזעס בוש. פון מוישע בוש.
וואָלֿאָדיע, ס׳איז מיר אלֿץ דערווידער!
כ׳ווילֿ שוין אין וואלֿד ארײַן, צו אײַך.
אין שלֿאכט אין אָפענער.

וואָלֿאָדיע. פארניכטן דארף מען זיי! וואָס פאר א נאפקעמינע
צי מיט א קוילֿ, צי מיט א קלֿוגן גאנג
פארניכטן! פעדאָט ווילֿ וויסן אלֿע נײַס!
וואָס פאר א רויך גייט אלֿע נאכט
פון גרויסן קוימען.

פראמעק. זיי האָבן דאָ אן אויוון, און אלֿע נאכט פארברענט מען מענטשן.
אלֿע נאכט! דאָס איז א גרויסער סאָד!
איך האָב זיך צופעלֿיק דערוווּסט,
דו זאָג פעדאָטן — דעם אויוון ווילֿן זיי פארניכטן.
קיין שפּור ניט לֿאָזן אף דער ערד!
מע מוז זיך צוײַלֿן!

וואָלֿאָדיע. איך לֿויף.

פראמעק. אײַן רעגעלֿע. וועגן טאטן מײַנעם ווייסטו גאָרניט?

וואָלֿאָדיע. גאָרניט.

פראמעק. און וועגן דער מאמען?
און פון שעלֿין האָסטו גאָרנישט ניט געהערט?

וואָלֿאָדיע. וועגן שעלֿין האָב איך עפּעס יאָ געהערט.

פראמעק. זאָג מיר נאָר, זי לֿעבט?

וואָלֿאָדיע. זי איז אין וואלֿד.

פראמעק. אין וואלֿד?

וואָלֿאָדיע. נו, זײַ געזונט, פראמעק!

פראמעק. קארלֿ.

וואָלאָדיע. קאַרל. קאַרל שטיין. דעם בריוו פון
מאָזעס בוש... א גוטער בריוו. (אָפּ.)

פינצטער.

בוש — גיונטער.

בוש. עס רינגלען סאָנים אונדז ארום!
מע וויל אונדז דאָ ניט. נאָר מע וועט אונדז וועלן!
איך גלייב הייַנט קיינעם ניט. אפילע אים, מייַן שול־פרייַנט גיונטער
מיט זייַן זיסער שטים (ס'קומט גיונטער).
ווארט! דער גענעראל איז מיד.
ער האָט געבעטן — קיינער זאָל אים ניט באומרויִקן.
ער האָט א סאָד פארטרויט מיר. די רויטע האָבן שוין
א שטיק פון אונדזער רוסלאַנד.

גיונטער. די רויטע??

בוש. מיר מוזן זייַן איצט אַלע אף דער וואך!
מיר האָבן איצט ניט מערער פון צוויי טעג.
דעם לאַגער אופרייַסן.

גיונטער. דעם אויוון, בוש, דעם אויוון אויך?

בוש. קיין שפור זאָל דאָ ניט בלייַבן!
קיין שטיינדעלע. קיין האָר! דעם גאנצן לאַגער אופרייַסן.
ס'טאָר קיינער וועגן דעם ניט וויסן!
זיי קאָנען קומען אָט אהער און אַלץ געפינען.
א שיינעם אויסזען וועט עס האָבן בא דער וועלט!
מיר מוזן ראַטעווען דעם רום פון אונדזער פיורער
און זיך אַליין פונעם... געריכט!

גיונטער. זייַ רויִק, בוש! די רויִקייַט איז איצט דאָס וויכטיקסטע!
מיר וועלן מיטן לאַגער ענדיקן, דערנאָך...

בוש. בארויִקסט מיך... ביסט מיר א גוטערפרייַנט!
כאָטש כ'גלייב ניט, אז אזוינע זייַנען נאָך פאראנען.

גיונטער. דו גלייבסט מיר ניט?!

בוש. ניין!

גיונטער. איז וואָס זאָל זאָגן הייַנט אזא מין מענטשעלע, ווי גיונטער?

בוש. כ'האָב ניט פארשטאַנען דיך.
דו האָסט דאָך אזא פרייַנט, ווי איך.

גיונטער. ווי דו?

בוש. ווי איך.

גיונטער. דו האָסט צעשאָסן צוואנציק יידן הייַנט מיט מייַנע הענט!

בוש. דו לייַגסט!

גיונטער. איך, גיונטער, לייַג?! בלויז דרייַ האָסטו, די איבעריקע
יידן זייַנען מייַנע! ס'איז מייַן פארדינסט!

בוש. מע דארף זיך פאר אים היטן!
א מענטש, וואָס קאָן באליידיקן זייַן פרייַנט צוליב א טויטן ייִדן!

גיונטער. דו ווייסט, אז טויטע יידן האָבן בא אונדז מער די ווערט,
ווי לעבעדיקע!.. דייַן צעטל וואַקסט, און מייַנס???

ב ו ש. ביסט שיקער!
מ'האָט שוין געבראַכט די שלעפּערס פון דער געטאָ!
כ'מוז נאָך הײַנט פאַרענדיקן מיט זיי! אַרויס!!!

גיונטער אָפּ.

כ'האָב אַלץ פאַרשפּילט!
ס'קאָן מיך רעטן נאָר איינס — מײַן צעטל!
פיר הונדערט נײַנציק זיבן האָב איך מיט אָט דער האַנט
אַוועקגעשיקט אױף יענער־וועלט!..
עס פעלן מיר נאָך דרײַ צו פינף הונדערט!.. (אָפּ.)

ס'גייען אַרײַן קיווע און וועלוול.

ק י ו ו ע. וועלוול!

ס'קומט בוש.

ב ו ש. בלויז צוויי האָסטו געבראַכט? עס פעלן מיר דאָך דרײַ!

ג י ו נ ט ע ר. מע וועט שוין גיך דעם דריטן ברענגען.

ב ו ש. פיר הונדערט נײַנציק אַכט... פיר הונדערט נײַנציק נײַן...
איז שנעלער גיי און ברענג דעם דריטן!
שטיי!.. דאָס זײַנען יודען?

ג י ו נ ט ע ר. יודען.

ב ו ש. איז גיי! ווער זײַט איר?

ו ו ע ל ו ו ל. מיר זײַנען מענטשן.

ב ו ש. ניטאָ קיין מענטשן! ניט פאַראַן קיין מענטשן!
עס גיט אַ דײַטש און ניט קיין דײַטש!
אַ רוס, אַ פּאָליאַק, צי אַ יודע.
ווער זײַט איר?

ק י ו ו ע. ניט קיין דײַטשן!

ו ו ע ל ו ו ל. אַ דײַטש: ס'אַ קנאַפּער ייִכעס!

ק י ו ו ע. צוליב וואָס האָט איר גערופן אונדז אַהער?

ב ו ש. מ'האָט אונדז געזאָגט, אַז הײַנט איז באַ אײַך פרײַטיק...
און פרײַטיק האָבן יודען ליב אַ באָד.
יעפרייטאָר העכט! גייט גלײַך נאָך זייף און האַנטעכער!
און מעלדן מיר, ווען ס'וועט די באָד זײַן גרייט!
וואָס קוקט איר אױף מיר איצט מיט טויזנט אויגן?

ק י ו ו ע. צוויי אויגן האָט אַ מענטש!

ב ו ש. מע זאָגט, אַז ייִדן זײַנען גוטע הענדלער.

ק י ו ו ע. זײַט וויסן, פאַני גענעראַל,
געהאַנדלט האָבן מיר מיט אַלץ, נאָר ניט מיטן געוויסן!

ב ו ש. איר האַלט זיך באַ אַ פאָלק, וואָס איז שוין לאַנג קיין פאָלק ניט,
ווי ס'איז ראַסיי שוין ניט ראַסיי,
איר זאָגט זיך אָפּ פון אײַער פאָלק. וועל איך די קעפּ אײַך שענקען.

ק י ו ו ע. דאָס וועט שוין קיינער ניט דערלעבן!

ו ו ע ל ו ו ל. פון טאַטע־מאַמע זיך אָפּזאָגן! מעשוגע מײַנע סאָנים!

ג י ו נ ט ע ר. מע האָט קיין דריטן ניט געפונען!

העכט. די באַד איז גרייט.

בוש. נו, גייט!

קיווע. וווהין?

בוש. אין באַד.

וועלוול. וווהין?

בוש. איך האָב געזאָגט — אין באַד.
איר זייט די לעצטע צוויי. און קיינער וועט ניט וויסן,
ווו עס פוילן אײַערע פאַרפּלוכטע ביינער!

קיווע. דאָס האָט מען גראָד באַוואָרנט!
מע וועט שוין וויסן אַלץ! ס'איז אַלץ פאַרשריבן!
עס איז דער נאָמען בוש אין צעטל אויך אַרײַנגעשטעלט!

בוש. ווער שטום!!!

וועלוול. עס גייט אָף אײַך ראַסיי!

קיווע. ס'וועט קומען דער געריכט. מיר וועלן שטאַרבן. נאָר איר... אַ מאַקע
וועט איר לעבן.

בוש. מאַרש! אין באַד!

פינצטער. ס'קומט גיונטער, זײַן שאָטן אָף דער וואַנט.

גיונטער. אויך די צוויי ייִדן זײַנען דײַנע, בוש!
איך, גיונטער, בין באַ דיר אָף שוואַרצער אַרבעט בלויז,
נו, ווײַסטו זייער גיך דערפֿילן, ווער גיונטער איז!
ווי לעבעדיק און גיך עס קאָכט זיך שוין!
דער גענעראַל האָט שוין דערזען, ווער עס איז בוש!
איין טראָפּן נאָר פון פרעמדן בלוט,
און אונדזער בוש איז אויס!
כ'האָב ליב אַזוי! איך שטיי מיר באַ דער זײַט
און קיינער זעט ניט, ווי כ'צעבלאָז דאָס פײַער.
מע דאַרף זיך צווײַלן מיט בושן!
נאָך הײַנט פאַרענדיקן מיט אים!
אָף יעדן טראָט, אָף יעדן שפּאַן נאָר בוש, און בוש און בוש.
כ'האָב זייער ליב, ווען גיונטער
קאָן מיט גיונטערן פאַרבלײַבן.
ווען מע קאָן נאָר טרעפן, וואָס עס ברענגט מיט זיך
דער מאָרגעדיקער טאָג!..

פינצטער.

אַ סעדל. שעלי טרעפט אָף קאָרטן. ס'רינגלען דײַטשן זי אַרום.

פרידריך. דו זאָג נאָר, מיידל, קלאָר, וואָס זײַן וועט מאָרגן.
וואָס נעכטן איז געווען, ווייס איך אַליין.

האנס. שווײַג, פרידריך! וואָס נעכטן איז געווען, ווייס איך אַליין!
דו טרעף די צוקונפט, מיידל, די צוקונפט טרעף.
די דויטשע צוקונפט טרעף! דו הערסט?

שעלי. כ'פאַרשטיי, מײַן הער! (זינגט און טרעפט).
די קאָרטן ווייסן אַלץ, זיי האָבן אויגן!
זיי זעען ווײַטער, ווי איך זע מיט אײַך.
זיי זאָגן, איר זײַט יונג און רײַך.

זיי האָבן אײַער גורל אָפּגעוויגן.
דעם אומגליק מיטן גליק — זיי האַלטן אַף דער וואָג.

האנס. נו, מיידל! ווײַטער!

פרידריך. דו! שווײַג! איך האָב דער ערשטער זי באמערקט.
זי איז מײַנע!

האנס. איך הער צום ערשטן מאָל, אַ דײַטש זאָל לײַגן אַזוי פרעך!

פרידריך. ביסט אַלעמאָל געווען אַזאַ! נאַר — זיך!

האנס. פרידריך! דײַנע ווערטער זײַנען פאַלש, ווי...

ס׳באַווײַזט זיך גיונטער.

גיונטער. נו! — ענדיקט דעם געשפּרעך.
פונוואַנען האָט איר זי געבראַכט?

פרידריך. זי האָט באַם טויער אויסגעלייגט די קאָרטן.
האָב איך דער ערשטער זי באַמערקט! און ער.

האנס. איך האָב דער ערשטער זי באַמערקט! איך שווער!

גיונטער. וואָס נאָך האָט זי געטאָן?
איר האָט באַזוכט זי?

האנס. ער האָט מיך ניט געלאָזט!

פרידריך. ער האָט מיך...

גיונטער. ווער ביסטו?

שעלי. איך בין אַ טרעפערן פון דאָרף.

גיונטער. באַזוכט זי!

פרידריך. צום טײַוול גיי!

האנס. פרידריך! די ביינער דײַנע היט!

גיונטער. באַזוכט זי! ווער ביסטו?

שעלי. איך בין אַ טרעפערן. פון דאָרף. באַם טײַך.

גיונטער. (צו די דײַטשן). איר זײַט שוין פרײַ!

פרידריך. איך דאַרף אין שטאַב זי פירן.

האנס. איך דאַרף...

גיונטער. איך זאָל קיין וואָרט ניט הערן מער! (צו איינעם פון די דײַטשן).
דו בלײַב זי היטן!
מאַרש! (גיונטער מיט די סאָלדאַטן, כוץ איינעם, אָפּ.)

שעלי. דאָ איז דער שטאַב, און דאָרט — דאָס מיליטער.
דרײַ כאַטעס! דרײַ כאַטעס!
די וועגן פאַרגעדענקען איז ניט שווער!
דעם וועג צום אויוון קאָן מען גלײַך דערקענען!
דער לאַנדעריוּוקער וועג פירט גלײַך צום שטאַב.
וואָס פעלט מיר נאָך? כ׳מוז זען דעם קאָמענדאַנט! דעם בוש!
כ׳דאַרף קענען אים אין פּאָנעם.
ווו ליגט זייער געווער? ווו שטעלן זיי די פּאָסטנס זייערע?
און ס׳פעלט מיר ער! ער!

איך האָב געזוכט אים אומעטום, נאָר ניט אין גענעם.
זאָל ער אין גענעם זײַן? אָט דאָ?

ס׳קומט גיונטער.

גיונטער. (צום סאָלדאַט). ביסט פרײַ!
(צו שעלין.) נו, קום אהער! וואָס האַלטסטו אין דער האַנט? (נעמט צו איר טיכעלע.)
וואָס שלעפּסטו זיך ארום אין אָט דער געגנט?

שעלי. איך טרעף! אויב עס געפעלט, באקום איך געלט.

גיונטער. דו טרעפסט, און טרעף מיר צו.
זאָג נאָר, מיידל, מיר, וואָס זײַן וועט מאָרגן.
דו טרעף די צוקונפט, מיידל! טרעף די צוקונפט!
וועסטו צוריק דאָס טיכעלע באקומען.

שעלי. כ׳פארשטיי, מײַן הער! (זינגט און טרעפט.)
די קאָרטן ווייסן אלץ. זיי האָבן אויגן.
זיי זעען ווײַטער, ווי איך זע מיט אײַך,
זיי זאָגן, איר זײַט יונג און רײַך.
זיי האָבן אײַער גורל אָפּגעוווויגן.
דעם אומגליק מיטן גליק — זיי האַלטן אַף דער וואָג.

גיונטער. נו, ווײַטער! נו!

שעלי. איר אײַלט זיך ניט אזוי!
באַצאָלט, מײַן הער!

גיונטער. וועסט אלץ באקומען שפּעטער!

שעלי. א־א־א... אײַך שטייט א גרויסע צוקונפט פאָר!
עס מעגן אײַערע זיך ווינטשן אזא יאָר.
איר האָט א פרוי א בלאָנדע און א שיינע.
זי וואַרט אַף אײַך. כאָטש ס׳ליבט זי א מאַיאָר.
זי וועט אינגיכן שענקען אײַך א זון א קליינעם.

גיונטער. כ׳בין דאָך ניט געווען בא איר צוויי יאָר!

שעלי. דאָס מאכט ניט אויס! איר וועט זי זען אינגיכן... (טרעפט.)
פון אלע לעכער זע איך שלענג דאָ קריכן.
און אײַער גרעסטער סוינע איז דער מיילעך פּיק!
און ווו ער וועט נאָר קאָנען אײַער גליק
צעשטערן, וועט ער! דער מיילעך פּיק!

ס׳קומט בוש.

בוש. ווער איז די פרוי? ווער איז די פרוי, פרעג איך!

גיונטער. א טרעפערן.

בוש. איר האָט זי שוין באזוכט?

גיונטער. דרײַ מאָל.

בוש. די אויגן אירע פלאַמען, נאָר דאָס הארץ איז קאַלט, ווי אײַז!
אז ס׳קומט אן עלטערער, דארף מען זיך פארנייגן!
פארנייגן זיך!

שעלי. כ׳האָב ניט געוווּסט. א דאַנק! כ׳בין ניט געניט.
איך בין א פויערטע. אין פעלדער, צווישן זאַנגען.
דאָרט נייגט זיך קיינער ניט.
מיר האַלטן הויך די קעפּ!

בוש. דאָס זײַנען די געזעצן פונעם ווילדן סטעפּ!
וואָס טוסטו דאָ?

שעלי. איך טרעף.

בוש. פון ווײַט ביסטו געגאַנגען?

שעלי. פונעם דאָרף.

בוש. און דײַן דאָרף איז דאָ ניט ווײַט?

שעלי. ניט ווײַט. אָט דאָרטן, בײַ די ברעגן פונעם טײַך.

בוש. (צו גיונטערן). ביסט פרײַ, מיט גליק!

גיונטער. כ׳האָב מוירע לאָזן דיך מיט איר אַליין דאָ.

בוש. רייד ווייניקער און טו נאָר, וואָס איך הייס!
איך האָב ניט ליב, ווען עמעץ פאָלגט מיך ניט!

גיונטער. איך ווייס...

בוש. איז גיי!

גיונטער. איך האָב דער ערשטער זי באַמערקט!
לויט די געזעצן...

בוש. דו האָסט שוין אויך צעשטעלט דאָ נעצן אַף... כאַפּן פיש?!

גיונטער. איך בין דײַן שול־פרײַנט, בוש!

שעלי. בוש?!!!

גיונטער. כ׳וועל נאָר זי טאָן אַ קוש.

בוש. איך האָב זיך פּײַנט פאַרלאָזן אַף אַ צווייטן,
ווען איך קאָן טאָן אַליין. איר קומט נאָר אַפן גרייטן!
אַרויס פונדאַנען גיכער, גיונטער! הונט!

גיונטער. אַזוי באַליידיקן אַ שול־פרײַנט אָן אַ גרונט! (אָפּ.)

בוש. (צו שעלין). דו האָסט זיך דערשראָקן?

שעלי. ער האָט בײַ מיר אַ טיכל צוגענומען.

בוש. ווי אומפאַרשעמט!
מיט וועלכן וועג ביסט אַהער געגאַנגען?
ניט מיטן לאַנדעריוזקער וועג?

שעלי. דער ברעג האָט מיך צו אײַך געבראַכט.
אַ טרעפערן בין איך.
ווען עס געפעלט, באַקום איך געלט.

בוש. קאָנסט טרעפן? טרעף!
איז טרעף מיר, מיידל! זאָג, וואָס זײַן וועט מאָרגן.
נייך, נייך! וואָס וועט פּאַסירן דאָ אין אַ טעג צוויי אַרום?
און אויב דו טרעפסט, באַקומסטו.
נאָר אויב דו לײַגסט!.. טרעף, מיידל, טרעף!

שעלי. כ׳פאַרשטיי, מײַן הער! (זינגט און טרעפט.)
די קאָרטן ווייסן אַלץ! זיי האָבן אויגן.
זיי זאָגן, איר זײַט יונג און רײַך.

ס׳קומט אַ דײַטש.

דײַטש. דערלויבט!.. דער גענעראַל האָט אײַך געבעטן קומען באַלד.

בוש. דער גענעראַל? זאָג, איך וועל קומען באַלד.

דײַטש. הער מאַיאָר, מיר איז באַפוילן
באַגלייטן אײַך.

בוש. רעכט! זיי זאָגן — איך זײַט יונג און רײַך!
דו האָסט געטראָפֿן! איז קום!
דו גייסט מיט מיר! עס וואַרט אַף אונדז דער גענעראַל.
ער וויל באַקענען זיך מיט גיונטערס פרײַנט...
ווער עפּשער אויך דעם גענעראַל די צוקונפֿט טרעפֿן.
פֿאַרויס!!!

פינצטער.

פראמעק. עס גייט צום סאָף! עס גייט די זאַך צו ענדע.
נאָר ס׳דאַכט זיך אויס, אַז די מינוטן לויפֿן ניט,
נאָר ציִען זיך, און יעדערע פֿון זיי איז ווי דער גאַלעס לאַנג.

ס׳קומט גיונטער.

גיונטער. קאַרל, דער גענעראַל איז שטאַרק מיט מיר צופֿרידן!

פראמעק. ביסט נאָכאַמאָל געווען בא אים?

גיונטער. געוויס! דאָס בריוועלע, אַף שווײַצעריש געשריבן,
איז שוין בא אים! ווער האָט עס אָנגעשריבן?

פראמעק. זײַן פֿעטער.

גיונטער. מאָזעס?

פראמעק. מוישע בוש!

גיונטער. אַנטשולדיק, מוישע! דו ביסט אַ יונג,
איך וועל דיך אייביק ליבן פֿאַר דײַן קלוגשאַפֿט.

פראמעק. און איך דיך — פֿאַר דײַן כוש!

גיונטער. דו ביסט אַ יונג, נאָר דו אַפֿילע
האָסט דאָ סאָנים, וואָס ווילן קוילען דיך...

פראמעק. פֿאַרוואָס? איך אַרבעט שלעכט?

גיונטער. ס׳האָט מיר געזאָגט הײַנט דער יעפֿרייטאָר העכט.
ס׳געפֿעלט אים עפּעס ניט דײַן פּאָנעם,
ווער קאָן זיך, זאָגט ער, עס אַף אים פֿאַרלאָזן?
ער שיסט קיין ייִדן ניט...
אַ דײַטש, וואָס האָט קיין ייִדן ניט געשאָסן,
איז נאָר אַ האַלבער דײַטש...
איך וועל פֿאַרשרײַבן דיך אין איין קאָמאַנדע
מיט פֿרידריכן און האַנסן...

פראמעק. דער ערשטער ייִד, וואָס כאַפּן וועט מײַן קויל,
וועט הייסן בוש!

גיונטער. קאַרל! עס האָט אַ שוויס באַפֿאַלן מיך. (נעמט אַרויס שעליס טיכעלע.)

פראמעק. ווּו האָסטו דאָס טיכעלע גענומען?

גיונטער. ס׳געפֿעלט דיר?

פראמעק. אַ זײַדנס. אַן אויסגענייטס. אַ שיינס!

גיונטער. ס׳האָט מיר געשענקט א פרוי, זי האָט געהאט נאָר איינס.

פראמעק. ווו האָסטו זי געזען?

גיונטער. איך? אף די פעלדער.
זי האָט אף קאָרטן מיר געטראָפן. זייער שיין!
זי האָט זיך שטארק פארליבט אין מיר, אליין
דאָס פאָרגעלייגט. נאָר אויב ס׳געפעלט דיר,
איז דאָס דיינס.

פראמעק. אזא מאטאָנע! אומגעריכט!

גיונטער. וואָס פאר א ווערט האָט עס? כ׳וועל דיר נאָך שענקען
זאכן שענערע... אז דו זאָלסט אייביק מיך געדענקען.

ס׳קומט א דייטש.

דייטש. הער לייטענאנט, מ׳האָט פּלוצעם אונדזער קאָמענדאנט,
הער בוש, געשטעלט פארן געריכט!
מע ווארט אף אייך...

גיונטער. דיין האנט, קארל! (אָפּ.)

פראמעק. ווי קומט מיין זיידן טיכעלע אהער?
כ׳האָב עס געלאָזט אין וואלד, אף וועגן ברייטע!
האָט זי געפונען עס? צי ס׳האָט א צווייטע געפונען עס?
גיי טרעף אצינד, וואָס ס׳האָט אין וואלד געטראָפן,
וואָס פאר אן אומגליק האָט פאסירט מיט איר.

פינצטער.
אין גענעראלס צימער. דער גענעראל, בוש, גיונטער, סאָלדאטן.

גענעראל. אָט איצט איז אלץ מיר קלאָר!
דעם גרעסטן סאָד — אז דאָס איז ניט קיין לאגער,
נאָר... א טויט־לאגער, האָט איר צעפויקט
איבער דער גאנצער געגנט! איר!
איך האָב געוואָרנט אייך — ס׳טאָר קיינער וועגן דעם ניט וויסן!
די אופּרייסן! דער טויט פון אונדזער עקספּעדיציע,
אין דאָרף כאלמי!.. פארדעכטיקע פארשווינען!
מ... מ...

גיונטער. טרעפערנס!

גענעראל. טרעפערנס! שפּיאָנקעס! דער טייוול ווייסט זיי אלע!
אין שפּיץ פון לאגער איז געשטאנען
ניט קיין עכטער דייטש! ער האָט עפּעס אזוינס אין בלוט,
וואָס פרעמד איז אונדזער ראסע!
באשווינדלען מיך! דעם פיורער!
אף דעם איז נאָר א יודע א פרעכער פייִק!
פארפלוכטער יודע! בוש!
מיין אורטייל וועט זיין קורץ — צום טויט!

בוש. הער גענעראל!

גענעראל. פאר מיר ביסטו שוין טויט!
און טויטע האָבן ניט קיין רעכט צו ריידן!
הער לייטענאנט!

גיונטער. יעפרייטאָר קארל שטיין!

פראמעק. (קומט). צום באפעל!

אין א טעמפּן ווינקל.
פּראַמעק — בוש.

פּראַמעק. פרידריך! האַנס! איר קאָנט שוין גייַן!
איך וועל שוין ווי־ניט־איז אַלייַן!
נו, בוש, געשווינד געזעגן זיך!

בוש. מיט וועמען?

פּראַמעק. מיט אַט דער ערד, דער וועלט. מיט זיך אַלייַן.
פונדאַנען דו וועסט שוין אינערגעץ מער ניט גייַן.
פונדאַנען דו וועסט פליִען נאָר אין גענעם!

בוש. וואָס רעדסטו אַזוי בייז?
דו ביסט אין כּעס אויף מיר?
איך בין דאָך אומשולדיק!

פּראַמעק. דו ליַיגסט! דייַן שולד קעגן דער וועלט איז גרויס!
וואָס איז א קויל? — א בליק — און ניט געווען!
געווען איז בוש... געבושעוועט האָט בוש...
און אויס!

בוש. איך ווייס — דו ביסט א גוטער דייַטש!
און ס'אַרט דיך, וואָס איך בין אַזאַ מין,
נאָר מ'האָט דיך אָפּגענאַרט.
מ'האָט אָפּגענאַרט דעם גענעראַל!

פּראַמעק. מ'האָט אַלע אָפּגענאַרט דאָ, נאָר ניט מיך!

בוש. כ'בין דורכגעגאַנגען שוין ניט איין געפאַר,
גענומען כ'האָב פּאַריז און בריסעל,
כ'האָב סטאַלינגראַדער פעסטונג דורכגעריסן.
מיט יידן האָב איך אָנגעפילט דעם באַבי־יאַר,
פאַרוואָס זשע, קאַרל, איז אַזוינס געשען?

פּראַמעק. וואָס פאַר א קאַרל בין איך דיר?
כ'בין פּראַמעק! דו זעסט מייַן קאָפּ?
האָסט נעכטן מיך געהאַנגען, בין איך אַראָפּ
פון יענער טליִע... כ'קאָן דיר אויך א סאַד פאַרטרויען
און ווייס, ווער רעדט מיט דיר!

בוש. דו רעדסט פון היץ!

פּראַמעק. פון היץ האָסטו גערעדט! שעליִעך פונעם גענעם!

בוש. וואָס רעדסטו, קאַרל, מעגסט זיך שעמען!

פּראַמעק. איך דאַרף זיך שעמען? דו ביסט געווען אין בריסעל,
האָסט סטאַלינגראַדער פעסטונג דורכגעריסן,
האָסט גוטן וויין געזשליאָקעט אין פּאַריזש,
עס פלעגן קליינע קינדער שטאַרבן אויף דייַן שפּיז.
דו ביסט געווען די העכסטע ראַסע פון די ראַסן
און קוילען אַלטע מענטשן אין די גאַסן
האָט דיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן, פרייד.
האָסט פרויען זיבערע געשענדט, געשאָסן.
דו ביסט געווען א שטיפער קליינערהייט.
דערנאָך ביסטו געווען א קאַוואַלער, א כאָסן,
א מאַן, א ברודער און א טוער אין עס־עס,
נאָר ביסט נאָך קיינמאָל ניט געווען קיין מעס!
און הייַנט וועסטו צום ערשטן מאָל דאָ זייַן א פייגער!

בוש. מיך שמײַסן דײַנע ווערטער, ווי א בײַטש!
דו לאַכסט פון מיר... דו ביסט א גוטער דײַטש!
איך וויל ניט שטארבן!

פראמעק. דו וועסט ניט שטארבן, בוש! נאָר מענטשן שטארבן,
א כײַע פייגערט! פייגערן וועסטו!

בוש. דו ביסט אצינד מײַן הער! באוויליק נאָר,
מײַן לעצטן ווונטש... און איך וועל זײַן דײַן קנעכט!
כ׳בין גרייט מיט אלץ דיר צאָלן...

פראמעק. צו טײַער קאָסטו אונדז!
איך מאָן מיט רעכט!
איך מאָן אין נאָמען פון די טאטעס אונדזערע און מאמעס,
איך מאָן אין נאָמען פון די קינדער, וואָס זײַנען איצט שוין טויט!
אין נאָמען פון מײַן פאָטערלאנד, וואָס לעבט און לעבן וועט!
אין נאָמען פון מײַן פאָלק, וואָס לעבט און לעבן וועט!
איך בין א פארטיזאנער! און דו ווער ביסט?

בוש. איך ווייס שוין גאָרניט...

פראמעק. דו ביסט א דײַטשישער פאשיסט!
אין יעדן קער, אין יעדן ריר.
אף אלע וועגן האָסטו טויט־לאגערס צעשטעלט!
דו האָסט דעם טויט גערופן אף דער וועלט!
איז גיי צו אים!

שיסט בושן.

אזוי וועט זײַן מיט אלע סאָנים פון מײַן לאנד
און פון מײַן פאָלק!

פאָרהאנג.

דריטער אקט

דאָס פינפטע בילד

דידאָק. דו, קאָליע, גיי אין וואלד און זע, וואָס טוט זיך דאָרט,
צי איז מען גרייט ארויסטרעטן?
פון ראָטע גיי צו ראָטע, צעטראָג מײַן וואָרט,
אז קיינער זאָל אָן מײַן באפעל
די שוועל ניט איבערטרעטן!

ניקאָלײַ. איך הער אײַך, כאווער קאָמאנדיר.

דידאָק. גריגאָרי! הער, כ׳דארף האָבן ש... ש...

גריגאָרי. שימשענען?

דידאָק. יאָ, שימשענען. און טאקע באלד!
דו זוך אים, ווו דו ווילסט, אָט דאָ, אין וואלד,
נאָר ברענג אים גלײַך אהער!

גריגאָרי. איך גיי נאָך שימשענען.

דידאָק. און דו, וואסילי, הער! פארבינד זיך מיט די טיילן
און ברענג יעדיעס מיר. כ׳דארף וויסן
די צאָל פארוווּנדעטע. וואָס פעלט זיי אויס.

ווא סילי. איך הער אײַך, כאוועו קאָמאנדיר.

דידאָק. ווײסט ניט פארגעסן?
נו, גײט מיט גליק און קערט זיך אום צוריק
מיט אלע נײַטיקע ידיעות!

קאָמיסאר. זאָג, קאָמאנדיר, וואָס האָסטו זיך פארקלערט אזוי?

דידאָק. איך מײן, ס׳איז דאָ פון וואָס צו קלערן.
וואָס זאָגסטו אָף דער לאגע, קאָמיסאר?

קאָמיסאר. עס זײַנען שוין געווען בא אונדז אזוינע לאגעס.

דידאָק. דאָס ווייס איך אויך, נאָר די געפאר
ניט האָבן הײַנט די לעצטע נײַס פון לאגער.

קאָמיסאר. דער נעפל האָט א טעווע זיך צעגײן,
אין וועג באדארף מען נאָר דעם קאָמפאס ניט פארלירן!

דידאָק. איך האָב אָף געאָגראפיע אופגעגעסן מײַנע צײַן
און וועגן קאָמפאס האָב איך לעקציעס געלייענט פאר מײַנע שילער.

קאָמיסאר. מיט געאָגראפיע קאָן מען שוין הײַנט
אין וועג זיך מער ניט לאָזן,
מע דארף א ביסעלע געשיכטע אויך.

דידאָק. איך בין געווען א לערער פון געשיכטע.

קאָמיסאר. ס׳איז מיר באוווסט. נאָר אויב דו ווילסט באנעמען די געפאר,
איז נײַטיק צו פארגלײַכן זי מיט אנדערע געפארן.

דידאָק. ע־ע־ע! דו ביסט גערעכט! און ווען ס׳איז עמעצער גערעכט,
גיב איך זיך אונטער. אזא מין מענטש בין איך.
נאָר הײַנט באנאכט מוז מען באלאגערן דעם לאגער!
און שעלי איז ניטאָ.

קאָמיסאר. און שעלי איז ניטאָ. דאָס איז א קלאַפ!
א ביסל צײַט איז נאָך פאראן.
און כ׳מײן, מע קאָן „א צונג" נאָך פונעם לאגער ברענגען.
ביז באנאכט.

דידאָק. עס קאָכט אין מיר. איך האָב די לעצטע נעכט קײן אויג ניט צוגעמאכט,
איך קאָן ניט שלאָפן, ווען כ׳האָב ניט אלע פעדעם אין די הענט.
אזא מין מענטש בין איך.

קאָמיסאר. אָט דאן, ווען ס׳שלאָפט זיך ניט, איז טאקע גוט
א לייען טאָן א ביסעלע געשיכטע. כאָטש וועגן זיבעצעטן יאָר!

דידאָק. ס׳איז אלץ מיר קלאָר,
וואָס וועט מיר העלפן אָבער די געשיכטע, ווען פון פעדאָטן
האָב איך גאָרניט.
מיר מוזן דאָך ארויסטרעטן צוזאמען. און ער דארף געבן דעם סיגנאל!
געבליבן זײַנען בלויז געציילטע שאָען.
דאָס לעבן פאָדערט זײַנס. און די געשיכטע...

קאָמיסאר. געשיכטע איז דאָך אויך דאָס זעלבע לעבן, געפרעסט
אין בייגעלעך פאפיר... (ס׳קומט וואסילי.)

וואסילי. דערלויבט מיר, כאוועו קאָמאנדיר. לויטן באפעל באזוכט די ראָטעס.
די ערשטע האָט דרײַ פארווונדעטע. די דריטע זעקס און צוואנציק.
די צווייטע גאָרניט. די זעקסטע גאָרניט.

דידאַק. און וויפֿל איז איינינעם? לאָמיר באַרעכענען:
הייסט עס, דרײַ פֿליוס זעקס און צוואַנציק. איז וויפֿל?

וואסילי. הייסט עס, דרײַ פֿליוס זעקס און צוואַנציק.

דידאַק. נו, רעכנט!

וואסילי. זיי פֿרעגן, כאַווער קאָמאַנדיר, וואָס זאָלן זיי מיט די פֿאַרוווּנדעטע איצט טאָן?

דידאַק. מע דאַרף פֿון אַלע ראָטעס
די פֿאַרוווּנדעטע אַראָפּברענגען אַהער און זיי באַוואַכן דאָ.
ווי מיינסטו, קאָמיסאַר?

קאָמיסאַר. כ'מיין אויך אַזוי. (וואַסילי אָפּ.)

דידאַק. ווו נעמט מען פֿאַרט די לעצטע נײַעס פֿון לאַגער?
ווו האָבן זיי די פֿאָסטנס זייערע צעשטעלט?
ווו ליגט זייער געוועהר? גיי פּרוּוו מילכאָמע האַלטן אַף דער וועלט
מיט ווײַניק ביקסן!.. גיי ווייס, ווו איז דער אויוון זייערער, ווײַל
אויב מיר וועלן גלײַך אים ניט באַלאַגערן, קאָנען די מינעס
אופֿרײַסן אי אים, אי אונדז!

קאָמיסאַר. איז זאָג איך דאָך, אַז אַלע פֿראַגן קאָן אַ גוטע „צונג"
פֿאַרענטפֿערן אונדז גלײַך.

דידאַק. קילבלעך, כאַווער קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר. יאָ. אַ ביסל קאַלט.

דידאַק. דו זאָג מיר, קאָמיסאַר, וואָס טוט מען מיט פּעדאָטן?
אויב ס'וועט פּעדאָט ניט געבן קיין סיגנאַל, ווי קאָנען מיר
אַרויסטרעטן אָן אים?

קאָמיסאַר. אָט דאָ וועט נאָכאַמאָל צוניץ קומען אונדז ביידע
די געשיכטע.

דידאַק. עס ברענט אַ הויז! און ער קלערט פֿון געשיכטע.
ווען ס'ברענט אַ הויז, האָב איך ניט ליב צו קלערן פֿון געשיכטע.
איך נעם די עמער און איך לעש! אַזאַ מין מענטש בין איך.

קאָמיסאַר. דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, און שעלין האָסטו דאָך געזאָגט,
און אַלעמען געזאָגט, אַז אַלע שפּורן פֿונעם לאַגער מוזן בלײַבן...
אַז די געשיכטע מוז דערוויסן זיך פֿון אַלץ.

ס'קומען גריגאָרי און שימשן.

גריגאָרי. ער האָט זיך שוין געפֿונען, כאַווער קאָמאַנדיר!

דידאַק. ווו ווערסטו דאָס פֿאַרפֿאַלן, וואָס מע זוכט דיך אומעטום? ש... ש...

שימשן. שימשן.

דידאַק. ווי רופֿט מען דיך בא אונדז אין וואַלד?

שימשן. מיך? שימשן־האַגיבער.

דידאַק. דו ווייסט, ווער שימשן־האַגיבער איז געווען?

קאָמיסאַר. ס'איז דאָך געשיכטע, כאַווער קאָמאַנדיר!

שימשן. שימשן־האַגיבער איז געווען אַ גיבער און...

דידאַק. און מיט וואָס איז ער באַרימט געוואָרן?

שימשן. וואָס הייסט, מיט וואָס? ער איז געווען א גוטער פּאַרטיזאַנער.
לויטן באַפעל פון קאָמאַנדיר האָט ער א לייב צעפּליקט אָף צווייען.

דידאָק. מיט וואָס נאָך איז ער געווען באַרימט?

שימשן. וואָס הייסט, מיט וואָס? ער האָט די פּלישטים אופגעריסן.

דידאָק. אזוי! אופגעריסן. מיט א גראַנאַטע?

שימשן. אנטשולדיקט, כאַווער קאָמאַנדיר, ניט אופגעריסן. ער האָט איבערגעקערט.
און איז אליין געפאַלן, אַבי די סאָנים זאָלן אומקומען!

דידאָק. נו, אויב אזוי, האָסטו פאַרדינט דעם נאָמען דײַנעם!
כ'האָב ליב אזעלכע יונגעלײַט, ווי דו.
אזא מין מענטש בין איך. דו ביסט א שיינער און א דרייסטער פּאַרטיזאַנער.

שימשן. א דאַנק אײַך, כאַווער קאָמאַנדיר. א דאַנק!

דידאָק. הער אויס! דו האָסט געהערט דעם קאָמיסאַרס באַריכט
וועגן דער לאַגע?

קאָמיסאַר. און וועגן דעם לאַגער.

שימשן. דעם טויט־לאַגער? געהערט.

דידאָק. איז אָט. פון דיר הענגט אָפּ די גאַנצע אָפּעראַציע.
דו ווייסט, אז שעלי איז דערווײַל ניטאָ. זיך נאָך ניט אומגעקערט.

שימשן. איך ווייס, אז שעלי איז אין א געפאַר! דערלויבט מיר, כאַווער קאָמאַנדיר.

דידאָק. הער ווײַטער מיך.
דו ווייסט דאָך, אז איך האָב ניט ליב, ווען עמעץ שלאָגט מיך איבער.
אזא מין מענטש בין איך.

שימשן. אזא מין מענטש זײַט איר. איך ווייס.

דידאָק. איז אָט. דו ביסט א גרויסער בעריע אָף „א צונג".
און אלעמאָל ברענגסטו אזא מין צונג, אָט פּונקט ווי מיר באַדאַרפן.
איז איצטער דאַרפן מיר „א צונג".

שימשן. איך גיי, כאַווער קאָמאַנדיר.

דידאָק. א ווײַלע נאַר.

שימשן. כ'פאַרשטיי, כאַווער קאָמאַנדיר. איך גיי.

דידאָק. וואַרט! מיר דאַרפן האָבן טאַקע הײַנט „א צונג",
וואָס גיכער! נעם מיט סטעפּאַנען זיך צו הילף!
און גייט געזונטערהייט, שימ...

שימשן. שימשן... (אָפּ.)

דידאָק. וואָס טוט מען אָבער איצט מיט פעדאָטן?

קאָמיסאַר. איך מיין, מיר וועלן צוּוואַרטן אָף זײַן סיגנאַל.
נאָר אויב ער וועט ניט זײַן, דאַן וועלן מיר אליין, אָף זיך,
דאָס גאַנצע פײַער נעמען.
קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ.

דידאָק. מיר וועלן נאָך זען.

קאָמיסאַר. נו, גוט! איך וואַרט אָף אײַער פּלאַן.
אויב איר וועט עפּעס אנדערש צוקלערן, איז דאַן אוואדע גוט!

קאָמיסאַר אָפּ.

דידאָק. אַן אַנדער פּלאַן! ניטאָ קיין אַנדער פּלאַן!

ס׳קומט ניקאָלײַ.

דידאָק. ניקאָלײַ!

ניקאָלײַ. כ׳הער, כאַוּוער קאָמאַנדיר.

דידאָק. פֿונוואַנען קומסטו?

ניקאָלײַ. איך גיי פֿון פֿערטן פּאָסטן, כאַוּוער קאָמאַנדיר.

דידאָק. זיי זײַנען גרייט אַרויסצוטרעטן?

ניקאָלײַ. גרייט. ס׳פֿעלט נאָר אַ ביסעלע.

דידאָק. כ׳פֿאַרשטיי. געווער? גראַנאַטעס?
די שטימונג איז אַ גוטע?

ניקאָלײַ. די שטימונג איז אין אָרדענונג!

דידאָק. (קוקט אין דער ווײַט). וואַרט! איך זע. איך זע.
אַ פֿינטל. עפּעס רוקט זיך.
אָט אַהער. צו אונדז.
ניקאָלײַ, קום נאָר אַרויף! (גיט אים דעם בינאָקל.),
וואָס זעסטו?

ניקאָלײַ. אַ דײַטש!

דידאָק. אַ דײַטש! גיי גלײַך, קלינג אָן דעם פּאָסטן נומער זעקס און פֿרעג,
וואָס איז געשען, ווי קומט אַהער אַ דײַטש?

ניקאָלײַ אָפּ.

דידאָק. אַ דײַטש! אַ דײַטש איז איצט באַ מיר דער בעסטער גאַסט!
דער אָנגעלייגטסטער גאַסט! אַ גאַסט!
איך האַלט פֿון געסט! אַזאַ מין מענטש בין איך.
גריגאָרי! גריגאָרי! אינעם ראַיאָן פֿון זעקסטן פּאָסטן
האָט זיך אַ דײַטש באַוויזן! איך דאַרף אים האָבן גלײַך!
פֿאַרשטאַנען?

גריגאָרי. פֿאַרשטאַנען, כאַוּוער קאָמאַנדיר. (אָפּ.)

ס׳קומט ניקאָלײַ.

ניקאָלײַ. דער זעקסטער פּאָסטן האָט געמעלדן: דער דײַטש ווייסט אונדזער פּאַראָל!

דידאָק. דאָס איז נאָך ניט קיין סימען, אַז ער איז...

ניקאָלײַ. ס׳איז ריכטיק, כאַוּוער קאָמאַנדיר, ס׳איז ניט קיין סימען,
זיי האָבן שעלין דאָך געווויס געכאַפּט, און מעגלעך, אַז זיי
האָבן זי געצוווּנגען... און זי האָט זיי...

דידאָק. שווײַג! כ׳פּרוּווער דיר ריידן וועגן שעלין אָט אַזוי!
כ׳וועל ניט דערלאָזן, אַז אַף שעלין זאָל אַ שאָטן פֿאַלן.
דו ווייסט, ווער שעלי איז?
איך האָב ניט ליב, ווען עמעץ צווייפֿלט אין אַ מענטשן
אָן אַ גרונט, אַזאַ מין מענטש בין איך. ביסט פֿרײַ!

ניקאָלײַ אָפּ.

אַזוי! אַזוי! דער קאָמיסאַר... וואָס פֿאַר אַ פּלאַן קאָן איך אים געבן?
וואָס פֿאַר אַ פּלאַן? ווען ס׳איז פֿאַראַן איין וועג נאָר!
קיין צווייטער איז ניטאָ.

גריגאָרי און סאַשע פֿירן אַרײַן פּראַמעקן.

פראמעק. קאָן איך זען דעם קאָמאַנדיר דידאַק?

דידאַק. ווער זײַט איר?

פראמעק. איך בין יעפּרייטאָר קאַרל שטיין.

דידאַק. און איך בין קאַפּיטאַן פּעטראָוו.

פראמעק. איך בעט אײַך זייער ברענגען מיך צום קאָמאַנדיר דידאַק,
איך האָב צו אים אַ גרוס...

דידאַק. דידאַק וועט גיך דאָ זײַן. איר זאָגט מיר נאָר, פון וועמען,
איך זאָל דידאַקן מעלדן וועגן דעם.
דידאַק האָט ליב, ווען אַלץ איז קלאָר און פּינקטלעך.
אַזאַ מין מענטש איז... ער.

פראמעק. איז זאָגט אים, קאַפּיטאַן פּעטראָוו, אַז ס'האָט אהערצו
מיך געשיקט פּעדאָט...

דידאַק. פּעדאָט?.. איר קומט איצט פון פּעדאָטן?
איך בין דידאַק...

פראמעק. דידאַק?! (קוקט זיך אײַן.) סטעפּאַן וואַסיליעוויטש!
איר האָט מיך ניט דערקענט?

דידאַק. דו זע נאָר, פראמעק?.. פּראַ... ווי קומסטו אהער? ניין!
דערצייל מיר פריִער, וואָס האָט פּעדאָט געזאָגט?

פראמעק. ער האָט געזאָגט, אַז אַלץ איז גרייט און הײַנט בײַנאַכט
מוז אַלץ פאַרענדיקט ווערן, איר דאַרפט צו צוועלף שוין זײַן
באַם לאַנדעריוווקער וועג.

דידאַק. ווו?

פראמעק. לעבן דער וואַסער־מיל... און ער וועט
אָנקומען פון ברעג, אַנטקעגן דעם פּאַראָם וועט ער זיך ווײַזן.
און איינס בײַנאַכט דאַרף שוין דער לאַגער זײַן בײַ אונדז.

דידאַק. פראמעק! פראמעק! ווי דו ביסט אויסגעוואַקסן!

פראמעק. הײַנט וואַקסט מען גיכער, האַסטיקער ווי פריִער,
אָדער מע וואַקסט אינגאַנצן ניט.
דידאַק! אָט דאָס זײַט איר דידאַק?.. איך האָב געהערט — דידאַק,
דידאַק... גיי ווייס, אַז דאָס זײַט איר!

דידאַק. ווו אַרבעטסטו איצינד? טאָקע בײַ אים? כ'מיין, בײַ פּעדאָטן?

פראמעק. בײַ אים.

דידאַק. דאָס האָסטו אָנגעטאָן, קעדיי צו מיר דערקלײַבן זיך?

פראמעק. דאָס טראָג איך שוין אַ היפּשע צײַט... איך אַרבעט טאָקע דאָרט.
אין יענעם לאַגער, וואָס דאַרף בײַנאַכט אַריבערגיין צו אונדז.

דידאַק. אין לאַגער, ווו ס'איז בוש דער קאָמענדאַנט?

פראמעק. ווו בוש איז נעכטן נאָך געווען דער קאָמענדאַנט!

דידאַק. און הײַנט?

פראמעק. און הײַנט איז גיונטער.

דידאַק. דער גענעראַל איז נאָך בײַ אײַך?

פראמעק. דער גענעראַל איז שוין אוועקגעפלויגן.

דידאָק. אזוי. אוועקגעפלויגן. ריכטיק!

פראמעק. ער האָט געהייסן מאָרגן אופרײַסן דעם טויט־לאַגער.
און אליין אנטלאָפן. ווײַטער פונעם פײַער.

דידאָק. נו, פראמעק, וויבאלד דו ארבעטסט דאָרט, אין יענעם לאַגער,
איז ווייסטו דאָך געוויס פון אלץ, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.
וואָס דאָרט קומט פאָר.

פראמעק. ניט אלץ! דאָרט ווייסט ניט איינער פונעם צווייטן.
און אלץ איז דאָרט אין סוידעס אײַנגעהילט.
נאָר עפּעס ווייס איך.

דידאָק. א בריוו האָסטו געבראכט?

פראמעק. געבראכט.

דידאָק. איצט קום מיט מיר צום קאָמיסאר, וועסט דאָרטן אים דעם בריוו באווײַזן.
(צו גריגאָרין) און דו וועסט גיין מיט אונדז.
(צו סאשען) און דו וועסט בלײַבן! אויב עמעץ וועט זיך נאָכפרעגן אף מיר,
בין איך באם קאָמיסאר. פארשטאנען?

סאשע. פארשטאנען, כאווער קאָמאנדיר.

פראמעק. אויב איר, סטעפאן וואסיליעוויטש, האָט מער קיין פראגן ניט צו מיר,
האָב איך צו אײַך א פראגע.
איר געדענקט? איר האָט א שילערן געהאט?
מ׳האָט זי גערופן שעלי.

דידאָק. שעלי. געוויס! זי איז א גוטע שילערן געווען,
די בעסטע אין מײַן שול.

פראמעק. ווען מיר זײַנען ארויס פון געטאָ, צוזאמען האָט מען אונדז געשיקט.
האָט זי לויטן באפעל פון אומלעגאלן קאָמיטעט
געזאָלט זיך מעלדן אין אָטריאַד צו אײַך.
איר האָט עפּעס געהערט פון איר?

דידאָק. געוויס. געוויס. געהערט.

פראמעק. איר האָט עפּעס געהערט פון שעלין?

דידאָק. זי איז בא מיר.

פראמעק. זי איז בא אײַך? אָט דאָ?

דידאָק. זי איז דאָ בא מיר.

פראמעק. סטעפאן וואסיליעוויטש! איך מוז זי זען! איך מוז זי זען!

דידאָק. דו וועסט זי זען. נאָר עטוואָס שפּעטער.
דו זאָגסט, דו קומסט פון לאַגער.
דערווײַל גיי דורך צום קאָמיסאר,
און דו דערציי̆ל אים אלץ גענוי. ער האָט ליב וויסן אלץ!
אזא מין מענטש איז ער.
פראמעק! כע, כע, ס׳איז טאקע פראמעק!.. נאָר...

ביידע אָפּ.

שימשן. שטיי! דו זאָלסט זיך פונעם אָרט ניט רירן!
כ׳האָב ליב, ווען דײַטשן פאָלגן מיך, אזא מין מענטש בין איך.

העכט. ווו בין איך?

שימשן. דו ביסט אין גוטע הענט, אין שימשן־האגיבערס הענט!

ה ע כ ט. ווארום האָסטו האָסטו געפּירט אהערצו מיך? דו בינד מיר אָפּ די אויגן! איך בין געוווינט צו ליכטיקייט!

ש י מ ש ן. נישקאָשע, מע זאָל נאָר ניט געפּרווווט ווערן, צו וואָס מע קאָן געוווינט ווערן! מע וועט דיך אָפּגעוווינען פון א סאך געוווינהייטן!

א שוועררער דייטש! ער בייגט זיך ניט! מע וועט אים מוזן ברעכן!

ה ע כ ט. ווארום? פרעג איך.

ש י מ ש ן. הער נאָר, יונגערמאַן, דאָ שרייט מען ניט, ס'איז דאָך עפּעס א בעסוילעם! דאָ שלאָפן מענטשן אָרנטלעכע, וואָס האָבן זייער רו פאַרדינט.

ה ע כ ט. איך פּראָטעסטיר!

ש י מ ש ן. וועסט פּראָטעסטירן שפּעטער! ס'וועט קומען דידאַק, דער קאָמאַנדיר, דאַן וועסטו פּראָטעסטירן.

כ'האָב פייַנט, ווען דייטשן שרייען. אזא מין מענטש בין איך.

ס'וועט קומען באַלד דידאַק!

ה ע כ ט. (שרייט). דידאַק?!

ס'קומט דידאַק.

ד י ד אַ ק. וואָס איז דאָ?

ש י מ ש ן. כאוועער קאָמאַנדיר, ס'איז ער. ער האָט זיך שטארק פאַרבענקט נאָך אייַך.

ד י ד אַ ק. האָסט אזוי גיך זיך אומגעקערט?

ש י מ ש ן. איך האָב געפּאַקט אים דאָ, ניט ווייַט פון זעקסטן פּאָסטן.

ד י ד אַ ק. האַ־האַ... ניט ווייַט פון זעקסטן פּאָסטן? ס'איז פאַרשטענדלעך! די אויגן בינד אים אָפּ. (שימשן טוט עס.)

נו, מייַן נאָמען ווייסטו שוין... און ווער ביסטו?

ה ע כ ט. כ'בין פרידריך שוואבע.

ד י ד אַ ק. דייַן פאך?

ה ע כ ט. דעם לאַגער איך באַוואַך.

ד י ד אַ ק. א פּראָסטער וועכטער?

ה ע כ ט. איינער פון א סאך.

ש י מ ש ן. ער בייגט זיך ניט, מע וועט אים מוזן ברעכן.

ד י ד אַ ק. אזא מין מענטש בין איך.

ש י מ ש ן. איך ווייס.

ה ע כ ט. איך פּראָטעסטיר!

איך בין א קאָמענדאַנט? א קאָמאַנדיר?

איך האָב געטאָן נאָר דאָס, וואָס מ'האָט געהייסן,

און כ'האָב גערעדט נאָר דאָס, וואָס מ'האָט געמעגט,

איך מיין, די הערן פאַרטיזאַנער ווייסן,

ווער איך בין.

ס'קומט פראַמעק.

פ ר אַ מ ע ק. יעפרייטאָר העכט!

ה ע כ ט. א, קאַרל שטיין! כ'בין גליקלעך!

ד י ד אַ ק. זייַט איר גאָר דער יעפרייטאָר העכט, אָט דער, וואָס האָט דעם רויטן פראַמעק אופגעהאַנגען און האָט דערפאַר באַקומען א מעדאַל?

שימשן. פרידריך שוואבע!

פראמעק. וואָס פאר א וועג האָט אײַך אהער געבראַכט, יעפרייטאָר?

העכט. דער זעלבער וועג, וואָס אײַך, מײַן אַלטער פרײַנט!

דידאָק. יעפרייטאָר העכט! דער זעלבער העכט, וואָס האָט נאָך קאַרל שטיין
שפּיאָנירט... און האָט געמוזט אים נעבעך נאָכגיין אָט אהער!
איז ווי זשע רופט מען פאַרט דיך? שוואבע אָדער העכט?

העכט. איך ווייס איצט גאָרניט. כ׳האָב פאַרגעסן.
אפילו דאָס, וואָס כ׳האָב אַמאָל געדענקט.

דידאָק. הער אויס. יעפרייטאָר העכט. כ׳האָב ניט קיין צײַט!
הער אויס, וואָס כ׳רייד אצינד. מיט קאָפּ.

שימשן. דעם מענטשן האָט מען דאָך א קאָפּ געגעבן
ניט נאָר אַף האקן אים מיט העק און שטופּן אים אין טליִע!

דידאָק. ער איז גערעכט! הער אויס מיט קאָפּ.
און ענטפער מיר: ווו ליגט באהאַלטן דאָס געווער
אין אײַער לאַגער? און וועלכע ערטער זײַנען דאָרטן פאַרמינירט?

העכט. וואָס פרעגט איר מיך? ווען קאַרל שטיין איז געוועזן מײַן בעסטער פרײַנט!
און ווייסט ניט וויניקער פון מיר!

דידאָק. איך האָב ניט ליב, ווען כ׳שטעל א פראגע עמעצן,
און יענער שיקט מיך צו א צווייטן!
אזא מין מענטש בין איך. דו ענטפער!

העכט. עס ליגט באַגראָבן אינעם סעדל, ווו די טרעפערן, די פּאַרטיזאנקע
האָט אַף קאָרטן אונדז געטראָפן... איך דענק, אז קאַרל שטיין
איז אויך געוועזן דערבײַ.

דידאָק. די טרעפערן? דו ווייסט ניט, ווו זי איז אצינד?

העכט. זי איז בא גיונטערן.

דידאָק. זי לעבט?

העכט. זי לעבט נאָך... גיונטער אָבער האָט ניט ליב,
ווען פּאַרטיזאנער לעבן לאַנג... באַפרײַט מיך, גיב איך אײַך מײַן וואָרט,
אז ס׳וועט די טרעפערן זיך אומקערן צו אײַך.

דידאָק. פירט אים אוועק צום קאָמיסאַר! און דו, מײַן זון, מײַן פראמעק...

העכט. פראמעק. פראמעק...

שימשן. נו, קום! פרידריך שוואבע. (העכט און שימשן אָפּ.)

פראמעק. סטעפאַן וואַסיליעוויטש!
ווער איז די טרעפערן, וואָס העכט האָט דאָ דערמאָנט?
דאָס הארץ זאָגט מיר! ס׳איז שעלי.

דידאָק. דײַן הארץ האָט דיך ניט אָפּגענאַרט.
זי איז געוועזן בא מיר דאָ, ווי א טאָכטער.

פראמעק. זי איז אין לאַגער? אין טויט־לאַגער! שעלי!

דידאָק. יאָ, אין לאַגער! זי האָט געהאַט אן אופגאבע א וויכטיקע.

פראמעק. דערלויבט, סטעפאַן וואַסיליעוויטש!

דידאָק. וואָס האָט פעדאָט באַפוילן דיר?

פראמעק. פעדאָט האָט מיר געהייסן בלײַבן דאָ, בא אײַך.
און וואַרטן אַף אײַערע באַפעלן.

דידאַק. איז אָט. הער אויס. אין לאַגער ווייסט מען ניט,
אַז דו ביסט פראמעק?

פראמעק. דאָרט ווייסן אַלע נאָר, אַז איך בין קאַרל שטיין.

דידאַק. איז אָט... דײַן אופגאַבע האָסטו שוין אויסגעפּילט.
איצט איז דײַן כוויוו זי ראַטעווען, נאָר זע — זײַ פאָרזיכטיק!

פראמעק. איך גיי.

דידאַק. ס'וואָלט זייער גוט געווען, ווען ס'זאָלן זיך די דײַטשן
לייגן שלאָפן. זיי זײַנען מיד. זיי מוזן זיך א ביסל אויסרוען.

פראמעק. כ'פארשטיי. כ'פארשטיי שוין אַלץ!
נאָר איינס פארשטיי איך ניט! וואָס קומט מיט שעלין פאַר אצינד?
מיט שעלין!

דידאַק. מיר וועלן זיך באַנאַכט נאָך זען!.. און שעלין זאָג:
דאָס האָט דידאַק געשיקט דיר א מאַטאַנע. פראמעקן.

רירנדיקע געזעגעניש מיט פראמעקן.

פראמעק. מיר וועלן זיך נאָך זען... מיט שעלין...

צעקושט זיך מיט דידאַקן, דידאַק נעמט אים ארום.

דידאַק. איז גיי געזונט. און זײַ געבענטשט, מײַן זון!

דריקט פראמעקן צו זיך. ער רײַסט זיך ארויס און גייט
געשווינד, דידאַק לאָזט זיך נאָך אים.

דאָס זעקסטע בילד

פרידריך, האַנס,ביידע שיקערלעך.

פרידריך. צום טײַוול!

האַנס. א קעלט אזא, אז ס'פרירן מיר די פיס.

פרידריך. אין וואַלד איז קאַלט, נאָר דאָרטן, אינעם לאַגער
איז שוין צו הייס... א בראָך צו אים!

האַנס. עס טוט זיך דאָרט. עס קאָכט זיך אינעם לאַגער.
וואָס האָט פאסירט? צום טײַוול!

פרידריך. ווער ווייסט? מ'האָט מיר דערציילט א סאָד:
די רויטע זײַנען זייער נאָענט, און אונדזער
גענעראַל האָט עפּעס דאָ געשריגן און זיך עוואַקוירט
אין הינטערלאַנד.

האַנס. צום טײַוול!

פרידריך. וואָס הייסט צום טײַוול? ווּעמען האָסטו עס געשיקט צום טײַוול?

האַנס. דעם... דעם וואַלד, ס'איז זייער קאַלט.

פרידריך. ס'איז קאַלט, נאָר רויִקער, ווי דאָרטן...
די פאַרטיזאַנער האָבן ליב צו זיצן בא דער הרובע, ווען
ס'איז קאַלט. צום טײַוול!

האַנס. פרידריך, ביסט גערעכט, נאָר גיונטער שלאָפט אַף א קאַנאַפע,
און איך דאַרף שטיין און פרירן אַפן פאָסטן... א בראָך צו אים!

פרידריך. אײַ האָט ער ליב א שלאָף טאָן, גיונטער,
נאָר איצט שלאָפט ער ניט.
דו ווייסט, אז קאַרל שטיין און דער יעפרייטאָר העכט
זײַנען פארשוואונדן?

האנס. (ציטערט). פארשוואונדן?

פרידריך. ס׳קאָן זײַן, אז ס׳האָט דידאָק זיי ביידע שוין עוואַקוירט
אהינצו, אפן הימל...

האנס. צום טײַוול!

פרידריך. וואָס ציטערסטו אזוי?

האנס. דערציילן מיר ניט באנאכט קיין שרעקלעכע געשיכטעס.

פרידריך. געשיכטעס... כ׳וואָלט איצטער גראָד געוואָלט
באגעגענען א פארטיזאנער און ברענגען גיונטערן...

האנס. א בראָך צו אים.

פרידריך. כ׳האָב פײַנט צו קומען פון מײַן פאָסטן אָן נײַסן.

האנס. ברענג יאָ, ברענג ניט, מע וועט אונדז סײַווי שמײַסן!

א ברוסט פון צווײַגן, ס׳באַווײַזט זיך פראמעק, די דײַטשן
באהאלטן זיך.

פרידריך. שטיי אוף, דו האָז! ס׳איז קאַרל שטיין!

האנס. רייד שטילער... כ׳וועל א קוק טאָן באלד אליין!

פראמעק. וואָס טוט איר דאָ?

פרידריך. מיר שטייען אפן פאָסטן!

האנס. מיר שטייען אפן פאָסטן!

פראמעק. ס׳איז אײַער גליק, וואָס גיונטער זעט אײַך ניט.
איר וואָלט פאר אײַער שנאפס איצט גוט ארײַנגעכאַפּט,
ווער שטייט עס אפן פאָסטן בא דער נאכט,
די בײַכער פול מיט שנאפס.
א ליאַדע פארטיזאנער וואָלט אײַך דערשאָסן. מיט א פוגאטש.

פרידריך. מיר האָבן גוט דעם וועג באוואכט.

האנס. מיר האָבן גוט דעם וועג באוואכט.

פראמעק. באוואכט... באוואכט...
ס׳וועט זײַן א רויִקע די נאכט.
און גיונטער האָט באפוילן אלעמען זיך אויסרוען א ביסל.

פרידריך. מיר מוזן גיונטערן נאָר מעלדן, אז איר האָט זיך געפונען.
ס׳איז גיונטער אומרויִק געווען פאר אײַך.

פראמעק. כ׳וועל אלץ אליין אים מעלדן. גייט, רוט זיך אויס און זאָגט,
אז גיונטער האָט דערלויבט הײַנט אלעמען זיך לייגן שלאָפן.
ס׳וועט זײַן א רויִקע די נאכט!

האנס. מיר מוזן גיונטערן נאָך מעלדן איינס:
ס׳איז גרייט די טליִע פאר דער מויד... דער טרעפערן,
א בראָך צו איר...

פראמעק. ווו איז זי איצטער?

פרידריך. זײַט רויִק, קאַרל שטיין, זי איז שוין גוט באַשיצט,
אַט די שפּיאָנקע!

האַנס. זי וועט שוין מער ניט טרעפן אונדז די צוקונפט!

פרידריך. מע האָט זי צוגעבונדן פאַר די צעפּ צום טיש... צום טײַוול!

האַנס. איר ציגײַנעלע, וואָס האָט געדרייט זיך, ווי אַף שרויפן,
איז אָבער שטום דערווײַל... שווײַגט, ווי אַ פיש!

פראַמעק. ווו איז זי?

פרידריך. אין קאַרפּוס נומער זיבן!

האַנס. אין קאַרפּוס נומער זיבן! (פראַמעק אָפּ.)
אַ בראַוווער יונג!
ער וויל זי, דוכט זיך, אויך אין זיך פאַרליבן,
אַז ווער עס זעט זי נאָר, וויל גלײַך צו איר!

פרידריך. און אַלע האָבן רעכט אַף איר, נאָר מיר,
וואָס האָבן זי געכאַפּט... אונדז האָט מען אָפּגעשטויסן!

האַנס. מיר זײַנען אַלעמאָל אין דרויסן!

פרידריך. ס׳איז זייער קאַלט!

האַנס. אַ בראַוווער יונג, דער קאַרל שטיין,
נאָך אַזאַ נאַכט איז טאַקע זייער גוט
זיך אויסשלאָפן אַ ביסל.

פרידריך. נו, קום. צום טײַוול! (באַהאַלטן זיך.)

ס׳קומען גיונטער מיט צוויי דײַטשן, זיי ריידן זייער שטיל.

גיונטער. נו, נו... איר האָט געפונען שוין דעם וועג?
צי איר זײַט בלינד פון שרעק געוואָרן?

ערשטער דײַטש. דאָס איז דער וועג.

צווייטער דײַטש. דאָס איז דער וועג, הער קאָמענדאַנט!

גיונטער. אַט דאָ זײַט איר געווען?
קוקט אײַן זיך גוט!

ערשטער דײַטש. דאָ זײַנען מיר פאַרבײַגעגאַנגען.
פאַרויס געשפּאַנט האָט קאַרל שטיין, נאָך אים
האָט דער יעפרייטאָר העכט געפּויזעט
און מיר זײַנען געווען אַף גאָר אַ קלייניקײַט
אַ ביסל ווײַטער פון יעפרייטאָר העכט.

גיונטער. און קאַרל שטיין האָט קיינעם ניט באַמערקט פון אײַך?

צווייטער דײַטש. ווען ער זאָל עמעצן געווען באַמערקן, וואָלט ער
פאַרקערעוועט אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג!

גיונטער. האָסט רעכט!

ערשטער דײַטש. נאָר קאַרל שטיין געווען איז איבערצײַגט, אַז קיינער זעט אים ניט.
ער האָט זיך אומגעקערט אַ צוויי-דרײַ מאָל
און האָט געזען נאָר ביימער...

צווייטער דײַטש. און דעם יעפרייטאָר הענט זײַנען באַפֿאָלן
דרײַ פאַרטיזאַנער און מ'האָט אים אוועקגעפירט,
די ביקסן אָנגעצילט אױף אים...
און מיר זײַנען אוועק... צו אײַך... דערציילן וועגן אַלץ!

גיונטער. (שרײַט). פאַרשטאַרקן אומעטום די פּאָסטנס.
מיר מוזן כאַפּן דעם שפּיאָן!

ערשטער דײַטש. אויב נאָר ער וועט זיך ווידער דאָ באַווײַזן,
וועט ער שוין זײַן...

גיונטער. גיט איבער מײַן באַפֿעל.

ערשטער דײַטש. פאַרשטאַרקן אומעטום די פּאָסטנס,
און כאַפּן דעם שפּיאָן!

צווייטער דײַטש. פאַרשטאַרקן אומעטום די פּאָסטנס
און כאַפּן דעם שפּיאָן!

באַמערקט פרידריכן און האַנסן.

גיונטער. איר שטייט שוין לאַנג דאָ אױף די פּאָסטנס?

פרידריך. נאָך פון פאַרנאַכט, הער קאָמענדאַנט!

האַנס. נאָך פון פאַרנאַכט, הער קאָמענדאַנט!

גיונטער. האָט איר דאָ קיין פאַרדעכטיקע פאַרשוינען ניט באַמערקט?

פרידריך. ניט באַמערקט, הער קאָמענדאַנט!

האַנס. ניט באַמערקט, הער קאָמענדאַנט!

גיונטער. (צו פרידריכן). גיי קלינג אין גלאָק! וועק אַלעמען פון שלאָף!
געציילטע שטונדן זײַנען דאָ ביז זייער סאָף,
נאָך הײַנט פאַרטאָג וועט אונדזער לאַגער ברענען,
און מאָרגן וועט שוין קיינער ניט דערקענען
אָט די ערד, ווו מיר און זיי זײַנען געווען.
גיי קלינג אין גלאָק! וועק אַלעמען פון שלאָף!

פרידריך. איך ווייס ניט, וואָס צו טאָן מיט אײַערע באַפֿעלן,
אָט הייסט איר אַלע שטעלן
אױף די פיס,
אָט הייסט איר אַלע שלאָפן גיין!
איר האָט דאָך ערשט באַפוילן אונדז דורך קאַרל שטיין...

גיונטער. דורך וועמען?

האַנס. דורך קאַרל שטיין!

גיונטער. (צו פרידריכן). ביסט קראַנק?
(צו האַנסן) האָסט היץ?

פרידריך. אָט אָקאָרשט איז געווען דאָ קאַרל שטיין.

גיונטער. אָט דאָ? אָט ערשט?

האַנס. אָט די מינוט!

גיונטער. וווהין איז ער אוועק?

פרידריך. צו איר. דער טרעפּערן.

האַנס. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אױף איר.

פרידריך. ער האָט געמאָלדן אונדז אײַער באפעל זיך אויסרוען א ביסל.

האנס. און איז אוועק צו איר.

גיונטער. גוט! ברענגט אים מיר אהער!
אהערצו ברענגט דעם פּארטיזאנער!
איינס... צוויי...

די דײַטשן אָפּ. גיונטער קוקט זיך אום.

אָט דאָס איז, דוכט מיר, יענער בוים,
ווו כ'האָב צום ערשטן מאָל באגעגנט דעם פּארטעטער.
אָט דאָ אף אָט דעם בוים וועל איך אים הענגען.
ער מיינט, אז גיונטער שלאָפט,
נאָר גיונטער שלאָפט ניט!
ס'איז קלאָר: ער מיינט, אז אלע האלטן אים נאָך אלץ
פאר קארל שטיין דאָ,
דער אָרעמער יעפרייטאָר הערכט איז דאָרט, בא זיי.
און ער האָט זיך צוריקגעקערט... באנאכט...
קעדיי גאנצפרי זיך אופהייבן פון שלאָף
און ווידער גיונטערן באשווינדלען!
ער האָט, דער רויבער, ניט געוווּסט, אז דעם יעפרייטאָר הערכט
האָט מען אויך נאָכגעשפּירט.
צעשטעלט האָט גיונטער זײַנע נעצן אומעטום,
און אויב עס וועט אפילע דײַטשלאנד פאלן,
וועט גיונטער זײַנע נעצן ניט פארניכטן,
מע וועט פון לאגער אים פארטרײַבן — וועט ער אין וואלד אוועק,
פון וואלד פארטרײַבן אים, וועט ער א נעסט געפינען,
די ערד איז גרויס!

פרידריך און האנס ברענגען פּראמעקן.

גיונטער. איר האָט באזוכט אים?

פרידריך. באזוכט, הער קאָמענדאנט.

האנס. באזוכט, הער קאָמענדאנט.

גיונטער. איר האָט עפּעס געפונען?

פרידריך. ניין, הער קאָמענדאנט, נאָר אָט דאָס טיכעלע.

האנס. דאָס טיכעלע...

גיונטער. דאָס טיכ־לע...
ער האָט דערפרייט מיט דעם זיך ניט אומזיסט.
עס האָט אים שטארק מיט איר דאָס טיכעלע פארבונדן.
ווי ווערעם, קריכן זיי ארום אָט דאָ.
נו, קארל, רייד! ווילסט עפּעס מעלדן?
איר האָט דאָך ליב צו שטארבן, ווי די העלדן!
„ווער האָט דיר דאָס טיכעלע געשענקט?"
ס'איז זי... ס'איז זי... דו האָסט געטראָפן.
דו וועסט זי זעען באלד!.. (צו פרידריכן.)
גיי ברענג אהער די טרעפערן, גיי זאָג, אז גיונטער
האָט געהייסן ברענגען זי אין וואלד!

ערשטער דײַטש אָפּ.

איך וואָלט געזעגנט זיך מיט דיר, מײַן אלטער פרײַנט,
נאָר כ'האָב קיין צײַט —
עס זײַנען דײַנע רויטע פאלקן שוין ניט ווײַט,
איך וויל, זאָלסט זיי באגעגענען שוין מיט פארמאכטע אויגן!

פ ר א מ ע ק. מ׳האָט ווידער דיך שוין אָפּגענאַרט, דו נאַר,
האָסט קיינמאָל דאָך ניט אָפּגעוווּיגן,
וואָס דו טוסט. איך רעגעס פון אזא געפּאַר,
וואָס דראָט אונדז אַלעמען, האָסטו באַשלאָסן
נעמען קאַרל שטיין...

ג י ו נ ט ע ר. דו שווײַג, דו פּאַרטיזאַנער, פּאַרעטער. טײַוול,
דו שווײַג און זאָג א דאַנק, וואָס כ׳האָב דיך ביז אַהער
ניט אויפגעהאַנגען. האָסט מיך גענאַרט,
אָף יעדן שפּאַן. כ׳האָב דיר געגלייבט.
ווען ס׳וואָלט דער גענעראַל געוווּסט, וואָלט ער צו בושן מיך געשיקט.
ניין, ניין, צו בושן גיי שוין בעסער דו.
ווען אים היינט לאָזן גריסן.

פ ר א מ ע ק. וואָס אײַלסטו זיך אזוי? דו הער מיך אויס.
כ׳האָב זייער וויכטיקע ידיעות דיר געבראַכט.

ג י ו נ ט ע ר. דו שווײַג! פאַר מיר ביסטו שוין טויט
און טויטע האָבן ניט קיין רעכט צו ריידן!
מע פירט אַרײַן שעלין.

ש ע ל י. וווּהין? וווּהין נאָך פירט איר מיך? כ׳בין שוין אָף אַלע וועגן
אויסגעוואָנען און אַלץ אומזיסט...
כ׳וועל קיינמאָל ניט געפינען, וואָס פאַרלאָרן...

ג י ו נ ט ע ר. (צו פראמעקן). ס׳איז זי? ס׳איז זי האָט דיך אַהער באַנאַכט געצויגן
פון אײַער פּאַרטיזאַנער־נעסט? ס׳איז צוליב איר האָסטו
אין קאָן געשטעלט דײַן לעבן?

פ ר א מ ע ק. כ׳זע זי צום ערשטן מאָל.

ג י ו נ ט ע ר. (צו שעלין). ס׳איז ער? ער האָט דיר דאָס טיכעלע געשענקט?
האָסט אים דערקענט, דײַן בעסטן פרײַנט?
דערמאָן זיך נאַר... האָסט אים געוויס געזען אין וואַלד
בא זיי, די פּאַרטיזאַנער...

ש ע ל י. ער? ניין! ער פליט ערגעץ אַרום און זוכט מיך, אָט ווי איך
זוך אים...

ג י ו נ ט ע ר. אָט שטייט ער דאָך פאַר דיר. גו גיך נעם אים אַרום.
דו האָסט נאָך א מינוט אָף ליבע, אויב דו געדענקסט נאָך,
וואָס דאָס איז.

ש ע ל י. כ׳זע אים צום ערשטן מאָל.

ג י ו נ ט ע ר. וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס לויפסטו ניט צו איר?
וואָס שטייסטו אזוי ווײַט, דו שעפּעלע דו אָרעמס...
וואָס פאַלסטו אים ניט אָפּן האַלדז,
דו גאַסן־מויד!
שעלי נעמט צונויף די לעצטע קויכעס און גיט א פּאַטש גיונטערן.
איך וויל זיי מער ניט זען! גייט רופט דעם טויט,
און זאָל דער טויט באַרויקן זיי ביידן...
באַזונדער הענגען זיי! צעשיידן
זיי! אַפילע טויטערהייט
זיי זאָלן זײַן צעשיידט!
פראמעק און שעלי רײַסן זיך איינער צום צווייטן,
נאָר מע שלעפּט זיי אין פאַרשיידענע זײַטן.

ש ע ל י. פראמעק!

פראמעק. שעלי!

שעלי. איך האָב דיך גלײַך דערקענט.

פראמעק. שעלי!

שעלי. דו ביסט מיט מיר די גאַנצע צײַט.

פראמעק. דו האָסט מיך אַף קיין רעגע ניט פאַרלאָזט.

שעלי. כ׳האָב אויסגעפּילט מײַן כוויוו.
איך דאַרף דיר נאָך אַזויפיל זאָגן.

פראמעק. איך האָב אַזוי געזוכט דיך.

שעלי. האָסט מיך דערקענט? כ׳בין נאָך אַף שעלין ענלעך?

פראמעק. (רײַסט זיך צו שעלין). כ׳מוז זײַן מיט דיר.

שעלי. איך וויל דיך ניט פאַרלאָזן.

מע רײַסט זיי אין פאַרשיידענע זײַטן.

פראמעק. שעלי!

שעלי. פראמעק!

פינצטער. אויסגעשרייען „הורא״. ס׳באַווײַזן זיך דידאָק,
דער קאָמיסאַר, ניקאָלײַ, וואסילי, שימשן.

דידאָק. גריגאָרי, פאַרשטאַרקן בא די טויערן די וואַך,
ס׳זאָל קיינער ניט אַוועק! גיי!.. (גריגאָרי אָפּ.)
ניקאָלײַ, באַזוכן גיונטערס קאַבינעט
און אַלע דאָקומענטן ברענגען מיר! (ניקאָלײַ אָפּ.)
וואסילי! וואסילי!

וואסילי. איך הער.

דידאָק. צום אויוון גיי! און פרעג פּעדאָטן, צי דאַרף ער ניט קיין הילף.

וואסילי. איך הער. (וואסילי אָפּ.)

דידאָק. שימשן! צום באַראַק נומער זיבן גיי,
צעגראָבן דאָרטן גוט די ערד, דאָרט ליגט געוויס
באַהאַלטן דאָס געווער!

שימשן. איך הער... (דידאָק און שימשן אָפּ.)

גריגאָרי. עס האָט דער קאָמאַנדיר דידאָק באַפוילן
פאַרשטאַרקן בא די טויערן די וואַך!
ס׳זאָל קיינער ניט אַוועק! געהערט?

א קאָל. געהערט.

גריגאָרי. עס האָט דער קאָמאַנדיר דידאָק באַפוילן
פאַרשטאַרקן בא די טויערן די וואַך!
ס׳זאָל קיינער ניט אַוועק! געהערט?

א צווייט קאָל. געהערט.

גריגאָרי. איז אָט, ווי ס׳זעט עס אויס דער לאַגער,
פונוואַנען מענטשן קערן זיך ניט אום צוריק!

ס׳עפענען זיך די טויערן. ס׳גייען אַרויס: דער קאָמיסאַר, דידאָק,
סאַשע און באַפרײַטע פון לאַגער.

אַ באַפרײַטער. מיט אָט דעם וועג האָט מען געפירט.
ניין, ניט קיין הונדערט! און ניט קיין טויזנט!
נאָר מיליִ־מיליִאָסן מענטשן! יונג איז יונג.
און אַלט איז אַלט. און קליין און גרויס.
און מאַן און פרוי. און ייִד און רוס.
און טשעך און פויל.
טאָג־אײַן, טאָג־אויס! טאָג־אײַן, טאָג־אויס!
האָט מען געטריבן זיי צום אויוון!
און ס׳האָט צוריק ניט אומגעקערט זיך קיינער!
אַ שווערער, שוואַרצער רויך געוועזן איז די מאַציִיווע!

קאָמיסאַר. טוט אויס פון זיך די צייכנס פון דער פעסט!
אזוי! און איצט גייט. (צו סאשען.)
דו פיר זיי אָפּ און זאָלן זיי זיך אָפּרוען אַ ביסל.
דערנאָך וועסטו צו מיר זיי ברענגען. מע דאַרף זיי אויסהערן.
מע מוז פאַרשרײַבן אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען!
ס׳איז זייער וויכטיק! נו, גייט! גייט! (סאשע פירט אוועק די באַפרײַטע.)

דידאַק. פאַרענדיקט אַלץ?

קאָמיסאַר. קימאַט. מע גראָבט נאָך אַלץ באַם זיבעטן באַראַק,
לויט דײַן באַפעל. מע זוכט געווער.

דידאַק. געווער! געווער! געווער!
ווער נאָך איז דאָרט פאַראַן?

סאשע. עס פרעגט זיך נאָך אָף אײַך אַן אַלטער פויער.

דידאַק. וואָס איז געשען?

סאשע. ער טרעט ניט אָפּ. נאָר הײַנט! נאָר באַלד.
ס׳איז זייער וויכטיק! זאָגט ער.

דידאַק. פיר אים אַרײַן.

קאָמיסאַר. אַ פויער? דאָס איז גוט! מע דאַרף זיך גלײַך
פאַרבינדן מיט די דערפער אין דער געגנט.

ס׳קומט מיקיטע.

מיקיטע. כ׳דאַרף נייטיק זען דעם קאָמאַנדיר!

דידאַק. דער קאָמאַנדיר בין איך. מיט וואָס קאָן איך אײַך דינען?

מיקיטע. מיט דער גערעכטיקײַט!

דידאַק. איך הער אײַך.

מיקיטע. איך בין מיקיטע... מיקיטע איוואַניטש...
כ׳האָב צוגעזאָגט אַן אַלטן מאַן, אַז כ׳וועל אײַך זען.
ער איז שוין טויט! וואָט טאַק...
און האָט מיר פאַר זײַן טויט פאַרטרויט
אַ גרויסן סאָד. (נעמט אַרויס דאָווידס העפט.)
דאָס איז זײַן ליעטאָפּיס.
פאַרשריבן האָט ער אַלץ אַליין... מײַן שאָכן.
דאָ איז באַשריבן אַלץ גענוי, וואָס מיר האָבן געזען.
און דורכגעלעבט.
ער האָט געבעטן מיך אין הענט אין פעסטע
איבערגעבן עס,
„ס׳וועט קומען דער גערייכט!“ האָט ער געזאָגט
„ס׳וועט קומען! און דאָס איז זייער מישפּעט! און

זייער פסאק! ס׳דארף וויסן וועגן דעם די גאנצע וועלט!!!״
אזוי האָט ער געזאָגט... וואָט טאק...

דידאָק. א דאנק דיר, גוטער מענטש!
איך וועל נאָך היינט אריבערשיקן די אָרעמע און רייכע
יערושע פון דיין שאָכן.
די גאנצע וועלט וועט וויסן וועגן אלץ!
דו זעסט! פארהיט זיינען די שפּורן!
אָט זיינען איידעס! פאקטן. אלץ פארהיט!
פארבלייב מיט אונדז!
גריגאָרי, פיר אים אָפּ צו מיר!

מיקיטע. א דאנק! וואָט טאק... (מיקיטע אָפּ.)

דידאָק. האָסט ליב געשיכטע, קאָמיסאר!
ערשט נעכטן האָבן זיי אָט דאָ ארומגעשפּאנט,
געקלונגען מיט די דייטשישע פּאָדקאָוועס.
געבילט אף דייטש!
די ערד אליין האָט זיי פון זיך אראָפּגעטרייסלט!

קאָמיסאר. די ערד אליין!.. מיר האָבן אויך א ביסל צוגעהאָלפן אָט דער ערד.
כ׳וואָלט זייער זען געוואָלט, ווי ס׳וועט די ערד
זיי אָפּטרייסלען פון זיך
און אונדז דעם וועג באפרייען
כאָטש ביז דער עלעפטער ארמיי!

דידאָק. ווען כ׳האָב געווער, וואָלט איך זיך דורכגעשלאָגן
צו דער עלעפטער ארמיי!

קאָמיסאר. דו ביסט גערעכט! און ווען ס׳איז עמעצער גערעכט, גיב איך זיך אונטער!
אזא מין מענטש בין איך. (ס׳קומט שימשן.)

שימשן. דערלויבט מיר ראפּאָרטירן.

דידאָק. איך הער.

שימשן. איער באפעל איז אויסגעפילט. די אָפּעראציע באם זיבעטן איז פארענדיקט.

דידאָק. צעגראָבן דאָרט די ערד?

שימשן. צעגראָבן.

דידאָק. געפונען?

שימשן. געזוכט. געזוכט. און גאָרנישט ניט געפונען.

דידאָק. געזוכט. געזוכט. און גאָרנישט ניט געפונען?
דו, שימשן, הער, איך דארף דערוויסן זיך,
וואָס איז מיט פראמעקן און שעלין... נאָר דו איינער קאָנסט זיי געפינען,
אויב זיי לעבן.

שימשן. איך גיי. (ביידע אָפּ.)

פראמעק טראָגט ארויס שעלין.

שעלי. ניט דאָ. א ביסל וויטער, וויטער.
אָט דאָ, אָט דאָ באהאלטן דאָס געווער!

פראמעק. טייערע מיינע! איינציקע! ביסט זיכער, אז אָט דאָ?

שעלי. אָט דאָ, אָט דאָ. כ׳האָב אלץ געהערט!
זיי האָבן זיך פאר מיר שוין ניט געהיט.

גועהאַלטן, אַז כ'בין שוין טויט.
יאָ. דעם רעכטן ברעג. דעם גאַנצן רעכטן ברעג
זיי האָבן פאַרמינירט!

פּראַמעק. פאַרמינירט? דעם גאַנצן רעכטן ברעג?..

ס'קומט שימשן.

גיי, זאָג דעם קאָמאַנדיר דידאָק.
שעלי האָט געבעטן קומען באַלד אהער.
ס'איז זייער וויכטיק! זייער וויכטיק!

שימשן. איך גיי, איך גיי. (אָפּ.)

שעלי. כ'בין נאָכאַמאָל מיט דיר אין וואַלד.
נאָר דעמאָלט זײַנען מיר געווען אַליין.
און איצט זע איך אומבאַקאַנטע אָן א צאָל.
דו ביסט נאָך אַלץ אין וואַלד.
און איך האָב דיך אַזוי געזוכט!

פּראַמעק. איך בין די גאַנצע צײַט געווען מיט דיר!

שעלי. איך ווייס. איך האָב געפילט.
איך האָב נאָר אויף א רגע דיך פאַרלאָזט,
ווען ביסט א מידער אויף די בלעטער אײַנגעשלאָפן.
אַנטשולדיק, פּראַמעק ליבער!

פּראַמעק. שעלי, טײַערע! מיר זײַנען נאָכאַמאָל אינײנעם.

שעלי. איך וועל אינערגעץ מער ניט גיין!

פּראַמעק. איך וועל שוין מער ניט לאָזן דיך אַליין!

שעלי. מיר וועלן זײַן די גאַנצע צײַט אינײנעם.
פּראַמעק, ליבער. (שטאַרבט.)

ס'קומען דידאָק, דער קאָמיסאַר, פּאַרטיזאַנער.

פּראַמעק. כאַווער קאָמאַנדיר! שעלי האָט באַפוילן איבערגעבן:
דער גאַנצער רעכטער ברעג איז פאַרמינירט
און דאָס געווער באַהאַלטן איז אָט דאָ.

דידאָק. שעלי! טאָכטער מײַנע! האָסט הייליק אויסגעפילט דײַן כויוו.
ס'איז שווער — האָסטו געזאָגט... די זון פאַרגייט.
די זון פאַרגייט ניט, שעלי... די זון וועט אייביק לויכטן, ווי דײַן נאָמען
אין די הערצער פון מײַן היימלאַנד, פונעם פאָלק!..

■ ■ ■

אף שטענדיק
אין מײַן הארצן

דער אווטאָר פון די דאָזיקע נאָטיצן, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן ספּעציעל פאר „סאָוועטיש היימלאנד“, — יאקאָוו דוואָרקין — האָט דורכגעלעבט א גרויס און אינטערעסאנט לעבן.

געפינענדיק זיך אין עמיגראציע אין אמעריקע, ווערט יאקאָוו דוואָרקין אין 1916 א מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי פון די פאריייניקטע שטאטן. ער איז טעטיק אין איר לינקן פליגל, וואָס איז דערנאָך געוואָרן דער גרונט־קערן פון דער אמעריקאנער קאָמוניסטישער פארטיי (געגרינדעט אין 1919).

אומקערנדיק זיך אין 1918 קיין רוסלאנד, באווירקט פון די גרויסע לענינישע אידייען, שליסט זיך יאקאָוו דוואָרקין איין אקטיוו אינעם קאמף פאר דער סאָוועטנמאכט אפן ווײַטן מיזרעך און אין סיביר. אין דער צײַט, ווען אין סיביר האָט געווילדעוועט די קאָלטשאקאָוושטשינע, גיט זיך אים אײַן צו ווערן אן איבערזעצער פון ענגליש אין דער אמעריקאנער מיסיע אף דעם טאָמסקער אײַזנבאן־וועג און באקומט, אזויארום, א מעגלעכקײַט צו פירן א וויכטיקע און געפערלעכע ארבעט פון א סאָוועטישן אויסשפּירער. זײַן אויסשפּיר־טעטיקײַט איז אָבער אופגעדעקט געוואָרן, און דער קאָלטשאקישער מיליטערישער פעלד־געריכט פארמישפּעט אים צו צעשיסן. בלויז אדאנק דעם האסטיקן אָנגריף פון דער רויטער ארמיי און אדאנק דעם אופשטאנד, וואָס עס האָבן אָרגאניזירט די טאָמסקער באָלשעוויקעס, איז ער געראטעוועט געוואָרן פון טויט.

יאקאָוו דוואָרקין ווערט קאָמיסאר פון דער טאָמסקער קאזנאטשייסטווע, סעקרעטאר פונעם פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר אויסערן־איניאָנים פון דער ווײַטמיזרעכדיקער רעפּובליק, ספּעציעלער פולמעכטיקער פאָרשטייער פון דער דאָזיקער רעפּובליק בא דער רעגירונג פון רספסר, מיטארבעטער פונעם קאָמיסאריאט פאר אויסערן־איניאָנים, וויצע־פּרעזידענט פונעם „אמטאָרג“ אין ניו־יאָרק.

פון א שיק־ייִנגל אין א קאָנטאָר אין צארישן רוסלאנד, פון א שווארצארבעטער אין אמעריקע — איז יאקאָוו דוואָרקין דערהויבן געוואָרן צו פאראנטוואָרטלעכע מעלוכע־פּאָסטנס אין סאָוועטנלאנד.

אהיים, אהיים!

מיר זײַנען געווען פארשיקערט פון פרייד. מיר האָבן אָפּגעשטעלט איינער דעם צווייטן אין גאס, זיך געהאלדזט און געקושט. „איר האָט שוין געהערט, ניקאָלקע האָט אײַנגענומען א מיסע־משונע... אין רוסלאנד איז געפאלן די זעלבסט־הערשונג...“

ווי א זוניקער שטראל אין דער פינצטערניש האָט א לויכט געטאָן די האָפענונג: מיר וועלן זיך אומקערן אהיים! מיר וועלן ווידער דערזען די היימישע פעלדער און וועלדער, די האסטיקע טײַכן און די שטילע ווײַנשל־סעדער, די גרינע לאָנקעס און די שלאנקע בערעזעס, דעם רויש פון די שטאָטישע גאסן און די פארכאָלעמטע שטעטלדיקע אפדערנאכטן. מיר וועלן ווידער ארומנעמען נאָענטע פרײַנט, קאמפס־כאווירים.

קיינמאָל האָט נאָך דאָס וואָרט „היימלאנד“ ניט געהאט פאר אונדז אזא טיפן זין און אזויפיל צויבער.

מיר האָבן זיך גוט אָנגעפלאָגט פאר די יאָרן פון געצוווּנגענער עמיגראציע אין אמעריקע, געפילט דעם טאם פון הונגערן, פון ארומדרייען זיך פוסט־און־פּאס, ווען דײַנע הענט — יונגע און קרעפטיקע — האָבן זיך מאמעש געבעטן: גיט אונדז ארבעט...

מיר האָט נאָך צײַטנווײַז „געגליקט“: אין בופאלאָ האָב איך געוואשן פלעשער אין זאלצמאנס ווײַנקראָם, גערייניקט די פּאָדלאָגעס אף דער פּארפום־פּאבריק „לארקין עט קאָמפּאני“, אין טשיקאגאָ — געפּאקעוועט און געטאסקעט פּעק מיט געפּעס. אנדערע עמיגראנטן האָבן דאָס אויך ניט געהאט, — ס'זײַנען געווען איבערגענוג אייגענע ארבעטלאָזע. פרעמד און דערנידעריקט האָבן מיר זיך געפילט אינעם לאנד פונעם „געלן טײַוול“.

איצט, ווען אויך צו דער ווײַטער אמעריקע איז דערגאנגען די איבערראשנדיקע בסורע וועגן דער פעווראל־רעוואָליוציע אין רוסלאנד, האָבן מיר געלעבט מיט איין־איינציקער האָפענונג און מיט איין הייסן באגער: וואָס גיכער זיך אומקערן אהיים און זיך אײַנשליסן אין קאמף.

אָבער ניט אזוי גרינג איז עס אונדז אָנגעקומען. אומקערן זיך אהיים איז מעגלעך געוואָרן ערשט

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום נאָכן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

דערקלײַבן זיך קיין רוסלאַנד האָבן מיר געקאָנט בלויז מיטן שטילן אָקעאַן, צו די ברעגן פון יאַפּאָניע, און פון דאָרטן — צום ווײַטן מיזרעך, קיין סיביר, און ווײַטער — צו די צענטראַלע געגנטן פונעם יונגן סאָוועטנלאַנד. נאָר צו יענער צײַט האָבן אַמעריקע, ענגלאַנד און יאַפּאָניע פאַרגענומען אַ באַוואָפנטע אינטערווענץ, באַ זייער אַקטיווער שטיצע האָט זיך אײַנגעגעבן די ווײַס־גוואַרדייִשע אַרמייען איבערצושנײַדן די גרויסע סיבירער אײַזנבאַן־מאַגיסטראַל, פאַרכאַפּן אַ ריי שטעט פון סיביר און פון ווײַטן מיזרעך. דער וועג אַהיים איז געווען אָפּגעשניטן.

ס׳איז אָבער שוין ניט געווען אַזאַ קויעך, וואָס זאָל אונדז קאָנען אָפּשטעלן.

„באַנזײַ לענין!", „לענין באַנזײַ!"

דעם 7 אויגוסט 1918 איז די פראַכט־פּאַסאַזשיר־שיף „גאַוואַיאַ מאַרו", וואָס איז אָפּגעגאַנגען פונעם אַמעריקאַנער האַפן סיאַטל, צוגעשוווּמען צו די ברעגן פון יאָקאָהאַמאַ. מיר האָבן שוין דאָ געטראָפן אַ היפּשע גרופּע רעעמיגראַנטן, וועלכע זײַנען אַהער אָנגעקומען עטוואָס פריִער. זיי האָבן עס אונדז אָנגעזאָגט די ביטערע בשורע, אַז דער ווײַטערדיקער וועג קיין רוסלאַנד איז פאַר אונדז פאַקטיש פאַרמאַכט, מער־סטנס, אַף וואָס מ׳קאָן אויסרעכענען, איז זיך דערקלײַבן ווי־ס׳ניט־איז קיין כאַרבין.

די יאַפּאָנישע שפּראַך האָט קיינער פון אונדז ניט געוווּסט, איז דער איינציקער קוואַל פון „אינפאָרמאַציע" געווען די רוסישע ווײַסגוואַרדייִשע צײַטונגען, וואָס פלעגן אָנקומען קיין יאָקאָהאַמאַ פון כאַרבין. זיי האָבן מיט היספּײַלעס מיטגעטיילט, אַז אין סיביר איז די סאָוועטנמאַכט געפאַלן, אַז אין כאַבאַראָווסק, בלאַגאָווֹעשטשענסק און ניקאָלסק־אוסוריִיסק האָבן די מאַכט פאַרכאַפּט די קאַזאַקישע אַטאַמאַנען סעמיאָנאָוו און קאַלמיקאָוו, און... אַז ווער ס׳וועט כאַפּן די „באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן" פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, וועט גוט באַלוינט ווערן...

די דאָזיקע מיטיילונגען האָבן געהאַט איין ציל — דעמאָראַליזירן די יאַפּאָנישע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן אָפן און באַגײַסטערט דעמאָנסטרירט זייער סאָלידאַריטעט מיטן יונגן סאָוועטנלאַנד.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם טאָג פון 18 אויגוסט. ס׳איז געווען אַ העל־זוניקער פרימאָרגן. פון יאַם האָט געצויגן אַ קיל ווינטל. די שטאָט האָט, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן דעם טאָג מיט אַ גערויש, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון יאַם־האַפן, מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג פונעם טראַנספּאָרט, און ס׳איז, דוכט זיך, גאָרנישט ניט געווען אַזוינס, וואָס זאָל אָנזאָגן וועגן דער געשעניש, וואָס האָט אויפגערודערט ניט נאָר יאָקאָהאַמאַ אַליין.

ווען מיר זײַנען אין אָט דעם פרימאָרגן אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָבן מיר דערזען, ווי אין פאַרשיידענע ערטער קלײַבן זיך צונויף קלענערע און גרעסערע הײַפלעך מענטשן. זיי ריידן צווישן זיך עפּעס זייער לעבהאַפט און, ווי אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, זשעסטיקולירן נערוועז מיט די הענט. צוביסלעך האָבן די קלייניקע גרופּקעלעך זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן מענטשן־שטראָם, וואָס האָט גענומען פלייצן צום שטאָט־צענטער. ס׳זײַנען צוגעקומען אַלץ נײַע און נײַע קאָלאָנעס. אַ גרויסער האַמוין האָט זיך פאַרזאַמלט לעבן די וואַסער־קאַנאַלן, וואָס שנײַדן דורך דעם צענטראַלן טייל פון דער שטאָט. ס׳איז קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס איז אַ גוט־אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַרישע מאַסן־דעמאָנסטראַציע.

פון די זײַטיקע גאַסן באַווײַזן זיך באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען. זיי דערנעענטערן זיך צו די אַרבעטער־קאָלאָנעס, שנײַדן זיך אַרײַן אין זיי און נעמען אַכזאָריעסדיק שלאָגן די דעמאָנסטראַנטן מיט דובינקעס. דער גרימצאָרן פון די יאָקאָהאַמער פּראָלעטאַריער דערגרייכט דעם העכסטן גראַד. זיי וואַרפן זיך אַף די זשאַנדאַרמען, אַנטוואָפענען זיי און נעמען זיי מיימעסן טאַקע מיט זייערע אייגענע דובינקעס. אַף דער בריק פונעם קאַנאַל האָבן די דעמאָנסטראַנטן געכאַפּט עטלעכע זשאַנדאַרמען פאַר די הענט און פאַר די פיס, זיי צעהוידעט און מיט אַ פײַפערײַ און געפילדער געוואָרפן איבער די פּאָרענטשעס אין וואַסער אַרײַן. איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן...

אינעם כאַאָס פון די אויסגעשרייען הערט זיך אָפטער פון אַלץ דער קלאַנג „זײַ..." דערנאָך כאַפּן מיר אויף דאָס וואָרט „באַנזײַ" — דאָס איינציקע יאַפּאָנישע וואָרט, וואָס מיר האָבן דאַן געוווּסט און וואָס אַנטשפּרעכט אונדזער „הוראַ". ווען באַגריסן עס מיט אַזאַ באַגײַסטערונג די פּראָלעטאַריער פון יאָקאָהאַמאַ? און אָט הערן מיר שוין זייער בוילעט: „באַנזײַ לענין", „לענין באַנזײַ!.."

ניט דערוואַרט אַזאַ אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, האָבן די זשאַנדאַרמען זיך אָפּגעטראָגן.

די שטורמישע דעמאָנסטראַציע פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַרישקײַט פון די יאָקאָהאַמער פּראָלעטאַריער מיט דער רוסישער רעוואָליוציע האָט געדויערט ביז שפּעט אין אָוונט.

ניט נאָר אין יאָקאָהאַמאַ — אויך אין טאָקיִאָ, אין אָסאַקי, אין נאַהאַסאַקי, אין קאָבי און אין פיל אַנדערע שטעט פון יאַפּאָניע זײַנען אין אָט די טעג פאָרגעקומען פּראָלעטאַרישע דעמאָנסטראַציעס, און לענינס נאָמען האָט געשאַלט און גערופן צום קאַמף.

טאָלמאטשאָוו אין יאָקאָהאמא...

שפּאצירנדיק איינמאָל אין יאָקאָהאמא מיט מײַ־נעם א פריַײנט, האָב איך באמערקט, ווי עמעצער גייט אונדז נאָך פוסטריט. דאָס איז געווען א הויכוווּקסיקער פּארשוין פון א יאָר עטלעכע און פופציק, אָנגעטאָן אין א כאקי־פּרענטש, אין גא־ליפע־הויזן מיט שמאָלע רויטע קאנטן און אין הויכע אָפּיצערישע שטיוול.

דער פּארשוין האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אונדז און ניט זיכער א פרעג געטאָן:

— מײַנע הערן, איר זײַט רוסישע?

דערהערט פון אונדז, אז יאָ, מיר זײַנען פון רוסלאנד, האָט ער מיט א נעבעכדיקער מינע גע־בעטן, מיר זאָלן אים געבן פאררייכערן. די סיגא־רעטע האָט ער איבערגעבראָכן אפצווייען, איין העלפט זאָרגפעליק באהאלטן אין טאש פון פרענטש און די צווייטע העלפט ארײַנגעשטעלט אין מונדשטוק. פאררייכערט, געשמאק זיך פאר־צויגן, האָט ער באדאנקט און איז אוועקגעגאנגען.

אין דער זעלבער רעגע איז אונדז אנטקעגנגע־קומען א באקאנטער רעעמיגראנט, אן אָפּשטאמי־קער פון אָדעס.

— ווייסט איר כאָטש, וועמען איר האָט אָקאָרשט מעכאבעד געווען מיט א סיגארעטע? דאָס איז דאָך טאָלמאטשאָוו, דער געוועזענער גראדאָנאטשאלניק פון אָדעס.

טאָלמאטשאָוו! מיר האָבן א ווײַלע געקוקט איינער אפן אנדערן און מיטאמאָל אויסגעשאָסן א געלעכטער.

ס׳איז אונדז געקומען אפן זיקאָרן שאָלעם־אליײכעמס מײַסע, וויִאזוי דער שלימאזל דער דרייקאָפּ אווראָם מייערס האָט פארקויפט דעם גענעראל טאָלמאטשאָוו דרײַ יִידישע קאלענדארן.

...דער צארישער סאטראפּ און שווארצמייעניק טאָלמאטשאָוו — אין יאָקאָהאמא, און איך, יאנקל דוואָרקין, בין אויך אין יאָקאָהאמא. דער כילעק איז נאָר, וואָס איך און אזעלכע ווי איך, וועלכע זײַנען דורך די טאָלמאטשאָווס פאריאָגט געוואָרן פון דער היים, קערן זיך איצט אום צוריק אין אונדזער באנײַטן היימלאנד, און אים — טאָלמא־טשאָוון און זײַן גלײַכן האָט דאָס פאָלק אף שטענ־דיק ארויסגעמאָרדעוועט אינעם עמיגראנטישן מיסטקאסטן.

א קוריאָזע באגעגעניש? גיכער א סימבאָלישע. ווען ער איז געזעסן אף דעריבאסאָווסקע אין „פאנקאָני“, געזופּט די דופּטיקע קאווע און גע־ריטשעט „פּשאָל וואָן“, איז געוויס אים ניט געקו־מען אפן זינען, דעם אָדעסער אָבערפּאָגראָמ־

בוזי אָליעווסקי

בא לעבינעץ

ניט דער הימל אין הייך איז פון זון־פארגאנג רויט —
איבער געסלעך סע קלינגט מיט די ביינער דער טויט.
און עס שוידערט און גרוילט. און די רעטונג איז ווײַט,
איין קעלער דערווײַל האָט דער אומגליק פארמײַדט, —
אינעם קעלער איז שטיל, אינעם קעלער איז נאכט.
דאָרט האָבן אין גרויל זיך די יִידן דערטראכט:

זאָל לאָזן זיך איינער צו לענינען גיין,
זאָל לאָזן א מענטש זיך צו לענינען בעטן:
די רויטע ארמיי ער זאָל שיקן אין שטעטל...

נאָר לאָזן זיך הײַנט איז אף קידעש־האשעם,
עס קאָן אונטערוועגנס אן אומגליק געשען,
און אומקומען קאָן דער שאָליִעך דער יִיד.

און באשטימט האָט מען, פאָרן זאָל שימען דער שמיד,
ווײַל שימען דער שמיד איז א זאָקן א יִיד,

געקירצט.

שטשיק, אז אינגיכן וועט ער דארפן אף די גאסן פון יאָקאָהאמא אויסבעטלען א סיגארעטע. און באַ וועמען...

דער טויט-אורטייל

ענדלעך האָט זיך מיר אײַנגעגעבן ארויסצו־רײַסן זיך פון יאָקאָהאמא און זיך דערקלײַבן קיין כארבין. כ׳האָב זיך אינגיכן אײַנגעשלאָסן אין דער ארבעט פון דער כארבינער אונטערערדי־שער פארטיי־אָרגאניזאציע, און ווען די אמערי־קאנער אינטערווענטן האָבן זיך גענייטיקט אין איבערזעצער פון ענגליש אף רוסיש, האָב איך לויטן אופטראָג פונעם אונטערערדישן פארטיי־קאָמיטעט זיך אײַנגעאָרדנט אלס איבערזעצער אפן טאָמסקער אײַזנבאַן־וועג. דאָס האָט מיר גע־געבן א מעגלעכקײַט צו פירן אַן אויסשפיר־אר־בעט אין הינטערלאנד פונעם סוינע, הויפטזאכ־לעך אין טאָמסק, וואָס איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון סיביר.

אלס איבערזעצער זײַנען דורך מײַנע הענט דורכגעגאנגען א סאך העכסט וויכטיקע ידיִעס וועגן דער איבערדיסלאָקאציע פונעם פײַנטלעכן מיליטער, וועגן די אקציעס, וואָס ווערן געגרייט קעגן אונדזערע פארטיזאנישע אָטריאַדן. די דאָ־זיקע ידיִעס פלעג איך איבערגעבן דורך ספע־ציִעלע פארבינדלער.

צום באדויערן, האָט מײַן ארבעט אין הינטער־לאנד פון די ווײַסע געדויערט ניט לאנג. דעם 29 סענטיאבער 1919 האָט די קאָלטשאקישע קאָנטר־ראזוועדקע געמאכט אַן אונטערזוכונג אין מײַן צימערל אין טאָמסק אף דער סאָלדאטסקער גאס, נומ. 70. מ׳האָט געפונען עטלעכע בראָשורן אף ענגליש, וואָס ס׳האָט ארויסגעלאָזט אונדזער אונ־טערערדישע פארטיי־אָרגאניזאציע און וועלכע פלעגן פארשפרייט ווערן צווישן די ענגלישע און אמעריקאנישע סאָלדאטן, און א זײַטל פון אַן ענגלישן זשורנאל מיט לענינס א ווענדונג צו די ארבעטער פון ענגלאנד ארויסצווײַזן אינטער־נאציִאָנאלע סאָלידאריטעט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען גענוג, מ׳זאָל מיך באשולדיקן אין „מעלוכע־פאראט“ און אין „פארשפרייטן פאלשע קלאנגען וועגן דעם אויבער־רעגירער אדמיראל קאָלטשאק“. דעם 1 דעקאבער 1919 האָט דער מיליטערישער פעלד־געריכט אין טאָמסק ארויסגעטראָגן דעם אורטייל: „דעם בירגער דוואָרקין, אָפנעמענדיק בא אים אלע רעכט, פאר־מישפטן צום טויט דורך צעשיסן“.

אין אָט די טעג האָט די רויטע ארמיי פאַרגע־נומען א האסטיקן אָנגריף אף מיזרעך, די ווײַסע

און וואָס קאָן שוין אָנווערן שימען דער שמיד?
דאָס ווײַב איז געטויט, די טאָכטער געשענדט,
דער זון איז אוועק, און זײַן שטוב איז פארברענט.

האָט אָנגעטאָן שימען די שטיוול די הארטע,
דעם יאָלעם דעם שווארצן אריבער די אויערן,
דעם שאָפענעם פעלץ האָט ער אונטערגעגארטלט
און ענלעך געוואָרן איז ער צו א פויער.

די אויגן פון אונטער די שווערע צוויי ברעמען,
זיי קאָנען ארויסרופן כשאד און פארדאכט!
און ס׳זאָל א שווארציאַר אים אין וועג ניט דערקענען,
די יִידישע אויגן זאָל קיינער ניט זען,
האָט שימען אין וועג זיך געלאָזן באנאכט.

דורך כליופעניש וויסטער, דורך נאקעטע פעלדער,
דורך זומפן און קאָרטשעס געגאנגען איז שימען,
ביז א פארוואָרפנס אין כווישעך, אין עלנט,
א פאָלוסטאנאק האָט שימען געפונען.

א צוג איז געשטאנען.
ער קאָן ניט ארײַן:
די טירן פארהאקט, און די שויבן אָן שײַן.
נאָר פון א וואגאָן אינעם נאכטיקן פעלד,
פונוואנען ס׳האָט רויטלעך א הרובקע געהעלט,
ארויס איז מיט באָמבעס צום טיר א מאטראָס.

כּאַלעס זײַנען אין פּאַניק אָפּגעטראָטן פון טאָמסק און האָבן פּאַשעט ניט באַוויזן אויסצופּילן דעם טויט־אורטייל.

אינגיכן בין איך, צוזאַמען מיט א סאך אנדערע ארעסטירטע, געווען אף דער פרײַ. דער טאָמסקער רעווקאָם האָט מיך באשטימט אלס קאָמיסאר טאַקע פון דער זעלבער טפיסע, ווו איך בין געזעסן.

א בריוו צו לענינען

אָנהייב אפּרעל 1920. אין די באַדינגונגען פון פארביטערטן קאַמף קעגן די אויסלענדישע אינטערווענטן און ווײַסגוואַרדייער איז לויט לענינס פאָרשלאָג געשאפן געוואָרן די דעמאָקראַטישע בופער־מעלוכע — די ווײַטמיזרעכדיקע רעפּובליק, וועלכע האָט פאַרייניקט בײַ־בײַקאַל, טראַנס־בײַקאַל, אַמורער געגנט, פּרימאָריע, קאַמטשאַטקע און דעם צאָפן־טייל פון סאַכאַלין.

בעראָש פון דער ווײַטמיזרעכדיקער רעפּובליק איז געשטאַנען דער אַלטער באָלשעוויק אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש קראַסנאָשטשאָקאָוו. מיך האָט מען באַשטימט פאַר סעקרעטאַר פונעם קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערן־איניאָנים. די ווײַטמיזרעכדיקע רעפּובליק, ווי באַוווּסט, האָט עקזיסטירט ביזן 14 נאָיאַבער 1922, ווען זי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט רספסר. פאַר אָט דער צײַט איז אָפּגעטאָן געוואָרן א גרויסע ארבעט אפן געביט פוןווירטשאַפטלעכן אופבוי, פון פאָלקסבילדונג, קולטור און מעדיצין.

אין הארבסט 1920 האָבן די פראַנצויזישע און איטאַליענישע פירמעס פאָרגעלייגט צו פארקויפן דער ווײַטמיזרעכדיקער רעפּובליק א געוויסע צאָל אַוטאָמאַשינעס. באַצאָלן פאַר זיי האָט מען באַדארפט מיט גאָלד, און מיר האָבן דאָס אָן דער האַסקאָמע פון דער סאָוועטן־רעגירונג, נאַטירלעך, ניט געקאָנט טאָן.

מיר האָבן באַשטימט זיך ווענדן וועגן דאָזיקן איניען צו לענינען. אַלעקסאַנדער קראַסנאָשטשאָקאָוו האָט מיך באַופטראָגט אָנשרײַבן א בריוו פערזענלעך וולאַדימיר איליטשן. דעם 15 סענטיאַבער האָב איך אַזאַ בריוו אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע.

און אָט, דאָ ניט לאַנג, האָב איך געהאַט א גליקלעכע געלעגנהײַט ניט נאָר צו זען ווידער, נאָר צו באַקומען א פאָטאָ־קאָפּיע פון דעם דאָזיקן בריוו.

ווען דער פארטרעטער פונעם דירעקטאָר פון אינסטיטוט פון מארקסיזם־לעניניזם ראַטיסלאַוו אַלעקסאַנדראָוויטש לאַווראָוו האָט מיר באַוויזן אָט דעם דאָקומענט פון העכער פערציק יאָר צוריק, האָב איך גלײַך דערקענט דעם בלאַנק פון דער ווײַטמיזרעכדיקער רעפּובליק. נאָך ניט לייענענדיק

און עפּשער ווײַל שימענס פארפינצטערט געזיכט
דעם יונגן מאַטראָס האָט אַצינדער גערירט, —
עס האָט אים דער באָכער זיך זעצן געלאָזט.

און גוט, וואָס געווען איז איצט שימען דער שמיד
צעבראָכן אף טויט און ביז אומפאַלן מיד.
דער וואַגאָן האָט פאַרוויגט... ס'האָט שימען געטראַכט,
געטראַכט אַזוי לאַנג, ביז די אויגן פארמאַכט,
אַנשלאָפן געוואָרן, אין וואַנט אָנגעשפּאַרט.
געשלאָפן דעם טאָג,
געשלאָפן די נאַכט,
ביז ס'האָט קיין מאָסקווע דער צוג אים געבראַכט.

און האַרט בא די ווענט איז ער, שימען, געגאַן,
דעם זאַק אף די אַקסל, דער שטעקן אין האַנט.
און אינמיטן פון שטאָט אַז ס'איז שימען ארײַן,
דערזען ער האָט א רויטע וואַנט,

א רויטע וואַנט, מיט טורעמס אין הויך.
און שפּיציקע דעכער, וואָס טײַטן צום הימל.
א רויטע פאָן, און וואָלקנס, ווי רויך,
איבער די דעכער פון קרעמל זעט שימען.
דערנאָך ער דערזעט בא דער אוראַלטער וואַנט:
א וועכטער גייט אום מיט א ביקס אין דער האַנט.

דעם טעקסט, האָב איך אונטער אים באַ־מערקט מײַן כסימע, וואָס איז געווען אָנגעשריבן מיט רויטן טינט. א ביסל נידעריקער האָב איך דערזען צוויי רעזאָליוציעס, אָנגעשריבן מיט לע־נינס האַנט, אויך מיט רויטן טינט. אין דער רעכ־טער זײַט איז געשטאַנען: „כ. לעזשאַווע. אויסיי־צענען זיך מיט סקליאַנסקין. מע דאַרף וואָס גיכער דערלייזן און אָנעמען מיטלען (דאָס לעצטע וואָרט איז ניט קלאָר). 16/9 לענין".

און א צווייטע רעזאָליוציע פון דער לינקער זײַט: „אַזעלכע פאַפירן דאַרפן דירעקט אָפּגעשיקט ווערן אין נקווט[1], קעדיי ניט פאַטערן קיין צײַט. לענין".

אין די דאָזיקע צוויי רעזאָליוציעס זעען מיר בוילעט דעם לענינישן סטיל פון אַרבעט. דער בריוו איז געווען אָפּגעשיקט דעם 15 סענטיאַבער, און שוין דעם 16 סענטיאַבער האָט וולאַדימיר איליטש אים איבערגעלייענט און געגעבן די גע־העריקע אָנווײַזונגען. פּילבאַדײַטנדיק איז די צווייטע לענינישע רעזאָליוציע אין דער פאָרם פון א פּאָסטסקריפּטום. לענין האָט ווי געזאָגט צו אונדז: מײַדט אויס ביוראָקראַטיזם, איבעריקע אינסטאַנציעס, שיקט די דאָקומענטן דירעקט צו

[1] פּאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכן האַנדל (רו־סיש).

יענע פּערזאָנען און אַנשטאַלטן, וואָס זײַנען באַ־רופן פּראַקטיש צו דערלייזן די אָדער אַנדערע פּראָגעס, שוינט אײַער צײַט און די צײַט פון אײַערע כאַווירים...

איבערלייענענדיק די דאָזיקע רעזאָליוציע, האָב איך זיך דערפילט א ביסל שולדיק: מיר האָבן דאָך בעעמעס טאַקע אָפּגענומען בא איליטשן די טײַערע צײַט.

און דאָך בין איך געווען גליקלעך. די פּאָטאָ־קאָפּיע פון מײַן בריוו צו לענינען, וואָס כ'האָב דערנאָך באַקומען, היט איך ווי דאָס אויג אין קאָפּ, זי דערמאָנט וועגן אומפאַרגעסלעכע ברויי־זיקע טעג פון מי און קאַמף.

איליטשס האַשפּאָע

אין אַפּרעל 1921 האָט מען מיך אײַנגעלאַדן אַף אַרבעט אין פּאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערן־איניאַנים אַלס שעף־פאַרטרעטער פונעם אָפּטייל פון דיפּלאָמאַטישע קורירן. מיר איז אויסגעקומען גאַנץ אָפּט זיך באַגעגענען מיטן פּאָלקס־קאָמיסאַר געאָרגי וואַסיליעוויטש טשי־טשערין.

וועגן דעם דאָזיקן אָנגעזעענעם מעלוכע־טוער, וועלכער האָט אונטער לענינס אָנפירונג געפירט

נעמט פאַר אים שימען דעם יאָלעם אַראָפּ,
נייגט נידעריק אָן פאַרן וועכטער דעם קאָפּ:
— ווי גייט מען צו לענינען, ליבער, אַרײַן?

— ניין! — זאָגט דער וועכטער. — מע קאָן ניט אַרײַן...

גייט שימען אַוועק צו א וועכטער א צווייטן.
גייט ער אַוועק צו א שוימער א דריטן.
נאָר ערשט בא דעם טויער באַם לעצטן — באַם פערטן —
„זיידע, — געזאָגט האָט א יונגינקער וועכטער, —
אַז וואָס דאַרפסטו שטערן אים, אַלטיטשקער דו?
אַז גאַנצענע טעג און ער האָט ניט קיין רו.
צי שלאָפט זי, די וועלט, צי וואַכט זי, די וועלט,
נאָר גאַנצענע נעכט אַז זײַן פענצטערל העלט.
וועגן אַלעמען טראַכט, וועגן אַלעמען קלערט —
ס'האָט צאָרעס גענוג אונדזער רוסישע ערד.
איז גיי זשע זיך, זיידעניו, שפּאָר זיך ניט אײַן.
און ווידער גיי בעטן א דורכלאָז־שײַן...“

ווען ס'איז צו איליטשן די מײַסע דערגאַן,
אַז ס'וויל צו אים איינער א זאָקן אַרײַן,
האָט לענין באַפוילן די שומרים אַליין
זאָגן דעם אַלטן, ר'זאָל קומען צו גיין.

מ'האָט שימען דעם שמיד ערשט געפונען פאַרנאַכט.
מיטן קאָפּ אַף די קני, און די אויגן פאַרמאַכט,

די דיפלאָמאטישע שיף פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער מעלוכע, האָט מען ניט ווייניק געשריבן. איך וויל בלויז דערגאנצן דאָס הערלעכע געשטאלט פון געאָרגי וואסיליעוויטשן מיט א פּאָר שטריכן, וואָס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זיקאָרן.

וולאדימיר איליטש לענין האָט זייער געשעצט טשיטשערינען פאר זײַן באגאבטקײַט, פאר זײַן ברייטן מעלוכישן פארשטאנד און זעלבסטאָפּפערדיקער מי.

מיר, די מיטארבעטער פונעם פאָלקס־קאָמיסאריאט, האָבן געוווּסט, אז געאָרגי וואסיליעוויטש לייגט זיך געווײנלעך שלאָפן אזייגער זעקס אינדערפרי, טאקע דאָ, אין דעם קליינינקן צימערל, לעבן זײַן קאבינעט, און אזייגער עלף באטאָג איז ער שוין ווידער באם ארבעטס־טיש. די אויסלענדישע דיפלאָמאטן פלעגט ער, אלס קלאל, אופנעמען באנאכט.

געאָרגי וואסיליעוויטש איז געווען זייער א צוטריטלעכער, הארציקער און באשיידענער מענטש. איך געדענק אים אין אן אלטן אָפּגעטראָגענעם ברוינעם קאָסטיום. הארבסט־צײַט און ווינטער פלעגט ער טראָגן א העל־ברוינעם שארף פון גראָבער וואָל. זײַנע נאָענטע כאווירים האָבן אנומלטן געקראָגן א נײַעם קאָסטיום אף זײַן מאָס, און באנאכט, ווען ער איז געשלאָפן, האָט מען דעם נײַעם בעגעד אופגעהאנגען אפן בענקל לעבן זײַן בעט און דעם אלטן אוועקגעטראָגן. אופגעשטאנען פון שלאָף, האָט טשיטשערין אָנגעטאָן דעם נײַעם קאָסטיום און אפילע ניט באמערקט דעם פארבײַט.

געשפײַזט האָט ער זיך אין יענער הונגעריקער צײַט פונקט אזוי שלעכט ווי אלע מיטארבעטער פונעם פאָלקס־קאָמיסאריאט. אונדזערע געזאנדטע אין אויסלאנד פלעגן פון צײַט צו צײַט צושיקן פאר געאָרגי וואסיליעוויטשן ניט קיין גרויסע פעקלעך — א פּאָר שאָקאָלאדן, א ביסל פּוטער, וווּרשט, קעז, נאָר ער פלעגט קיינמאָל אפילע זיך ניט צורירן צו זיי.

— זײַט אזוי גוט, טיילט עס פאנאנדער די מיטארבעטער, — פלעגט ער שטענדיק בעטן די כאווירים פון זײַן סעקרעטאריאט.

טשיטשערין האָט געהונגערט באגלײַך מיט אונדז.

אין איינעם א טאָג, אזייגער צוועלף, האָט מען אין פאָלקאָמאט צונויפגערופן אן עקסטרע פארטיי־פארזאמלונג. מיר האָבן זיך געכידעשט: וואָס פלוצעם א פארטיי־פארזאמלונג אין דער ארבעטס־צײַט? וואָס האָט געקאָנט געשען? נאָר איניכן האָט זיך אלץ אויסגעקלאָרט. אָט וואָס עס האָט אונדז מיטגעטיילט קריסטאפּ קריסטאפּאָוויטש אבאָלין — דער פארטרעטער פונעם פאר־

מיטן זאק בא די פיס, מיטן שטעקן אין האנט
איז שימען געזעסן בא דער קרעמל־וואנט.
געזאָגט האָט דער וועכטער אים: לענין אליין
געבעטן אים קומען אין קרעמל צו גיין.

סע פירט אים דער וועכטער ארײַן אין א הויז,
און ס'האקן די קניִעס זיך אונטער פון שרעק,
ער זעצט זיך לעם לענינס צימער אוועק,
ער זיצט און ער טראכט, און דער סאָפעק איז גרויס:
וואָס זאָל ער בעטן? און וואָס זאָל ער טײַנען? —
פעטליורע. און שכיטע. און טויט — אף אוקרײַנע...

און וואָס איז דאָס וואָרט דען?
און וואָס זײַנען רייד?..
...און פלוצעם אין שטילקײַט דערהערט ער — מע גייט.

— גוט ב'אָוונט, — זאָגט לענין און עפנט די טיר. —
איך בין עס לענין, און ביטע — צו מיר!

און לענין, ווי זײַן וואָלט זײַן אלטער באקאנטער,
דאָס געלבלעכע בערדל פארקוועטשט אין דער האנט,
דעם קאָפּ אף א זײַט און פארזשמורעט אן אויג,
נעמט שימענען פרעגן,
דערציילן ער בעט אים,
וואָס מערער דערציילן זאָל שימען אצינדער:
ער פרעגט אף דעם ווײַב,
פרעגט זיך נאָך אף די קינדער,

וואָלטער מיט די איניאַנים פונעם פּאָלקס־קאָ־מיסאַריאַט: הײַנט, בײַס געאָרגי וואַסיליעוויטש האָט אָפּגעגעבן א באַריכט לענינען, איז אים ניט גוט געוואָרן, און ער איז געפאַלן כאַלאַשעס. וולאַ־דימיר איליטש האָט פאַראָרדנט אַרויסרופן פון קרעמל־שפּיטאָל דעם דאָקטער לעווין.

— טשיטשערין איז געפאַלן כאַלאַשעס פון הונגער, — האָט געזאָגט דער דאָקטער.

וולאַדימיר איליטש האָט פאַרבעטן צו זיך דעם פאַרוואַלטער מיט די איניאַנים פונעם פּאָלקס־קאָמיסאַריאַט פּאַוועל פּעטראָוויטש גאָרבונאָוו. דער שמועס צווישן לענינען מיט גאָרבונאָוון איז אינקורצן אַזאַ: וולאַדימיר איליטש האָט געזאָגט, אַז ווי מיר זאָלן ניט זײַן אָרעם, זײַנען מיר דאָך אימשטאַנד צו באַזאָרגן מיט שפּײַז טשיטשערי־נען. אַזעלכע מענטשן, ווי געאָרגי וואַסיליעוויטש, דאַרפן מיר באַזונדערס אָפּהיטן, קיין סאַך טשי־טשערינס האָבן מיר ניט...

— איך לייג אָף אײַך אַרויף די פולע אַכרײַעס פאַר טשיטשערינס געזונט, — האָט פאַרענדיקט וולאַדימיר איליטש.

אופגערודערטע זײַנען מיר זיך פאַנאַנדערגע־גאַנגען פון דער פאַרזאַמלונג. ס'איז געווען וועגן וואָס א קלער צו טאָן. אין א סאַך שטריכן פון טשיטשערינס כאַראַקטער, אין זײַן סטיל פון אַרבעט, אין זײַן פּערזענלעכן לעבן, אין זײַן באַ־ציִונג צו כאַווײרים האָט זיך געפילט בוילעט די גרויסע האַשפּאָע פון לענינען.

איך זע וולאַדימיר איליטשן

דער לעצטער דעקאַבער־טאָג פון 1921. עס קלינגט דער טעלעפאָן:

— ס'רעדט גאָרבונאָוו. כאַווער דוואָרקין, הײַנט זעקס אַזייגער אָפּדערנאַכט וועט אין קרעמל פאָרקומען א זיצונג פונעם קלײנעם סאָוו־נאַרקאָם. ס'וועט באַהאַנדלט ווערן די פראַגע וועגן די מאַרשרוטן פון די דיפּקוריערן...

פּאַוועל פּעטראָוויטש גאָרבונאָוו האָט מיר גע־געבן א צײַגעניש, וואָס באַפולמעכטיקט מיך אָנ־טיילצונעמען אין דער זיצונג.

ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די עט־לעכע שאָ, וואָס זײַנען פאַרבליבן ביז זעקס אַזײ־גער, בין איך געווען גוט פאַרדרײַגעט. עס קאָן דאָך פּאַסירן, אַז מיט דער דאָזיקער זיצונג זאָל אָנפירן לעניך, עס קאָן אויך טרעפן, אַז מ'זאָל מיר פאַרגעבן פאַרשיידענע פראַגעס, און לעניך אַליין קאָן, עפשער, אויך באַ מיר עפּעס פרעגן.

און ווי איז מיט ברויט,
און וואָס הערט זיך אין שטעטל...

ס'הייבט אָן גיין א רעגן. ער פּויקט אין די שויבן,
און ווינטיקער ווערט אינעם צימער, און נאַכטיק,
נאָר לענין שליסט אײַנעט דאָס לעמפּל פון אויבן —
בלײַבט שטיין מיטאַמאָל באַ צעהאַנגענער קאַרטע,

און דאָרט, ווו אוקרײַנע, פאַרהויבן די אויגן,
נעמט לענין אָף קאַרטע מיט פינגער דעם דינעם
זוכן דאָס שטעטל, פונוואַנען ס'איז שימען...
זוכט עס און זוכט עס, און קאָן ניט געפינען.

בעט ער באַ שימענען זאָגן אים קלאָרער,
נאָכאַמאָל זאָגן, ווי ס'שטעטעלע הייסט...
ס'איז אופגערעגט לענין — ער רעדט שוין מער גאָרניט,
ווײַל וואָס איז אַצינדער, אין גרוילן, די טרייסט?

און ווי ס'וואָלט געוואָרן שימענען לינדער,
אין האַרבסטיקן פענצטער פאַרקוקט ער זיך לאַנג
און הערט, ווי פון פלאַץ פונעם רויטן אַצינדער
דערטראָגט זיך אַהערצו א מונטער געזאַנג.

— דאָס גייט אָפּן פראָנט, — זאָגט אים לענין, — א פּאָלק...
דער שטורעם דערגרייכט א מעשוגענע קראַפט!..
נאָר שטאַרקער אַצינדער זיך האַלטן מע דאַרף,

בא די באַראָוויצקער טויערן פֿון קרעמל באַוויַיז איך מיַין ציַיגעניש און באַקום א דורכלאָזשיַין. מיַין זייגער האָט מיך אָפּגענאַרט, און אין לענגלעכן זיצונג־זאַל בין איך אַריַינגעקומען צוויי מינוט נאָך זעקס. בא א לאַנגן טיש, באַדעקט מיט א גרינעם געוואַנט, זיַינען שוין געזעסן א מענטשן פּופֿצן. כ׳האָב גליַיך דערזען לענינען. ער איז געזעסן פּונקט אַנטקעגן מיר. זיַין געזיכט האָב איך נאָך דערוויַיל שלעכט געזען, וויַיל וולאַדימיר איליטש איז געזעסן פֿאַרנייגט דעם קאָפּ איבער א בויגן פּאַפּיר און מיט א בליַישטיפֿט עפּעס אָפּגעמערקט.

אין א וויַילע אַרום האָט וולאַדימיר איליטש אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויסגענומען פֿון דעם לינקן טאַש פֿונעם וועסטל א גרויסן קיַילעכדיקן זייגער, אים אָוועקגעלייגט אויפֿן טיש און געזאָגט:

— ס׳איז דריַי מינוט נאָך זעקס. ציַיט אָנצוהייבן.

איצט האָב איך שוין געזען לענינען זייער בוילעט. כ׳האָב א טראַכט געטאָן: ניין, ער איז פֿונדעסטוועגן ניט אַזאַ ווי אויף די פּאָרטרעטן.

איך קוק אויף איליטשן, און ס׳דוכט זיך מיר: עס צערוקן זיך די ווענט פֿונעם קרעמל־זאַל, און איך דערזע לענינען אין טשיקאַגאָ, אויף דער באַגיַיסטערטער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן זיגריַיכן אָקטאָבער־אויפֿשטאַנד אין פּעטראָגראַד; איך דערזע אים אויף די גאַסן פֿון יאָקאָהאַמאַ בעראָש פֿון די טויזנטקעפּיקע דעמאָנסטראַנטן־קאָלאָנעס; איך דערזע איליטשן אין דער טורמע־קאַמער אין טאָמסק, וווּ איך וואַרט אויפֿן טויט. לענין שטייט לעבן מיר, דערמוטיקט מיך, ווענדט אָפּ פֿון מיר דעם שוידער.

איך דערהער ווידער לענינס שטים:

— די פּראָגראַם פֿון אונדזער זיצונג איז א גרויסע — זעקס און דריַיסיק פּראַגעס. איך מיין, אַז אַלע פּראַגעס וועלן מיר דאָ היַינט ניט קאָנען לייזן. לייג איך פֿאָר איבערלאָזן בלויז א טייל פֿון זיי (רעכנט איבער וועלכע), און די איבעריקע דערלויבט מיר צו דערלייזן אין דער פּראַקטישער אַרבעט... די כאַוויירים, וואָס זייערע פּראַגעס וועלן ניט באַהאַנדלט ווערן, זיַינען פֿריַי.

אויך „מיַין" פּראַגע האָט וולאַדימיר איליטש גענומען אויף פּראַקטיש צו דערלייזן זי.

איך האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און צוזאַמען מיט אַנדערע כאַוויירים אַרויסגעגאַנגען פֿונעם זיצונג־זאַל. דערנאָך האָב איך כאַראָטע געהאַט: באַדאַרפֿט פֿאַרבליַיבן, וויַיל ווען וועט מיר נאָכאַמאָל אויספֿאַלן דאָס גליק צו זען לענינען?

יאַקאָוו דוואָרקין

און העכער דעם קאָפּ נאָך אין ציַיטן אין שווערע...
כ׳האָב ליב איַיער העלדיש און ליַידנדיק פֿאָלק,
נאָר ס׳וועט זיך זיַין פּיַין שוין ניט אומקערן מערער;

און ענדיקן זאָלן די קריגן זיך נאָר,
און זאָל זי זיך איַינשטילן, די זאַווערוכע,
און יידן פֿאַר רעכטלאָזע טויזנטער יאָר,
זיי וועלן זיַין פֿריַי שוין אין אונדזער מעלוכע,

און ס׳ערשטע מאָל וועט איר דאָ האָבן א היים,
פֿאַרגיין וועט די סינע,
ס׳וועט דורך דער געוויין —
מיט פֿעלקער מיט אַלע זיך בויען א לאַנד. —

און אַליין, א דערמונטערטער, גיט אים די האַנט
און זעט, ווי אַפּסניַי בא דעם ייד אין די אויגן
גייט אויף די פֿאַרגאַנגענע זון איצט צוריק.
און העכער דעם קאָפּ צו דעם יידן פֿאַרהויבן,
לענין באַגלייט אים און ווינטשט אים גליק...

...דערפֿרייט און דערשיטערט, פֿון נאַכטיקן הויז
אין קרעמל האַלב פֿינצטערן גייט ער אַרויס.
ער שטעלט בא דער וואַנט פֿונעם קרעמל זיך אָפּ.
צום ציגל דעם רויטן דריקט צו איצט דעם קאָפּ
און זעט, ווי אין האַרבסטיקן גרוי פֿון דער וועלט
לענינס איינציקער פֿענצטער די שטאָק־נאַכט באַהעלט...



קינסטלער — ד. באַראַנאָווסקי, מ. קליִאַנסקי

אילײַטשס באַליבטע קאָמפּאָזיטאָרן

אין 1919 איז לענין בײַגעווען אף א נײַיאָר־יאָלקע אין איינער א שול אין סאָקאָלניקי.

— וואָס זאָל איך שפּילן פאר וולאדימיר איליטשן? — האָט געפרעגט בא קרופּסקען דער פּיִאַניסט סאמויִל פײַנבערג.

— שפּילט, זײַט אזוי גוט, שאָפּענס פּרעליודיעס, — האָט געבעטן נאדעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא, — וולאדימיר איליטש האָט זיי זייער ליב...

וועגן אָט דעם פאל האָט אין אן אינטערוויו פאר דער פּרעסע דערציילט דער לענינגראַדער מוזיק־פאָרשער סאָפיִא מיכײַלאָוונא רענטאָווא. זי האָט דערמאָנט וועגן דעם אלס א באווײַז, אז לענין האָט ליב געהאט שאָפּענען, קאָן זײַן, ניט ווייניקער, ווי בעטהאָווענען.

— צוערשט, — דערציילט ס. מ. רענטאָווא, וועלכע שטודירט שוין יאָרנלאנג די מוזיקאלע אינטערעסן פון די אוליאנאָווס, — איז עס געווען ניט מער ווי מײַנע א האשאָרע, צו וועלכער כ׳בין געקומען, לייענענדיק דאָס ביכל פונעם באוווּסטן סאָוועטישן מוזיק־פאָרשער באָריס אסטאפיעוו „שאָפּען. א פּרוּוו פון א כאראקטעריסטיק“. דאָס דאָזיקע ביכל האָב איך דערזען אין וו. אי. לענינס ביבליִאָטעק אין קרעמל צווישן די זעקס און צוואנציק מאָנאָגראפיעס וועגן מוזיק, וואָס וולאדימיר איליטש האָט גענומען אין די ביבליִאָטעקן פאר די יאָרן 1919—1923. די זײַטלעך זײַנען געווען אופגעשניטן: הייסט עס, אז איליטש האָט זיך באקאנט מיט דעם ערשטן סאָוועטישן ווערק וועגן שאָפּענען.

אין די קינדער־יאָרן איז לענין, ווײַזט אויס, ווייניק געווען באקאנט מיט בעטהאָווענס ווערק. ערשט אינעם רײַפן עלטער האָט ער בעטהאָווענען באזונדערס ליב באקומען. מיט שאָפּענס פּיעסעס האָט איליטש זיך באקאנט זייער פרי. ס׳האָט זיי ליב געהאט שפּילן די שוועסטער אָלגא. די ליבע צו שאָפּענען, ווי צו בעטהאָווענען, האָט לענין דורכגעטראָגן דורך זײַן גאנץ לעבן. זומער 1913, אין דער שווייץ, האָט לענין געהערט שאָפּענס פּרעליודיעס אין דער אויספירונג פונעם באָלשעוויק מיכאיִל קעדראָוו.

אינטערעסאנטע דאָקומענטן האָט ס. מ. רענטאָווא אָפּגעזוכט אין די ארכיוון פון קראָקע. אין

דער צײַט, ווען וו. אי. לענין האָט זיך דאָ געפּו־
נען אין עמיגראַציע, האָט די שטאָט נאָך אַלץ
געלעבט אונטערן אײַנדרוק פון די פײַערונגען,
וואָס זײַנען פאַרגעקומען לעקאָוועד שאָפּענס
100־טן געבורטסטאָג. „מיר האָבן זיך צונויפ־
געלייגט און גענומען אַן אַבאָנעמענט״, —
שרײַבט קרופּסקאַיאַ צו מאַריאַ איליניטשנאַ
אוליאַנאָווא אין דעקאַבער 1913. אין יענער צײַט
זײַנען פאַרגעקומען שאָפּען־אָוונטן, אַף וועלכע
עס זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אַרטור
רובינשטיין, קאַרעל שימאַנאָווסקי און יעזשי
ליאַליעוויטש.

אין דער זאַמלונג, וואָס ס. מ. רענטאָווא גרייט
איצט, זײַנען פאַרגעשטעלט מיט אָפּהאַנדלונגען
וועגן שאָפּענען די גרעסטע מוזיקער פון אונדזער
צײַט. אַ בעקאָוועדיק אָרט אין אָט דער זאַמלונג
וועט פאַרנעמען אַ דאָקומענט, אין וועלכן די
יונגע סאָוועטן־רעפּובליק פאַרעכנט שאָפּענען
אַלס „איר בירגער״; ער איז דער איינציקער פון
די אויסלענדישע קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס שטייט,
באַנאַנד מיט מוסאָרגסקין און סקריאַבינען,
אינעם צעטל פון די „גרויסע טוער פון סאָציאַ־
ליזם, פון דער רעוואָליוציע״, וועמען ס'איז
באַשלאָסן געוואָרן אוועקשטעלן דענקמעלער.

דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט אין 1918 אונ־
טערגעשריבן דער פאַרזיצער פונעם ראַט פון די
פאָלקס־קאָמיסאַרן וו. אוליאַנאָוו (לענין).

דער פּראָפּיל אַפן אָרדען

„דער לענין־אָרדען איז די העכסטע באַלוינונג
פון אונדזער מעלוכע. איך בעט אײַך זייער
מיר ענטפערן, ווען און ווער האָט עס געמאַכט
די פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין
יעסאָד פונעם פּלאַטינענעם באַרעליעף פונעם
פירער אַף דעם אָרדען״.

מיט דער דאָזיקער באַקאָשע פונעם לייענער
פון דער שטאָט ראָסטאָוו ס. וואָראָביאָווסקי האָט
זיך באַקאַנט דער פאַרוואַלטער פון דער סעקציע
פון קינאָ־פאָטאָ־דאָקומענטן באַם צענטראַלן
פּאַרטיי־אַרכיוו א. א. פּעטראָוו, און אָט וואָס ער
האָט וועגן דעם דערציילט:

...מיר בלעטערן דעם קאַטאַלאָג פון די פאָטאָ־
גראַפיעס פון וו. אי. לענינען. עס ציט צו די
אופמערקזאַמקײַט איינע אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס
איז געמאַכט געוואָרן אינעם אַנדריייעווער זאַל
פונעם גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ אַף אַ זיצונג פונעם
III קאָנגרעס פון קאָמינטערן. לענין זיצט אַף
אַ בענקל, אָנגעשפּאַרט אינעם הינטערשטן
ווענטל. עס טיילט זיך בולעט אויס דער פּראָפּיל
פון זײַן געזיכט. דער קאָפּ איז באַ אים עטוואָס
פאַרהויבן, ער הערט אופמערקזאַם דעם רעדנער.

טאַקע אָט די פאָטאָגראַפיע האָבן אויסגענוצט
די קינסטלער באַם צוגרייטן דעם עסקיז פונעם
אָרדען. וולאַדימיר איליטשן האָט פאָטאָגראַפירט
וויקטאָר קאַרלאָוויטש בולאַ — דער זון פונעם
באַוווּסטן פּעטראָגראַדער פאָטאָ־מײַסטער.

אינעם צענטראַלן פּאַרטיי־אַרכיוו געפינען זיך
צוואַנציק פאָטאָ־בילדער פון וו. אי. לענינען,
וועלכע בולאַ און אַנדערע מײַסטערס האָבן
געמאַכט בעשאַס די זיצונגען פונעם III קאָנ־
גרעס פון קאָמינטערן דעם 28 יון און דעם
1 און 5 יול 1921. אָט האָט איליטש זיך אופגע־
הויבן אַף דער טריבונע און ווענדט זיך צו די
דעלעגאַטן מיט אַ באַגײַסטערטער רעדע. אין
זײַנע אויגן, אין די זשעסטן שפּירן מיר אַ ריזיקע
אינערלעכע קראַפט און איבערצײַגטקײַט.

דער פאָטאָ־אָביעקטיוו האָט פאַרפיקסירט דעם
מאָמענט, ווען וולאַדימיר איליטש זיצט אײַנגע־
מאָסטעט אַף די טרעפּלעך, פאַרשרײַבט עפּעס,
גרייט זיך, מעגלעך, צו אַן אָרדנטלעכער אַרויס־
טרעטונג. אַף די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס זעען
מיר לענינען אי אַלס אַן אָראַטאָר, אי אַלס אַ דענ־
קער, אי אַלס אַן אופמערקזאַמען צוהערער.

אַף איינער אַ פאָטאָגראַפיע שרײַבט עפּעס
לענין קאָנצענטרירט, האַלטנדיק דעם בלאָקנאָט
אַף די קני. לינקס פון אים מאָלט אי. אי. בראָד־
סקי — דעמלט נאָך אַ יונגער קינסטלער — דעם
פאָרטרעט זײַנעם, סטאַרענדיק זיך אופצוכאַפּן די
כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זײַן געזיכט, די
זשעסטן און באַוועגונגען.

אין דער דאָזיקער פאָטאָגראַפיע, ווו וולאַדימיר
איליטש זיצט פאַרנייגט איבערן בלאָקנאָט, דער־
קענען מיר אי. אי. בראָדסקיס באַרימט בילד
„וו. אי. לענין אין סמאָלני״.

באַם שאַפן דעם פּלאַטינענעם באַרעליעף
פונעם פירער אַף דעם לענין־אָרדען האָבן די
קינסטלער זיך באַנוצט מיט די פאָטאָגראַפיעס,
וואָס ס'האָט געמאַכט וו. ק. בולאַ, און מיט די
געמעלן פון אי. אי. בראָדסקי.

די אויספירעמונג פונעם מעדאַליאָן־פאָרטרעט
פאַרן אָרדען אין מעטאַל האָט פאַרווירקלעכט
דער הויפּט־מאָדעליר פונעם לענינגראַדער
„מאָנעטני דוואָר״ א. פּ. וואַסיוטינסקי.

פון אמאָל און פון איצט

ווי נעמט מען?

ווי נעמט מען פאר שאָלעם הארצמאנען כאָטש נאָך א דרייַ שאָ אין מעסלעס? א גאנצן טאָג איז ער פארהאוועט, א גאנצן טאָג איילט ער זיך. הייַנט דאָס גענגעלע זייַנס! די פיס שטעלט ער עפּעס טשיקאווע, אזוי, אז די שפּיצן פון די שיך קוקן אינווייניק, ווי זיי וואָלטן געפלאָכטן א צעפּל. ס'קאָן זייַן, ווען ער זאָל טראָגן שמעלערע הויזן, וואָלט עס אויסגעזען אנדערש, נאָר אזוי באָמבלען זיך זייַנע פיס אין די קאָלאָשעס, ווי אין ברייטע קליידלעך. וואָלט ער כאָטש געגאַנגען פּאַוואָליע, הייבט זיך גאָר ניט אָן! אָט שפּאנט ער איצט מיט צוויי פולע אוואָסקעס, אָנגעפּאקטע מיט פלעשער, סלאָיִקלעך, פאזע די צוועלפשטאָקיקע הייַזער, פארבייַ די טעלעפאָן־בודקעס, פארבייַ די בערעזעס.

די באָבעס, וואָס לופטערן זיך מיט די אייניקלעך, לאכן אין די הויפנס. כאָטש שאָלעם איילט זיך, באמערקט ער עס דאָך. ער טוט א קערעווע צו זיי דעם קאָפּ, גיט א קוועטש מיט די פּלייצעס און ווארפט זיי צו א גלייַכוואָרט: „פון די מיסטן צו די פירשטן איז טאקע צום לאכן". און ער שפּאנט ווייַטער. די הויזן באָמבלען זיך, די סלאָיִקלעך מיט די פלעשער קלינגען. נאָר אָט ווערט ער פארשוווּנדן צווישן די בערעזעס. זייַן גענגעלע ווערט געמאָסטענער, וואָרעם ס'איז אים לאכלוטן איבעריק, אז דאָס ווייַב זאָל אים דערזען דורכן פענצטער. אין פלוג האָט ער באדארפט גיין אין קלייט נאָך ברויט, נאָך מילך, נאָך פיש־פּיליע, אלץ האָט דאָס ווייַב אריינגעשריבן אין צעטעלע. אָבער ער איז אריינגעלאָפן צו דער שכיינע, צו יעוודאָקיִא פּעטראָוונען. זי ליגט, זי האָט א היפּערטאָניע־קריז, די פּענסיע וועט מען איר ברענגען דעם פופצעטן, הייַנט איז דער צוועלפטער, האָט שאָלעם אויסגערעכנט, אז א דרייַערל פארן גלאָזווארג וועט זייַן ניט איבעריק. און כאָטש די שכיינע האָט געטייַנעט „איך וועל זיך באגיין", האָט ער געטאָן ווי ער פארשטייט.

צוגעקומען צו דער פּאלאטקע, ווו די אייַנוווינער פון מיקראָראיאָן שטייען אין ריי אָפּ אָפּגעבן פוסטע פלעשער, האָט שאָלעם פּאוואָליע אוועקגעשטעלט ביידע אוואָסקעס לעבן א פולן רוקזאק און געבעטן דעם באלעבאָס פון רוקזאק, אז אויב עמעצער וועט קומען, זאָל ער אזוי גוט זייַן זאָגן, אז דער לעצטער איז ער און אז ער וועט באלד זיך אומקערן. שאָלעם איז אריינגעלאָפן אין קראָם, האָט אייַנגעקויפט אלץ, וואָס דאָס ווייַב האָט אויסגערעכנט אין צעטעלע, האָט זיך צוריקגעקערט צו דער פּאלאטקע, צוגעוואַרט, ביז מע האָט פארנומען נאָך אים א ריי, און איז אוועקגעלאָפן צום טעלעפאָן־אווטאָמאט.

דאָ זייַנען געשטאנען נאָך עטלעכע מענטשן.

— כאווייירים, איך דארף ארויסרופן א דאָקטער.

איינע אַ פֿרײַלן, באַ וועלכער די פֿיס זײַנען געווען צו דיק און צו לאַנג פֿאַרן קורצן קליידל, האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַלע זײַנען מיר קראַנק.

— איך ווינטש אײַך, איר זאָלט זיך טאָמיד פֿילן בעסער, ווי איצט, — האָט שאָלעם געזאָגט צו איר און האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין טעלעפֿאָן־בודקע.

דער אויטאָמאַט איז געווען אַ לײַטישער, ער האָט גלאַט אַזוי קיין מאַטבייעס ניט געשלונגען. נאָר ווען שאָלעם האָט אופֿגעהאַנגען דאָס טרײַבל אפֿן העקל, האָט אין מאַטבייע־שאַכטעלע אַ קלונג געטאָן. שאָלעם האָט אַהין אַרײַנגעשטעקט אַ פֿינגער, אַרויסגענומען צוויי מאַטבייעס צו צוויי קאָפּעקעס, אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל איין מאָל און נאָך אַ מאָל, פֿאַטער געוואָרן פֿון דעם רעוועד און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿונעם אויטאָמאַט.

די ריי באַ דער פּלאַטקע האָט זיך געררוקט פּאַוואָליע. ער האָט באַוויזן דורכצוקוקן די „פּראַוודאַ“. פֿאַר דעם גאַנצן גלאַזוואַרג, וואָס ער האָט אין גרויס אָרדענונג אוועקגעשטעלט אַף דער ברייטער ברעט באַם קליינעם פֿענצטערל, האָט ער אויסגעלייזט דרײַ רובל מיט פֿופֿציק קאָפּעקעס. נאָכדעם איז שאָלעם אוועקגעפֿאָרן אין דער נאָענטסטער אַפּטייק, וועלכע איז געווען פֿונדאַנען אַ האַלבע שאָ מיט דער מעטראָ.

אין אַפּטייק האָט שאָלעם געקויפֿט רעזערפֿין פֿאַר יעוודאָקיאַ פּעטראָוונען, שיפּאָווניק־סיראָפּ פֿאַר זײַן אייניקל, קאָרוואַלאָל פֿאַר זײַן ווײַב, פֿאַר זיך גופֿא אַ מיטל צום שלאָפֿן, ווײַל די לעצטע צײַט כאַפּט ער זיך אויף צוויי אַזייגער באַנאַכט.

ווען ער איז געקומען אַן אַנגעלאָדענער מיט דעם אַלעמען אין שטוב, האָט דאָס ווײַב שוין געהאַט פֿאַר אים צוגעגרייט צוויי פֿראַגן. די ערשטע פֿראַגע:

— יעוודאָקיאַ פּעטראָוונאַ האָט אַ זון, זאָל לאַנג לעבן, ער איז פֿרײַ שאַבעס און זונטיק און ער ווייסט, אַז זײַן מאַמע איז זייער קראַנק. צי דען?..

די צווייטע פֿראַגע:

— פֿאַרוואָס דאַרפֿסטו זיך זאָרגן פֿאַרן גאַנצן מיקראָראַיאָן?

אַף דעם האָט שאָלעם קאַלטבלוטיק געענטפֿערט:

— ערשטנס, איז דער זון געזונט און די מאַמע איז קראַנק. צווייטנס, שאַצסטו איבער מײַנע מעגלעכקײַטן. אָבער נאָכמיטיק מוז איך פֿאָרט אוועקגיין.

— וואָס איז שוין ווידער?

— צו באַסיע דאַווידאָוונע איז געקומען אַ פּרווי מיט אַ מיידעלע פֿון אופֿאַ. באַסיע האָט געוווינט באַ דער פּרויס מוטער בייס דער עוואַקואַציע. דאָס מיידעלע האָט אַ קראַנק הארץ און נייטיקט זיך אין אָן אָפּעראַציע, פֿאַרשטייסטו?

— איך פֿאַרשטיי, אָבער באַסיע דאַווידאָוונע איז דאָך אַליין אַ דאָקטער. זי ווייסט בעסער פֿון דיר, ווו אַ טיר עפֿנט זיך.

— זי איז דאָך אַן אָקוליסט, דאָס מיידעלע דאַרף אַ קאַרדיאָלאָג, — האָט שאָלעם זאַכלעך אופֿגעקלערט.

גיך אָפּגעגעסן, אָנגעטאָן דעם גרויען אַנצוג, דעם גרינלעכן גאַבאַרדין־בעגעד, די גרויע הוט מיט די געדיכט־דורכגעשלאָגענע לעכעלעך, ווי אַ דורשלאַג פֿאַר דינע לאָקשן.

— דעם שניפּס! — האָט דאָס ווײַב אויסגעשריִען.

שאָלעם האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געעפֿנט די טיר און געלאָזט וויסן:

— ווען איך וועל קומען, ווייס איך ניט!

— קום כאָטש, אַפֿילע אויב דו וועסט פֿאַרשפּעטיקן!

צום שפּיטאָל פֿאַר האַרץ־קראַנקע איז שאָלעם געפֿאָרן באַ אַ שאָ צײַט. עס האָט אים אָפּגע־גליקט און ער האָט געטראָפֿן דעם הויפּט־דאָקטער. אָבער שאָלעם איז געווען אויסער־זיך, ווען דער הויפּט־דאָקטער האָט געזאָגט:

— פֿון אופֿאַ? דאָס איז אומעגלעך. אין אונדזער שפּיטאָל ווערן אָנגענומען נאָר מאָסקווער.

— כאַווער הויפּט־דאָקטער, איך קאָן ניט ברענגען אַזאַ ענטפֿער דער מוטער. די מוטער באַוואַשט זיך מיט טרערן גאַנצע טעג. דאָס מיידעלע איז אַלט צוועלף יאָר, לערער גייען צו איר אַהיים, זי לערנט זיך ליגנדיק אין בעט. עס איז זייער אַ שיין, פֿייַיק קינד. דערלויבט, איך זאָל ברענגען דאָס מיידעלע, וועט איר אַליין זען.

— טײַערער כאַווער, איר זײַט אַ קאָמישער מענטש. באַ מיר איז אין אַ שאָ אַרום אַ קאָמ־פּליצירטע אָפּעראַציע.

— איך פֿאַרשטײ, אַז איך בין ניט נאָר קאַמיש, נאָר עפּשער לעכערלעך, אָבער די מוטער מיט איר קינד קאָנען צוריק קיין אופֿא ניט פֿאָרן אין אַזאַ צושטאַנד.

— די מוטער איז אײַערע אַ קרוֹיווע?

— ניין, נאָר אַף וויפֿל זי איז אַ מאַמע מיט אַ קראַנק קינד, איז זי אײַערע גאָר אַ נאָענטע קרוֹיווע, — האָט שאָלעם קלוימערשט זיך געוואָרטלט.

— קומט מיט מיר צום דירעקטאָר פֿון שפּיטאָל, — האָט דער דאָקטער פֿאַרגעלייגט.

דער דירעקטאָר האָט אויסגעהערט, וואָס דער הויפּט־דאָקטער האָט געזאָגט, וואָס שאָלעם האָט געטײַנעט, און האָט געהייסן מאָרגן ברענגען דאָס מיידעלע.

צוויי כאָדאָשים נאָך דער אָפּעראַציע איז דאָס מיידעלע געלעגן אין שפּיטאָל. אַ טאָג איז צו דעם מיידעלע געפֿאָרן באַסיע דאַווידאָוונע, אַ טאָג שאָלעם, ווײַל די מוטער האָט געהאַט נאָר איין כוידעש אורלויב. דערנאָך האָט שאָלעם זיך דערשלאָגן אַן אומזיסטע פּוטיאָווקע אין אַ קינדער־סאַנאַטאָריע. נאָך דער סאַנאַטאָריע האָט באַסיע דאַווידאָוונע אַוועקגעפֿירט דאָס מיידעלע קיין אופֿא.

איצט האָט שאָלעם אַ נײַע דײַגע. אַ נאָענטן כאַווערס אַ טאָכטער, וואָס וווינט ערגעץ לעבן דאַנילאָווער מאַרק מיט צוויי קינדער, איז געקומען צו שאָלעמען אַ פֿאַרלוירענע און אַ צעררודערטע. זי האָט דערציילט, אַז מע טראָגט אַראָפּ די הילצערנע שטוב, וווּ זי וווינט, און מע גיט איר אַ דירע אין אַ קאָמונאַל הויז פֿון אַלטן פֿאָנד. דעם זעלבן טאָג איז שאָלעם אַוועק אין מאָסקווער שטאָט־סאָוועט, און ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט אַן אינספּעקטאָר. דער אינספּעקטאָר האָט אים אויסגעהערט און האָט געפֿרעגט:

— דאָס איז אײַער טאָכטער?

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז דאָס איז מײַן פֿרײַנטס טאָכטער, און ס'האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז זי איז צו זיבן יאָר געבליבן אָן טאַטע־מאַמע, האָט זיך דערצויגן אין אַ קינדערהיים. איצט איז זי אַ מאַמע פֿון צוויי קינדער אָן אַ טאַטן — איר מאַן איז געשטאָרבן פֿון אַן אינפֿאַרקט. איך קאָן מיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז די סאָוועטנמאַכט זאָל זיך באַציִען גלײַכגילטיק צו אַ מוטער מיט צוויי יעסוימים.

— גוט! — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט.

ווען שאָלעם איז געקומען אין שטוב, האָט דאָס ווײַב געפֿרעגט:

— האָסט עפּעס געפּועלט אין מאָסאָוועט?

— מיר דוכט, אַז יאָ.

— וואָס הייסט „מיר דוכט"?

— ווען אַניע וועט באַקומען דעם אָרדער, וועט זיך מיר מער ניט דוכטן.

אַניען האָט מען געגעבן אַ צווייצימערדיקע דירע, ניט ווײַט פֿון טושינאָ. פֿאַרשטייט זיך, אַז שאָלעם מיטן ווײַב זײַנען געווען אַפֿן כאַנוקאַס־האַבאַיִס. ווי שאָלעם זאָגט, איז אים איצט פֿרײַער אין פּוס, נאָר פֿונדעסטוועגן איז ער ווידער פֿאַרנומען. ער וויל קריגן אַ פּוטיאָווקע פֿאַר יעווודאָקיִאַ פּעטראָוונען אין אַ סאַנאַטאָריע, אין ערגסטן פֿאַל כאָטש אין אַ פּאַנסיאָנאַט לעבן מאָסקווע. ער פֿירט אויך אונטערהאַנדלונגען מיט די יונגע שכיינים פֿונעם ערשטן שטאָק, זיי זאָלן זיך בײַטן מיטן אַלטן פֿאַרפֿאָלק, וואָס וווינט אַפֿן פֿערטן שטאָק.

— ס'איז דאָך פֿאַרשטענדלעך, — טײַנעט ער צום ווײַב, — אַז דער פֿערטער שטאָק איז פֿאַר עלטערע מענטשן צו שווער.

— איין זאַך פֿאַרשטייסטו נאָר ניט, — פֿאַלט אַרײַן דאָס ווײַב אין זײַנע רייד.

— דעהײַנו, וואָס פֿאַרשטײ איך ניט?

— איך דאַרף אופֿעסן אַ זאַק פּאַסאָליעס, קעדיי איך זאָל דיר געבן צו פֿאַרשטיין, וואָס דו פֿאַרשטייסט ניט! נאָר מיר ווײַזט זיך אויס, אַז דו דאַרפֿסט זיך אָפּזאָגן פֿון דער פּענסיע, ווײַל דו האָסט געענוג אַרבעט!

— איך זע טאַקע, אַז בייס דו עסט ניט קיין פּאַסאָליעס, רעדסטו פֿון וועג. מיר האָבן נאָך אַפּעלסינען? גיב מיר אַ צוויי־דרײַ, וועל איך אַרײַנטראָגן יעווודאָקיִאַ פּעטראָוונען.

דאָס ווײַב גיט אים, וואָס ער בעט, זיי קוקן זיך אָן און שמייכלען ביידע.

ווידער שרײַבט בריוו

פון נאָך אונטערוויט ביז עלף, האַלב צוועלף באַנאַכט שרײַבט ווידער בריוו צו די געוועזענע קאָמונאַרן, וואָס זײַנען צעזייט אין אַלע עקן לאַנד. איצט האָט ער אָנגעשריבן קורצע בריוולעך פון איין און דעם זעלבן אינהאַלט. „כײַעלע האָט געפונען איר זון, אָדער, ריכטיקער, דער זון האָט געפונען כײַעלען. איינצלהײַטן אין אַ קומענדיקן בריוו. ענטפער גלײַך, אויב דו ווילסט וויסן, וויאַזוי און וואָס".

דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן כײַען:

„טײַערע כײַעלע. דאָס, וואָס האָט געטראָפן מיט דיר, האָט מיך דערשיטערט. כאָטש מיר זײַנען שוין געפּרוּווט געוואָרן מיט אומדערוואַרטע זאַכן און מיר זײַנען אויסגעשטאַנען ניט ווינציק, האָב איך דיר גלײַך ניט געקאָנט ענטפערן, אַזוי האָט מיך דײַן בריוו צערודערט. איך דאַרף דיר ניט זאָגן, אַז איך בין זיכער אין דעם, אַז דו וועסט זײַן אויסגעהאַלטן און אַז דײַן געדולד וועט דיר דאָס מאָל אויך בײַשטיין. נאָר דאָס, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן, איז דאָך פאַנטאַסטיק! דו ביסט טאַקע געבוירן געוואָרן אין אַ האַצלאָכע־העמדל. איך ווייס דאָך, אַז דו האָסט ליאָוװען אַפילו ניט געפּרוּווט זוכן, באַליידיק זיך אָף מיר ניט. זוכן דאַרף מען ביזן סאָף! הייסט עס, אַז ער האָט דיך געפונען, איך האָב ריכטיק פאַרשטאַנען? און ער דיך האָט געזוכט דורך אונדזערע פאָרשטייערשאַפטן פון פאַרשיידענע לענדער. עס קומט אויס, אַז ער איז אַ זעלטן־זעלטענער זון. דײַן בריוו איז פול מיט פײַנלעכע פראַגן. פרעגסט בײַ מיר, ווי איר וועט זיך פאַרשטיין, ווען איר וועט זיך באַגעגענען? דו פאַרשטייסט ניט קיין דעניש, ער פאַרשטייט ניט קיין רוסיש און קיין ייִדיש. עס קאָן זײַן, אַז ער פאַרשטייט דײַטש, דאַן וואָלט עס געווען גרינגער פון גרינג, איר וואָלט זיך שוין צונויפגערעדט. דו שרײַבסט, ליבע כײַע, אַז דו האָסט שוין געטראַכט ניט איין מאָל וועגן אים ווי וועגן אַ טויטן, און דו ביסט פּלוצעם אַזוי אופגעריכט געוואָרן! פאַרגעס אונדז ניט. איך און מײַן מערע זײַנען דיר מעקאַנע, און די טעג באַווייַנען מיר אָפּסנײַ אונדזער אַבראַשען, וואָס האָט זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע. צוזאַמען מיט דעם זײַנען מיר גליקלעך מיט דײַן גליק. און אויב דו וועסט קומען מיט ליאָוװען צו אונדז, וועט זײַן אַזאַ סימכע, אַז איך קאָן דיר דאָס ניט אויסמאָלן. דו שרײַבסט, אַז דו וועסט זיך מיט אים באַגעגענען אין מאָסקווע אָפן שערעמעטיעווער אַעראָדראָם. קום גלײַך צו אונדז קיין לענינגראַד, ווײַל כאָטש דו שרײַבסט זיך ניט איבער מיט די איבעריקע קאָמונאַרן, וואָס געפינען זיך אויך אין לענינגראַד, האָב איך זיי שוין אָנגעקלונגען, און אַלע באַגריסן דיך האַרציק. די, וואָס געפינען זיך אין אַנדערע שטעט, האָב איך אויך אָנגעשריבן וועגן דעם. ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז אַלע פרייען זיך מיט דײַן האַצלאָכע. ביסט גערעכט, וואָס דו באַווייַנסט איצט דײַן שײַען, ער האָט געלייגט דעם קאָפּ אָף דער מילכאָמע, און ער האָט ניט דערלעבט צו זײַן מיט דיר אינאיינעם אין שערעמעטיעווע... ער איז דאָך געווען אַזאַ הייסער טאַטע. מיטן טראַקטאָר פלעגט ער צופאָרן צום קינדערהיים, כאָטש דורכן פענצטער אַ קוק טאָן, ווי ליאָווינקע שפּילט זיך. מײַן מערע האָט דאָך געאַרבעט אין קינדערהיים, פלעגט זי זיך וווּנדערן אָף ליאָוװען. ווען זי פלעגט באַנאַכט צוגיין און וועלן צורעכט מאַכן די קאָלדרעטשקע, פלעגט ער אָף איר קוקן מיט זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן און זאָגן: „איך וויל ניט, אַז דו, איך וויל, די מאַמע זאָל מיך צודעקן". האָב אָף מיר קיין פאַריבל ניט, וואָס איך זאָג דיר דאָס, נאָר איך טראַכט, אַז זעלטן ווער פון אונדזערע קינדער, און עפשער איז ער טאַקע דער איינציקער, וואָס איז געווען אַזוי צוגעבאַקן צו זײַן מאַמען. איך זע דאָך, אַז ער האָט ניט גערוט און געזוכט, ביז ער האָט דיך געפונען, ווי ער וואָלט דיך געטראָגן אונטער זײַן האַרצן די פאַרגאַנגענע צענדליקער יאָרן! עס בלײַבט מיר דיר צו זאָגן, אַז אין פאַל, אויב דו וועסט ניט קומען מיט אים קיין לענינגראַד, באַשרײַבסטו מיר אין אַ בריוו די באַגעגעניש אַזוי, ווי איך וואָלט געווען מיט אײַך אינאיינעם אין שערעמעטיעווע. איך און מײַן מערע זײַנען פול מיט אומגעדולד און דערוואַרטונג. מיט קאָמונאַרן־גרוס. דײַן ווידער".

אָנגעשריבן צו כײַען דעם בריוו, האָט ווידער גענומען איבערלייענען אַ בריוו, וואָס ער האָט געקראָגן נאָך נעכטן. ער האָט געלייענט, און זײַן שטערן האָט זיך געקנייטשט, ווײַל, ווי אַלעמאָל, האָט באַסיע אַרײַנגעמישט אַ סאַך רוסישע ווערטער. „זדראַווסטוווי, וויטיאַ, איך בין צעטומלט פון דײַן בריוו. כ'האָב אים געלייענט פאַר זיך ניט איין מאָל, און פאַר דער שכײנע אויך. אַפילו די ראַדיאָ גיט זעלטן איבער וועגן אַזאַ זאַך. ניט גענוג, וואָס דו האָסט געפונען כײַען און גלײַך אָנגעזאָגט וועגן דעם אַלע קאָמונאַרן, האָבן מיר שוין געקראָגן דײַן אָטקריטקע, אַז איר זון האָט זיך אָפּגעזוכט. איך מיט מוישען זײַנען גליקלעך. אויב כײַע מיט איר זון וועלן

טאַקע קומען צו דיר, שיק אונדז גלײַך אַן אַטקריטקע, מיר זאָלן קלאַפּן אַ דעפּעש. דו שרײַבסט אַלע קאָמונאַרן. שרײַבט טאַקע בערעלע פֿון ניקאָלײַעוו ריכטיק, אַז דו ביסט אונדזער פּרעסע־אַטאַשע. אַלע זײַנען מיר שוין זיידעס און באָבעס. אַזוי וואָלט געווען נישקאָשע, נאָר מוישע האָט היפּערטאָניע, פֿונדעסטוועגן פֿאַרנעמט ער זיך מיט אָבשטשעסטווענע זאַכן. ער איז אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע איבער אַלע קראָמען פֿון אונדזער גאַס. איך האָב דיך געוואָלט בעטן, אַז דײַן מערע זאָל אָנשרײַבן מוישען אַ בריוו, וואָס פֿאַר אַ רעזשים ער זאָל האַלטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס זײַנען דאָ אויך פֿאַראַן דאָקטוירים און מוישע גייט אין פּאָליקליניקע יעדע דעקאַדע, אָבער מערע ווייסט דאָך, וואָס פֿאַר אַ סאָרט מענטש מוישע איז, און וואָאָבשטשע איז אַן אייגענער מענטש אַ דאָקטער — בעסער. איך דאַרף דיר זאָגן, אַז איך וווּנדער זיך, ווי אַ מענטש בײַט זיך אויף דער עלטער. דו ווייסט דאָך, וואָס פֿאַר אַ גראַנאַסקע מענטש מוישע איז געווען, וויפֿל מאָל ער איז פֿאַרווונדעט געוואָרן אויפֿן פֿראָנט, וויפֿל באַלוינונגען ער האָט, און איצט, אַז עס גייט אים אַ שטאָך אין זײַט, קאָנטשעט ער זיך! דו שרײַבסט וועגן זיך קימאַט גאָרנישט, נאָר בערעלע פֿון ניקאָלײַעוו האָט מיר געשריבן, אַז דײַן ייִנגערער זון איז קאַנדידאַט כימי־טשעסקיך נאַוק. און דײַן עלטערער פֿאַרנעמט אויך אַ וואַזשנע שטעלע. זײַנען מיר אַלע געוואָרן, קומט אויס, לײַטישע מענטשן, מיט פּאַרדינסטן, מיט פּענסיעס, מיט קוואַרטירעס. איך ווייס ניט, ווי אַנדערע, נאָר איך וואָלט ניט געהאַט קעגן, מיר זאָלן בעטן באַם נאַרקאָמאַט עטלעכע העקטאַר ערד. מיר, אַלטע, וואָלטן זיך דאָרטן באַזעצט, אונדזערע קינדער וואָלטן זומער צו אונדז געקומען, מיר וואָלטן זיי געוויזן, וואָס אַלטע קאָמונאַרן קענען. איך שפּײַ אָפּט קלעק, בייס איך קאָך וואַרמעס אין קאַסטריולקעלע פֿאַר מיר און פֿאַר מוישען. אַנומלטן זיך איך מיט מוישען אין סקווער, יונגוואַרג גייט שפּאַצירן. האָט זיך מוישע דערמאָנט, ווי איינמאָל האָט ראָכקע יעזשעווסקאַיאַ געמאַכט אַ סאָבראַניע. ס'האָט געגאָסן אַ גוסרעגן, די סטאָלאָווע איז געווען פֿאַרפֿלייצט, נאָר אויף דער סצענע איז געווען טרוקן. האָבן כעוורע אַרופֿגעטראָגן דעם טיש אויף דער סצענע, אַרום טיש אַ פּאָר בענק. געקומען זײַנען געציילטע קאָמונאַרן — אַווראָם, שימען, שאַכנע, עליק. פֿרעגן זיי, וועגן וואָס וועט מען ריידן. זאָגט ראָכקע: וועגן איין אַ זאַך — וואָס איז אַזוינס ליובאָוו? דו געדענקסט דאָך ראָכקען מיט אירע שוואַרצע לאָקן און מיט דער רויטער גרויסאַרטיקער זשילעטקע אויף דער שוואַרצער סאַטינענער יובקע? זיצט זי, הייסט עס, אויפֿן טיש, זאָגט מוישע, די קאָמונאַרן רייכערן מאַכאָרקע און הערן איר רעטש: די קליינבירגער האָבן געהאַנדלט מיט אַלצדינג, אַפֿילע ליובאָוו האָבן זיי געקויפֿט פֿאַר געלט. וועגן די קאַפּי־טאַליסטן איז אָפּגערעדט. מיר זײַנען ערדאַרבעטער, מיר זײַנען פֿרײַע בירגער, און ליובאָוו איז בא אונדז אַ הייליקע זאַך! מוישע זאָגט, אַז וואָס נאָך זי האָט גערעדט, געדענקט ער שוין ניט, נאָר ער געדענקט, ווי טאַמאַרע איז אַרײַנגעלאָפֿן אין אַ לאַנגן רעגנמאַנטל, אַרופֿגעשפּרונגען אויף דער סצענע, האָט אויסגעשריִען: „איך האָב ליב ליובאָוו!" און געפֿרעגט: „ווער האָט דאָ אַ שטיקל ברויט? איך בין הונגעריק". שאַכנע האָט גראָד געהאַט אַ שטיקל ברויט, גיט ער איר. טוט זי דאָס אַ דריי אין האַנט און זאָגט: „פֿאַר מיר אַליין איז דאָס אויף איין צאָן, און יאַשע איז דאָך אויך הונגעריק". מיר זיצן ביידע אין אַ טרוקן ערטעלע, אַ כיִעס! ווייסט דען פֿון אַזעלכע זאַכן אונדזער יונגוואַרג? טאַמאַרע איז אומגעקומען מיט איר ייִנגעלע פֿון אַ באָמבע, יאַשע האָט זיך ניט אומגעקערט פֿון פֿראָנט. איז טאַקע גרויס אונדזער פֿרייד, וואָס כײַע האָט געפֿונען איר קינד. איך בעט דיך נאָכאַמאָל, שרײַב אונדז ווי און וואָס. אויב כײַע מיט איר זון וועלן קומען קיין לענינגראַד, קאָן זײַן, אַז מיר וועלן אויך קומען. מיר זײַנען אַזוי צערודערט, אַז דו קאָנסט זיך קוים פֿאָרשטעלן. פֿאַרבלײַב געזונט. באַסיע גאָלדבערג".

ווינגדער האָט שוין דעם בריוו איבערגעלייענט, נאָר איבער זײַן פּאָנעם שוועבט אַן אומעטיק שמייכעלע. ער שטעלט אַוועק אין העפֿט בא באַסיע גאָלדבערגס נאָמען אַ פֿייגעלע, אַ סימען, אַז ער דאַרף אויף דעם בריוו ענטפֿערן. אָבער דערווײַל שרײַבט ער אַ בריוו איינעם פֿון די קאָמונאַרן, וואָס איז מיט אַ קורצער צײַט צוריק אַריבערגעפֿאָרן פֿון וואָרקוטאַ קיין בענדערע:

„מעשאַנע מאָקעם מעשאַנע מאַזל. רעפֿאָעל, איך וויל האָפֿן, אַז דו וועסט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב אַזוי פֿאַרשפּעטיקט מיט אַן ענטפֿער אויף דײַן בריוו. פֿאַרשטייסט, איך האָב נאָך ביז איצט ניט געקראָגן די ביכער, וואָס דו האָסט געבעטן פֿאַר דײַן זון, נאָר איך האָב דאָ אַ באַקאַנטן פֿאַרקויפֿער אין „קניגאָטאָרג", האָט ער מיך פֿאַרזיכערט, אַז די קומענדיקע וואָך וועלן אַזוינע ביכער אָנקומען. דו האָסט ניט באַשטעטיקט, צי דו האָסט געקראָגן די רעפּועס פֿאַר דײַן זשעניען. מײַן לײַבדאָקטער זאָגט, אַז דײַן זשעניע זאָל אַ סאַך שפּאַצירן, זאָל עסן ווינציק, אָבער אָפֿט. און דעריקער, זי זאָל זיך אַליין ניט באַטראַכטן, ווי אַ מעסוקענעם כוילע. איצט, ווען איר האָט זיך אַריבערגעפּעקלט קיין בענדערע, זאָגט מײַן דאָקטער מערע, אַז דײַן זשעניע וועט געזונט ווערן. זי זאָגט אויך, אַז די קראַנקײַט זאָל אומבאַדינגט וויסן, אַז דער כוילע וועט זיך

מיט איר ניט צאַצקען, ניט ניאַנטשען. מיר האָבן נאָכעס פֿון דײַנע בריוו, און מיר זעען, אַז דו ביסט נאַרישער ניט געוואָרן. איך האָב דיר שוין געשריבן, אַז מײַן ייִנגערער זון איז אַ געלֿערנטער. אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט, ער זאָל זיך געטן מיט זײַן פֿרוי. דאָס טעכטערלֿ זײַנס איז געבלֿיבן מיט דער מוטער. ווי דו ווייסט, האָט שוין די מוטער כאַסענע געהאַט און איז אוועקגעפֿאָרן קיין נאָוואָסיבירסק מיט איר נײַעם מאַן. איך, ווי איך, נאָר מערע גייט אויס פֿון בענקשאַפֿט. כאָטש זי איז אַ דאָקטער און קאָן יענעם געבן ניט קיין נאַרישע אייצעס. זי געפֿינט זיך קיין אָרט ניט. דאָס קינד איז דאָך אויסגעוואַקסן אויף אירע הענט. מײַן זון וועט, אַפּאָנעם, איינגיכן כאַסענע האָבן. ער האָט אונדז שוין באַקענט מיט זײַן מיידלֿ. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיר דוכט, אַז דער בײַט איז ניט קיין וואַזשנער. מערע זאָגט, וואָס פֿאַרא ווײַנטרויבן מע פֿרעסט, אַזאַ ווײַן טרינקט מען. איך פֿאַרשטיי ניט דעם מאָשלֿ, אויף קיין ווײַנטרויבן בין איך קיין מיוון ניט. איך האָב לֿיב אַ ראָזשינקע...

איך דאַרף דיר זאָגן אָפֿן, אַז אַמאָלֿ כאַפּט מיך אַרום אַן אומעט פֿון די קאָמונאַרסקע בריוו. ס׳איז דאָ אַ וועלֿט, געשעענישן, צופֿאַלֿן, און אין די בריוו, וואָס איך קריג פֿון די קאָמונאַרן, זײַנען באַשריבן קראַנקײַטן, אַלֿטקײַט, דערמאָנונג וועגן אַמאָלֿ. ווי דו זעסט, האָב איך אין מײַן בריוו צו דיר אויך ניט אויסגעמיטן דאָס, וואָס קוועטשט מיך. האָב קיין פֿאַריבלֿ ניט.

צי ווייסטו, אַז ס׳איז געוואָרן פֿערציק יאָר, זינט מיר האָבן געגרינדעט די קאָמונע אין קרים? איך האָב געהאַט אַ געדאַנק, אַז מיר, די קאָמונאַרן, וואָס זײַנען נאָך אויף דער וועלֿט, זאָלֿן זיך צונויפֿפֿאָרן אהער קיין לֿענינגראַד. איך האָב אַפֿילֿע וועגן דעם אָנגעשריבן באַסיען, כײַען, בערלֿען, אָבער זיי שווײַגן דערווײַלֿ, נאָר איך מיין פֿאַרט, אַז מע וואָלֿט זומער באַדאַרפֿט מאַכן אַזאַ באַגעגעניש. ווײַלֿ קאָלֿזמאַן שעהאַנשאָמאָ בעקירבי, מאַכט ראָשע...

זײַ זשע מיר געזונט. איך זאָג ניט — שרײַב, איך זאָג — ענטפֿער כאָטש אויף בריוו, וועלֿכע מע שרײַבט צו דיר. גריס דײַנע. וויגדער רײַנערמאַן״.

אין עטלֿעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ טעלֿעגראַמע. אין געציילֿטע ווערטער: „ווסטרעטיליס, סלֿיאַזי, וואָסטאָרג, ראַזגאָוואָרי בעז קאָנצאַ“. דערנאָך איז אָנגעקומען אַ בריוו: „טײַערער וויטיע, איצט קאָן איך דיר זאָגן, אַז קיין מער גלֿיקלֿעכער מענטש פֿון מיר איז אויף דער וועלֿט ניטאָ! דו קאָנסט זיך קוים פֿאָרשטעלֿן, וואָס מיט מיר איז געווען אין שערעמעטיעווע אַפֿן אַעראָדראָם... כאָטש איך האָב געשריבן לֿיאָוועך, אַז איך וועלֿ זײַן אָנגעטאָן אין אַ באַלֿאָניע און אַפֿן קאָפּ וועלֿ איך האָבן אַ ווײַסע זײַדענע פּאַטשיילֿקע אין בלֿויע אַרבעסלֿעך, האָב איך געציטערט, עס האָט מיך באַשלֿאָגן אַ קאַלֿטער שווייס. איך האָב ראַק מוירע געהאַט, אַז ער וועט מיך ניט דערקענען. בעשאַס איך האָב דערהערט, אַז דער אַעראָפּלֿאַן זעצט זיך, איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. האָב איך גענומען אַ טאַבלֿעטקע וואַלֿידאָלֿ, אָבער ס׳איז מיר פֿאָרט שלֿעכט! אַ פֿרוי, וואָס איז געשטאַנען לֿעבן מיר, האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט, און מער האָב איך גאָרניט געפֿילֿט, ביז איך האָב פּלוצעם דערהערט: „מאַמינקע!“ דאָס איז געווען אַזאַ ווײַטעקלֿעך־אויסגעבענקט, האַרצרײַסנדיק געשריי, אַז איך בין צו־זיך געקומען, און איך האָב געזען, אַז דער אוילֿעם האָט זיך מאַמעש אַ וויג געטאָן... זאָלֿ איך דיר אויסמאָלֿן לֿיאָוועך? איך וועלֿ דיר נאָר זאָגן, אַז ער איז אויסגעוואַקסן, ווי שײַע. פּונקט אַזוי הויך, שוואַרצכיינעוודיק, פּונקט אַזוי גרײַזלֿען זיך בײַ אים די האָר, פּונקט אַזוינע טנועס האָט ער אַפֿילֿע. איצט, וויטיע טײַערער, ווײַלֿ איך, דו זאָלֿסט פֿאַרשטיין, אַז מיר האָבן קיין לֿענינגראַד ניט געקאָנט קומען, ווײַלֿ לֿיאָווע האָט געקראָגן פּוטיאָווקעס פֿאַר זיך און פֿאַר מיר קיין יאַלֿטע. מיר האָבן אַ גרויס לֿיכטיק צימער באַם סאַמע יאַם, נאָר דעם יאַם זעען מיר דורכן פֿענצטער אָדער ווען מיר גייען אַרויס אויף דער וועראַנדע. די ערשטע טעג האָבן מיר געלֿעבט קימאַט אָן עסן און אָן שלֿאָפֿן. מיר זײַנען אויסגעקומען נאָר מיט קאַווע. לֿיאָווע איז אַ געלֿערנטער, אַ פֿיזיקער. ער רעדט ניט שלֿעכט ייִדיש, און ער ווערטלֿט זיך, אַז ווען ער וואָלֿט ניט געווען קיין פֿיזיקער, וואָלֿט ער ניט גלֿײַך געטראָפֿן, ווו איך שטיי. נאָך איצט גיסן מיר קעסיידער טרערן, וואָס שײַע איז ניט מיט אונדז. איך קאָן גאָר ניט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז לֿיאָווע וועט ווידער אוועקפֿאָרן. ער האַלֿט מיך אין איין טרייסטן, אַז ווי נאָר ער וועט אוועקפֿאָרן, וועט ער מיך גלֿײַך אַרויסרופֿן אויף דרײַ כאָדאָשים צוגאַסט. אַנדערש ווי מאַמינקע, קינד מײַנס, רופֿט ער מיך ניט. דו ביסט טאַקע געווען גערעכט, וויטיע, נאָר אַ מאַמע האָט אַזוי געקאָנט זוכן, נישטערן, זיך ניט באַרויִקן, ווי לֿיאָווע! מײַן פֿײַן, מײַן טרויעריקע איינזאַמקײַט האָט זיך אויסגעלֿאָזט מיט אַזאַ פֿרייד, מיט אַזאַ טרייסט, מיט אַזאַ גלֿיק! ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז אין דרײַ וואָכן אַרום וועט ער אוועקפֿאָרן, שטאַרבן אין מיר אָפּ אַלֿע גלֿידער. אויף קיין איין מינוט צעשיידן מיר זיך ניט. עס נעמט ניט קיין סאָף צום דערציילֿן. אין אַ בריוו איז דאָס אוממעגלֿעך צו באַשרײַבן, נאָר ווען ער האָט מיר

דערציילט, וויִאזוי ער איז געפאָרן אין א צוג, וואָס איז געגאנגען קיין טרעבלינקע, וויִאזוי דער פאשיסט, וואָס האָט באוואכט דעם וואגאָן, וואָס איז געווען אָנגעפראָפט מיט דרײַצן־פערצניאָריקע יידישע ייִנגלעך, פלעגט ארײַנשטעקן זײַן פארצעף אין פארגראטעוועטן פענצטער, און ווי ער פלעגט ארײַנשרײַען: „שטיל זײַן, פארדאמטע יודע־שווײַנען, עס גיבט פאר אײַך קיין וואסער!" און ווי ליאָווע האָט זיך צונויפגערעדט מיט נאָך דרײַ ייִנגלעך, און זיי האָבן באנאכט מיט א מעסער אויסגעשניטן צוויי ברעטער פון פאָדלאָגע אין וואגאָן און האָבן איינער נאָכן אנדערן זיך דורכגעקוועטשט, און זײַנען געבליבן ליגן אף די שפאלעס צווישן די רעלסן. ווען דער צוג איז אוועק, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן. די פאשיסטן, וואָס האָבן באוואכט דעם וועג, האָבן געשאָסן. ליאָווע זאָגט, אז בייסמײַסע האָט ער זיך ניט אומגעקוקט, צי יענע ייִנגלעך לויפן אויך. ער איז געלאָפן און געלאָפן, ביז ער איז אוועקגעפאלן. ערשט ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט ער דערזען, אז ער ליגט אײַנינקער אליין און אז גאָר ניט ווײַט שטייען עטלעכע הײַזקעס, געדעקטע מיט שטרוי. אָט אין איינער אזא הײַזקע איז ער ארײַנגעגאנגען. דער באלעבאָס, א פאָליאק, אן אלמען מיט צוויי קליינע קינדער, האָט ליאָווען ניט ארויסגעטריבן. ער איז געוואָרן א פערטער אין דער מישפאָכע. און ווען די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, איז ער פון פוילן אוועקגעפאָרן. עס בלײַבט מיר דיר צו זאָגן, אז ליאָווע האָט צו זיך ארויסגערופן דעם פאָליאקס עלטער מיידל, און ער האָט מיט איר כאסענע געהאט. ליאָווע האָט מיר געוויזן בריוו פון זײַן רעטער און פון זײַן שוואָגער, ווײַל דער פאָליאק האָט געהאט א זון מיט א טאָכטער. נאָר א טאטע, א לײַבלעכער ברודער, קאָן זײַן אזוי צוגעבונדן און אזוי געטרײַ! ליבער וויטיע, דערווײַל ענדיק איך, ווײַל מײַן זון שטייט לעבן מיר און שעפטשעט אין מײַן אויער ארײַן: „געזונט, מאַ־מינקע, שוין באלד א שאָ, אז דו שרײַבסט". זײַ מיר געזונט, גריס מערען. דײַן פאניע זילבער־בלאַט".

זי געדענקט

בעסער פרעגט ניט, ווי אלט פערע איז, ס'איז אן אומזיסטע טירכע. איר וועט וויסן ניט מער ווי פארן פרעגן. אנומלטן האָט איינער פון אירע איידעמס געוואָלט וויסן, ווו ער האלט מיט זײַן שוויגער, האָט זי געצופט אײנציקע ווײַנטרויבן פונעם הענגל, זיי געלייגט אף דער ראָזער אויסגעשטעקטער צונג און געענטפערט:

— ווילסט וויסן, וועל איך דיר זאָגן, ווי מײַן באָבע האָגע, אָלעהאשאָלעם, פלעגט זאָגן: צייל דײַנע לײַז. הײַנט איז דאָס ניט קיין מאָשל, די האָר און די העמדער זײַנען ציכטיק, אָבער אמאָל איז געווען וואָס צו ציילן, קאָנסט מיר טרויען.

פערל לעבט באזונדער פון די קינדער. ווען איר ייִנגערע טאָכטער רייזל האָט צו איר געזאָגט: „מאמע, קום צו מיר אין קעשענעוו, וועסט בא מיר א האנט אין קאלט וואסער ניט ארײַנטאָן", האָט פערע געזאָגט: „טאָכטער מײַנע, ווען דאָס וואָלט געווען נאָך מײַן גוסט, האָב איך טעכטער אין סאָראָקע אויך. וואָס דארף איך אָבידיען מײַנע קינדער. איינס וואָלט איך נאָר געוואָלט — איר זאָלט ווינען אף מײַן לעווײַע". — „מאמע, שווײַג, איך וויל דאָס ניט הערן!" — „וואָס זשע, איך רייד, כאָלילע, פון וועג? כ'האָב געזען, ווי ביילעס זון מיט דער שנור מיט די אייניקלעך זײַנען געשטאנען אף איר לעווײַע און ניט געהאט קיין טרער אף א רעפוע, האָב איך געוואָלט אויסשרײַען: אוועק פונדאנען! אזא מאמען, אזא טײַערע ביילע זאָל מען ארײַנלייגן אין קייווער און פארטיק! וואָס איז, זי האָט ווינציק געניאנטשעט די אייניקלעך?"

לעבט זיך פערע אליין, און אלע יאָר זומער, ווען עס קומט צוגאסט קיין סאָראָקע איר עלטסט אייניקל, איז זי בא דער באָבען, און ניט בא די מומעס און געשוועסטערקינדער. דאָס עלטסטע אייניקל, אידע, איז א דאָקטער, זי איז הויך און שלאנק, זי איז געראָטן אין דער באָבען און ניט אין דער מאמען. פארנאכט זיצט זי מיט דער אלטער אין סעדל, זי הערט און הערט, וואָס די באָבע דערציילט,

— גלייב ניט, — זאָגט פערע, — אויב מע וועט דיר זאָגן, אז אמאָל זײַנען די יונגע געווען פאָלגערס, אז מע האָט געציטערט פאר טאטע־מאמעס א קוק. איך בין געווען ניט אונטערטעניק. לערנען האָב איך ניט געוואָלט, שטוב־ארבעט האָב איך ניט געוואָלט. אין פעלד, אין ווײַנגאָרטן

איז געווען מײַן לעבן. רײַטן אפן פערד, עס האקן מיט די באָרוועסע פּיאַטעס אין בויך און זינגען אַף אַ קאָל לידער, וואָס מע האָט שוין הײַנט פאַרגעסן.

— באָבע, ווי אַלט ביסטו געווען צו דער כאַסענע?

— צו דער כאַסענע — אַכצן, צו דער כופּע — איין און צוואַנציק.

— אַמאָל איז דען געווען די כאַסענע באַזונדער פון דער כופּע?

— און איצט איז די עמעסע כאַסענע, ווען מע גייט אין זאַגס? ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד. און כאָטש דו האָסט נאָך ניט כאַסענע געהאַט, מוז איך דיר זאָגן, אַז אַמאָל טראַכט איך: שוין זשע ביסטו ביז איצט איינינקע אַליין, שוין זשע האָסטו נאָך קיינמאָל אַף דײַן צוקאָפּנס ניט געהאַט אַ שיינעם געזונטן באָכער?

— באָבע, דו האָסט דאָך געוואָלט דערציילן וועגן זיך? איז דערצייל ווײַטער.

— ווײַטער איז גרײַלעך ווײַט, פונדעסטוועגן גאָר נאָענט. מע זאָגט, אַז אַ יונג פּאָרפּאָלק איז ווי צוויי האַלבע עפּל. עס הייבט זיך גאָר ניט אָן, זאָג איך דיר. אַ יונג פּאָרפּאָלק זײַנען צוויי גאַנצע עפּל. און ביז עס רײַבן זיך אָפּ די האַרטע בעקלעך, דויערט אַמאָל ביז אין די גראָווע האָר. אַמאָל טרעפט אַ נעס, אַז עס קײַקלען זיך צונויף צוויי עפּל, וואָס זײַנען איינער צום אַנדערן ווי אָנגעמאָסטן. דאַן איז דער גאַניידן אָפן. דאַן זײַנען ניטאָ אַף דער ערד קיין טאַטע־מאַמע, קיין גאָט אין הימל!

— אוי, באָבע! — כאַפּט זיך אַרויס אידע.

— האָב געדולד, האָרך זיך צו. דער טאַטע מײַנער, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן, איז געלעגן אין בויד, און ער האָט ראַיעל געכראָפּעט, און איך האָב געהיט דעם ווײַנגאָרטן, און ניט אַליין. מײַן באַשערטער, זאַלמענקע האָט מען אים גערופן, האָט געהאַט אַלץ, וואָס אַ שיינער מענטש באַדאַרף האָבן. קיין באַלעבאַטישקײַט האָט ער נאָר ניט פאַרמאָגט... ער האָט זיך צוגעשלאָגן אַהער ערגעץ פון ראַסיי, אַ האָרעפּאַשניק איז ער געווען אַ פײַערדיקער. אַז ער האָט געשניטן ווײַנטרויבן, זײַנען די הענגלעך געפלויגן ווי פייגל; אַז ער איז געריטן אַף אַ פערד צום דניעסטער, האָט זיך די ערד אונטער אים געשפּרייט, ווי אַ וואָלקן. טאַקע באַם דניעסטער, איך אָן ערעוו־שוווּעס־פאַרנאַכט, האָט ער זיך צו מיר צוגעקײַקלט. און די וועלט האָט זיך אָנגעצונדן איבער מיר, ווי אַ שטרויענער דאַך. ווער ווײַנגאָרטן, וואָס באַלעבאַטישקײַט, וואָס טאַטע־מאַמע. האָט אָבער הימל און ערד געשוואָרן, אַז קיין פאַרבאָרגענע זאַכן זאָלן ניט זײַן. דער טאַטע האָט מיך געקאַטעוועט מיט די לייצעס, די מאַמע האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. איך — באַטאָג די לייצעס איבער מײַן רוקן, און באַנאַכט לויף איך ווידער צו אים...

„פּערעלע, טײַנעט ער, דו ביסט מײַן כּיעס, מײַן בלוט אין מײַנע אָדערן, דער מאַרך פון מײַנע ביינער; אַז דו ביסט מיט מיר, בין איך אויס יאָסעם. אויב לעבן, איז געלעבט מיט דיר; אויב שטאַרבן, איז אָט אָ־דאָ“. און איך, איך צאַפּל און איך כאַלעש. „זאַלמענקע, דו ביסט מײַן לײַב און לעבן, אָן דיר בין איך אַ באַרמינען, טרוי מיר, עס וועט זײַן, ווי מיר ווילן“.

— באָבע טײַערינקע!

— שלאָג מיך ניט איבער, הער. דורך די נעכט שײַנען פאַר מיר הונדערט זונען, מײַנע טעג זײַנען שטאָקפינצטער. דער טאַטע מיימעסט מיך, די מאַמע ברעכט די הענט, אין שטוב איז יאָמקיפּער, דער טאַטע זאָגט, ווען ער וועט ליגן אין קייווער, וועט זיאַמקע פאַרובאָק ווערן זײַן איידעם. ער האָט צוגענומען בא מיר דאָס אָנטאָן, אָבער דאָס איז קיין מעניע פאַר מיר ניט געווען, אין איין העמד פלעג איך זיך אַרויסגאַנווענען פון שטוב. אָבער איינמאָל איז זיאַמקע אין דער אָפּגערעדטער צײַט ניט געקומען. אינדערפרי הער איך, אין שטוב שושקעט מען זיך. איך זע, מײַן אָנטאָן ליגט לעבן מײַן געלעגער, איך פיל, אַז דאָס האַרץ רײַסט זיך מיר אַף שטיקער. יאָ, מײַן האַרץ האָט געפילט. איך וועל דיר מאַכן בעקיצער. צי זיאַמקע האָט עס געטאָן מיט אַ קאַוואָנע, צי דער דניעסטער האָט אים אַרײַנגענומען מיט גוואַלד, ווייס איך ניט. ער איז געפאָרן אויסבאָדן אוראָם דעם מאַסלעבאָיניקס פערד, די פערד זײַנען אַרויסגעשווּומען, זיאַמ־קע — ניט. איך האָב זיך פון זינען געררירט. קיין אָדעס האָט מען מיך געפירט, קיין קיִעוו האָט מען מיך געפירט. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז איך בין שוין געזונט. זיי האָבן דען געהאַט אַ רעפוּע פאַר מײַן נעשאָמע? מײַן ווייטעק האָט זיך ניט געשטילט, מײַן בענקשאַפט האָט זיך ניט אײַנגענומען אַפילע אַף אַ האָר. ווי קאָן מען עס דערלאָזן, אַז אַ יידישע טאָכטער זאָל בלײַבן אַ פאַרזעסענע? איז אוראָם דער מאַסלעבאָיניק געגאַנגען צו אונדז אַזוי לאַנג, ביז ער איז גע־קומען אין איינעם אַ שאַבייסענאַכטס איניינעם מיט זײַן זון, מיט זײַן טאָדרעסן. און מע האָט איינגיכן געשטעלט אַ כופּע. טאָדרעס האָט אָנגעטאָן אַף מײַן האַנט אַ פינגערל. און וואָס מער איך בין געווען זײַן ווײַב, בין איך געווען אַלץ ווײַטער פון אים. צו צוויי און דרײַסיק יאָר האָב

איך געהאַט מיט אים זעקס קינדער. און אויס! מער האָט ער אַף מײַן צוקאָפּנס ניט געסמייעט צו ליגן!

אידע קוקט ניט אַף דער באָבען. זי ווישט מיטן טיכעלע די באַקן. פּערע פּאַרנעמט די האָר אונטער דעם טיכל און זאָגט שטיל:

— וואָס ווײנסטו, מײַן קינד? איצטער, ווען מײַן סייכל און מײַן האַרץ זײַנען רויִק, טראַכט איך אָפּט: עס זײַנען דאָ מענטשן, וואָס זײַנען אַ גאַנץ לעבן ניט קיין לעבעדיקע, עס זײַנען, ווידער, פּאַראַן מענטשן, וואָס לעבן אויס איין געציילטע כאַדאָשים די גאַנצע פּרייד, דאָס גאַנצע באַשערטע גליק.

א רויִקער זומער

— ווו ווועט איר הײַנטיקס יאָר אָפּרוען? — פרעגן בא איר פרײַנט, באַקאַנטע, שכיינים.

— ווו אַלע יאָר, — ענטפערט זי בעקיצער.

כאָטש אין דרויסן איז נאָך קילבלעך, הייבט ער אָפּט אונטער דעם פּאָרהאַנג, עפנט די טיר, גייט ארויס אפן באַלקאָן, באַטראַכט דעם הימל — מיט איין וואָרט, ער איז שוין גרייט זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. אין פּאַפּקע ליגט שוין אָנגעשניטן וואַטמאַן־פּאַפּיר. די פּירקאַנטיקע שמאָלע געפּעסלעך זײַנען פול מיט אַקוואַרעל־פּאַרב, די פּענדזלעך זײַנען פּאַרוויקלט אין צעלאָפאַן. דער גרויסער ווײַסער שירעם איז פּאַרשנורעוועט אין אַ טשעכאָל. די מאָלבערט — אויך אין אַ טשעכאָל. פּלאַקאָנען מיט קליי, אַ פּלאַסטמאַסעווע קוועטשלע און אַנדער געצײַג איז פּאַרפּאַקט אין אַ באַזונדער קאַשעק.

זי, זײַן ווײַב, פּרוּווט אופהייבן די פּאַפּקע און פרעגט פּאַרוואונדערט:

— וויפל פּאַפּיר נעמסטו?

— האַיאַר ווינציקלעך, הונדערט בויגן וואַטמאַן און אַ ביסעלע ענגער.

זי שווײַגט. די פּאַפּקע איז שווער, ווי צען רוכעס. אָבער ס'איז שוין פּאַרנייט, און פּאַרפּאַלן. דעם טשעמאָדאַן פּאַקט זי צונויף אַליין. קיין טואַלעטן דאַרף זי באַרעכהאַשעם ניט. זי ווייסט, ווי עס וועט זײַן. עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל...

אָט זײַנען זיי שוין אפן ווּנוקאָווער אַעראָדראָם. דאָס גאַנצע קלאָפּערגעצײַג גליטשט זיך אפן קאָנווייער. מע מעלדעט זייער רייס, און אָט זיצן זיי שוין אין אַעראָפּלאַן. ער קוועלט פון נאַכעס. אַלע ווײַלע זאָגט ער צו איר:

— קוק, קוק! מיר זײַנען אינדערלופטן. פּאַרגאַרטל זיך מיטן רימען.

— מיטן רימען, אָן דעם רימען, טאָמער עפּעס, וועלן מיר אינדערלופטן ניט בלײַבן, — ווערטלט זי זיך, קוקט אין פענצטער און וואונדערט זיך, וואָס ער קוועלט.

דאַרטן וויקלען זיך פּוכקע, לענגלעכע און קײַלעכדיקע בלייכע וועלן. זיי זײַנען בלוט־אָרעם און פּרעמד. די מאָטאָרן רעווען, שנײַדן מיט אַ מוירעדיקער קראַפט די ווייכע פּאַרוויקלטע פּלאָכקײַט.

— ס'איז דיר ניט גוט? — פרעגט ער.

— ס'איז מיר ניט אַזוי שלעכט, נאָר בעסער וואָלטן מיר געווען אַף דר'ערד.

אין צוויי שאָ אַרום זײַנען זיי שוין אין קעשענעווו אפן אַעראָדראָם. ווי נאָר זיי לאָזן זיך אַראָפּ פון טראַפּ, דערזעען זיי פון יענער זײַט צוים זייער אַלטן פרײַנט יעכיִעלן. ער פּאַקט צו זיי מיט דעם נאָזטיכעלע, און נאָכדעם העלפט ער שלעפּן דאָס גאַנצע קלאָפּערגעצײַג.

ווען זיי זיצן שוין אין אַעראָוואָקזאַל, זיפצט יעכיִעל און דערציילט אין קאַרגע ווערטער, ווי זײַן אַלגע איז אוועקגעריסן געוואָרן פון אים. ער דערמאָנט זיך שטיל:

— דאָס גרעסטע גליק איז פאַר איר געווען מײַן דערפּאַלג. פאַרוואָס קומט עס מיר? מע דאַרף נאָך אומגליקן, באָמבעס? מע פּעקלט זיך אַזוי אויך אַריבער גאַנץ ראַיעל.

דער מאָלער און זײַן ווײַב שווײַגן. זיי האָבן געקענט אַלגען, אַלעהאַשאַלעם, זיי האָבן געגאָסן פון איר גאַסטפרײַנטלעכקײַט. געהערט אירע שטאָלצע ווערטער וועגן איר מאַן.

גיך גייען אוועק די שאָען. יעכיִעל איז ווידער פון יענער זײַט צוים. דער מאָלער און זײַן

ווײַב זיצן ווידער אין אעראָפּלאַן. איצט פליט ער ניט הויך. גרינע שעטאָכים, צעאַקערטע פעלדער, רונדע בלויע אָזערעס, ווײַנגערטנער, א טײַך שלענגלט זיך.

— דאָס איז דער דניעסטער? — פרעגט זי דערפרייט.

פון אעראָדראָם מיטן אווטאָבוס קיין סאָראָקע ביז פּושקין־גאַס, און פון דאָרטן אין א טאַקסי אַף סאָראָקער בארג. אָט זײַנען זיי שוין אַף אַן אָרט. די הינט בילן, אוסטיניע, זייער אַלטע באַלעבאָסטע, קוליעט זיך קוים־קוים, א קושערײַ, א פרייד, א גדולע. אוסטיניע מאַכט טיי, דערלאַנגט געבעקס און האָניק. קוקט אַף דעם קינסטלער, שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט אָפּנ־הארציק:

— האיאָר זעסטו אויס ערגער ווי פאַראיאָרן. לייג זיך אָפּרוען. טאָמער ווילסטו מאָרגן זיך ניט טאַסקען מיטן שירעם, וועט אויך זײַן א קליינער אומגליק. די טאַפּאָלן מיט די וועגן וועלן פון דיר ניט אַנטלויפן.

גאַנצפרי. די זון באַלײַכט די גרינע און רויטע רויזן אַפן שוואַרצן טעפּיך. דער אַלטער בופעט מיט די אומגעלומפּערטע געמעלן אַף די טירלעך שטייט אומעטיק פאַרכאַלעמט. די גאַרדינען אַף די פענצטער זײַנען אַראָפּגעלאָזט. אָבער די מאָלדאווישע זון שפּרייט דורך די גאַרדינען פאַסן ליכט אַף דער פּאָדלאָגע.

— צײַט, צײַט! — שטייט שוין אוסטיניע אין דער אָפענער טיר און האַלט אין דער האַנט איר שטעקן און אונטערן אָרעם א פלאַש ווײַן. מע טרינקט אויס, אוסטיניע ווינטשט:

— לאָמיר זײַן געזונט, איר זאָלט זיך דאָ פאַריכטן. מירן דאָס איבערכאַזערן איבעראיאָר, וועט זײַן דאָס צוואַנציקסטע מאָל.

זי שטעלט פּאַמעלעך אוועק די ליידיקע גלאָז, קײַט לאַנג א שטיקעלע ברויט מיט פּוטער און וואַרפט פאָר:

— צו מיר קומט איר? צו די ציגײַנער קומט איר! אָבער זיי — טיו־טיו־טיו, אַף גאַסטראָלן. זיי וועלן זיך אומקערן אַף אָקטיאַבערסקע.

גלײַך נאָך פרישטיק נעמט ער פאַנאַנדער די זאַכן, קלעפּט אָן וואַטמאַן־בויגנס אַף דיקטענע ברעטלעך. ער קוועטשט צו מיט די פינגער דעם זוים פון פּאַפּיר צו דעם קליי אַפן ברעטל אַזוי לאַנג, ביז דאָס פּאַפּיר ציט זיך שטײַף אָן.

פאַרנאַכט באַגלייט זי אים מיטן וועג, וואָס איז איר גוט באַקאַנט. ער קערעוועט זיך אַלעמאָל אויס צו איר און פּאָדערט:

— גיב מיר דעם שירעם מיט דער מאָלבערט. כ׳קאָן דאָך ניט כאַפּן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן! איך דאַרף זיך אַרומקוקן, באַטראַכטן...

— וואָס אַרט דיך? איך וועל גיין נאָר ביסקל דעם טאָל. איך וויל אויך א קוק טאָן.

— וואָס דאַרפסטו גיין מיט מיר? גיי דיר אין אַן אַנדער אָרט. איך קאָן דאָך באַ דיר ניט רײַסן איבערגוואַלד דעם שירעם. מענטשן קוקן. שוין זשע איז דאָס אַזוי שווער צו פאַרשטיין?

זי ווייסט, אַז ס׳וועט שוין ניט העלפן. א געבויגענער אונטער דער מאַסע, נידערט ער אַראָפּ אין טאָל אין דער קלאָרער דורכזיכטיקײַט פון די באַלויכטענע אַקאַציעס.

— גיי צוריק, איך וועל זיך ווײַט ניט לאָזן! — שרײַט ער פונדערווײַטן.

אָבער זי שטייט פאָרט. זי שטייט און קוקט, ביז ער לייגט אַוועק דאָס געצײַג אַף דער ערד, נעמט זיך אַרומדרייען אַן אײַנגעבויגענער, זי שטויסט זיך אָן — ער זוכט א שטיין אַף אַרײַנ־צוהאַקן דעם שירעם אין דער טרוקענער ערד. זי הערט קלעפּ, און זי זעט, ווי דער שירעם גיט זיך א צעשפּרייט.

זי גייט צוריק, קערעוועט אויס דעם קאָפּ אַהין, ווו ער איז געבליבן, און גאָר ניט דערפאַר, וואָס זי איז אומרויִק, נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אים מעקאַנע. זי וואָלט אויך ערגעץ אַוועק אָדער געקוקט אָט אָ־דאָ אַפן טאָל, וואָס ליגט אַזאַ פולער מיט ווײַנשטאָקן, מיט נוסנביימער, וואָלט געקוקט, ווי דער דניעסטער פּעסטעט זיך דאָרטן העט־ווײַט, בלאַנקט און שפּילט זיך מיט דער זון. אָבער...

זי מוז גיין צוריק אין שטוב. זי דאַרף צוגרייטן דאָס אויסקומעניש, מאַכן אָרדענונג. זי גייט פאַרבײַ דער קיך. אוסטיניע קנעט אין מולטער טייג. אירע הענט קאָנען ניט בײַקומען די פולע מולטער. פון אוסטיניעס שטערן פאַלן טראָפּנס שווייס אין טייג.

— לאָז! — זאָגט זי צו אוסטיניען.

זי פאַרקאַטשעט די אַרבל, וואַשט אויס די הענט, קנעט און דערזעט פלוצעם א ווײַט־פאַרשווונדן בילד: די באָבע פּעסיע וואַרפט א שטיקעלע טייג אין די קוילן, פלעכט קיטקעס, וועלגערט קוכנס. אוסטיניע רײַסט איבער אירע ראַיוינעס:

— ביסט אַן עמעסע מאָלדאַוואַנקע — אַלץ קענסטו, נאָר אַף דײַן שוואַכן מאַן האָסטו קיין שליטע ניט. איך האָב נעכטן געזאָגט: „גיי ניט ריסעווען“, הערט ער מיך ווי דעם קאָטער. און

דו שוויַיגסט. וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאַט? מענטשן קומען אַהער, עסט מען קילאָגראַמען ווייַנטרויבן, מע פרעגלט יונגע הינדלעך, מע פרעגלט פּודן וואַרעניעס, מע ציט אַרויף אויף זיך שמאַלץ און אַ נייַע הויט. און איר, ווי איר קומט, אַזוי פאָרט איר אַוועק. ווען עס וואָלט געווען מייַן מאַן, וואָלט איך אים געוויזן, ווי ניט פאָלגן אַן אייגן ווייַב!

— לאָז אָפּ, אוסטיניע, דייַן וואַניו איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט?

— וואָס גלייַכסטו? מייַן וואַניו איז געווען אַ געזונטער מושטשינע. אײַ, ער איז אַוועק, אַלע וועלן מיר דאַרטן זייַן! שוין אַלט געווען העכער זיבעציק. ווי זאָגט אַ ווערטל, דער אָרעמאַן שטאַרבט ניט, ער בייַט נאָר דאָס געלעגער. אָבער דייַנעם איז נאָך ווייַט צו זיבעציק, דאַרפסטו אים געבן וויגאָדע, און דו גיסט אים קאַלטע בורעקלעך. דאָס איז אַ מייַכל פאַר אַזאַ פאַרטריקנטער באַרנע? ער האָט אַזאַ פּראַצע, וואָס נאָגט אים אויס דעם מאַרך פון די ביינער.

דעם מאָלערס ווייַב הערט, שוויַיגט און שמייכלט. זי גייט אַרייַן אין שטוב און קעדיי די פּען אירע זאָל זיך פאַנאַנדערלויפן, שרייַבט זי אַ קורץ בריוול צו דער כאַווערטע, וואָס איז געבליבן אין זייער מאָסקווער דירע: „טייַערע ליבהאַרציקע סאַרע מייַנע! מיר זייַנען שוין, אַ דאַנק דעם אַלאַך, אויף אַן אָרט. אַלץ איז, ווי אַלע זומער. כ'האָב אים שוין אַרויסבאַגלייט צו דער נאַטור. וואָס פאַר אַ גערעטעניש האיאַר וועט זייַן, איז שווער צו זאָגן. איך דריי זיך, ווי שטענדיק, און איך בין זיך מוידע, אַז עס שלאָגט מיר צו דער גאַל. ס'איז מיר שוין דערעסן צו מישן פּעטרישקע און ציבעלע מיט שרייַבערייַ. אָבער דו פאַרשטייסט גוט, אַז איך וויל ניט קיין שום דערציילונגען אָנשטאָט אכטונג צו געבן אויף אים. דאָ איז וואַרעם, שטיל, דער אַרום איז פּרעכטיק. ווי אוסטיניע זאָגט, אַז בעסער פון דעם היגן קלימאַט קאָן גאָרניט געמאָלט זייַן. אײַ, איז דאָס אַ כאַכאַמע! וואָס עלטער, אַלץ פּיקכעסדיקער ווערט זי. עס איז אַ מעכייַע צו האָבן מיט איר צו טאָן! דו ווארט ניט אויף נאָך בריוולעך פון מיר. ענטפער גלייַך. גיב אויף זיך אכטונג, היט זיך פאַר דער זון, דייַנע. ווייסט שוין אַליין ווער".

קוים געענדיקט דאָס בריוול, קוליעט זיך אַרייַן אוסטיניע.

— האָסט זיך שוין גענומען צו דער פּען? אַ צאָרע אויף מייַן קאָפּ. צוויי קעץ אין איין זאַק! מע דאַרף אים דאָך באַגעגענען. ווען מייַנע פיס פאָלגן מיך, וואָלט איך אויף דיר ניט געוואַרט. ער האָט קויעך צו שלעפּן אַלץ? ס'האַרץ וועט זיך, כאַלילע, באַ אים צעשפּילן.

— וואָס ווילסטו נאָך פון מייַן לעבן? אָט גיי איך שוין, — זאָגט דעם מאָלערס ווייַב און גייט אַוועק צום טאָל.

זי קוקט אַהין, ווו זי האָט אים איבערגעלאָזט. ניט קיין שירעם, ניט קיין מענטש. גייט זי אַרויס פון טאָל און קוקט לינקס צו די שיפּאָווניק־קוסטעס, דאָרטן דערזעט זי ציגן. די ציגן זייַנען ווייַס און דער שירעם איז ווייַס, האָט זי אים ניט באַמערקט. אָבער איצט זעט זי דייַטלעך, ווי ער טוט עפּעס. אָט האָט ער זיך אויפגעהויבן. נאָכדעם זעט זי, ווי ער זעצט זיך ווידער אונטערן שירעם. שטעלט זי זיך אונטער די אַקאַציעס און וואַרט. ער גייט צו, און ס'הייבט זיך ווידער אָן אַ דינגעניש. אָבער זי נעמט באַ אים צו דעם שירעם מיט דער מאָלברעט. ער טראָגט נאָר דאָס בענקעלע און דאָס ברעטל, אויף וועלכן עס איז צוגעקלעפּט דער אָנגעמאָלטער פּייזאַזש. זי פאַרלויפט אַ ביסעלע פאָרויס, ווייַל זי וויל עס אָנקוקן, נאָר דער פּייזאַזש איז צוגעדעקט מיט אַ צייַטונג.

נאָך מיטיק האָט ער אַראָפּגענומען די צייַטונג, אַראָפּגעשניטן דעם פּייזאַזש פון ברעטל, אַרייַנגעלייגט אין פּאַפּקע און באַמערקט:

— עס איז שוין דאָ דער ערשטער גאָרנישט...

אָבער אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס געמעל אויף דער פּאָדלאָגע, געקוקט מיט ביידע אויגן, דערנאָך איין אויג פאַרשטעלט מיט דער דלאָניע און ווידער געקוקט, צוגעגאַנגען נאָענט, אַ שפּרייַז געטאָן, געקוקט פונדערווייַטן, אַ כאַפּ געטאָן דעם פּייזאַזש, ווידער אַרייַנגעלייגט אין פּאַפּקע און איז אַרויס אין סאָד. זי האָט געקוקט דורכן טעראַסע־פענצטער, ווי ער גייט פּאַמעלעך צווישן די עפּלביימער, ווי ער קוקט צום הימל, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק אין סאָד און איז געזעסן פאַרטראַכט.

דאַן איז זי צוגעגאַנגען צו דער פּאַפּקע, אַרויסגענומען דאָס געמעל. זי האָט דערזען דעם טאָל אין פאַרנעפּלטע געלב־ראָזע קאָלירן, אויף פּאָדערשטן פּלאַן האָבן זיך געפּאַשעט ציגן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז ניט גערעכט, ער האָט ניט קיין סמאַך צו טראַכטן, אַז „ס'איז שוין דאָ דער ערשטער גאָרנישט".

ניט איין מאָל איז שוין אַזוי געווען, אַז די „גאָרנישטן" באַקומען אין מאָסקווע אַן אַנדער אָנבליק און גייען אַריבער אין דער פּאַפּקע צו די גראַטעווע פּייזאַזשן.

פאַרנאַכט האָט ער ווידער גענומען דאָס ברעטל און געזאָגט צו איר:

— דעם שירעם נעם איך ניט. איך פיל זיך גוט. מע דאַרף מיר ניט נאָכגיין.

פונדעסטוועגן איז זי ארויסגעגאנגען און האָט געזען, ווי ער גייט אוועק רעכטס, צום ייִדישן בעסוילעם. דאַן האָט זי זיך אומגעקערט אין שטוב אַרייַן און זיך גענומען טאָן איר זאַך. וויפל זי איז געזעסן, האָט זי ניט געוווּסט. נאָר זי איז געווען רעכט פאַרטאָן אין דער אַרבעט, ווען אוסטיניע האָט זיך אַרייַנגעשטעלט מיט אַ היפּשער קייַלעכדיקער בולקע אין האַנט.

— גיב אַ קוק, ווי דאָס ברויט איז אופגעגאַנגען. האָסט עס גוט אויסגעקנאָטן. דאָס טייג האָט אַזש געפּייַפט אונטער די הענט. איך זאָג דאָך, אַז דו טוסט אַקוראַט ווי אַ מאָלדאַוואַנקע.

— ערשטנס, זעץ זיך צו, וואָרעם ניט די בולקע אונטערן אָרעם, לייג זי אַוועק אַפן טיש. צווייטנס, וואָס קאָמפּלימענטעוועסטו מיר מיט דייַנע מאָלדאַוואַנקעס? צי דו מיינסט, אַז מייַן באָבע האָט געטאָן ערגער, ווי דייַנע?

— וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? כ׳ווייס, אַז עס זייַנען פאַראַן נעכליעס באַ אַלע, — פאַר־ענטפערט זיך אוסטיניע.

די זון האָט זיך שוין געזעצט. די טאָפּאָלן אין דער אַליי לעבן ייִדישן בעסוילעם שטייען איינס אין איינס מיט די אַרופגעהויבענע צווייַגן. פייגל טראָגן זיך מיט אַ צוויטשערייַ פון ראַט־ווירטישן סאָד און צוריק. איבערן וועג גייען שווערע טראַקטאָרס. דעם מאָלערס ווייַב לויפט גיך אַריבער דעם וועג און זעצט זיך אַף דר׳ערד לעבן קוקורוזע־פעלד. ווען עס איז שוין פינצטערלעך, דערזעט זי, ווי ער גייט פּאַמעלעך מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, און זי גיט אַ טראַכט: „ער האָט שוין נאָך אַ גאָרנישט“...

נאָך אָוונטברויט שטעלט ער אַוועק אַף דער ערד באַ דער וואַנט דעם פּייזאַזש, וואָס ער האָט געבראַכט. זיי קוקן און שווייַגן. דערנאָך באַמערקט זי:

— איצט איז שוין טונקל. מאָרגן אינדערפרי וועט מען בעסער זען. נאָר מיר ווייַזט זיך אויס, אַז דו האָסט אָן אָנהייב.

— ס׳קאָן זייַן.

— ווילסט אַבריקאָסן?

— גיב, — זאָגט ער.

ער עסט די אַבריקאָסן און שמועסט שטיל, ווי מיט זיך אַליין: ווען מע וואָלט אַ גאַנץ יאָר געאַרבעט פון דער נאַטור, וואָלט אַנדערש געווען... אָבער אַזוי. אַלע יאָר אָן איבעררייַס אַף זיבן־אַכט כאָדאָשים, ווערט צעפליקט דער ריטם, די נאַטור שפּרינגט פון די האַלאַבליעס. קלייַבסט אויס אַ פּייזאַזש, עס איז, דאַכט זיך, האַרמאָניש, פּאַרגאַנצט, פּרעכטיק. נעמסט מאַכן — האָסטו פּידרעך!

איצט שטייען זיי שוין אויף פריִער פון אוסטיניען. און זי, זייַן ווייַב, באַגלייט אים ווייַט. איצט מאָלט ער נאָר וועגן. ער זעצט זיך פּאַזע דעם וועג, וואָס פירט קיין בעלץ. זי גייט אַוועק אין סאָד, זיצט באַם טיש און שרייַבט. אוסטיניע זאָגט עפּעס, נאָר זי טוט אַ פּאָכע מיט דער האַנט, און יענע ווערט אַנשוויגן. באַטאָג, ווען זי קומט אַרייַן אין שטוב, איז ער שוין דאָרטן. ער קלעפּט אָן אַפן ברעטל ענגער. דאָס איז אַ גוטער סימען, אַז ער האָפט אַף עפּעס רעכטס. אָט אַזוי אַלע טאָג. אין פּאַפּקע ליגן שוין צענדליקער פּייזאַזשן. שאַבעס און זונטיק קומען זייערע סאָראָ־קער פרייַנט. דאָס זייַנען דאָקטוירים, לערער. די לערערן פון מוזיק קוקט אַף די בילדער. אויב זי דערקענט דאָס אָרט, פון וועלכן ס׳איז געמאָלט געוואָרן, שרייַט זי אויס: „אַ, איך ווייס, ווו דאָס איז!“ אויב זי קוקט אַף אַ פּאָרטרעט, באַמערקט זי נאָר די אויגן און כידעשט זיך: „אוי, וואָסערע אויגן? לעבעדיקע אויגן!“ די מאַנצבלען שווייַגן. טשיקאַווע איז, ווען דער קינסטלער ווייַזט זייַנע אַרבעטן אוסטיניען. זי זעצט זיך,ווישט מיטן עק פאַרטעך די ליפּן, זיפצט, שווייַגט אַ רעכטע ווייַלע, דערנאָך טוט זי אַ קנאַק מיט דער צונג און זאָגט:

— דרר־רראַקולי! איך בין דאָ אויסגעוואַקסן, אַלט געוואָרן, און איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דער ייִדישער בעסוילעם איז אַזאַ שיינער, כאָטש נעם און לייג זיך. ווען מייַנע פיס וואָלטן געגאַנגען, וואָלסטו מיך מיטגענומען, וואָלט איך עפּשער אויך דערזען דאָס, וואָס דו.

דער מאָלער קוקט, שמייכלט, טוט אַ גלעט דער אַלטער איבער דער פּלייצע און זאָגט:

— איך וואָלט דיך קיינמאָל ניט מיטגענומען. זעסט אָן מיר.

— זען זע איך, נאָר וואָס איז די פּולע, — זאָגט אוסטיניע, טוט אַ ווונק און רעדט ווייַטער: — אַז איך קוק אַף דיר, טראַכט איך: ווען אַלע כודאָזשניקעס וואָלטן געווען אַזוי ווי דו... נאָר מע לאַכט פון מיר. ס׳איז מיר אַ בושע פאַר שכיינים. מע פרעגט מיך: לאָזט דייַנע קוראָרטניקעס צו דער גאַז־פּליטע ניט צו? זיי זייַנען מאָגערער געוואָרן, ווי זיי זייַנען אַהער געקומען.

אָט אַזוי נעכטן און אייערנעכטן, אַזוי מאָרגן און איבערמאָרגן, נאָר דער סאַמע ברען וועט זיך אָנהייבן, ווען די ציגייַנער וועלן קומען. דאַן וועט דעם מאָלערס ווייַב האָבן אַ לויפעניש. שוין

אָפּגערעדט דערפֿון, אַז די ערשטע פּאַרטרעטן וועלן אויך זײַן „גאַרנישטן", און ווידער וועט ער זיך אופּעסן, וואָס ער אַרבעט ניט אַ גאַנץ יאָר פֿון דער נאַטור...

און אָט זײַנען אַלע פּייזאַזשן פֿאַרנייט אין לײַוונט, דער שירעם מיט דער מאַלבערט שטייען אין די טשעכאָלן, אוסטיניע פּאַדעט אַרום, קוקט, צי אַלץ איז גוט אײַנגעפּאַקט, וויינט מיט ביטערע טרערן.

— נעמט, דאָס איז דאָך מאַלינעס־וואַרעניע. און דעם בידאָן מיטן האָניק פֿאַרוואָס נעמט איר ניט? מע שלעפּט אַזאַ גוזמע פּאַפּיר, מיט קליי, מיט דער שעד ווייסט וואָס, און דאָס בלײַבט אָן אַ זײַט. אַז מע הייבט מיך ניט אָן צו פֿאָלגן!

און ערשט ווען עס פֿאָרט צו די טאַקסי, ערשט דאַן וויינען שוין אַלע דרײַ.

צו שפּעט

דינע לוואָוונעס לעבן וואָלט געמעגט זײַן בעסער. זי האָט געהאַט צוויי קינדער. איר מאַן איז געווען אַ קינסטלער. ער איז אָפּט געפֿאָרן אין שפּעפֿערישע קאָמאַנדירונגען. ער האָט געהאַט באַשטעלונגען. און ווײַל זיי האָבן געוווינט אין אַ קליין צימערל, ווו עס איז ניט געווען קיין אָרט פֿאַרן מאַלבערט, פֿלעגט דער מאַן גיין אַרבעטן צו אַ כאַווער אין אַן אַטעליע.

דינע איז געווען צוגעבונדן צו דער שטוב. באַלייגט די קינדער שלאָפֿן, פֿלעגט זי נעמען אַף די קני אַ ברעטל מיט אַ פּערטל בייגעלע פּאַפּיר און מאָלן קליינע קאָמפּאָזיציעס ביז שפּעט באַנאַכט, אָפּט אַפֿילע ביז פֿאַרטאָג — אויב דער מאַן איז געבליבן נעכטיקן באַם כאַווער אין אַטעליע. די פֿרײַנט האָבן אירע אַרבעטן קיינמאָל ניט געזען. זיי האָבן אַפֿילע ניט געוווּסט, אַז זי טוט עפּעס.

דינעס מאַן איז אומגעקומען אַפֿן פֿראָנט. אירע קינדער זײַנען אונטערגעוואַקסן. זי איז אַריבערגעפֿאָרן קיין זאַגאָרסק און האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַף דער היגער פֿאַבריק פֿון שפּילצײַג. די פֿרײַנט האָבן עס געוווּסט. עס פֿלעגט אַפֿילע אַמאָל טרעפֿן, אַז עמעצער האָט זיך דערמאָנט און זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין זאַגאָרסק צו דינען. עס איז געווען גאַנץ באַקוועם זיך אָפּצושטעלן באַ איר, איבערלאָזן דאָרט דאָס מאָלער־געצײַג, איבערנעכטיקן, אָפּעסן. דינע איז געווען גאַסטפֿרײַנטלעך. אָבער וואָס ווײַטער, האָט זי זעלטענער אײַנגעלאַדן געסט צו זיך, און ביסלעכווײַז האָבן זיך די פֿרײַנט אַנטווינט פֿון איר. דינע האָט איצטער געקאָנט מאָלן פֿון דער נאַטור, מאַכן גרויסע קאָמפּאָזיציעס, איצט האָט זי געהאַט צוויי באַקוועמע ליכטיקע צימערן, טאַקע צוליב דעם איז זי דאָך אַהער אַריבערגעפֿאָרן. אָבער לעצטנס איז איר ליב געוואָרן גאָר אַן אַנדער זאַך...

אין איינעם אַ טאָג, סאַף פֿופֿציקער יאָרן, איז אַ באַיאָרטע אומבאַקאַנטע פֿרוי מיט אַ הילצערן קופֿערטל אין האַנט געקומען צו דינעס אַן אַלטן פֿרײַנט אין אַטעליע. יענער האָט זיך זייער פֿאַרוווּנדערט, אָבער די פֿרוי האָט ריכטיק אָנגערופֿן זײַן נאָמען, זײַן פֿאָטערנאָמען.

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט דער קינסטלער געזאָגט און דערבײַ אַ טראַכט געטאָן: די פֿרוי האָט געוויס אַ טאָעס. — אַנטשולדיקט, — האָט ער פֿאַרגעזעצט, — איר דאַרפֿט מיסטאָם ניט מיך.

— אויב אַזוי, האָט דינע לוואָוונע אַ טאָעס געהאַט, — האָט געענטפֿערט די פֿרוי. — זי האָט מיר דערציילט, דינע לוואָוונע, אַז איר זײַט ניט איין מאָל געווען באַ איר.

— איר זײַט פֿון זאַגאָרסק, איר זײַט באַקענט מיט דינע לוואָוונען?

— יאָ. מיר זײַנען מיט איר געווען שכיינים. ווען דינעס טאָכטער איז געשטאָרבן, איז זי אַליין זייער קראַנק געוואָרן. דער זון איז געווען באַ איר בלויז איין וואָך — געקומען און אוועקגעפֿאָרן. איר ווייסט דאָך, איצט האָט קיינער קיין צײַט ניט... מיט איין וואָרט, פֿאַרן טויט האָט מיר דינע לוואָוונע אָנגעזאָגט, אַז דאָס קופֿערטל זאָל איך אָפּפֿירן קיין מאָסקווע צו דעם און דעם. וואָס האָט זי דאָרט אַזוינס אָפּגעשפּאָרט, ווייס איך ניט, ס'איז ניט אופּצוהייבן, קיין שום פֿאַרמעגנס האָט זי, דאַכט זיך, ניט געהאַט. כ'האָב געזוכט דעם זונס אַדרעס און ניט געפֿונען. ווער ווייסט, ווו ער איז. די לעצטע האָט געמאַכט די פֿאַבריק, ווײַל מע האָט זי דאָרט זייער און זייער געשעצט. אײַ, אַ גוטער מענטש פֿאַרהאַלט זיך לאַנג ניט! גיט מיר אַ צעטעלע, אַז איך האָב געטאָן, ווי דינע לוואָוונע האָט פֿאַרלאַנגט, און איך וועל גיין. איך אײַל צו דער אַרבעט.

...אויב דינע לוואָוונעס אַלטער פרײַנט, דער קינסטלער, איז געווען פאַרוווּנדערט, וואָס די אומבאַקאַנטע פרוי האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צו אים, איז ער נאָך מער פאַרוווּנדערט געוואָרן, ווען ער האָט געעפנט דאָס קופערטל. ער האָט דערזען זאָרגעוודיק פאַרוויקלטע אין אַלערליי אַלטוואַרג הארטע פעקעלעך, איבערגעבונדענע מיט שפּאַגאַט. ווען ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס ערשטע פעקעלע, איז ער געפּלעפט געוואָרן.

פונעם פעקעלע האָט ער אַרויסבאַקומען אַ קליינע סקולפּטור פון אַרומגעברענטער רויטלעך־ברוינלעכער ליים. אײַלנדיק האָט ער גענומען פאַנאַנדערוויקלען די איבעריקע פעקעלעך, און באַלד איז אויף דער פּאָדלאָגע געשטאַנען אַ גרופּע פון פרויען, מיידלעך, קינדער, אויסגעקלעפּט פון דער זעלבער רויטלעך־ברוינלעכער ליים. אין אַטעליע האָבן זיך ווי צעקלונגען לעבעדיקע שטימען. אָט שטייט אַ פרוי מיט אויפגעהויבענע הענט בײַ אַ שיסל, די האָר בײַ איר זײַנען צעלאָזט, באַלד נעמט זי זיך צוואָגן. אָט זיצט אַ פרוי און לייענט. יעדער פיגור איז פול מיט באַוועגונג, פול מיט פּלאַסטיק, און יעדער סקולפּטור קלינגט אויף זײַן אויפן.

— פונוואַנען האָבן זיך צו דיר גענומען אַזעלכע פּרעכטיקע טעראַקאָטן? — האָט געפרעגט באַם קינסטלער זײַן כאַווער פון דער שכײַנעסדיקער אַטעליע.

אינגיכן האָבן די קינסטלער פון דער האַלבער מייע אַטעליעס, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען, זיך דערוווּסט וועגן דינעס סקולפּטורן. מעווינים האָבן געזאָגט, אַז מע דאַרף מאַכן אַן אויס־שטעלונג און נאָכדעם זיי באַשטאַטן אין אַ מוזיי. אָבער די סקולפּטורן שטייען ביז הײַנט דאָרטן, ווו דינעס שכײַנע האָט זיי געבראַכט. קינסטלער קומען אָפט אָנקוקן די וווּנדערלעכע אַרבעטן. און קימאַט אַלע וווּנדערן זיך, וואָס דינעס פרײַנט האַלט זיי בײַ זיך. שוין זשע זעט ער ניט, אַז מיט זייער שײַן לעשן זיי אויס זײַנע אייגענע בילדער און צייכענונגען, וועלכע ער האָט אויס־געהאָרעוועט פאַר אַלע זײַנע יאָרן.

אין סכאָדניע

אין אַ פראָסטיק־ווינטערדיקן טאָג פונעם 1931 יאָר איז כאַנע געקומען קיין סכאָדניע, ווּהין מע האָט זי געשיקט אַרבעטן אין היגן קינדערהויז. דאָס קינדערהויז האָט זיך געפונען אין מאַיאָנטעק, וואָס האָט אַמאָל געהערט גוטשקאָוון, און ער, גוטשקאָוו, דער געוועזענער דעפּוטאַט פון דער דומע, האָט געוווּסט, ווו צו פּראַווען דאַטשע. אין סאַמע וואַלד זײַנען געשטא־נען גרויסע, פון גראָבע קלעצער, געטעסעטע הײַזער. צווישן די מעכטיקע סאָסנעס זײַנען גיך דורכגעלאָפן גרעסערע און קלענערע קינדער אין פאַרשיידענע טראַנטעס און אין קורצע וואַלי־קעס אויף די באָרוועסע פיס.

צום אַלעמערשטן איז כאַנע אַוועק אין קיך. די קעכן מאַריִא פּעטראָוונאַ, אַ דיקע פרוי מיט אַ ראָז פּאָנעם, האָט אַ ברייטן וויש געטאָן מיט איר האַנטעך דעם טיש. זי האָט אַוועקגעשטעלט אַ טעלער מיט אַ געבראָטענעם פאַרברוינטן קראָליק, אַ שאָל פּוטער און אָנגעשניטן ווײַס ברויט.

— עסט, דאָס זײַט איר דער נײַער זאַווכאָז? — האָט זי מיט אַ גאַסטפרײַנטלעכן שמייכל געפרעגט.

— יאָ, דאָס בין איך. די קינדער האָבן הײַנט געהאַט אַזאַ שיינעם מיטיק?

— די קינדער — ווי אַלעמאָל. דאָס איז פון דירעקטאָרשן טיש.

— איך בין ניט הונגעריק, — האָט כאַנע געזאָגט ניט דאָס, וואָס איז אינדערעמעסן געווען. און גלײַכגילטיק אַ פרעג געגעבן: — פאַרוואָס איז דער פריִערדיקער זאַווכאָז אַוועק פון דער אַרבעט?

— אַ, דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע. צוויי עלטערע ייִנגלעך פון אונדזער קינדערהויז האָבן זיך אַרומגעדרייט אַפן מאַרק, האָבן זיי געפּאַקט דעם זאַווכאָזס פאַרקויפן וואַליקעס. פאַרנאַכט זײַנען אַרײַנגעגאַנגען צו איר פיר ייִנגלעך, איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען אַ מעסער, דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען סידאָרטשוק. מיט איין וואָרט, אויף מאָרגן האָט זי אָנגעגעבן אַ מעלדונג, אַז זי גייט אַוועק פון דער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז דער דירעקטאָר האָט זי ניט פאַרהאַלטן.

כאַנען איז געוואָרן קאַלעמוטנע, זי האָט דערפילט אַ מאָדנע קעלט אין די אינגעווייד. אָבער אויסערלעך רויִק האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אזוי גאָר? איך וואָלט געוואָלט א קוק טאָן אף דעם שלאָפצימער פון די עלטערע יינגלעך.

מאריא פעטראָוונא האָט זי ארויסבאגלייט צום בריקל און געוויזן, וווהין מע דארף גיין.

כאנע איז ארײַנגעגאנגען אין א גרויסן קאָרידאָר, די פּאָדלאָגע האָט דאָרט אויסגעזען, ווי א גליטש מיט אײַנגעפרוירענע צעריסענע בלעטלעך פון העפטן. זי איז ארײַנגעגאנגען אין איין צימער, ער איז געווען פוסט. די פענצטער זײַנען געווען אָנגעפרוירן מיט בערגלעך אײַז. די בעטן זײַנען געשטאנען ניט פארבעט. זי איז צוגעגאנגען צו א צווייטן צימער, פונוואנען עס האָבן זיך געהערט שטימען, און שטיין געבליבן בא דער שוועל. אף דער פּאָדלאָגע זײַנען געווען אָנגעוואָרפן טונקל־גרינע אָנגעשניטענע פאסן, ווי רימענס, אף די בעטן זײַנען געזעסן און געלעגן פערצן־פופצניאָריקע יינגלעך און געשפּילט אין קאָרטן.

— גוטמאָרגן, — האָט כאנע באגריסט די כעוורײַע.

זי האָט ניט געהערט, צי מע האָט איר געענטפערט, צי ניט. זי האָט פארשטאנען, אז די אָנגעשניטענע טונקל־גרינע פאסן זײַנען פון דעקעס. איינער פון די יינגלעך איז אראָפּגעשפּרונגען פון בעט, האָט צונויפגענומען מיטביידע הענט די פאסן, א פאָכע געטאָן מיט זיי אינדער־לופטן און האָפערדיק געפרעגט:

— ס'איז ראיעל געמאכט, עמעס?

— ס'איז פּראַקטיק געמאכט, אָבער קעדיי אויסצוּווּבן די קאָלדרעס פאר אײַך, האָבן די וועבער באדארפט ניט וויניקער געדולד, כאָטש זיי נעמען זיך אזוי ניט איבער מיט זייער אר־בעט, ווי איר.

— שוועסטערקע, ווער ביסטו? — האָבן געפרעגט עטלעכע שטימען מיטאמאָל.

כאנע האָט א רעגעלע געטראכט און שטיל געזאָגט:

— איך וואָלט מיט פארגעניגן געווען אײַער שוועסטער, ווען איר וואָלט געווען בעסערע ברידער.

א ווײַלע האָט געהערשט שטילקײַט.

דערנאָך האָט כאנע געזאָגט:

— איך בין דער זאווכאָז אפּן אָרט פון דער, וועלכע האָט זיך דערשראָקן פאר עמעצן פון אײַך.

— אָ־האָ־אָאָ! — האָבן אלע פריידיק אויסגעשריִען.

— איר האָט ניט קיין שלעכטע שטימעס, נאָר איך וואָלט געוואָלט, אז איינער פון אײַך זאָל גיין מיט מיר אינײנעם צום דירעקטאָר.

— נאָך וואָס? — האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען.

— איך וויל אָפּריידן מיטן דירעקטאָר וועגן דעם, אז ס'זאָל געשאפן ווערן א קאָמיסיע פון אײַך, און איר זאָלט מיט מיר אינײנעם דורכקאָנטראָלירן די קליידער־אַלמערס, דעם פּראָדוקטן־שפּײַכלער און די ווערקשטעלן.

— איך וועל גיין, — האָט אויסגערופן דער, וועלכער האָט געפרעגט, צי די קאָלדרעס זײַנען ראיעל צעשניטן.

דער דירעקטאָר, א פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט געפארבטע האָר, אונטערגעפירטע אויגן, האָט דעם איניען גלײַך דערלייזט. עס זײַנען באשטימט געוואָרן צוויי מיידלעך און דרײַ יינגלעך פון די עלטערע גרופּעס. ביז שפּעט באנאכט האָט כאנע מיט דער קינדער־קאָמיסיע זיך געפּאָרעט בא די קליידער און דעם וועש. אלץ איז פּינקטלעך איבערגעשריבן געוואָרן, און די קינדער האָבן אף דעם פּראָטאָקאָל געשטעלט זייערע כסימעס. אזוי איז אויך געטאָן געוואָרן אין פּראָדוקטן־שפּײַכלער, אין ניי־ווארשטאט. דאָס גאנצע געצײַג פון סטאָליער־ווארשטאט, פון דער שלאָסערײַ און שוסטער־ווארשטאט איז ביז יעדער קלייניקײַט געווען איבערגעשריבן.

אפּן דריטן טאָג האָט כאנע צונויפגערופן א פארזאמלונג פון די צוקלײַבערנס און פון די עלטערע קינדער. דאָס איז געווען א ברויזנדיקע פארזאמלונג. עס האָבן גערעדט די קינדער, און גערעדט האָבן זיי גאנץ אָפן וועגן דעם, אז דער באדינונג־פּערסאָנאַל קוקט מער אהין, ווו עס ליגט עפּעס שלעכט, און אינטערעסירט זיך גאָר ווייניק מיט דעם, אז אין קינדערהויז זאָל אלץ זײַן ווי עס דארף זײַן. כאנע האָט וויניציק גערעדט, זי האָט נאָר געזאָגט, אז דאָס, וואָס די יינגלעך האָבן צעשניטן די קאָלדרעס און געמאכט אן אָפּטריט בא זיך אין קאָרידאָר, איז א וויסטע כארפּע ניט נאָר פאר די יינגלעך, נאָר פאר אלע קינדער, וואָס געפינען זיך אין קינדער־הויז. די עלטערע מיידלעך האָבן מוירעדיק געטומלט. דאָס יינגל, וואָס האָט אזוי האָפערדיק געפרעגט וועגן די צעשניטענע קאָלדרעס, האָט געשריִען:

— מיר זײַנען ניט שולדיק, מיר עסן באלאנדע פון פארפרוירענע בולבע מיט קרויט, און

ווּ קומען אַהין די גוטע פּראָדוקטן, פאַרוואָס איז די דירעקטאָרשע ניט געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג?

— די דירעקטאָרשע איז דאָ ניטאָ, ווײַל זי האָט אָוועקגעפירט אין צוויי זעק די צעפּאַסע־ווטע קאָלדרעס קיין מאָסקווע אין מאַנאַ. און שרײַ ניט אַזוי, קיינער שרעקט זיך פאַר דיר ניט, — האָט כאַנע הויך געמאָלדן.

די קומענדיקע טעג זײַנען די שלאָפצימערן בײַ די ייִנגלעך און בײַ די מיידלעך געווען אין אָרדענונג. אַפילו נאַכט־געשיר האָט כאַנע פאַנאַנדערגעשטעלט אונטער די בעטן, ווײַל דער פּראָסט איז געווען זייער גרויס. די קלענערע קינדער זײַנען געווען אויסגעבאָדן, און כאַנע האָט געזאָגט די דערציִער, אַז אויב זי וועט געפינען אַ נאַס געלעגער, וועט זי מאַכן אַן אַקט, אַז דער נאַכט־דעזשורנע איז געשלאָפן.

איצט האָט זיך כאַנע גענומען צו דער שטאַל, ווּ די פיר קי זײַנען געשטאַנען צווישן אָנגעפּרווירענע בערג מיסט. כאַנע האָט אַליין מיט אַ בראָכשטאַנג געהאַקט שטיקער פון דעם מיסט, און דער הויף־וועכטער האָט עס אויף אַ טאַטשקע געפירט אַהינטער דער שטאַל. ווען די עלטערע ייִנגלעך האָבן עס דערזען, האָט עמעצער פון זיי אַ גרילצנדיקן פּייף געטאָן און געזאָגט:

— דאָס איז די עמעסע פיס־קולטור!

נאָר די איבעריקע האָבן ניט געפּײַפט און ניט געלאַכט. איינציקווײַז זײַנען זיי צוגעגאַנגען צו דער שטאַל וועד מיט אַ לאָפּעטע, וועד מיט אַ בראָכשטאַנג, און די בערג מיסט זײַנען ביז פאַרנאַכט אויסגערייניקט געוואָרן.

איצט האָט שוין כאַנע געוווסט די נעמען פון אַלע קינדער. נאַטאַשע, אָלגע און אַניוטשקע שאַפּיראָ זײַנען געווען אירע בעסטע באַהעלפערנס. סידאָרטשוק מיט זײַנע כאַווײרים קאָליע גוסיעוו און פּעטקע טשיזשאָוו זײַנען אויך ניט אָפּגעשטאַנען פון די מיידלעך. אַזיווי כאַנע האָט קיין אייגענע באַלעבאַטישקײַט ניט געפירט און האָט געגעסן מיט די קינדער אינײנעם אין סטאָ־לאָווע, האָט סידאָרטשוק אונטערגערוקט כאַנען עטלעכע שטיקלעך צוקער. כאַנע האָט אים זייער באַדאַנקט, אָבער דעם צוקער האָט זי ניט גענומען. אין די אָוונטן פלעגט די דירעקטאָרשע אָפּט אַרויסרופן צו זיך כאַנען. נאָך איינעם אַ געשפּרעך וועגן דער באַלעבאַטישקײַט האָט די דירעק־טאָרשע געפרעגט:

— אַנע דאַווידאָוונע, ווּ האָט איר געאַרבעט ביז אונדזער קינדערהויז?

— איר האָט דען ניט געזען מײַן אַנקעטע?

— אין אײַערע הענט געפינט זיך די גאַנצע ווירטשאַפט, פאַרוואָס גייט איר אַרום אין צעריסענע שיך אין אַזאַ נעץ? איר זוכט מיטגעפיל בײַ די קינדער?

— ניין!

— וועל איך געבן אַ פאַראָרדענונג, מע זאָל אין סקלאַד אײַך אַרויסגעבן נײַע שיך.

— ס'איז לעכערלעך. מיר וועט איר געבן שיך, אין דער צײַט, ווען אַ סאַך קינדער גייען אַרום באָרוועס. אויב איר וועט אין די נאָענטסטע טעג זײַן אין מאַנאַ, גיט אָן אַ מעלדונג, מע זאָל אויסטיילן לעדער פאַר אונדזער קינדערהיים.

— כ'וועל עס אומבאַדינגט טאָן.

אויף די וואַלד־לאָנקעס אַרום קינדערהויז איז דאָס גראָז געווען הויך און געדיכט, אָבער ווער עס זאָל שנײַדן דאָס גראָז, איז ניט געווען. און אַלע יאָר פלעגט דאָס קינדערהויז קויפן היי. די דירעקטאָרשע האָט געטײַנעט, אַז זי האָט קיין רעכט ניט צו שיקן די לערער אָדער די דערציִער צום היי־שניט. כאַנע האָט פאַרגעלייגט, אַז דאָס געלט, וואָס דאָס קינדערהויז צאָלט פאַר היי, זאָל מען אויסטיילן פאַר די עלטערע ייִנגלעך אויף מאַטאָנעס, און דאָס איבעריקע איז שוין איר, כאַנעס, זאַך.

אין אַ שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן האָבן קינדערשע קוילעס געהילכט אויף די לאָנקעס. די עלטערע ייִנגלעך האָבן געשניטן דאָס היי, דערנאָך זײַנען די מיידלעך אַרויס מיט גראַבליעס, און אינגיכן איז דער שטאַל־בוידעם ביז צו די קראָקוועס פול געווען מיט היי.

כאַנע איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין קינדערהויז. פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט האָט זיך אַלע ווײַלע געהערט: „כאַווערטע כאַנאַ!" און כאַנע האָט זיך אַלעמאָל אָפּגערופן און אַלעמאָל אַרויסגעהאָלפן דעם, וואָס האָט זיך צו איר געווענדט. ווען די דערציִער מיט די ייִנגערע גרופּעס פלעגן פאָרן קיין מאָסקווע אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אָדער אין קינדער־טעאַטער, פלעגט עמעצער פון די קינדער איר טאָמיד ברענגען אַ בייגל אָדער אַ פּאָר צוקערקעס. און דאָס

איז געווען בא איר מער אָנגעלייגט, ווי די געלע טופליעס, מיט וועלכע מע האָט זי פּרעמירט צום ערשטן מײַ. אויב כאַנען פלעגט אין די ערשטע כאַדאָשים דורכלויפן דער ביטערער געדאַנק, אַז סידאָרטשוק האָט זיך געוואָרפן מיט א מעסער אף דעם געוועזענעם זאַווכאָז, איז עס איצט כאַנען לאַכלוטן אַרויס פון זינען. כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז סידאָרטשוק מיט זײַנע כאַווײרים ווערן אין די אָוונטן גאַנץ אָפט פאַרשוווּנדן פונעם קינדערהויז. אָבער אינגיכן איז כאַנען אויס־געקומען איבערצולעבן א געוויסן ניסאָיען.

אין איינעם א שפּעט־האַרבסטיקן אָוונט איז כאַנע געזעסן אין איר צימער און בא דער קאַרגער שײַן פון א קליין לעמפּל געלייענט. אַן עסעריקער רעגן האָט געקלאַפּט אין שויב, און טונקעלע שאָטנס זײַנען געקראָכן פון דער סטעליע איבער די ווענט צו דער פּאָדלאָגע. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט ניט פאַרקייטלט די טיר. ווען זי איז צוגעגאַנגען און גענומען די קליאַמקע, האָט עמעצער פון יענער זײַט א שלעפּ געטאָן די טיר און איבער דער שוועל האָבן אַריבערגעשפּאַנט סידאָרטשוק, גוסיעוו און נאָך עפּעס אַן אומבאַקאַנט באָכערל, וועלכן כאַנע האָט קיינמאָל אין קינדערהויז ניט געזען. כאַנע האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ אירס איז ערגעץ מיט א מוירעדיקן קלאַפּ אַראָפּגעפאַלן. זי האָט ווי דורך א נעפּל געזען, ווי אַפן טישל איז אויס־געוואַקסן א פלאַש בראַנפן, א ווײַס ברויט און עפּעס־וואָס אײַנגעוויקלט אין פּעט־פּאַפּיר. דאָס לעצטע, וואָס זי האָט דערזען, איז געווען א פּעקל „קאַזבעק". אָט אָ־דאָס שאַכטעלע פּאַפּיראָסן האָט אומגעקערט כאַנעס האַרץ אף אַן אָרט, ווײַל זי איז געווען זיכער, אַז נאָר גאַנאָווים קאָנען רייכערן אַזעלכע טײַערע פּאַפּיראָסן. א ווילדער קויעך האָט זי א שטויס געטאָן צום טיש. זי האָט עפּעס אויסגעשריִען צו סידאָרטשוקן, אַראָפּגעשמיסן דאָס פּעקל פּאַפּיראָסן פון טיש און, ווי דורך א רויטן פאָרהאַנג, געזען, ווי סידאָרטשוק נעמט אַראָפּ די פלאַש בראַנפן פון טיש, שטופּט זי אַרײַן אין בוזעם־קעשענע און לאָזט זיך צו דער טיר...

כאַנע איז א גאַנצע נאַכט געזעסן אין אָנטאָן. אינדערפרי האָט זי מיט די מיידלעך אַרויס־געגעבן פּראָדוקטן דער קעכן. פּלוצעם האָט זיך אַרײַנגעשטעלט סידאָרטשוק. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון דער טיר, דורכגעלאָזן די קעכן מיט די פּראָדוקטן און האָט שטיל געזאָגט צו כאַנען, אַז די מיידלעך זאָלן ניט הערן:

— איצט ווייסן מיר, אַז איר זײַט בעעמעס א לײַטישער מענטש.

— וואָ־אָ־אָך! — האָט כאַנע אויסגעשריִען ניט מיט איר קאָל.

אַנושקע און נאַטאַשע האָבן דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז געשען, כאַווערטע כאַנאַ?

— גאָרנישט, — האָט כאַנע געזאָגט און בעשאַס־מײַסע א טראַכט געטאָן, אַז אפילע גאַנאָווים אַכטן אָן אָרנטלעכן מענטשן.

רײַזענע קאַשע

טײַערע באָבעלע מײַנע, זיידעלע ליבער, איר זאָלט אף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן, און קיין בייז האַרץ זאָלט איר אף מיר ניט טראָגן, און זאָגט קיינמאָל ניט, אַז איך בין פון אײַך אַנטלאָפן. איך בין פון אײַך נאָר אוועקגעפאָרן. איר ווייסט גוט, אַז אוועקפאָרן האָב איך געדאַרפט. באַדענקט זיך אַליין, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן אין שטעטל. איך בין שוין ניט קיין קינד. דעם פּייסעך ווערט מיר פערצן יאָר. כאָטש איך לערן זיך נאָך ניט, אָבער איך וועל זיך געוויס לערנען. דערווײַל אַרבעט איך דאָ, אין קאָוונע, אין דאָקטער לײַמאַנס יעסוימים־הויז. די ערשטע צײַט האָב איך זיך געשראָקן, נאָר איצט האָב איך שוין קיין מוירע ניט. טײַערער זיידעלע, זאָלסט פון מיר ניט לאַכן, איך האָב זיך געשראָקן פאַר די גרויסע כאַדאָרים, און מער פאַר אַלץ פאַר דער גרויסער קיך. וואָרעם די קיך איז אין א סקלעפּ, מיט א סאַך קליינע פענצטערלעך, די פּאָדלאָגע איז אויסגעפלאַסטערט מיט ציגל, און בא די ווענט ציט זיך א לאַנג־לאַנגער טיש. דעם טיש האָב איך אויסגעשײַערט מיט זאַמד און מיט א וויכעטש, ווי דו, באָבינקע, פלעגסט מיר הייסן שײַערן אונדזער מילכיקן טיש. ווען דער טיש האָט זיך אויסגעטריקנט, האָט ער געהאַט אַזאַ היימלעכן אָנבליק, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, ווי דו פלעגסט קוועלן, וואָס איך האָב אים אויסגעשײַערט אַזוי ריין. די קעכן סאַמעלאָנעכע קאָכט אין איין קעסל זופּ, אין דעם אַנדערן קעסל קאַשע, און אין דריטן וואַסער אף טיי. סאַמעלאָנעכע טאָפּעט איבער דער געפלאַס־

טערטער רויטער פּאָדלאָגע, און אַלע ווײַלע הייסט זי מיר עפּעס דערלאַנגען איר צו דער האַנט. מ'האָט מיר געגעבן אַ סעניק, און איך שלאָף אויפֿן גרויסן קאַסטן, ווו מע האַלט אַלערליי גריץ. איצט שטיי איך שוין אויף פֿיר אַזייגער אינדערפֿרי. נאָר פֿריִער פֿלעג איך מוירע האָבן אײַנ־צושלאָפֿן, ווײַל ס'פֿלעגט זיך מיר דוכטן, אַז ס'וועט ווערן כאַלילע אַ גרויסער שטורעמווינט, אַלע כאַדאָרים מיטן דאַך מיט די ווענט וועלן אַראָפּגעטראָגן ווערן, און עס וועט בלײַבן נאָר די ציגלנע פּאָדלאָגע, און איך אויפֿן קאַסטן אין גרויסן דרויסן. מײַנע ליבינקע קריינדעלעך, איך האָב גענומען אין זיידנס קעשענקע פֿון וועסטל צוויי רובל אויף באַן־געלט. פּופּציק קאָפּעקעס איז באַ מיר געבליבן, וועל איך זיי צולייגן צו מײַנע סכירעס, עס זאָל אויסמאַכן צוויי רובל, און איך וועל זיי אײַך אָפּשיקן אויף כאַנעקע. איר זאָלט נאָר קיין סיוועררלעוו ניט האָבן, און איר זאָלט, כאַלילע, וועגן מיר קיין שלעכטס ניט טראַכטן. אויב מערקע שימענס וועט שרײַבן אַ בריוו צו מיר, זאָלסטו איר זאָגן, באָבינקע, אַז זי זאָל אוועקשטעלן „זײַ אַ מענטש" און ניט „זײַ אַ מענטש". אַזוי האָט מיר געהייסן דער לערער כאַיִם, וואָס לערנט אין יעסוימים־הויז מיט די עלטערע קינדער. ער איז אַזאַ ווילער, און ער זאָגט, אַז אויב איך וועל אים פֿאָלגן, וועל איך זיך גוט לערנען. איך האָב אַ גוטן קאָפּ, זאָגט ער. דערווײַל לאָזט מיך סאַמעלאָנעכע ניט צו צו די קעסלען. איך דין דאָ מיט עטלעכע יונגע ליטוועטשקעס אין קיך. דו ווייסט דאָך, אַז אין דער היים פֿלעגן מיר אויך אופֿשטיין פֿאַרטאָג. דאָ איז אויך באַגינען פֿינצטער, ווי אין שטעטל, אָבער דאָ ברענט אַ בליך־לאָמפּ, ניט אַזוי ווי באַ אונדז — אַ דרײַער לעמפּל, אָבער סײַווי פֿלעג איך די ערשטע צײַט וועלן שלאָפֿן. וואָרעם שיילן באַגינען בורעקעס און בולבע איז אַזוי נודנע! פֿלעגט באַ מיר דאָס מעסער אַרויספֿאַלן פֿון די הענט. ווען דאָ וואָלט געווען ניט קיין ציגלנע פּאָדלאָגע, וואָלטן די ליטוועטשקעס ניט באַמערקט, אָבער אַזוי דערהערט זיך גלײַך, ווי דאָס מעסער פֿאַלט, און מעכאַסע גיט מיר באַלד אַ טערעבענץ אין קאָפּ, פֿאַל איך אַרײַן מיט דער פּאַטשיילקע און מיט דער צורע אין צעבער וואַסער, ווו מע וואַרפֿט די אָפּגעשיילטע בולבע. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט זי מיר ווידער געגעבן אַזאַ בוכצע אין קאָפּ, אַז עס האָט מיך אַזש גענומען אַ קאַס, האָב איך אַ שפּרונג געטאָן פֿון אָרט און מיטן בענקעלע מעכאַבעד געווען מעכאַסען אין פּלייצע, אַלע האָבן געקײַכט פֿון געלעכטער. פֿון דעמלט טשעפּעט זי זיך מער ניט צו מיר, מעכאַסע. זעסטו, באָבעלע טײַערע, אַז איך לאָז זיך ניט אַרויסציִען די לאָקשן פֿון מויל, ווי דו האָסט מיך געלערנט. איצט פֿאַרשטיי איך, אַז דער זיידע איז געווען גערעכט, ווען ער פֿלעגט זאָגן, אַז האָרעוואַניע פֿאַר אַ האַנט איז ווי אַ שאַרפֿשטיין פֿאַר אַ מעסער. האָרך, באָבעלע, וואָס איך וועל דיר דערציילן.

קאָנסט מיר גלייבן? אויף באַנאַכט שטעלט מען דאָ אַרויס אַזוינע קערב אין דרויסן, אין די קערב לייגט מען אַרײַן קישעלעך און קאָלדרעטשקעס, און אינדערפֿרי גייען די ליבהאַרציקע שוועסטערנס צו די קערב און נעמען פֿון דאָרטן אַרויס פּיטשינקע קינדערלעך. אַנוסטן האָט מיך סאַמעלאָנעכע געשיקט אַוועקטראָגן אָנבײַסן פֿאַר די אַמען, האָט קלאַרע, אײנע אַ שוועסטער, פֿון אַ קאָלדרעטשקע אַרויסגענומען זייער אַ שיין ייִנגעלע, און ער האָט אַפֿילע אַ האָר ניט געוויינט. איך זאָג דיר דעם עמעס, טײַערע באָבעלע, אַז איך האָב זיך גראָד יאָ צעוויינט. אַזאַ פֿייגעלע זאָל מען לאָזן אין דרויסן אויף אַ גאַנצער נאַכט! און אין דרויסן איז אַזאַ קעלט. ניט אַזוי?

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי די מומע ביילע טוליעט רוווינקען. כאָטש אין שטוב איז וואַרעם, טוט זי אים אָן אַ מולטן יאַקעלע און די ווינדעלעך זײַנען מולטענע, און דער וויקלשנור איז אויך פֿון מולטע. אויף דער פּערינקע לייגט זי אַוועק אַ האָזן פֿעלכעלע, נאָכדעם אַ צעראַטקע. און דאָ איז ער געלעגן אין אַזאַ פֿראָסט אויף אַ סעניקל. בייס די שוועסטער קלאַרע האָט אים אַרויס־גענומען, איז ער געווען בלוי ווי אַ מילץ. האָט זי אים אײַנגעריבן מיט מאָן־אייל, אים גיך פֿאַרוויקלט אין טרוקענע ווינדעלעך און גלײַך אים דערלאַנגט אַ פֿלעשעלע מיט מילך. אַהאָ, זי ווייסט גרײַלעך, ווי זיך צו באַגיין מיט אַזוינע בעבלעך. עס טרעפֿט, אַז מע מוז זיי גלײַך אויסבאָדן. פֿריִער האָט זי מיך געטריבן, אַז איך פֿלעג ברענגען אָנבײַסן. האָב איך איר געזאָגט: „פֿאַרוואָס טרײַבט איר מיך, איך בין שוין אַ גרויסע. די בולבע און די בורעקעס האָב איך שוין אָפּגעשיילט, און די איבעריקע אַרבעט האָב איך שוין אויך אָפּגעטאָן; אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך העלפֿן". האָט זי מיר אַ קניפּ געטאָן אין באַק און געזאָגט: „האָסט ליב קליינינקע? דאָס איז זייער פֿײַן. אָבער קיין באַהעלפֿערס דאַרף איך דאָך ניט". דאָס האָט זי סטאַם אַזוי געזאָגט. דערנאָך האָב איך איר געהאָלפֿן וויפֿל איך האָב געוואָלט. איצט גיי איך נאָך וואַרמעס אַלע טאָג צו די קליינינקע. און די שוועסטער קלאַרע לאַשטשעט מיך, ווײַל איך פֿאָלג, וואָס זי זאָגט. ניט אַזוי?

איצט פֿרעג איך באַ דיר, זיידינקע, זאָג מיר, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וואָרט זוינע? קלאַרע און די אַמען, וואָס זויגן די שוואַכע קינדער, זאָגן: „די ברודיקע זוינעס זײַנען ערגער ווי צויגן!"

שרײַב מיר, באָבינקע, צי האָט זיך שוין געקעלבט אונדזער קו? די זריִע פון די נאסטורציעס און די געאָרגינעס האָב איך באַהאַלטן אין קאטוך. אז ס׳וועט קומען די צײַט, זאָלסטו בעטן סימקע מאָרדכעס, וועט זי פארזייען דאָס גערטעלע און ס׳וועלן וואקסן בלומען, ווי אַלע יאָר, עלעהיי איך בין אין דער היים. איצט וועסטו גוט לאכן פון מיר. אָבער ס׳איז גאָר קיין געלעכטער ניט. עס קאָן זײַן, ווען דו וואָלסט אין דער היים געקאָכט רײַז־קאשע, וואָלט אזא זאך ניט געטראָפן מיט מיר. אָבער אין דער היים פלעגסטו קאָכן א יויך מיט בעבלעך, אָדער גערשטענע קאשע מיט מילך, אָדער מילכיקע ארבעסענע טריף־קניידלעך. דאָס קען איך אויך אַלץ קאָכן, נאָר פארצווייוואָכן זונטיק זאָגט צו מיר סאמעלאָנעכע: „איך זע, אז דו ביסט א זשוואווע מיידל און אז מע קאָן זיך אָף דיר פארלאָזן. וועסטו אויסקאָכן רײַז־קאשע, און איך גיי אוועק אין קאָסטיאָל“. א זופּ מיט פערלגרויפּן און ארבעס האָט זי אליין אויסגעקאָכט, וואסער אין קעסל אָף דער קאשע האָט זי אויך אָנגעגאָסן, און זי איז אוועקגעגאנגען. אז מע דארף איבערוואשן די רײַז, ווייס איך דאָך. האָב איך איינס־צוויי אָנגעשאָטן מיטן שופל א פולן עמער רײַז, איבערגעוואשן, אריַינגעשאָטן אין קעסל, א מיש געטאָן מיט דער גרויסער הילצערנער לאָפּעטקע. זע איך, אז עס איז שיטערלעך. וויפל רײַז מע דארף ארײַנשיטן, איז מיר ארויס פון זינען, האָב איך ארײַנגעפּוצקעט נאָך אן עמער רײַז. איך האָב אונטערגעלייגט צוויי שײַטעלעך האָלץ, ווײַל סאמעלאָנעכע טײַנעט אלעמאָל, פארוואָס איך פאליע אזא פלאם. „ווילסט אָפּבראָטן אן אָקס פאר גאנץ קאָוונע?“ — זאָגט זי. און זי איז טאקע גערעכט. מאך איך א קליין פײַער, און דערווײַל נעם איך ארויס מײַנע ביכלעך, וואָס דער לערער כאַיִם האָט מיר אנטליִען, און איך לערן, וואָס ער האָט מיר פארגעבן. און די ביכלעך זײַנען אזוינע טשיקאווע! דער זיידע האָט דאָך געלערנט מיט מיר נאָר כומעש, טאנאך, טילים, איצטער ווייס איך, אז כוץ דעם, איז דאָ שאָלעם־אלייכעם און שאָלעם אש. נאָר דיר, באָבינקע, איז דאָס סײַוויסײַ אלציינס. ניט אזוי?

זיץ איך אזוי און לערן, מיטאמאָל דערפיל איך סמאלינעס. איך טו א שפרונג צו דער פליטע. ווי און ווינד איז מיר! די פליטע איז פול מיט רײַז, פון קעסל זעצט א רויך, און דער רויך שטופּט די רײַז פון קעסל. האָב איך זיך אזוי צעוויינט, דאָס הארץ האָט מיר אויסגעריסן — אזויפיל רײַז אניוועץ געבראכט, סאמעלאָנעכע וועט דאָך מיר איך ווייס ניט וואָס!

נאָך א נעס, וואָס דער לערער כאַיִם איז ארײַנגעגאנגען. אז ער האָט דערזען, וואָס מיט מיר און מיט דער קאשע טוט זיך, האָט ער גענומען דעם גרויסן קאָכלעפל, האָט געשעפּט די רײַז פון קעסל אין אן עמער ארײַן, נאָכדעם האָט ער דערגאָסן קאָכעדיק וואסער, ער האָט מיך געגלעט איבערן קאָפּ און געטרייסט. „נאריש קינד, — האָט ער געזאָגט, — וואָס וויינסטו? וועלן די קינדער עסן מאָרגן אויך רײַז־קאשע, קיין בייז ניט! איך וועל שוין זאָגן דער קעכן, זי וועט אָף דיר ניט שרײַען“. און פארייִנס האָט ער שוין מיט מיר געלערנט, אז מע דארף ניט זאָגן און שרײַבן „מיידאלע“, „יִנגאלע“, נאָר מע דארף שרײַבן „מיידעלע“, „יִנגעלע“. האָב איך טאקע אזוי געשריבן, אוואדע, וואָדען. און מיט דער קאשע האָט זיך אויסגעלאָזט, אז סאמעלאָנעכע האָט געפּלאצט פון געלעכטער, און אָף מאָרגן אָף אָנבײַסן האָט זי געקאָכט א מילכיקן זופּ פון רײַז. די עלטערע קינדער זײַנען געווען שטארק צופרידן, וואָרעם מאָנטיק קאָכט זי אלעמאָל בעבלעך מיט אייל.

איצט, טײַערע באָבעלע און זיידעלע, וועל איך אײַך בעטן, אז די קאץ וועט זיך אָפּקעצלען, זאָלט איר די קעצלעך ניט צעטיילן, וואָרעם דאָ זײַנען דאָ אָן א שיר מײַזלעך, פּאצוקעס געפינען זיך דאָ אויך. איך האָב שוין אָפּגעמאכט מיטן לערער כאַיִם, אז ער זאָל מיר געבן אזא קערבעלע מיט א דעקל, און ווען איך וועל קומען אָף שוועס צוגאסט, וועל איך מיטנעמען די קעצלעך. קיין גרויס העזעק וועט איר ניט האָבן. די קעצלעך זויגן דאָך בא דער קאץ און נאָכדעם קאָן מען זיי געבן מילכיק געקעכץ. דער לערער כאַיִם זאָגט, איר זאָלט די קעצלעך, לעמאנהאשעם, ניט צעטיילן, זאָלן די שכיינים אליין האלטן קעץ, און ער זאָגט, אז איבעראיאָר, מירצעשעם, וועל איך זיך קענען לערנען אין פאָלקס־אוניווערסיטעט. דערווײַל ווייס איך ניט קלאָר, וואָס דאָס איז. דערווײַל קוש איך אײַך און איך האלדז אײַך, און איך בעט אײַך ראכמים, איר זאָלט נאָך מיר ניט בענקען, וואָרעם איך בענק שוין אזוי נאָך אײַך, אז ווען איך לייג זיך שלאָפן, פרעפּל איך: „גאָטעניו, מאך שוין גיכער, ס׳זאָל ווערן שוועס“. איך האָב אײַך אזוי האָלט, אז איך קאָן אײַך דאָס גאָר ניט זאָגן. באָבינקע, בייזער זיך קיינמאָל ניט אָפּן זיידן און אָף מיר. און איר זאָלט קיין זאָרג ניט האָבן וועגן מיר, וואָרעם סאמעלאָנעכע איז גוט צו מיר. זי רעדט יִדיש ווי א וואסער. וועגן לערער כאַיִם איז אָפּגערעדט, איך האָב אים האָלט קימאט ווי אײַך. דאָס איז דאָך ניט קיין אווירע?

זײַט געזונט, ווי עס ווינטשט אײַך אײַער איייניקל כאנקע.

די טוקערן

אין א הינטערגעסעלע שטייט עלקע דער טוקערנס שטיבל. דאָס שטיבל איז אײַנגעשרומפּן, נידעריק און גראָ. דאָס שינדל־דעכל ברעקלט זיך איינינעם מיט די גרינע לישײַעס, וואָס זײַנען אָף דעם אָנגעוואַקסן.

עלקע איז אויך קליין און דאר. איר געבויגענער רוקן מאכט זי נאָך קלענער, ווי זי איז, נאָר דאָס פּאָנעם אירס איז שטענדיק באַשײַנט מיט א שמייכל און אירע ברוינע אויגן קוקן אָף אַלץ מיט גרויסער לײַטזעליקײַט. צו די שטעטלשע ווײַבער, וואָס קומען אָן צו איר מי, איז זי געדולדיק און גוטהאַרציק. אָבער צו א קאַלע, וואָס קומט אהער, האָט זי באַזונדערע געקליבענע ווערטער.

בייס די קאַלע לאָזט זיך פּאַמעלעך איבער די טרעפּלעך אין מיקווע אַרײַן, וואָרנט עלקע צערטלעך און שטיל:

— ברידיק זיך ניט, מײַן קרוין, די מיקווע איז ריין, ווי א פּייסעכדיקע קיילע. איך האָב אַרײַנגעגאָסן אהין בא די פּופּצן פּאָר עמער וואַרעמע וואַסער.

בייס די קאַלע איז שוין אין מיקווע, זאָגט עלקע צוגעלאָזט:

— אויב ס'איז דיר ניט גרײַלעך גוט, גיי אַרויס, מײַן אויצער. ביסט קאָשער, מײַן קינד, אָף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן.

דערנאָך זיצט די קאַלע אין א געהאַפּט העמד אָף דער באַנק. עלקע זיצט אַנטקעגן איר אָף א נידעריק בענקעלע, האַלט דער קאַלעס פוס בא זיך אין שויס, באַקוקט, רירט אָן יעדער פינגער באַזונדער און לויבט:

— קיין איין זאַגניאַטקעלע אָף דײַנע פינגער. די נעגל האָסטו אַליין אָפּגעשאָרן, כאַכמאַניעס מײַנע, געראַכט. אָן אייגענע האַנט שנײַדט ניט ביז בלוט.

אָף שטעטלשע כאַסענעס איז עלקע זייער א בעקאָוועדיקער גאַסט. פּאַר באַזעצנס גייט זי צו צו כײַקל דעם באַדכן, פירט אים אָפּ אָן א זײַט, שושקעט אים אין אויער אַרײַן:

— מאַך בעקיצער דײַן „קאַלע־קאַלע, וויין, דאָס לעבן דײַנס וועט זײַן, ווי א האַרטער שטיין". איין איי זיצט מען צוויי מאָל ניט אויס. צײַט איך קען דיך, באַדכנסטו דאָס זעלביקע. אָבער די קאַלע גייט דאָך צו דער כופּע ערשטע מאָל.

ניט אַלעמאָל איז עלקע צוגעלאָזט. עס טרעפט, זי רײַסט אַרויס א קינד בא א מאַמען פון די הענט און זאָגט ביטערע ווערטער:

— בוכצעסט? קנײַפּסט? מיינסט, א קינד פּאַרגעסט? עס געדענקט, וועסט כאַראָטע האָבן, אָבער סע וועט זײַן צו שפּעט.

קיינמאָל האָט קיינער אָף עלקען קיין בייז האַרץ ניט געהאַט. פּאַרקערט, מע האָט זיך געוווּנדערט — אַזא עלנטער מענטש, אַלעמאָל איינינקע אַליין, און דאָס האַרץ איז בא איר אָפן פּאַר יעדערן. און אויב א שכיינע פרעגט:

— ווי קומט איר אויס? — טוט עלקע א פּאָכע מיט די טונקעלע קליינע הענט, טוט א זיפץ:

— א דאַנק דעם אייבערשטן. אין מײַן גערטנדל וואַקסט. די ציג מעלקט זיך. זי האָט ניט קיין הערנער, האָט איר דער אייבערשטער באַשערט פיר פּיפּקעס. אַלע טאָג דרײַ קוואָרט מילך. און די מילך איז זיס און באַטאַמט, ווי איך וואָלט אהין אָנגעשטויסן יאַדערס פון וואַלד־ניסלעך.

דער זומער איז געווען שיין. ליכטיקע, וואַרעמע, שטילע טעג. אין שטעטל האָבן זיך געגרייט א סאַך כאַסענעס. עלקע האָט געהאַט וואָס צו טאָן. זינט די סאָוועטישע אַרמיי איז אַרײַן אין ליטע, איז זי ניט קיין טוקערן, נאָר א „קאָמונאַלניצע". כוץ דערויף, האָט מענוכקע אײַזיקס, אָט די, וואָס איז שוין לאַנג אָן אַקטיוויסטקע, זיך דערשלאָגן א פּענסיע פּאַר עלקען. אַלע כוידעש באַקומט זי א פּענסיע. זאָגט טאַקע זלאַטע לייבעס:

— איר שפּילט זיך מיט עלקען? ס'איז צו איר ניט צוצוטרעטן. אומזיסט אַזויפיל געלט. א גאַנצער פּעדיקור־מײַסטער געוואָרן!

...מיטאַמאָל איז דער בלויער הויכער הימל נידעריק און פּאַרכוישעכט געוואָרן. העכער א מעסלעס זײַנען דורכן שטעטל געגאַנגען טאַנקען. די שטיינער פון ברוק זײַנען אַרויסגעשפּרונגען, די גאַסן זײַנען איבערגעאַקערט געוואָרן. אָט דאַן, ווען די שטעטלשע יידע וואָלט זיך געלאָזט צו קיידאַן־צו, צוזאַמען מיט די טאַנקען, וואָס זײַנען געגאַנגען צו דער גרענעץ, וואָלט מען זיך געקאָנט ראַטעווען, אָבער נאָכדעם איז שוין געווען צו שפּעט.

עס זײַנען שוין געווען די ריכטיקע סימאָנים, אַז אַלע זײַנען פאַרורטײלט. נעכעמיע דעם שינדלמאַכער האָט מען אַרויסגעיאָגט פון שטוב און אים געוואָלט ערגעץ שלעפּן צום בעסוילעם.

„אָט אָ־דאָ זאָל זײַן מײַן קעץ, כ׳וועל אין ערגעץ ניט גײן!“ — האָט נעכעמיע געשריִען.

עס זײַנען שוין געווען נאָך קאָרבאָנעס.

עלקע האָט געזען — ס׳איז שלעכט און ביטער. זי איז אַפילע אַרײַנגעגאַנגען צו שכיינים, — זי האָט געהאַט אַן אײַצע, נאָר דערזען, ווי מאַמעס זיצן מיט פאַרבראָכענע הענט, ווי זײ טוליען די פאַרשמאַכטע קינדער צו זיך, און די אײנציקע מאַנצבלען אַפילע, וואָס זײַנען ניט אַוועק אַף מילכאָמע, זיצן ווי טויטע, האָט זי זיך באַטראַכט: „איצט איז ניטאָ וואָס צו ריידן. איצט טוט יעדער, ווי ער פאַרשטײט“.

אין אײנעם אַ פאַרנאַכט האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן טאָפּ וואַסער אַפן פּריפּעטשעק, אַראָפּגעלאָזט אין טאָפּ אַ טאָרבע מאָן מיט די מאָנקעפּלעך אינײנעם, און ווען ס׳האָט זיך אָפּגעקאָכט, האָט זי דאָס אָפּגעזײַטע צעטײלט אַף צוויי כאַלאָקים. אײן העלפט אויסגעגאָסן אין אַ שיסעלע, באַשפּרענקלט דאָס פליסיקע מיט ווײצענע קלײַען און אַוועקגעטראָגן דער ציג. די ציג האָט אויסגעטרונקען. עלקע איז געשטאַנען און געוואַרט. און בײס די ציג איז ווי אַן אונטערגעשניטענע אַוועקגעפאַלן, איז עלקע אַוועק אין שטיבל. זי האָט זיך אין גרויס אײַלעניש איבערגעטאָן, פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ קלאָר־ווײַסער פאַטשײלקע, אויסגעטרונקען די צווייטע העלפט פון דעם אויסגעזאָדענעם מאָן און זיך אַוועקגעלײגט אין בעט.

זי האָט ניט געהערט דעם יאָמער און די געשרײען, בײס מע האָט געטריבן די שטעטלשע אײדע צום דערפל פּוסטינקע. זי האָט אויך ניט געזען, ווי דער מאַלעכהאַמאָוועס איז אַרײַן צו איר אין שטיבל. דער מאַלעכהאַמאָוועס איז געווען אַ הויכער, אַ בלאָנדער. אין האַנט האָט ער געהאַלטן גרויזאַם געווער. ער האָט זיך אײַנגעקוקט, ווי עלקע ליגט, אַ שפּאַן געטאָן אַף צוריק, זיך אָנגעצילט אין עלקען. צעיושעט און ווילד נאָכדעם געיאָגט איבערן געסל, אַקוראַט ווי עלקע וואָלט אין אים געצילט נאָך מיט אַ מער גרויזאַם געווער, ווי זײַנס.

און זי, עלקע די טוקערקע, איז געלעגן גאָר ניט אַזוי, ווי מע זאָגט אָדער ווי עס ווערט אַפילע אָפט געשריבן, אַז דער באַרמינען איז געלעגן, ווי ער וואָלט אײַנגעשלאָפן, ווי לעבעדיק. ניין, עלקע איז ניט געלעגן ווי לעבעדיק. איר פּאָנעם איז געווען ברוינלעך־שוואַרץ. ס׳איז ניט געבליבן קיין סימען פון לײַטזעליקײַט. אַרום די אָפענע אויגן, בא די ליפּן, איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ ביטערער אויסגעשריי, וואָס מע האָט אָן ערעך געקאָנט פאַרטײַטשן אַזוי: „וועלט, איך האָב דיך מיִעס געמאַכט, איצט וועסטו שוין זײַן שיין און רײן!“...

די רוויקײַט

• • •

כ׳פאַרהענג באַדערנאַכט ניט
די פענצטער מיט שטאָרן,
ניט גיין זאָל קיין פּיצעלע
העלקייט פאַרלאָרן.

פון טונקעלער בלויקייט
איין שפּרענקל און סימען,
און כ׳דאַרף שוין ניט טאַפּן
די ווענט אין מײַן צימער.

מײַן בליק כאַפּט נאָך אופעט
א פּאַסיקל בלייכקייט,
פון טאָג־ליכט א צאַנקענדע
ליבלעכע ווייכקייט...

איך וויל פון דער וועלט זיך
מיט גאָרנישט פאַרשטעלן.

פון קינסטלעכער כאַשכעס
נעמט אָטעם מיר פעלן.

די ווענט כ׳וואָלט צעשפּאַרט,
כ׳זאָל דעם הימל דערפילן,
די נאַכט די נאַטירלעכע
זאָל מיך פאַרהילן.

מעג זײַן א שטאָק־פינצטערע —
ניט קיין סאַקאָנע,
א שײַן טאָן קאָן פלוצעם אף מיר
די לעוואָנע,

צי ראַפּטאָם א שטערנדל
וועט זיך צעשיטן,
מיט יונגקייט מיר אָנצינדן
מײַנע געבליטן.

• • •

כ׳פאַרטראַכט זיך אף יעטווידן שפּאַן.
אין וואַלד איז דאָס מעגלעך אוואַדע.
ס׳דערלאַנגט די קוקאווקע דעם פּלאַן
דער וואַלדישער פייגל־בריגאַדע.

מיט קו־קו א זאַק אָנגעפּאַקט
און שיט... ס׳האָט קיין זין ניט צו ציילן...

אָן אָפּשטעלן, אָן און אנטראַקט,
זי וויל איר קאָנצערט ניט צעטיילן.

זי דאַרף ניט קיין בראַוואָ און ביס,
אָן איבערײַס, נומער נאָך נומער.
און יעטווידער קו־קו איז זיס
און שיין, ווי דער ליכטיקער זומער.

באַם פענצטער שטיי

כ׳האָב באַטאָג פאַרצייכנט זיך געַנוי,
וויאַזוי צו דיר אין אָוונט קומען,
וועלכע סטעזשקע מערער איך פאַרטרוי,
שטיינדלעך זאָלן אונטער טריט ניט זשומען;

ניט צעברעכן כ׳זאָל א קוסט, א צווײַג,
ניט צעטרעטן אין דער פינצטער בלומען.
דו אליין באַם פענצטער שטיי און שווײַג,
ווען איך וועל צו דיר, מײַן ליבסטע, קומען.

• • •

הינטער הויכע בערג
און הינטער טיפע יאַמען
וואָלט איך זיך באַהאַלטן
פון די אַלטע גראַמען.
כ׳רוף זיי ניט און כ׳בעט זיי ניט,
וויל פון זיי ניט וויסן,
לויפן זיי אנטקעגן,
בייגן זיך און גריסן

אזוי צערטלעך־נאָכגיביק
מיט א צוזאָג־שמייכל.
אָפּגענוצטע גראַמען
האָבן אָבער סייכל,
ווי מיך צו פרינאַדיען,
כ׳זאָל פון ליבשאַפט ווידער
אף די הענט זיי טראָגן
אין די נײַע לידער.

די רויִקייַט

געבענטשט זאָל זייַן די דרייסטע רויִקייַט,
זייַן טאָמיד פאר דער דראָענדיקער
אומדערוואַרטקייַט גרייט.
א וואָרף געבן דער פייַנט ווען א גראנאטע,
דו לויף פון איר ניט אָפּ צעמישטערהייט,

נאָר גיב א כאַפּ זי,
ווי א האָלאָוועשקע,
און שלײַדער זי צוריק אין סוינעס זײַט.
א שטאַרקער קלוגער וואָפן
איז די רויִקייַט
אין יעדער צייַט...

די ברײרע

נײן, פאר דער שוואַלב איז ניט קײן לאַסט
(ווי כ׳וואָלט בא איר געוווען צוגאַסט)
די ענגשאַפט און די פינצטערניש פון נעסט,
דאָס שמאָלע שפּעלטעלע — די טיר...
די ברײרע איז דאָך פאָרט בא איר —
אין אויגנבליק זי גיט א מעסט
די בלויע הייך,

א שוועב, א פלי
צו זונען־גלי,
דערגרייכט
דעם גרינעם בארג
באַם יאַם,
און ס׳איז די וועלט איר
פרייַ, געראַם!

א שטיין צוקאָפּנס

א שטיין צוקאָפּנס הייבט ניט אָן מיך
ארן,
אבי זייַן אָנגעהאָרעוועט, און גרייט
בין איך אַף אים זיך אָנצושפּאַרן,

ווי אַף מייַן מאַמעס קישן קליינערהייט,
און קוקן, פילן, ווי ס׳איז ווייך
דאָס ווייַסע וואָלקנדל
אין בלויער הייך.

מייַן מאמע

כ׳האָב ליב צו זיצן, ווי פארגליווערט, שאָענווייַז אליין
אין שטילן ווינקעלע אין גרינעם.
דערפיל איך מיטאמאָל אַף זיך, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין
מייַן מאַמעס שטומען אָנבליק און איר מינע,
פון זאָרג און האָרעוואַניע פריהלושעט.
כ׳געדענק ניט, אַז מייַן מאמע זאָל מיך ווען א קוש טאָן.
געבליבן מיט פיר קינדער אָן אלמאָנע...
לויט דעם, ווי ס׳נאָגט און ס׳טוט מיר וויי
מייַן הארץ אצינדער,
פארשטיי איך — טאָמיד איז געווען מייַן מאמע אין סאַקאָנע
פאר אירע קינדער.

• • •

ווען פונעם בארג־אראָפּ, אַף אַספאַלטירטן
שטעגל,
דערהער איך הינטער זיך דאָס קלאַפּן
פון פרויען־קנאַפּעלעך, — אומעגלעך

איז ניט צו אָפּשטעלן זיך, א קוק צו כאַפּן,
ווער ס'שפּאַנט עס אַזוי שטײַף און יונג,
וואָס יעדער טראָט רופט אָפּ זיך אין דעם האַרצן
מיט א קלונג.

• • •

א קינד — אָט וויינט עס,
און אָט שוין לאַכן זײַנע אויגן.
און ס'שײַנט זײַן טרער,
פּונקט ווי א צווייענדיקער
רעגנבויגן.

• • •

מעגסט פּלאָנטערן אַן אַלכע מיט א בוק,
א סאָסנע פון א יעל ניט אונטערשיידן,
נאָר סטאַרע זיך זײַן ניט צו טיפזיניק, צו קלוג,
מיט מענטשן שיין און פּאָשעט זאָלסטו ריידן.

ווײַל ווערטער האָבן אויכעט צאַרטע הענט
און זײַנען דין, ווי בייגעוודיקע שטאַמען.
ניט דריי זיי און ניט ברעך זיי און ניט שענד,
ניט שטופּ מיט קויעך זיי אין דײַנע גראַמען...

• • •

דו גלייבסט מיר ניט
פונדאַנען ביז אַהער.
און ווו איך זאָל ניט געבן זיך
א קער,
דײַן בליק איז שווער און בייז
און קעציש־גרין.

דו גלייבסט מיר ניט פונדאַנען
ביז אַהין.
און ווען כ'פאַריגל הינטער זיך
מײַן טיר,
איך פיל, אַרײַנשטעלן „אַן אייגל" וואָלסט
אין איר.

• • •

כ'האָב אומגעריכט פאַר זיך אַליין
א קוש געטאָן זי און דערשראָקן זיך.
זי איז געבליבן אָנגעדרודלט שטיין:
„א נאַר, א נאַר און שאַקלט זיך" —
און זיך צעלאַכט מיט אַלע אירע
ווײַסע ציין.

פּרעמיערעס אין לאָקאַל
פון רעדאַקציע

נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצערט, האָט א צושויער מיר געזאָגט: „הײַנט וועט איר הערן א גוטע שטים, א שיין געזאַנג". ס'האָט זיך געפילט, אַז אָט דער ליבהאָבער פון יידישער מוזיק איז פאַרליבט אין מאַריִע גאַרדאָנס זינגען.

און ווירקלעך, פון דער ערשטער ליד „אָ, הירש מיט הערנער גאָלדענע", וואָס מ. גאַרדאָן האָט אויסגעפילט (מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי, ווערטער פון שמואל ראָסין), ביזן סאָף פון איר קאָנצערט, שפּירט איר דעם קויעך און די קינסטלערישע אייגנאַרטיקײַט פון דער זינגערן.

די סאַמע קאָמפּליצירטסטע מוזיק פילט אויס מאַריִע גאַרדאָן לײַכט, אָן אָנשטרענגונג. איר ריינע סאָפּראַנאָ דערלויבט איר זינגען לידער פון פאַרשיידענעם זשאַנער — דראַמאַטישע און לירישע, ראָמאַנסן און פאָלקסלידער.

מאַריִע גאַרדאָן פאַרמאָגט אין איר רעפּערטואַר לידער פון קימאַט אַלע קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס האָבן געשאַפן מוזיק אַף די טעקסטן פון יידישע סאָוועטישע דיכטער. זי איז שוין פון לאַנג באַקאַנט מיט אירע קאָנצערטן און מיט די לידער־פּראָגראַמען, וואָס זײַנען פאַרשריבן אַף גראַמאָפאָן־פּלאַטן.

די פּרעמיערע, וואָס מאַריִע גאַרדאָן האָט געהאַט אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד", איז פאַר איר געווען א שעפערישע באַנײַונג, א מין אַרײַנפיר צו אירע פאַרשטייענדיקע באַגעגענישן מיט די מאַסן צושויער.

מאַריִע גאַרדאָן האָט אָנגעהויבן זינגען אין מינסק — אין איר געבורט־שטאָט, ווען זי האָט נאָך געלערנט אין דער ווײַסרוסישער קאָנסערוואַטאָריע. שפּעטער פאָרט זי איבער קיין מאָסקווע, וווּ זי זעצט פאָר זיך לערנען אין דער מוזיק־סטודיע אַף גלאַזונאָווס נאָמען.

א לענגערע צײַט פאָרט זי אַרום איבער די שטעט פון לאַנד אַלס סאָליסטקע אין אַנסאַמבל פונעם באַוווּסטן קאָמפּאָזיטאָר איסאַק דונאַיעווסקי.

איר ערשטע קאָנצערט־פּראָגראַם פון יידישע זינגלידער פילט זי אויס אין מאָסקווע אין 1956.

מאַריִע גאַרדאָנס נײַע אויפטריטן וועלן אויפגענומען ווערן ווי א דערפרייענדיקע דערשײַנונג פון דער יידישער עסטראַדע.

י. שוסטער

אויסלענדישע שרײַבער צוגאַסט אין „סאָוועטיש היימלאַנד"

צו די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

מיט גרויס פאַרגעניגן שפּיר איך נאָך, ווי עס פּראָגרעסירט „סאָוועטיש היימלאַנד". אײַער זשורנאַל גיט א ברייט בילד פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור און דרוקט אָף זײַנע זײַטלעך די בעסטע ווערק פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אײַערע נײַע ראָמאַנען, דערציילונגען מאַכן א שטאַרקן אײַנדרוק. אין קיין איין אַנדער לאַנד פון דער וועלט ווערן ניט געשאַפן אזויפיל אָריגינעלע אינטערעסאַנטע ווערק.

אײַער זשורנאַל טראָגט אַרײַן א וויכטיקן צושטײַער אינעם אויצער פון דער פילנאַציִאָנאַלער קולטור פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און איז דער בעסטער ענטפער יענע רעכילעסניקעס פון מײַרעוו, וואָס לייקענען אָפּ די עקזיסטענץ פון דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד. מיט אײַער טעטיקײַט העלפט איר מיט די פעלקער פון מײַרעוו בעסער צו פאַרשטיין דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און צו פאַרפעסטיקן די פרײַנטלעכע באַציִונגען צו פּסטר. און דאָס איז דאָך א בײַטראָג צו פעסטיקן דעם שאָלעם אָף דער וועלט.

איך ווינטש אײַער זשורנאַל ווײַטערדיקע דערפאָלגן, און די לייענער זײַנע — גליק.

אופריכטיק אײַער דזשודא וואָטען.



דער באַוווּסטער ענגלישער שרײַבער פון אווסטראַליע דזשודא וואָטען איז באַקאַנט דעם סאָוועטישן לייענער מיט זײַנע ראָמאַנען „די מיטבאַטייליקונג אינעם מאָרד", „ברוויזיקע יאָרן" און מיט די דערציילונגען, קריטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אין א ריי קינסטלערישע זשורנאַלן בא אונדז אין לאַנד.

אין הײַנטיקן נומער פּובליקירן מיר די איבערזעצונג פון דזשודא וואָטענס צוויי דערציילונגען און פון זײַן ווענדונג צו די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

דזשודא וואָטען

דאָס מעסער

אַ ז א שיר דערמאָנונגען, — טרויעריקע, פרייליכע, צאַרטע האָבן זיך געשטויסן בא פּליניאָ אין זיקאָרן, ווען ער האָט געקוקט אָפן טאַטנס מעסער. קיין שום אַנדער זאַך האָט אזוי ניט פאַרבונדן פּליניאָ מיט זײַן היים, ווי דאָס דאָזיקע מעסער. א שטאָלטנער און א שיינער, דרײַ־און־צוואַנציקיאָריקער, איז פּליניאָ דאָ ניט לאַנג אָנגעקומען אַרבעטן אין דער קיך פון דער קאַפע „מילאַן". ער איז געבוירן געוואָרן אין א דערפל פון קאַלאַבריע — אין דעם אָרעמסטן ראַיאָן אין דאָרעם־איטאַליע. דער גרעסטער טייל מאַנצבלען האָט עמיגרירט פון קאַלאַבריע קיין אַמעריקע אָדער קיין אווסטראַליע; אין די דערפער זײַנען פאַרבליבן קימאַט בלויז פרויען, און פיל פון זיי איז אויסגעקומען אליין צו כאָווען די קינדער, ווײַל זייערע טאַטעס פלעגן נעלעם ווערן אין די פרעמדע לענדער.

פּליניאָס פאָטער איז אָבער ניט געווען פון אָט דעם מין. ער איז געשטאָרבן אין זײַן דאָרף מיט פערצן יאָר צוריק. דער אַלטער באָנעלי וואָלט אפילע אָף קיין איין וואָך ניט איבערגעלאָזט דאָס ווײַב און זײַנע פילצאָליקע יאָרשים. צוליב זיי פלעגט ער זיך פאַרדינגען פאַר א שוואַרצאַרבעטער אָף בויען וועגן, פאַר אַן אַרבעטער אָף די פערמעס, און אין א פרײַער שאָ פלעגט ער מיט דעם מעסער, וואָס האָט אמאָל נאָך געהערט דעם זיידן זײַנעם, אויסשניצן פון האָלץ פאַרשיידענע קלייניקײַטן. דאָס דאָזיקע מעסער איז באַם טאַטן געווען דאָס טײַערסטע אָף דער וועלט, פאַר אים איז עס געווען א סימבאָל פון אומאָפּהענגיקײַט, פון אויסוועגלאָזער, אָבער שטאָלצער אָרעמקײַט.

דאָ, אין מעלבורן, האָט פּליניאַ זיך ניט גע־שיידט מיט דעם טאַטנס מעסער. ער האָט אויך געטראָגן דעם טאַטנס שוואַרצע וועלוועט־הויזן. אין אָט דעם פרעמדן לאַנד, ווו ער איז געווען איינזאַם און געבענקט נאָך זײַן דאָרף, וואָס ער האָט פריער קיינמאָל ניט פאַרלאָזט, האָט פּליניאַ אָפט זיך דערמאָנט אינעם פאָטער. דאָ אין דער פרעמד האָט ער נאָך מער דערפילט זײַן פּאַריאַ־סעמטקײַט. ער געדענקט דעם טאַטנס טויט ביז די מינדסטע פּראַטים, פּונקט ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטן געשען, ער געדענקט זײַן געיאָמער און דעם אומענדלעכן געבעט:

— גאַטעניו, העלף מיר! גאַטעניו, העלף מיר! א דאָקטער, א דאָקטער!

אָבער אף מײַלן ארום איז קיין איין דאָקטער ניט געווען. און ווען פון דער שטאָט איז אראָפּ־געקומען א דאָקטער, איז דעם טאַטנס געשריי שוין איבערגעגאַן אין א גסיסע־כאָרכלערײַ.

פּליניאַ געדענקט, ווי די מאַמע און די שוועס־טער האָבן צוגעמאַכט דעם מעס די אויגן און דערנאָך אף א קאָל גענומען אים באַוויינען. פון צײַט צו צײַט האָבן זיי ארויסגערוקט די קעפּ פונעם פענצטער און געגעבן צו וויסן דער גאַנ־צער וועלט וועגן זייער אומגליק. דערנאָך זיך ווידער אומגעקערט צום מעס און ווײַטער אים באַקלאָגט. צו זיי האָבן זיך פאַרייניקט אויך אַנדערע פרויען. זיי האָבן באַוויינט דעם טויטן צוויי טעג נאָכאַנאַנד, ביז מ׳האָט אים מעקאַבער געווען.

ווען פּליניאַ פלעגט זיך דערמאָנען אין דעם האַרצרײַסנדיקן געיאָמער, האָט עס אים פאַר־שאַפט קימאַט פיזישע שמערצן, א קנויל פלעגט זיך שטעלן בא אים אין האַלדז און ער האָט קוים אײַנגעהאַלטן די טרערן. און צוזאַמען מיט די דאָזיקע דערמאָנונגען זײַנען אופגעשווומען אויך אַנדערע. די מוטער זײַנע, מאַדאַלענאַ, האָט זיך פאַרדונגען צו א מולייער, אירן א קאַרעוו, און געטראָגן אף דעם קאָפּ שווערע זעקלעך זאַמד, ציגל און אפילע באַלקעס. אָבער ווי שווער די מאַמע האָט ניט געהאָרעוועט, האָט זי פאַרדינט גראָשנס, און אירע קינדער האָבן שטענדיק געהונגערט.

מערסטנטייל האָבן זיי געגעסן שוואַרץ ברויט פון מעל מיט א סאַך קלײַען — גרויסע קײַלע־כיקע לעבלעך צו פינף אָדער צען פונט. א לעבל ברויט האָט געדאַרפט קלעקן אף א גאַנצער וואָך, זעלטן ווען אין א יאָמטעוו פלעגט מען כוצן ברויט זיך פאַרגינען עטלעכע ציינדלעך קנאָבל, אײַנטונקען די שטיקלעך ברויט אין אליווע־אייל און באַשיטן מיט פײַערדיקן רויטן פעפער. זעלטן ווען האָט מען אָפּגעקאָכט א שיטערן סופּ. אָט די זעלטענע טעג, ווען מ׳האָט געגעסן צו זאַט, זײַנען בא פּליניאַ געווען די גליקלעכסטע דער־מאָנונגען פון דער קינדהײַט. זײַן קינדהײַט האָט זיך אָבער גיך פאַרענדיקט. אין א יאָר ארום נאָך דעם טאַטנס טויט, ווען פּליניאַ איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אף די פאַרמעס.

טאַקע דעמאָלט, ווי א סימען, אַז ער איז שוין א דערוואַקסענער מאַנצבל, האָט מאַדאַלענאַ געשענקט דעם זון דעם פאָטערס מעסער, וואָס איז נאָכן טאַטנס טויט געהאַנגען אף דער וואַנט. ס׳איז געווען ניט קיין גרויס מעסער מיט א שפּיציק־שאַרף און בלענדנדיק קלינגל און מיט א ביינערן הענטל, וואָס איז טונקל־גרין געוואָרן פון די שווייסיקע דלאָניעס, וועלכע האָבן עס לאַנגע יאָרן געהאַלטן. מיט דעם דאָזיקן מעסער האָט פּליניאַס טאַטע געמאַכט די הילצערנע בענקלעך, אף וועלכע זיי זײַנען געזעסן, אויס־געשניצט הילצערנע טעלער און גאָפּלען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט. כאָטש דער אַלטער באַנעלי האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן, אַז ער איז א מײַסטער אָדער א קינסטלער, האָט ער מיט א וווּנדערלעכער מײַסטערשאַפט אויסגעשניצט די הייליקע קרייצונג, וועלכע איז געהאַנגען אין א ווינקל פון שטוב. זײַן טרוים איז געווען פאַרענ־דיקן די מיניאַטיור־קאָפּיע פונעם פּאַלערמער קאַטעדראַל — אַן אַרבעט, וועלכע וואָלט גע־דויערט ניט ווייניקער פון א יאָר צען.

פּליניאַ האָט, פּונקט ווי זײַן פאָטער, מיט שטאָלץ געטראָגן דאָס דאָזיקע מעסער פאַר־שטעקט הינטערן גאַרטל. נאָר ער האָט ניט פאַר־מאָגט דעם פאָטערס טאַלאַנט צו האָלץ־שניצערײַ און ס׳האָט זיך אים אפילע ניט געגלוסט צו פאַרנעמען זיך דערמיט. ער האָט מיט דעם מעסער געשניטן דעם וווּרשט און דעם קעז, וואָס ער האָט איצט געקאָנט ווען־עס־איז קויפן. ער האָט גע־שניטן מיט דעם מעסער דאָס שוואַרצע ברויט, צוטוליענדיק מיטן קין דאָס לעבל צו דער ברוסט. ער האָט עס געטאָן געשיקט, קעדיי זיך ניט צעשנײַדן, נאָר אָפטער פלעגט ער, ווי יעטווידער עכטער קריסט, אָפּברעכן שטיקלעך ברויט מיט דער האַנט.

פּליניאַ איז געווען א שטילער באָכער, אָבער ער האָט זיך ניט געהאַלטן אָן א זײַט פון די דאָרפישע פאַרווײַלונגען. אין זײַן אומגעגנט האָט ער געהאַט א שעם פון א גוטן טענצער, כאָטש געגאַנגען איז ער האַמעטענע און א ביסל אומ־געלומפּערט מאַכמעס דעם, וואָס אַלע טעג, כוץ זונטיק, פלעגט ער אַרומשפּאַנען א באַרוועסער. ער איז שטענדיק געווען צווישן דער יוגנט, וואָס האָט געטאַנצט אונטער די קלאַנגען פון די פאַסטעכער„וואַלינקעס"[1]. די יינגלעך און די מיידלעך האָבן זיך געדרייט אין א קאַראַהאָד, קוים צורירנדיק זיך איינער צום צווייטן מיט די

[1] א פאָלקסטימלעכער מוזיקאַלער בלאָז־אינסטרומענט.

שפּיץ פינגער, ווי עס פּאַסט פאר גאלאנטע דאמען און קאוואלערן, און פּלוצעם נעמען זיך פעסט פאר די הענט און אימפּעטפול זיך וויכערדיק פארדרייען.

די דאָרפישע פרויען איז געפעלן, ווי היציק און גראציעז עס טאנצט פּלינאָ. וואָס איז דאָ פאראן צו ריידן, ער האָט זייער אויסגענומען. די נאטור האָט אים געשענקט א שווארצן קאָפּ לאָקנס, שווארצע אויגן, אין וועלכע ס׳איז פארבאָרגן געווען א טיפער טרויער — א ירושה פון דוירעס, וואָס האָבן אָפּגעלעבט א לעבן אין טרערן און אין ליידן. נאָר אָט דער טרויער האָט נאָך שטארקער אונטערגעשטראָכן זײַן שיינקײַט. די פרויען האָבן געקוקט אף אים פון אונטער זייערע שלייערס מיט רופנדיקע בליקן, און ס׳איז קיין כידעש ניט געווען, ווײַל א סאך מאנצבלען פונעם דאָרף זײַנען אוועקגעפאָרן אין פרעמדע קאנטן אָדער געפאלן אף די שלאכטפעלדער אין צאָפן־אמעריקע און אין אייראָפּע. די פרויען האָבן אָפט קאָקעטירט מיט פּלינאָ, און ווען ער פלעגט דורכגיין דעם דאָרפס־פּלאץ, האָבן זיי אומפארשעמט מיט רייץ אין די אויגן ארומגעקוקט אים און שטילערהייט גערעדט וועגן זײַנע באהאלטענע מײַלעס.

פּלינאָס פארגעניגנס זײַנען אָבער געווען פארבײַלויפיקע און ווייניק־באדײַטנדיקע עפּיזאָדן אין זײַן פארהאָרעוועט לעבן. די פארוויילונגען האָבן קיינמאָל ניט פארשטעלט פאר אים די ארבעט. ער האָט קיינמאָל זיך ניט אָנגעגעסן צו זאט, און אים האָט שטענדיק פארפאָלגט דער פײַנלעכער געפיל פון הונגער, דאָס האלב־הונגעריקע לעבן האָט אים אופגערייצט, פּונקט ווי די הונגעריקע, אופגערייצטע באלעכאַים אין דאָרף: די אויסגעמאָגערטע אייזלען האָבן גערעוועט פון הונגער, די שעפּסן האָבן אומזיסט און אומנישט געזוכט א ביסל גראָז אף דער הוילער ערד און האָבן מיט די געלע אויגן, פולע מיט פארצווייפלונג, געקוקט אף דער גרויזאמער וועלט.

פּלינאָ פלעגט ניט זעלטן, צוזאמען מיט אנדערע ארבעטער, זיך ארײַנכאפּן אין א טאווערנע. מ׳האָט דאָרטן געטרונקען ווײַן, געשפּילט אין קאָרטן, זיך באמיט אריבערצושטײַגן איינער דעם אנדערן אין שארפזין. אין די אומענדלעכע געשפּרעכן פון די קאָרטנשפּילער האָט זיך געפילט א סינע און א פײַנטשאפט פון איינעם צום צווייטן; ניט זעלטן האָט זיך דאָס פארענדיקט מיט א קריגערײַ און מיט קלעפּ. פּלינאָ איז קיינמאָל אפילע אפן זינען ניט געקומען צו באנוצן זיך מיטן טאטנס מעסער. אפילע דעמלט, ווען ס׳האָט אים באהערשט א ווילדער גרימצאָרן, האָט ער זיך ניט געכאפּט צום מעסער. פּלינאָ האָט געטראָגן מיט זיך דאָס מעסער ניט צוליב באשיצן זיך אָדער אף עמעצן אָנצופאלן; מע קאָן עס, ווי אים האָט זיך אויסגעמאָלט, באנוצן בלויז אף צו באשיצן דעם אייגענעם קאָוועד אָדער דעם קאָוועד פון לײַבלעך־נאָענטע, באזונדערס — פון פרויען.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פונעם פעלד אהיים, האָט די מוטער באוויזן אים א בריוו, וועלכן ס׳האָט צוגעשיקט פון אויסטראליע א ווײַטער קאָרעוו זייערער. לייענען האָט זי ניט געקענט, איז זי אוועקגעגאנגען צום גאלעך, און יענער האָט איר איבערגעלייענט דעם בריוו, וועלכן זי האָט פארגעדענקט וואָרט בא וואָרט. דער קאָרעוו האָט געארבעט אלס אן אָפיציאנט אין קאפע „מילאן“ און האָט פאָרגעלייגט ניט נאָר מיטהעלפן פּלינאָ מיט וועג־הויצאָעס, נאָר אויך אײַנאָרדענען אים אף ארבעט אין דער קיך פון דער דאָזיקער קאפע.

פּלינאָ האָט לאנג געשוויגן, ער האָט געטראכט וועגן דעם זאטן ביסן, וואָס מ׳זאָגט אים צו, וועגן דער רײַזע איבער יאמען און אָקעאנען — א רײַזע, וואָס איז פול מיט צויבער. נאָר פונעם געדאנק, אז אים וועט אויסקומען איבערצולאָזן די מישפּאָכע, וועלכע ער האָט אזוי הייס ליב געהאט, האָט אים ארומגעכאפּט א שוידער.

— כ׳וועל אין ערגעץ ניט פאָרן. אף וואָס דארף איך דאָס? כ׳וועל פארבלײַבן דאָ.

— פּלינאָ, אויב דו וועסט פאָרן, וועסטו אונדז שטארק העלפן, — האָט געזאָגט מאדאלענא, קוקנדיק אפן זון מיט שטרענגע אויגן.

מע קאָן דאָרטן פײַן פארדינען, — האָט מאדאלענא אים צוגערעדט, — און זי וועט פאר אָט דער צײַט זיך סטארען צונויפשלאָגן א ביסל געלט, און ווען ער, פּלינאָ, וועט זיך אומקערן, וועט ער קאָנען כאסענע האָבן מיט א מיידל טאקע פון זייער דאָרף, וואָס זי וועט אים צוזוכן.

דאָס איז, אָן סאפעק, געווען א קלוגער באשלוס. ווי די מערהײַט מאנצבלען פון דאָרף, האָט אויך פּלינאָ ניט געהאט קיין אנדער אויסוועג, כוץ עמיגרירן, אויב ער האָט געוואָלט זײַן זאט און שפּײַזן די מישפּאָכע.

און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען די מוטער, די ברידער און שוועסטער, די קרויווים און פרײַנט האָבן ארויסבאגלייט פּלינאָ צום שטאָט־וואָקזאל. פונדאנען האָט זיך אָנגעהויבן זײַן רײַזע — צוערשט קיין נעאפּאָל, און דערנאָך, מיט דער שיף, קיין אויסטראליע.

פּלינאָ איז געגאנגען מיט דער מאמען עטוואָס פאר די באגלייטער. די מאמע האָט זיך געהאלטן ווירדיק, געשפּאנט אָן אויסגעגלײַכטע, ווי א מענטש, וואָס איז צוגעוווינט צו טראָגן אפן קאָפּ א שווערע מאסע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א שווארצער ציצענער קאָפטע, אין א גרויסארטיק שווארץ קליידל און אין הויכע שיך. איר שײַנענדיק געזיכט האָבן ארומגענומען די פאלדן פונעם טיכל, וועלכע האָבן דערלאנגט ביז אירע אקסלען;

דאָס טיכל איז אין דער מישפּאָכע אריבערגעגאנגען בעיערושע — פון דאָר צו דאָר.

און אָט איצט אין מעלבורן, ליגנדיק אפן בעט אין דער צוזאמענוווינונג, האָט פליניאַ נאָכאמאָל איבערגעלעבט די ביטערקייט פון דער צעשיידונג. די צוזאמענוווינונג האָט זיך געפונען אין א דירע פון א צווייסטאָקיקן הויז אינעם צאָפן־ראיאָן פון דער שטאָט; אין די פיר צימערלעך האָבן אין ענגשאפט געלעבט צוואנציק יונגע איטאליענער, וועלכע זייַנען מיט א צייַט צוריק געקומען קיין אוסטראליע. די מערהייַט פון זיי איז געבוירן געוואָרן אף דאָרעם, זיי האָבן זיך פרייַנטלעך באצויגן איינער צום צווייטן, דאָס זעלבע אויך צו פליניאַ. זיי האָבן זיך מיט אים אופגעהאלטן אזוי, פונקט ווי זיי וואָלטן אים געקענט פון קינדווייַז אָן. פליניאַ האָט אָבער ניט געהאט וועגן וואָס צו ריידן מיט זיי, זיי זייַנען דאָך געקומען פון אנדערע דערפער און שטעט און זייַנען פאר אים געווען פרעמדע מענטשן. ער האָט געהערט צו אן אנדער וועלט, און נאָר זייַן קליינינקע וועלט האָט אים געקאָנט אינטערעסירן. ער האָט אָבער אופמערקזאם זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן פון די יונגעלייַט און געשעפט יעדיעס וועגן אָט דעם נייַעם לאנד. זיי האָבן געשמועסט וועגן דער ארבעט, וועגן זייער צוקונפט, וואָס זעט זיי אויס צו זייַן בלענדנדיק העל, און דאָך האָט ער געוווּסט, אז פונקט ווי ער אליין, לייַדן זיי פון איינזאמקייַט. איטאליענישע פרויען זייַנען אין מעלבורן געווען ניט קיין סאך, און צו די היגע האָבן זיי ניט געוואגט צוצוגיין. ס׳איז ניט לייַכט געווען צו באפרייַנדן זיך אויך מיט די אוסטראליער, וועלכע האָבן צומאָל ניט אויסבאהאלטן זייער פייַנטשאפט צו די איטאליענער.

מאכמעס דעם האָבן זיי, די עמיגראנטן, זיך אלע געהאלטן אָפּגעזונדערט. אפילע אין קלויסטער, וווּהין פליניאַ פלעגט גיין, איז דער גאלעך געווען אן איטאליענער און קימאט די גאנצע פאסטווע איז באשטאנען פון איינע איטאליענער.

ס׳זייַנען אדורך דרייַ כאדאָשים, זינט פליניאַ האָט אָנגעהויבן ארבעטן אין דער קאפע „מילאָן“, אָבער דאָס לעבן איז, פונקט ווי פריער, געווען גרוי און האָט ניט געהאט קיין שום זין. עמעס, אין מעלבורן האָט געלעבט פליניאָס א קאָרעוו, וועלכער האָט זיך ניט שלעכט באצויגן צום באָכער, נאָר זיי זייַנען געווען אָפּגעפרעמדט — דער קאָרעוו האָט העכער פינף יאָר געלעבט אין אוסטראליע, און ס׳האָט זיך געדוכט, אז ער געהערט שוין צו גאָר אן אנדער וועלט. פליניאַ האָט געבענקט נאָך דער מישפּאָכע, נאָך די פרייַנט, נאָך יענע פרויען פון זייַן דאָרף, וועמען ער איז אזוי שטארק געווען געפעלן, האָט ער מיט א טעמפּער געהאָרכזאמקייַט געקוקט אף זייַן צוקונפט. אָבער די ארבעט איז אים געווען געפעלן. דאָס איז געווען די סאמע גרינגסטע ארבעט פון די, וואָס אים איז ווען־עס־איז אויסגעקומען צו טאָן, כאָטש געארבעט האָט ער א סאך שאָ אין טאָג און א קייַלעכדיקע וואָך. ער האָט געוואשן די פּאָדלאָגע, געוואשן דאָס געפעס; עס פלעגט אין זייַנע שטארקע הענט אויך ארייַנפאלן שוין גאָר א נישטיקע ארבעט — שיילן און שנייַדן גרינווארג. ער פלעגט אמאָל ארויסנעמען דעם טאטנס מעסער און שנייַדן דערמיט ברויט, פלייש.

יעדער אפדערנאכט נאָך דער ארבעט איז ער געגאנגען צופוס פון דער קאפע „מילאָן“ צו דער צוזאמענוווינונג. ס׳איז אפילע אים אפן זינען ניט געקומען אויסצוגעבן געלט אף פאָרן מיטן אווטאָבוס, דאָס וואָלט דאָך באדייַטנדיק פארקלענערט די סומע, וואָס ער האָט געשיקט אהיים.

ווען ער פלעגט אמאָל זוכן א באקענטן, א לאנדסמאן טאקע פון זייַן קאלאבריע, פלעגט ער זיך ארייַנכאפּן אין קאפע־עקספּרעסאָ לעבן מארק אף וויקטאָריע־סטריט, און אויב ער האָט עמעצן באגעגנט, האָט ער שאָענווייַז געקאָנט שמועסן מיט אים בא א גלעזל קאווע. נאָר מערסטנטייל האָט אים ניט געגליקט.

איינמאָל אן אפדערנאכט האָט זייַן אופמערקזאמקייַט צוגעצויגן א שיין מיידל מיט לעבעדיקע אויגן און מיט א קאָקעטיש רייצנדיק פּענעמל. זי איז געשטאנען אפן טראָטואר לעבן דעם באר צווישן א גרופּע יונגעלייַט און מיידלעך. זיי האָבן וועגן עפּעס גערעדט, זיך געאמפּערט און בעשאסמייַסע אונטערגעטאנצט אין טאקט פון דער מוזיק, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו זיי פון הינטער דער טיר.

פליניאַ האָט נאָך פריער א פּאָר מאָל זי באמערקט באם ארייַנגאנג פון באר מיט די זעלבע יונגעלייַט און מיידלעך. נאָר דאָס מאָל האָט זי אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ און א קוק געטאָן אף אים, און ער האָט אָפן געענטפערט אף איר בליק, ווי ער וואָלט דאָס געטאָן אין דער היים, בא זיך אין דאָרף.

— דו האָסט טאקע אינדערעמעסן אראָפּגעפירט פונעם זינען דעם פרעכן איטאליאשקע, — האָט א זאָג געטאָן איינער פון דער קאָמפּאניע.

דאָס איז געווען טאָמי לאָולער, א הויכער, קרעפטיקער, שיינער באָכער פון א יאָר נייַנצן. ער האָט געטראָגן א העל העמדל מיט א צעשפּיליעטן קאָלנער און א צווייקאָליריקן פּידזשאק, וואָס האָט געגרייכט שיר ניט ביז זייַנע קני. דאָס מיידל — זי האָט געהייסן מיוויס קיר — האָט זיך צעלאכט און געקוקט אף פליניאַ ביז יענער האָט ניט פארקערעוועט אין א געסל.

— דולדן קאָן איך זיי ניט, די איטאליענער, — האָט גאליק פאָרגעזעצט טאָמי.

זייַנע כאווירים האָבן גוט געוווּסט, אז ער האָט פייַנט איטאליענער, אין דער היגזיכט איז טאָמי

ווי א טראָפּן וואסער, ענלעך געווען אף זײַן פּאָטער. דער אלטער לאָולער האָט קעסיידער געטײַנעט, אז די איטאליענער קאָנען לעבן אפילע בלויז מיטן גערוך פון אָליווע, אז בייס דער דעפּרעסיע, ווען די אוסטראליער האָבן געמוזט פארקויפן די פערמעס, האָבן די איטאליענער זיי אָפּגעקויפט. אויך אין די שטעט פלעגן זיי אויסכאַפּן בא די אוסטראליער די גאנצע ארבעט פון אונטער די הענט.

דער יונגער לאָולער פלעגט איבערכאַזערן דעם טאטנס ווערטער ווי א הייליקע טוירע. ביז דער באגעגעניש מיט פליניאָ האָט ער געזידלט ניט איינעם עפּעס א באשטימטן איטאליענער, נאָר ביכלאל אלע איטאליענער. איצט אָבער איז זײַן גאנצע פײַנטשאפט געווען געווענדט קעגן דעם פארברוינטן באָכער אין די טונקעלע ווערלוועט־הויזן.

איינמאָל אפדערנאכט, ווען מייוויס האָט ביי־גנייווע געוואָרפן אף פליניאָ א בליק, האָט טאָמי, אויך אף א קאָל, אָפּגעזידלט דעם איטאליענער. יענער האָט אָבער קיין איין וואָרט ניט געענטפערט.

א צווייטער באָכער פון זייער קאָמפּאניע האָט מיט א שמייכל א זאָג געטאָן צום מיידל:

— און דו האָסט זיך טאקע רעכט אײַנגעליבקעט אין אָט דעם איטאליענער!

— ער איז נישקאָשע פון א באָכער, — האָט ארויסרופעריש אָפּגעענטפערט מייוויס.

איר בליק האָט מיט עפּעס צערייצט טאָמין. ביז פליניאָ האָט דאָ זיך באוויזן, האָט טאָמי גאָר ניט געהאלטן, אז מייוויס איז זײַנס אן אייגנטום, זי איז געווען פאר אים איינע פון די מיידלעך, מיט וועלכע עס האָבן, מיט דער זעלבער רעכט, געפלירטעוועט אלע באָכערים. אָבער איצט האָט ער ארויסגעשטעלט זײַנע רעכט אף איר. זײַן אייפערזיכט, זײַן אופירונג האָט לוסטיק געמאכט די קאָמפּאניע.

— זע נאָר, כ׳וואָלט קיינמאָל ניט געטראכט, אז דער איטאליענער וועט צונעמען בא דיר דאָס מיידל, — האָט אים אונטערגערייצט איינער פון זײַנע פרײַנט. מייוויס האָט א היכך געטאָן, און אין טאָמיס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן בלוטדאָרשטיקע פײַערלעך.

— נאָך איין וואָרט — וועל איך דיר צעטראַסקען דעם פּיסק! — האָט ער גענומען דראָען. טאָמי האָט געקאָנט גוט אָרודעווען מיט די פויסטן. ער איז געווען ניט צווישן די לעצטע שלעגער.

— כ׳האָב געשפּאסט, טאָמי, — האָט געזאָגט דער כעוורעמאַן און א דערשראָקענער אָפּגעטראָטן.

און א צווייט מאָל, ווען פליניאָ איז פארבײַגעגאנגען דעם באר, האָט טאָמי זיך א לאָז געטאָן צו אים:

— עפּעס ביסטו מיר זייער א געהויבענע מיינונג וועגן זיך, דו, מאָרדע!

— איך פארשטיי ניט, — האָט פליניאָ געזאָגט, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך ארומגעקוקט.

— אלע זאָגן, אז דו בלאָזט פון זיך, — האָט טאָמי זיך איזדיעקעוועט, — דו פארשטייסט אלץ אויסגעצייכנט, ווען דו ווילסט.

פליניאָ איז געוואָרן אומרויִק. ער איז אָפּגעטראָטן אָן א זײַט און געוואָלט אוועקגיין. נאָר טאָמי האָט אים דערווײַל ניט אָפּגעלאָזט. מיט א האסטיקער באוועגונג האָט ער אראָפּגעריסן בא פליניאָן פונעם קאָפּ דאָס היטל און עס א שלײַדער געטאָן אין קאנאווע. פליניאָ האָט זיך אָנגעבויגן אף אופצוהייבן דאָס היטל. די גאנצע קאָמפּאניע האָט געקײַכט פון געלעכטער. טאָמי האָט מיט א פאראכטונג־שמייכעלע נאָכגעשפּירט פליניאָן. ווען פליניאָ האָט אופגעהויבן דאָס היטל און זיך געלאָזט לויפן, האָט די כעוורע נאָך הילכיקער זיך צעלאכט.

עטלעכע טעג נאָכאנאנד האָט די קאָמפּאניע געהאלטן אין איין דערמאָנען די פרייליכע געשעעניש.

— נו, איז דאָס געווען א צירק!

— ער האָט געמאכט די פלייטע, ווי א קראָליק.

— פּאכדאָנים זײַנען זיי, די איטאליאשקעס, — האָט וואָגיק רעזומירט טאָמי.

פליניאָ האָט בא זיך געפּויעלט, אז מער וועט ער קיינמאָל ניט פארבײַגיין דעם באר. ער האָט קיינעם ניט דערציילט וועגן זײַן דערנידעריקונג, נאָר פון דעם, וואָס ס׳האָבן געטײַנעט אנדערע ארבעטער און די קעכער, האָט ער זיך גוט פאָרגעשטעלט, וואָס ס׳וואָלט מיט אים געשען, ווען ער באווײַזט זיך נאָכאמאָל לעבן באר. יענער, וואָס האָט אראָפּגעריסן בא אים דאָס היטל, וואָלט אים געוויס א נעריק געטאָן, און אויב פליניאָ וואָלט אומגעפאלן, וואָלטן די איבעריקע זיך אף אים א וואָרף געטאָן, אים גענומען שלאָגן מיט די פיס אין פּאָנעם, אין בויך... און כאָטש פליניאָ האָט זיך באצויגן צו זײַן גוירל גלײַכגילטיק, האָט ער ניט געוואָלט שטארבן אין דעם דאָזיקן פרעמדן לאנד; שטארבן אין דער פרעמד איז געווען א סאך שרעקלעכער ווי אין דער היים.

יענעם שאבעס האָט פליניאָ פארענדיקט די ארבעט שפּעטער ווי געוויינלעך. און כאָטש ער פלעגט איצט אויסמײַדן דעם באר, האָט אים ווי פריִער געצויגן אהין: עפשער וועט אים הײַנט אָפּגליקן און ער וועט דאָרט באגעגענען א לאנדסמאן.

ס׳איז שוין געווען בא צוועלף אזייגער, ווען ער איז ארויס אין גאס. די סעאנסן אין קינאָטעאטער האָבן זיך שוין פארענדיקט, און פארבײַגייער זײַנען געווען ווייניק.

פליניאָ איז א מידער געגאנגען. ער האָט אף גאָרנישט ניט געלייגט קיין אכט. אומדערווארט האָט פון דער ווײַט זיך דערהערט א געלעכטער. א באקאנט שרעקלעך געלעכטער. פליניאָ

האָט זיך אײַנגעקוקט. די שיטערע לאָמטערנס האָבן שוואַך באַלויכטן די גאַס. טאָמי, מייוויס מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע זײַנען נאָרוואָס אַרויס פון א זײַטיק געסל, און איצט זײַנען זיי געגאַנגען פּליניאַן אַנטקעגן.

— כאַפּט נאָר א קוק! אָט איז ער דאָך, — דער איטאַליאַשקע, — האָט אויסגעשריגן טאָמי.

מייוויס האָט זיך צוגערירט צו זײַן האַנט און געפּרוווט אים אָפּשטעלן:

— טאָמי, מ׳דאַרף ניט קיין קריגערײַען. איך בעט דיך.

און דאָס האָט אַלץ באַשטימט.

— דו האָסט מוירע, ס׳זאָל מיט אים עפּעס ניט געשען, האַ?

— נו, באַלד וועט זײַן א קאָנצערט, — האָט געזאָגט איינער פון דער קאָמפּאַניע.

זיי האָבן פאַרשטעלט פּליניאַן דעם וועג. יענער האָט אינסטינקטיוו ווי צונויפגעקאָרטשעט זיך, געכאַפּט א קוק אָף צוריק, ווי ער זאָל האָבן בעדייע צו אַנטלויפן.

— לאָז אים ניט אַרויס פון אויג! לאָז ניט אַרויס! — האָט עמעצער געשריִען.

— ניין, דאָס מאָל האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט. טאָמי איז האַרט צוגעגאַנגען צו פּליניאַן:

— דו שליאָנדערסט נאָך אַלץ דאָ אַרום, וואָרעם נישטיקער!

פּליניאָ האָט אויסגעשטרעקט די הענט פאָרויס, ווי ער זאָל וועלן אָפּשטויסן טאָמין, דערבײַ האָט ער געכאַפּט א קוק אָף לינקס צו דער ציגל־וואַנט פון דער פאַבריק, דערנאָך אָף די אויפגערעגטע פּנעמער פון די כעווריע, וועלכע האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— אַנו, דערלאַנג אים, טאָמי!

— דערלאַנג אים ווי ס׳דאַרף צו זײַן!

— באַלד וועל איך זיך מיט אים צערעכענען, — האָט טאָמי געשטאַמלט פון צווישן די ציין.

די מיידלעך האָבן פון שרעק זיך א וואָרף געטאָן צו דער וואַנט. טאָמי האָט פאַרפרעסט ביידע פויסטן און א טשמעל געטאָן פּליניאַן אין אויער אַרײַן. יענער האָט זיך א שאָקל געטאָן, דאָס פּאָנעם זײַנס איז געוואָרן ווײַס, ווי קרײַד. ער האָט דערפילט א ווייטעק, נאָר דער געדאַנק איז פאַרבליבן א לויטערער. ער וועט מער ניט דולדן קיין דערנידערונגען. אין דער היים האָט בלויז דער טאַטע אָדער די מאַמע געקאָנט אים א פּאַטש טאָן, ניט אַנרירנדיק דערמיט זײַן קאָוועד.

און ווען טאָמי איז שוין געווען גרייט צו דערלאַנגען אים דעם צווייטן נעריק, האָט אין פּלי־ניאָס נעשאָמע זיך דערוועקט א בלינדער האַס. ער האָט עפּעס אויסגעשריִען אָף איטאַליעניש און אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע דעם פּאַ־טערס מעסער. מיט א האַסטיקער קורצער באַוועגונג האָט ער דערלאַנגט טאָמין אין דער לינקער האַנט. דערזען די בלענדנדיקע שאַרף פּונעם מעסער, האָט טאָמי זיך געפּרוווט באַשיצן, אָבער אָן דערפאָלג. דאָס מעסער האָט זיך א גליטש געטאָן איבער דער האַנט און זיך אײַנ־געשניטן אין לײַב. טאָמי איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט. דאָס בלוט האָט געשפּריצט פון דער וווּנד. איינע פון די מיידלעך האָט פאַרצווייפלט געוו־מען שרײַען:

— ער האָט אים אוועקגעקוילעט!

— גיכער הילף, — האָט טאָמי שוואַך אַרויס־געקרעכצט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָפן טראָטואַר, און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט, האָט ער מיט שרעק געקוקט אָף דער קאַלוזשע שוואַרץ בלוט, וואָס ווערט אַלץ גרעסער.

די באָכערים און די מיידלעך האָבן דערשראָ־קענע זיך צונויפגעדריקט, געקוקט אָף פּליניאַן, וואָס איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און נאָך אַלץ פעסט געהאַלטן אין דער האַנט דאָס מעסער. נאָר אָט זײַנען זיי איינער נאָכן אַנדערן פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש. פאַרבליבן איז בלויז מייוויס. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט לעבן טאָמין און עפּעס גערעדט צו אים, באַרויקט אים, וואַרפנדיק פון צײַט צו צײַט א דערשראָקענעם בליק אָף פּליניאַן.

פּליניאָ האָט ניט געקוקט אָף איר. ער האָט ביכלאַל גאָרנישט ניט געזען אַרום זיך. ער האָט בלויז געפילט, ווי עפּעס דריקט אים דאָס האַרץ. ער האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן און זיך אָפּגע־שטעלט. ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן — אוועקגיין אָדער בלײַבן. ער האָט מיט פאַרנעפּלטע אויגן געקוקט אָף דעם שטאָלענעם קלינגל פונעם מעסער, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרפרעסט אין דער האַנט.

מיטאַמאָל איז די גאַס פול געוואָרן מיט גע־פילדער. ס׳האָבן האַסטיק זיך דערנעענטערט רויטע פײַערלעך פון דער גיכער הילף. דער געהויל פון א פּאָליציי־אויטאָמאָביל האָט פאַר־טויבט אַלץ און אַלעמען. די גאַס איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט מענטשן. די, וואָס זײַנען געשטאַנען פון הינטן, האָבן גענומען שטויסן די פאָדערשטע.

— דאָס איז אָן איטאַליענער! ער האַלט א מעסער אין דער האַנט.

— היט זיך! ער קאָן נאָך עמעצן דערשטעכן!

פּליניאָן האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער האַמוין, וואָס האָט מיט שרעק אין די אויגן געקוקט אָף אים, טראַכט נאָר וועגן איין זאַך, וועגן מעסער:

— היט זיך, היט זיך פאַרן מעסער!

די שוועסטער

דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט קאַלטע רעגנס. אָונט-צײַט זײַנען די טונקל-באַלויכטענע גאַסן געווען אײַנגעהילט אין אַן אומעטיקער שטילקייט. בין איך קימאַט יעדן אָפּדערנאַכט געזעסן אין דער היים און, קיינער זאָל ניט זען, געלייענט אין קיך די זשורנאַלן ספּעציעל פאַר יינגלעך און די ספּאָרט-צײַטונג, וואָס איז געווען געדרוקט אַף ראָזעווע פּאַפּיר.

אין איינעם אַזאַ אָונט זײַנען צו אונדז געקומען צוגאַסט פיר באַקאַנטע דאַמען. די מאַמע האָט זיי אופגענומען אינעם אַזויגערופענעם פּאַראַדנעם צימער. איך האָב געהערט זייערע שטימען, נאָר מיר איז ניט אָנגעגאַנגען, וועגן וואָס זיי ריידן דאָרטן. אַפילע דאָס קאָל פונעם טאַטן, וועלכן איך האָב פריִער באַמערקט אינעם שכיינעסדיקן צימער מיט אַ צײַטונג פאַר די אויגן, האָט ניט געקאָנט צעשטערן דעם פּלאָנטער פון מײַנע געדאַנקען. איך האָב אַפילע ניט באַמערקט, ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין קיך.

— ווי נאָר דער טאַטע רעדט אויס אַ וואָרט, ווערן בײַ דיר גלײַך פאַרלייגט די אויערן, — האָט ער געשריִען אַף אַזאַ קאָל, ווי איך וואָלט אינדערעמעסן טויב געווען.

ער האָט אַרויסגעריסן פון מײַנע הענט דעם זשורנאַל און אַן אופגעבראַכטער געקוקט אַף דער פאָטאָגראַפיע פונעם מאַנצבל מיט דעם אָנגעצילטן רעוואָלווער.

— פײַנע ביכעלעך לייענסטו, — האָט ער בייז אַ זאָג געטאָן און זיך פאַרקרימט, — די מאַמע זאָל דיך פאַקן לייענען דאָס דאָזיקע פּאַסקודסטווע, וואָלט זי דערנאָך דאָס גאַנצע לעבן געטרייבערט דיר די קישקעס, און דו וואָלסט עס קאָשער פאַרדינט.

דער טאַטע האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן דער פּליטע, טאַקע באַנאַנד מיט מיר, אוועקגעלייגט די פיס אַפן ראַנד פון דער אָפענער דוכאָווקע, אַ פּאַך געטאָן מיטן זשורנאַל אינדערלופטן, געכאַפּט אַ קוק צום צימער, ווו די מאַמע זיצט מיט די געסט, און שוין רויִקער געזאָגט:

— מיילע, נו. איך וועל דעם זשורנאַל דיר אָפּגעבן, אָבער דערפאַר לייען מיר דורך די צײַטונג, נאָר געשווינדער. די מאַמע וועט אָט-אָט מיך קומען רופן, איך זאָל גיין אַ שמועס טאָן מיט די דאַמען.

דער טאַטע פלעגט קעסיידער מיך בעטן אים פאַרלייענען די צײַטונג, נאָר שטענדיק פלעגט ער אָנהייבן מיט אַ פּאָרעדע. אויך דאָס מאָל האָט ער מיר אַרײַנגעשטופּט אין דער האַנט די אָונט-צײַטונג און אַ בורטשע געטאָן:

— און מאַך זיך ניט גרויס, מיין ניט, אַז דו טוסט מיר דערמיט אַ טויווע. דײַן טאַטע איז ניט קיין אַמהאָרעץ. ער קען עפּשער לייענען אַף אַזויפיל שפּראַכן, אַז ס'האָט זיך דיר אַפילע ניט געכאָלעמט.

ס'איז אים, ווי'זט אויס, געווען ניט גרינג מיך בעטן, כ'זאָל אים לייענען. ער פלעגט לאַנג זיצן מיט דער צײַטונג אין דער האַנט, מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער לייענט קלוימערשט, הוסטן און בורטשען זיך אונטער דער נאָז.

ווי נאָר אָבער כ'האָב גענומען לייענען, איז פון זײַן גרויסהאַלטערישקייט קיין סימען ניט געבליבן, ער האָט אויסגעצויגן די פיס, באַקוועם זיי אײַנגעמאָסטעט אין דער דוכאָווקע און זיך ברייט צעלייגט, ווי אַ צושויער אַף אַ קאָמעדיע, צי אַף אַ רעוויו, וואָס איז גרייט אי פאַרגעניגן צו האָבן, אי כויזעק צו מאַכן. דער טאַטע האָט אופמערקזאַם געהערט, ווי איך לייען, צופרידן געשמייכלט פון עמעצנס אַ רעדע, מיט באַדויערונג געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען עפּעס אַ מיטיילונג איז אים געווען ניט צום האַרצן, אָדער גאָר געלאַכט אַף אַ קאָל, ווען עפּעס אַ ידיִע האָט אים אויסגעזען ווילד צי ווייניק וואַרשײַנלעך. בעשאַס-מײַסע פלעגט ער אויסקערעווען דעם קאָפּ צו דער טיר און אַ זיפץ טאָן.

— אָט וועסטו זען, — האָט ער מיר איבערגעשלאָגן דאָס לייענען, — אַז פונקט איצט, ווען כ'האָב זיך קוים פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס ס'טוט זיך אַף דער וועלט, וועט דער מאַמען זיך פאַרגלוסטן, איך זאָל זיך אוועקזעצן מיט די זקיינעס.

און ווען די מאַמע איז אַרײַנגעקומען אין קיך, קעדיי צוגרייטן אָונט-ברויט פאַר די געסט, האָט דער טאַטע אַ קוק געטאָן אַף איר ווי אַף דעם ערגסטן סוינע.

— מע דאַרף, הייסט עס, פאַרשטיין, אַז איך מוז גיין זיך גריסן מיט די דאַמען?

— אַוודע דאַרפסטו, — האָט זי געענטפערט, — און פאַרגעס ניט פאַרבינדן די שנירלעך פון די שיך. — זי האָט אָנגעגאָסן אַ טשײַניק וואַסער און אים אוועקגעשטעלט אַף דער פּליטע.

איך האָב זיך געלאָזט גיין אינײנעם מיטן טאַטן. אינעם פּאַראַדנעם צימער, — בײַ אונדז האָט ער נאָך געהייסן עס-צימער, כאָטש מיר האָבן דאָרט קיינמאָל ניט געגעסן, — איז געשטאַנען אונדזער בעסט מעבל: אַ דיוואַן, וואָס איז אויסגעבעט מיט פערדישע האָר, אַ טיש, באַדעקט

קינסטלער מארק קליִאַנסקי

(זע דאָס ארטיקל אף ז. 146)

די רוסישע מאמע

דאָס פידעלע

נאדיענקע

דאָס לעבן איז אייביק

א ייִדישער מאָטיוו

זיכרוינעס וועגן טרעבלינקע

קוק ניט!

מיט א רויטן פּליושענעם טישטעך, מיט גאָלדענע פּרענדזלעך באַ די ראַנדן, און זעקס בענקלעך מיט געפּלאָכטענע הינטערשטע ווענטלעך.

דער טאַטע האָט מונטער זיך געגריסט מיט די דאַמען, וואָס זײַנען געזעסן אויף די בענקלעך לענגויס דער וואַנט, אויף וועלכער ס'זײַנען געהאַנגען פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיעס פון מײַנע זיידעס און באָבעס. מײַנע אורעלטערן האָבן טרויעריק אַראָפּגעקוקט פון דאָרטן, און פּונקט אַזוי טרויעריק זײַנען געווען די אויגן באַ די דאַמען. אַלע פיר זײַנען געווען שוועסטער. הינטער די אויגן האָט דער טאַטע זיי קיינמאָל ניט גערופן באַ די נעמען, באַ אים האָבן זיי געהייסן: „די אַלטע", „די גראָבע", „די מיטלסטע" און „די קליינע". אַלע פיר זײַנען געווען היפּשלעך דיק, באַ אַלע פיר האָט דער קין אַרויסגעסטאַרטשעט פאָרויס, אַלע זײַנען זיי געווען קורצזיכטיקע און האָבן געטראָגן מאַסיווע ברילן, געקליידט האָבן זיי זיך אויך אַלציינס — טונקעלע קליידלעך און זשאַקעטן, גלײַך ווי זיי וואָלטן שטענדיק געווען אין טרויער. געהאַט א שעם האָבן זיי פון קלוגע דאַמען, וואָס זאָרגן שטענדיק וועגן דעם קולטור־לעבן פון אונדזער געמיינדע. מאַכמעס דעם האָט די מאַמע זיי שטאַרק געאַכטעט און גאַנץ אָפט אײַנגעלאַדן צו זיך.

„די אַלטע" — מיס ליזאַ — האָט געלערנט מיט קינדער שפּילן אויף א פידל, און די מאַמע האָט אַלץ ניט געקאָנט באַשליסן, וועמען פון אונדז — מיך צי מײַן שוועסטער, אָפּגעבן צו איר זיך לערנען.

זינט די געסט זײַנען געקומען, האָט מײַן שוועסטער די גאַנצע צײַט אַרומגעבלאָנקעט איבערן צימער. איצט איז זי צוגעשפּרונגען צום טאַטן און גענומען אים בעטן:

— פּאַפּאָטשקע, דערלויב מיר, ביטע, זיך לערנען באַ מיס ליזאַ.

איך האָב מיט א שמייכעלע באַוויליקט איר הייסן פאַרלאַנג, ווײַל מיר האָט זיך לאַכלוטן ניט געוואָלט פּאַטערן די פרײַע צײַט אויף שפּילן פידל.

— ווי מיינט איר, — האָט דער טאַטע זיך געווענדט צו מיס ליזאַ, — פון מײַן טאָכטער וועט ווערן א פידלערן?

— מ'קאָן דען פאָרויסזאָגן אַזעלכע זאַכן, — מיס ליזאַ האָט געענטפערט, ווי א דאָקטער, וועמען ס'איז שווער אַרויסברענגען פון מויל דעם שרעקלעכן אורטייל.

— וואָס הייסט מ'קאָן ניט פאָרויסזאָגן? טוט א קוק אויף אירע הענטלעך, ס'איז דאָך גאָלד מיט בריליאַנטן! מיט אַזעלכע הענטלעך דאַרף מען בלויז שפּילן אויף א פידל. — ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ זיכערקײַט, אַז דערווידערן איז שוין קלאָר ניט שײַך געווען.

מײַן שוועסטער האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו מיס ליזאַ, און אַלע האָבן ווילנדיק ניט ווילנדיק גענומען זיי באַטראַכטן.

— וואָס קאָנען זאָגן הענט? צו פידל דאַרף מען האָבן א האַרץ, — האָט פילדײַטיק געזאָגט מיס ליזאַ.

— א האַרץ, — האָט ווי א ווידערקאָל זיך דערטראָגן די שטים פון „דער גראָבער".

— עס טרעפט, אַז באַ ווירטואָזן זײַנען די פינגער דיקע און קורצינקע, נאָר שפּילן זיי געטלעך, — האָט אַרײַנגעשטעלט איר וואָרט „די מיטלסטע".

„די קליינע" האָט געשוויגן און מיט באַדויערונג געקוקט אויפן טאַטן.

— וואָס האָט איר זיך אַלע אָנגעכאַפּט: „א האַרץ, א האַרץ"? — איז דער טאַטע באַשטאַנען אויף זײַנעם. — פריִער דאַרף מען דאָך זיך אויסלערנען שפּילן מיט די פינגער, צי ניט?

די פיר שוועסטער האָבן א קוק געטאָן אויף אים, אַזוי א קוק געטאָן, אַז אויף דעם טאַטנס באַקן האָבן זיך באַוויזן צוויי רויטע פלעקן.

אַלע זײַנען מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן. דאָס שווײַגן האָט געדויערט, ביז ס'איז ניט אַרײַנגעקומען די מאַמע מיט דער טאַץ, אויף וועלכער ס'זײַנען געשטאַנען גלעזער, טעלערלעך מיט געבעקס און א זודיקער טשײַניק. זי האָט טייקעף זיך אָנגעשטויסן, אַז צווישן די דאַמען מיט דעם טאַטן איז פאָרגעקומען אַן אַמפּערניש. ער פלעגט קעסיידער פאַרפירן מיט זיי א קריג. די מאַמע האָט געוווּסט, אַז דער טאַטע האָט זיי ניט איבעריקס ליב. זי האָט א שאַרפן קוק געטאָן אויף אים, נאָר גאַנץ ווייך זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט צוזעצן?

דער טאַטע האָט שווער אַוועקגעשפּאַנט צום צווייטן עק צימער און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיוואַן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער שאָטן פון זײַן קאָפּ, פון די אַקסלען, פון זײַנע הענט טאַנצט בייז אַרום אויף דעם פאַרהאַנג פונעם פענצטער, לעבן וועלכן ער איז געזעסן.

די שײַן פונעם לאָמפּ מיטן הויכן פּיסל, וואָס איז געשטאַנען אינדערמיט פון טיש, און די שײַן פון די ליכט אויפן קאַמין האָבן ווי מיט העלע קרוינען באַרעמלט די קעפּ פון די פרויען. און דאָרט אין עק צימער איז דער טאַטע אײַנגעהילט אין טונקלקײַט.

די דאַמען, וואָס זײַנען געזעסן מיט די רוקנס צו אים, האָבן געטרונקען טיי און זיך צוגעהערט, ווי די מאַמע רעדט וועגן מײַן שוועסטער און וועגן פידל־שפּיל. די מאַמע האָט ניט זיכער א פרעג געטאָן באַ מיס ליזאַ, צי איז עמעס, אַז שפּילן פידל פּאַסט מער פאַר א יינגל, איידער פאַר א מיידל.

— וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, — האָט זי צוגעגעבן, — נאָר מיר הערן דאָך זייער זעלטן וועגן פרויען ווירטואָזן.

מיס ליזא האָט מיט פאַראַכטונג אַ פּירקע געטאָן, און איך מעג שווערן, אַז כ'האָב געהערט, ווי אירע שוועסטער האָבן אויך געטאָן דאָס זעלבע, נאָר נידעריקער אַף אַ נאָטע.

— און וואָס פאַר אַ פּרוי האָט עס ווען־ניט־איז געהאַט די מעגלעכקײַט צו ווערן אַ וויר־טואָז? — האָט היציק געפרעגט מיס ליזא.

— די מאַנצבלען האָבן דען ווען־עס־איז מיט־געהאָלפן די פרויען, זיי זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט נאָך עפּעס, אויסער ווי מיט דער שטוב־באַלעבאַטישקײַט און מיט באַדינען די אייגענע מענער? — האָט מיט באַליידיקונג זיך אָנגערופן „די גראָבע“.

— אַף אונדזער זינדיקער ערד איז, צום גרויסן באַדויערן, באַלעבאָס דער מאַנצבל! — האָט אָפּגעזיפצט „די מיטלסטע“.

„די קליינע“ האָט אויך דאָס מאָל גאָרנישט ניט געזאָגט, זי האָט בלויז זיך אַ קערעווע געטאָן צום טאַטן, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן אַפן דיוואַן, און מיט אַ בליק, וואָס איז פול געווען מיט ווירדע, אָפּגעמאָסטן אים פון קאָפּ ביז די פיס.

— איר זײַט אַבסאָליוט גערעכט, מיס ליזא, — האָט די מאַמע כניפעדיק אונטערגעכאַפּט, — מ'האָט די פרויען פּראָסט און פּאָשעט קיינמאָל ניט געגעבן קיין שום מעגלעכקײַטן.

— און ווען זיי וועלן די דאָזיקע מעגלעכקייטן באַקומען, — האָט ניצחנדיק פאַרגעזעצט מיס ליזא, — וועלן זיי, אָן צווייפל, איבעריאָגן די מאַנצבלען.

— ניט אייביק וועלן די מאַנצבלען באַלעבאַ־טעווען, — האָט געזאָגט „די מיטלסטע“. זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט און רעזומירט: — די פרויען בייגן שוין פאַר זיי איצט ניט דעם רוקן, ווי דאָס איז געווען פריִער.

— אייסעך וואָס, מ'קאָן מיינען, אַז ס'איז טאַקע אַזוי, — האָט אַרײַנגעשטעלט אַ וואָרט „די גראָבע“ און זיך פאַרגאַן אין אַ סקריפּענדיק געלעכטער.

פונעם דיוואַן האָט זיך דערטראָגן דעם טאַטנס קאָל. ער האָט גערעדט הויך און נערוועז, קאַנ־טיק, אַז ער האָט זיך געגרייט צו אַ לעצטער און אַנטשיידענער שלאַכט.

— זאָגט מיר אָבער, כ'בעט אײַך, וואָס וועלן טאָן די פרויען, ווען זיי וועלן אַרופּציִען אַף זיך די הויזן, און מיר, מענער, וועלן זיך אויספּוצן אין קליידלעך? נו, ענטפערט! וואָס זשע שווײַגט איר? — האָט ער געפּאָדערט.

— אַזוי, איך מיינט געוויס, אַז מיר וועלן ניט קאָנען ענטפערן אַף דער דאָזיקער פראַגע? — האָט מיט סאַרקאַזם זיך אָנגערופן מיס ליזא, שאָקלענדיק דערבײַ מיטן קאָפּ.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָבן אונטערגעכאַפּט די שוועסטער.

מיס ליזא האָט גענומען אָפּקלאַפּן די אַטאַקע.

— אָט האָט איר זי, די טיפּיש־מאַנצבלשע זיכערקײַט, זיי מיינען, אַז ס'איז גענוג צו פאַר־געבן אַ פראַגע, און פאַרטיק, און אַף אַלץ מיטא־נאַנדער קאָן מען שוין פּאָשעט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט.

מיס ליזא וואָלט נאָך ווײַטער פאַרגעזעצט, ווען די מאַמע זאָל זי ניט געווען איבערשלאָגן:

— מיר ווײַזט זיך אויס, — האָט זי באַרויִקנ־דיק זיך געווענדט צו די שוועסטער, — אַז מיר זײַנען אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען פונעם געשפּרעך וועגן פידל־שפּיל, — דערבײַ האָט זי געכאַפּט אַ זײַטיקן קוק אַפן טאַטן.

— מיר וועלן נאָך האָבן צײַט צו שטרײַטן, — די מאַמע האָט, ווײַזט אויס, אַ טראַכט געטאָן, אַז די שוועסטער קאָנען נאָך, באַהיט גאָט, מיינען, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ צעקראָכן ווײַבל, וואָס קוקט שטענדיק דעם מאַן אין מויל אַרײַן.

— נו, נאַטירלעך, איך פאַרשטיי, — האָט די מאַמע גערעדט מיט גרויס ערנסט, — אָבער לאָמיר פונדעסטוועגן, מיס ליזא, זיך צונויפריידן מיקויעך די לימודים. ווען וואָלט מײַן טאָכטער געקאָנט קומען צו אײַך? צי עפּשער איז אײַך באַקוועמער קומען אהער?

מיס ליזא האָט נאָך ניט באַוויזן צו ענטפערן, ווי דער טאַטע האָט, קײַענדיק נערוועז אַ וואָנצע, אויסגעשריִען:

— און ווער, אינטערעסירט מיך צו וויסן, וועט צאָלן פאַר די לימודים? ווער וועט קויפן אַ פידל?

די מאַמע האָט מיט ווייטעק אַ קוק געטאָן אַף אים, און קעדיי אויסבאַהאַלטן איר פאַרלעגנ־הײַט, זיך אופגעהויבן פונעם בענקל און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען אָנגיסן טיי.

— יאָ, איז וויִאַזוי זשע? — האָט דער טאַטע זעלבסטצופרידן געשמייכלט.

— נו, נו, ווער האָט עס דען גערעדט וועגן געלט, איך? צי עפּשער איר? — האָט מיס ליזא מיט געמאַכטער שטוינונג זיך געווענדט צו אירע שוועסטער. — איך האָב בעדייע לערנען אײַער טאָכטער אומזיסט, און איך האָב אויך בעדייע איר אַנטלײַען מײַן פידל. איך האָף, אַז דאָס וועט זײַן אַלעמען צום הארצן, — האָט זי אָפּשפּעטע־ריש פאַרענדיקט און דערבײַ געקוקט דעם טאַטן גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

זי האָט זיך אופגעהויבן פונעם בענקל. די שוועסטער האָבן זיך אויך אופגעהויבן.

— צײַט זיך געזעגענען. מיט טיי האָבן מיר זיך שוין אָנגעטרונקען. אַ דאַנק.

זיי האָבן העפלעך, קוים צו באַמערקן, זיך פאַרנייגט פאַרן טאַטן און צוגעווינטשט אים אַ גוטע נאַכט.

פײַערלעך, ווי זיגער, זײַנען זיי געגאַנגען צו דער טיר. זייערע פּענעמער האָבן געשײַנט. די

מאמע האָט זיי באַגלייט ביז צו דער גאַס.

ווען די מאמע האָט זיך אומגעקערט, האָט דער טאַטע אַ קוק געטאָן אַף איר מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק.

— הער אַ מײַסע, — האָט ער אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, — מינהאַסטאַם האָב איך באַדאַרפֿט זיי עפּעס זאָגן. אָבער וואָס?

— און וועגן געלט האָבן זיי טאַקע ניט גערעדט מיט דיר?

דער טאַטע איז געווען אין פֿאַרלעגנהײַט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אים ווילט זיך זאָגן וועגן די שוועסטער עפּעס שלעכטס, אַזוינס, וואָס זאָל זיי פֿאַרמיִעסן, און דערמיט אויפֿשטעלן זײַן צעשמעטערט געפֿיל פֿון זעלבסטווירדע.

— ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? מיך וווּנדערט לאַכלוטן ניט, וואָס קיינער האָט ניט אויסגעכאַפּט די דאָזיקע זקיינעלעך. ערשטנס, זײַנען זיי שטענדיק אינייגעם, און כּוץ דעם, זוכן זיי מאַמעש אַ געלעגנהײַט מיט עמעצן זיך צעפּאַטשן. „די קליינע״ דאַרף, ווײַזט אויס, זײַן נאָך ערגער פֿון די איבעריקע — זי עפֿנט קיינמאָל ניט אויף דאָס מויל. דו האָסט אַ באַגריף, וואָס ס׳טוט זיך אין איר קעפּעלע?

— זיי זײַנען וווּנדערלעכע פֿרויען, — האָט רויִק געזאָגט די מאמע, — און איך וויל זייער, דו זאָלסט אויפֿהערן ריידן וועגן זיי אַזוי. זקיינעלעך...

— פֿאַרוואָס ניט ריידן? זיי זײַנען דאָך טאַקע אינדערעמעסן ניט קיין יונגיטשקע.

— און מיר זײַנען, הייסט עס, יונגיטשקע? — די מאמע האָט מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן אַ קוק געטאָן אַף אים. דער שמייכל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿונעם טאַטנס פּנים.

— דו האָסט מיך ניט אַזוי פֿאַרשטאַנען. זיי זײַנען פֿאַרזעסענע מוידן, און דערצו נאָך, גאָט איז אַן איידעס, זײַנען זיי ניט פֿון די גרויסע קראַסאַוויצעס.

וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט ער זיך פֿאַרפּלאָנטערט. די מאמע האָט ווי אָפּגעהאַקט:

— דײַנע כאָכמעס זײַנען מיר שוין דערעסן.

— נו, מיילע, — האָט דער טאַטע געצויגן די ווערטער. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם דיוואַן און מיט שווערע טריט, ווי ער זאָל וועלן אײַנברעכן די ברעטער פֿונעם דיל, זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

— קום, מירן בעסער לייענען די צײַטונג, — האָט ער אַ טיטשע געטאָן מיטן פֿינגער אין דער בלאַט. אונטערבורטשענדיק עפּעס אונטער דער נאָז, איז ער אַוועק אין קיך. איך בין געהאָרכזאַם אים נאָכגעגאַנגען.

ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי.

פאַרשיידענע לידער

באַשטענדיקייט

און ווידער וועל איך דינען נאָר איין גאָט באַשטענדיק.
נאָך אַלע געצן, פאַלשע שײַנען, מיליאַסן רייצן,
וואָס שפּראָצן אומעטום און לאָקן מילד, ווי בלימלעך צווישן ווייצן, —
דערקענען פּרווו איך הײַנט מײַן גאָט
אין ווײַסן ליכט פון טאָג־שײַן אייביק־בלענדיק.

זײַן נאָמען הילט זיך ניט אין הייליקייט.
זײַן וואָכעדיקער — אָן א שום אטאַרע — נאָמען:
באַשטענדיקייט,
וואָס אין יעסאָד פון וועלט־באַשאַף פאַראַנען איז
און זײַן ביז ענד פון אַלע דורעס וועט!

צי וועסטו ווידערשפּעניקן, פּאָעט,
אַצינד, ווען הייבסט ערשט אָן, אַלטגלייביקער באַגינער?
צי וועסטו ווידערשפּעניקן, בען־אָדעם,
אַצינד גראָד, ווען דײַן לעבנס־פאָדעם
זיך אויסגעצויגן האָט שוין פון א שטראַל נאָך דינער?
אַצינד, ווען אַלץ אין דיר איז ווידער צײַטיק־גרייט
דער שײַן פון ווײַסן ליכט צו דינען טרײַ, מיט פרייד?

איך ווייס

איך ווייס: מײַן שטים — זי איז נאָך אַלץ ניט זי,
און אויך די ווערטער זײַנען נאָך ניט די,
וואָס אייגנטלעך באַדאַרפט זיי וואָלטן זײַן.

איך ווייס, מײַן טאַט איז נאָך ניט יענע טאַט,
וואָס זײַן זאָל זי ווי ברויט געשמאַק און זאַט.
און כאָטש איך גיי שוין לאַנג אַרום אין טאָג־ליכט־שײַן,
איך בין אינגאַנצן נאָך (צו זאָגן עס איך באַרג מיר מוט)
דערווײַל א מענטשן־סילועט מיט שרײַענדיקן, הייסן בלוט...

מײַן הויף אין אָוונט

און גאָרנס אַף גאָרנס אי רעכטס, אי אויך לינקס, אי אַנטקעגן
פון מויערן־ריזן — באַלויכטענע הײַזער־דראַקאָנען —
מיט אָפענע פענצטער און טירן, טעראַסעס, באַלקאָנען,
און הונדערטער, טויזנטער מענטשן אין זיי זיך באַוועגן.

לײַכט־שטוביק געקליידטע... ניט ווילנדיק גיט מען גוטמוטיק א טראַכט:
זיי אויסגעטאָן האָבן זיך, ווי צו די קונצן אַצינדער...

מיט דופטיקן ווײַנשטאָק אין האנט אומגעזען שטייט די באָרוועסע נאכט,
און אַלע זי פּאַלגן געהאָרכזאם, אזוי ווי דעם שטעקן דער בלינדער.

מע הערט נאָר איר אָטעם, און באלד די געמיטלעכע היים־פּאנטאָמימע צעבליט זיך,
וואָס פונקט, ווי א גאמע באם לערנען זיך שפּילן, זי אין און די זעלביקע ציט זיך...
דאָך, ווי א קאָנטראַסט, אפן אייבערשטן שטאָק בא די מענטשן א ווילן צעגליט זיך
אַלץ הייסער: גראָד דאָרט, אף דער סאמע געפערלעכער הייך, ווו זיי שוועבן,
צו ווײַזן אן עכטע, דערהויבן־באפליגלטע סאַלטאָ־מאָרטאַלע
און בלײַבן דאָך לעבן...

נאָר קיינער דאָס טוט ניט אף פלאכן אף אַלע.
איך קוק און דאָס אַלצדינג טראכט אויס.
אזוי פון דער אייגענער שויס
דער ערלעך זיך מיִנדער פאָקוסניק אַלץ נעמט ארויס.

זומער־נאכט אין וואלד

איר האָט באמערקט?
די פרומע טיף־שײַן פון נייר־טאָמיד
פארשפּרייט קעסיידער נאָר אן אומעט.
און ס׳העפקער־ליכט אין וואלד באנאכט —
דאָס ליכט,
וואָס ס׳גליט ארויס פון זיך
דאָס ווערעמל צי גאָר א פײַכטלעך
שפּענדל, —
צארט שמייכלט דאָך צו אונדז און לאכט
און פלאַטערט, ווי א קינדיש פענדל...

די פינצטערניש, וואָס שמייכלט ליכטיק

די פינצטערניש פארנעמט די גאנצע צימער־לופט.
איך וואך — עס נעמט קיין שלאָף דעם אַלטן גוף.
אים ווילט זיך וויסן: צי דערגייט
צו אונדזער זין
די ווײַטע בענקשאפט־שטים,
וואָס רופט
צוריק, צוריק — צו מאמע־אינגעווייד.

עס גייט א רייד
ניט בלויז, כאָלילע,
פון לעבנס־מידע, צי פון שוואכלינגען —
פון מענטשן אינפאנטילע.
עס ווערן גראָד געמיינט די שטארקע —
אין גײַסט, ווי אויך אין גוף.
צי הערן זיי, יאָ, זיי אפילע,
די ווײַטע בענקשאפט־שטים, וואָס רופט
צוריק, צוריק —
פארניורעט זײַן אין מאמע־אינגעווייד?

די פינצטערניש געדיכטיק —
אריבער אירע שולטער —
פארנעמט דעם רוים פון גאנצן צימער,
ווי טייג א פולע מולטער.
און עפּשער, ווי א קינד אין וויג,
ליגט הייליק־שטיל און שמייכלט ליכטיק.

ניט טאָמיד

ניט טאָמיד
דערשײַנט און עס לויכט די לעוואָנע לעוואָניש.
ניט טאָמיד
דעם צאר פון דעם מידבער זי טראָגט גרויס קאַוואָניש.
ניט טאָמיד
איר הייליקע מאסקע טריפט האָניק־שײַן קלויסטעריש־נאָניש[1].
עס טרעפט —
אין סאמע מיט הימל זי גייט, קאָקעטירט ביז ניט שוינען

---

[1] נאָנע — מאָנאשקע.

איר פרוויזשקייט, פונקט, ווי, לעהאוודל, אויך יענע,
וואָס זוכן דאָרט אונטן א „קוינע״ —
דאָס הייליקע לעבן בעפרעסיע פארברענען.
עס טרעפט—
מיט פּאָנעם פון העקערס — די בלוטיקע קוילערס אין בוינע —
אין סאמע מיט הימל זי טוכט אוף גאזלאָניש— — — — — — — — —

— —

ניט טאָמיד
דערשײַנט און עס לויכט די לעוואָנע לעוואָניש.

ברודער־מענטש

אין שווערן נעפל מײַן געמיט,
נאָר ס׳קלינגט פון אים ארויס א ליד:
ווו נעמט מען שטראָף־רייד
אף צו שטראָפן זיך?
ווו נעמט מען ריטער
אף צו שלאָגן מאלקעס זיך?
ווו נעמט מען סינע עכטע
אף צו האסן זיך?
ווײַל נאָר אזוי, מײַן ברודער־מענטש,
ערשט וועל איך ראָע זײַן צו ליבן דיך,
זײַן ראָע אף מעקאבל זײַן אויך זיך
אין דיר — אויך זיך
מיט יעדן שטריך
אין אייגענעם געזיכט...

איך קריך ארײַן אין שפיגל פון דער זון

ראבויסיי, לאָמיר אונדזער קלוגשאפט
בענטשן!

עס טרעפט, איין מענטש דעם צווייטן
מענטשן
איז מער נאָך גלײַכגילטיק, ווי דער פארענטש
דער הילצערנער, אין וועלכן ער שפּארט
זיך אָן באם גיין אף טרעפּ און איבערווארט
ביז אָטעם כאפּט און ווײַטער שפּאנט.

פון אָט דעם גלײַכגילט אויסבאהאלטן זיך,
אז גאָט און מענטש ניט וויסן זאָל
דערפון,
איך קריך ארײַן טיף־טיף אין העלן
שפּיגל פון דער זון —
א שאָטן אף איר בלאנקער וואנט —
און אלע — אי זיי זעען, אי ניט זעען מיך...

כאָלעם און וואָר

...באלד ווי מ׳האָט זיך אָפּגעפּארטיקט שוין מיט מײַן באערדן, —
האָט אף רעכטס זיך ערשט צעפלאקערט דאָס געפעכט פון שווערדן.
אין דער פינצטער דועלירן מענגעס מענטשן, הויכע, ווי די טאנען,
כ׳שווער, אין זייער צילגעווענדטן קלאָפּ מײַן האנט איך טו דערקאָנען.
איך פארקערפּערט, הייסט עס, בין אין אָט די קריגער׳שע געשטאלטן.
איך אליין מײַן ברוסט, מײַן פּאָנעם גרייט בין צו צעשפּאלטן...
כ׳קוק, דערוואך און זאָג מיר: יאָ, ס׳איז אלצדינג ריכטיק —
ס׳שטימט מײַן כאָלעם מיט מײַן וואָר, און דאָס ביז גאָר איז וויכטיק!

פרײַנטשאפט

פון די מילד־געשענקטע טעג אוועק איז נאָך א טאָג.
כאָטש יאָרן־זאט, אף שיידן זיך איך זוך נאָך ניט קיין סיבע.
פון מײַן הארץ די בייזע סאָנים נאָר איך טרײַב, פאַריאָג,
און כ׳טראכט פון די, וואָס זיי געהערט מײַן גאנצע ליבע.

וואָס איז פֿרײַנטשאַפֿט?
צי דען ניט דײַן לעבן אָפּגעשפּיגלט
אין אויגן צאַרט־פֿאַרשטאַנדיקע —
דײַן לֿעבן אויך מיט אַלֿע זײַנע זינד די בראַנדיקע,
מילֿד־פֿאַרגעבענע, באַגריפֿענע פֿאַרזיגלֿט?

צי ניט אין דעם דער פֿרײַנטשאַפֿטס גרעסטע טוגנד?
צי פֿרײַנטשאַפֿט — א געשוועסטערקינד נאָר פֿון דער יוגנט?

אָבער אינעם זעלֿבן טאָן פֿון מײַן עלֿעגיע אויך די שקיִע־שײַן
איר פּורפּור־פֿלאַם צעפֿלאַקערט שטורמיש־העכער.
אין געדאַנק פֿאַר אַלֿע מײַנע פֿרײַנט איך הייב דעם בעכער:
— נאָך איינמאָלֿ לֿאָמיר שיקער זײַן פֿון פֿרײַנטשאַפֿט־ווײַן!

•

שעקספּיר און זײַן שאָטן

עס איז געווען שעקספּיר צי בלֿויז זײַן שאָטן?
דאָס פֿעסטצושטעלֿן איז מיר ניט געראָטן.
דאָך ווייס איך, ווייס, אַז קלֿאָר געזען האָב איך:
דער גאָען פֿאַר זײַן ווערק זיצט און פֿאַריכט...
איך האָב די אויגן מײַנע ניט געגלֿויבט,
און מער נאָך אים באַוווּנדערט און אין האַרץ געלֿויבט:
— זאָלֿ זײַן, דאָס טוט שעקספּיר, אַליין שעקספּיר?! —

נאָר דאָ ער נעלֿעם ווערט און זײַן קסאָוויאַד נאָר בלֿײַבט פֿאַר מיר,
וואָס האָט א שאַרף געטאָן: „שעקספּיר, נו, יאָ, שעקספּיר!..
און עפּשער ניין? ניט איך זיך קאָרעגיר, נאָר איר —
די נײַע צײַט, וואָס איך געבלֿיבן בין אין איר,
און וואָס אויך לֿערנט עפּעס וויכטיקס מיך, ווי זי בא מיר“...

דאָס וואָרט דאָס וויכטיקע

און נאָכאַמאָלֿ איך רוף און בעט, דאָס וואָרט דאָס וויכטיקע זאָלֿ ניט פֿאַרזאַמען.
איך מאָן עס בא דער ערד און זוך עס אַפֿן גרונט פֿון יאַמען —
מײַן ריינסטן איידלֿשטיין, וואָס דאַרף באַלֿויכטן מיר די לֿעצטע טעג.

ווײַלֿ וויִאַזוי אָן וואָרט דעם לֿיכטיקן מע גייט עס פֿון דער וועלֿט אַוועק,
ווי לֿאָזן דעמלֿט די, וואָס כ׳בין מיט זיי געגאַנגען און געזעסן,
און ווי געזעגנ׳נען זיך מיט דיר, מײַן פֿאָלֿק, דײַן לֿאָשן זאָלֿ מיך ניט פֿאַרגעסן?

די באַלאַדע פֿונעם „שנײַדער־געזעלן, בראָדיאַגע און פּאָעט“ איציק מאַנגער און פֿון זײַן כּאַוער דעם שנײַדער־געזעלן און אַקטיאָר אַווראָם בערקאָוויטש

זייער טײַערן אָנדענק געווידמעט

דער ערשטער געווען איז אָן אָדלֿער,
דער צווייטער — א צערטלֿעכע טויב.
דאָך בינדט זיי א פֿרײַנטשאַפֿט א שטילֿע,
וואָס דאָ איר מײַן לֿיד זינגט א לֿויב.

דער ערשטער האָט בלֿויז אָנגעמאָסטן
דעם פֿינגערהוט זיך אַף דער האַנט.
דעם צווייטן — נאָך יאָרן עס קאָסטן
זײַן מאָלֿן מיט קרײַד אַף געוואַנט.

דער ערשטער — ער ווערט שוין א גאָדלֿ
אין יִדיש־פּאָעטישן כאָר.
דער צווייטער — באַטאָג מיט דער נאָדלֿ,
אין אָוונט א דראַמקרײַז־אַקטיאָר.

דער ערשטער דרוקט לידער, און וויל ער —
אויך ריידן מע הערט אים אנציקט.
דער צווייטער שוין שפּילט בא די
„ווילנער״,
אין „דיבוק״ א ראָל אויך ער קריגט.

דאָך אונטער דעם לאַץ נאָדל־פּאָדעם,
מיט זיי ער זיך קיינמאָל ניט שיידט,
דער ערשטער אין שטאָטישן סאָד אים
פאַרבעט, און מיט אים דאָרט פאַרגייט

אין איינער א טונקלער אלייע,
ווּ ס׳דרינגט אויך קיין שטראַל ניט אַרײַן,
מע ברעכט דאָרט א בולקע אַפּצווייען,
מ׳איז טויעם א ביסעלע ווײַן.

דאָס וווּרשטל זאָל זײַן נאָך געשמאַקער,
מע טונקט עס אין ווײַסינקן כריין.
מע טונקט און מע זינגט אונטער טאַקע:
„אוי, קאַלעניו, קאַלעניו, ווייִן!״..

געענדיקט די סודע — א דרימל
טאָן קלוימערשט דעם ערשטן זיך גלוסט.
ער ליגט אַפּן בויך... גאָט אין הימל
איז רויִע — אים זײַנען באַוווּסט

די שפּיצלעך פון „טאַכשיט״ דעם פּײַנעם,
פון „שטערן אַף׳ דאַך״ — יעדער זאַץ.

איז קוקט ער אַף כאַווער אַף זײַנעם
און זעט: יענער שמייכלט... צום לאַץ

ער טוט זיך א כאַפּ, און דעם פּאָדעם
אין נאָדל אַרײַנשווינגעפּאַקט,
פאַרצירעוועט בעריעש בעסאָד אים,
וואָס מאַכט זיך, אַז שלאָפט גאַנץ געשמאַק, —

דעם ריס פּונקט אָט דאָרטן, מעכילע,
ווּ ס׳האָבן די הויזן געפּלאַצט...
די ערנסטע ביימער אַפילע
דעם פּאַרס האָבן הויך אָפּגעשאַצט!

אין אָוונט, אווראָם דער אַקטיאָר
זײַן ראָל ערלעך שפּילט, גלײַך ער דאַוונט.
רעב איציק, וואָס איז שוין אין כאָר
פון דיכטער אין רעדנערשער קונסט אויך
באַהאַוונט, —

אין זאַל פון „קולטור־ליגע״ האַלט
א פּאָרטראָג, באַגײַסטערט און בליציק,
און פילט, אַז פון מויל גייט אים גאָלד.
מע שטוינט, נאָר ער לאַכט זיך אויס וויציק:

„ניט איך, נאָר די הויזן פאַריכטע
דעם גרעסטן טייל האָבן אין דעם״...
— — — — — — — — — — — — —

אין גראַמען — מײַן ערשטע געשיכטע,
דאָס איז וועגן „איציק באַלשעם״.

כראָניק

עקספּאָזיציע פון נאַטורמאָרטן אין רוסישן מוזיי

אין די אויסשטעלונג־זאַלן פון לע־נינגראַדער רוסישן מוזיי געפינט זיך א גראַנדיִעזע עקספּאָזיציע פון נאַ־טורמאָרטן, וועלכע זײַנען געשאַפן בא אונדז אין לאַנד פאַר די לעצטע 100 יאָר. אין דער עקספּאָזיציע זײַ־נען, צווישן אַנדערע, אויסגעשטעלט ווערק פון די ייִדישע קינסטלער ראָ־בערט פאַלק און טאַנכום קאַפּלאַן.

א יובילײ־אויסשטעלונג

צום 70־טן געבורטסטאָג פון אַלעק־סאַנדער טישלער איז אין מאָסקווע, אַף דער וואָרילאָוו־גאַס, באַווּיזן גע־וואָרן זײַנע א גרויסע יובילײ־אויס־שטעלונג.

ברייט זײַנען פאָרגעשטעלט טיש־לערס פאַרביקע בילדער, גראַפישע אַרבעטן און טעאַטראַלע דעקאָראַ־ציעס.

א שטאַרקן אײַנדרוק האָבן גע־מאַכט אַף די באַזוכער דעם קינסט־לערס נײַע אַרבעטן: „שאָלעם דער וועלט״ און וואַריִאַנטן צו דער סעריע „שכיינים פון מײַן קינדהײַט״.

נײַס פון אויסלאַנד

„דער פאַרקישעפטער שנײַדער״ אין דײַטש

אין בערלינער פאַרלאַג „פאָלק און וועלט״ איז נאָרוואָס דערשינען אין דײַטש שאָלעם־אַלייכעמס „דער פאַרקישעפטער שנײַדער״ אין דער איבערזעצונג פון מאַקס רײַך. דאָס בוך איז איליוסטרירט מיט 28 ליטאָ־גראַפיעס פון טאַנכום קאַפּלאַן.

עלטסטער מאַנוסקריפּט פון ייִדישער מוזיק

אין ניו־יאָרקער ייִדישער טעאָלאָגי־שער סעמינאַריע האָט מען צווישן דער קאָלעקציע פון מאַנוסקריפּטן און ספאָרים געפונען דעם עלטסטן מאַנוס־קריפּט פון ייִדישער מוזיק (XII יאָרהונדערט). געשריבן האָט דעם מאַנוסקריפּט אָוואַדיע פון נאָרמאַנ־דיע — א געוועזענער גאַלעך און מו־זיקער, וואָס האָט זיך מעגײַער געווען און נאָכדעם זיך באַזעצט אין מיטעלן מיזרעך צווישן ייִדן, ווּ ער האָט אָפּגעלעבט אַלע זײַנע יאָרן.

אָוואַדיעס מוזיקאַלישע מאַנוס־קריפּטן זײַנען פריִער געפונען גע־וואָרן אין קאַיִר.

אין סאָף פון פאָריקן יאָר איז אין דער טעאָלאָגישער סעמינאַריע פאָר־געקומען א זעלטענער קאָנצערט, אַף וועלכן מע האָט צום ערשטן מאָל, נאָך אַזויפיל יאָרהונדערטער, געשפּילט די קאָמפּאָזיציעס פון אָוואַדיעס מוזיק.

א פוסטער טאָג

די עלטערן פאָרן אוועק אף א כוידעש קיין קיסלאָוואָדסק, און אים נעמט מען ניט מיט. פארדריסט עס א ביסל ליאָווקען, אָבער ניט צו שטארק.

ער איז שוין ניט קיין קליינינקער, ער זאָל שטענדיק זיך מיטשלעפּן מיט די עלטערן. באַקענען זיך מיט קאַווקאַז וועט ער נאָך באַווײַזן. איצט, אז ער בלײַבט אליין פאר זיך אף א גאַנצן כוידעש צײַט, וועט ער טאָן דאָס, וואָס ער וויל. שטיפערײַען? ניין. ער איז שוין ניט קיין קליינינקער. ער איז שוין א דערוואַקסענער, צילבאַוווּסטער מענטש. דעם ווינטער, זײַענדיק אין אַכטן קלאַס, האָט ער פארשטאַנען, אז דער איקער בא א מענטשן דאָס איז ווילן. מע דאַרף טרעניִרן דעם ווילן, פארהאַרטעווען אים. דאָס איז דער ערשטער באַדינג, אז א מענטש זאָל דערגרייכן צו דעם, וואָס ער שטרעבט. ניט פאַנאַנדערוואַרפן זיך! קאָנצענטרירן זיך אף דער הויפּט־ליניע! איצט, אז ער איז פרײַ פון דער שול, פרײַ פון די עלטערן און זייער האַזשגאָכע, וועט ער באַווײַזן זיך אליין, וואָס ער קען.

די לעצטע צוויי טעג, ווען די עלטערן זײַנען געווען פארנומען מיט די צוגרייטונגען צו זייער רײַזע, איז ליאָווקע געזעסן אין זײַן צימער און אויסגעאַרבעט א פּראָגראַם פאר זיך. א פּראָגראַם דאַרף ער. ניט קיין אינסטרוקציעס פון די עלטערן און לערער. דאָס איז די הויפּט־זאַך! און אומבאַדינגט אויספילן די פּראָגראַם — דאָס איז דאָס הויפּט־מיטל אף צו טרעניִרן און פארהאַרטעווען דעם ווילן.

די פּראָגראַם האָט פאָרויסגעזען: אופשטיין אלע טאָג אַכט אזייגער אינדערפרי, ניט א מינוט פריִער, ניט א מינוט שפּעטער, און זיך לייגן שלאָפן עלף אזייגער, אויך מינוט אין מינוט; אלע טאָג א מינימום פיזישע איבונגען (דערונטער באָדן זיך אין טײַך, וואָס פאר א וועטער עס זאָל ניט זײַן, — 48 מינוט, אײַנשליסנדיק דעם גאַנג היִן און צוריק) און א מאַקסימום פון אינטעלעקטועלער טעטיקײַט (ליאָווקע האָט זיך געגרייט צו ווערן א מענטש פון גײַסטיקער אַרבעט). אין דער פּראָגראַם פון זײַן אינטעלעקטועלער טעטיקײַט האָט ליאָווקע אײַנגעשלאָסן — דורכשטודירן דעם בוך „ארײַנפיר אין דער העכערער מאַטעמאַטיק“, וואָס אַרקאַדי ניקאָלײַעוויטש, זײַן לערער, האָט אים געגעבן; אויסלערנען דעם שאַך־גאַמביט פון קיניגלעכן פּענדל מיט אלע וואַריִאַנטן און סוב־וואַריִאַנטן; דורכמאַכן אלע עקספּערימענטן און לייזן אלע אופגאַבן פון דער „אונטערהאַלטונגס־פיזיק“; זיך באַקענען לויט די צוויי ביכער, וואָס ער האָט געקויפט, מיט די יעסוידעס פון קיבערנעטיק (אָן קיבערנעטיק קאָן א הײַנטצײַטיקער מענטש, מיט וואָס ער זאָל זיך ניט פארנעמען, ניט עקזיסטירן); דורכלייענען נאָרבערט וויִנערס „וויִאַזוי איך בין געוואָרן א מאַטעמאַטיקער“; קאָנסטרויִרן זײַן פלי־מאָדעל, וואָס ער האָט נאָך פאראַיאָרן פארטראַכט (דאָס וועט זײַן זײַן ערשטער צושטײַער אין טעכניק).

קיין אויסגעטראַכטע מײַסעס וועט ער ניט לייענען. אין אַכטן קלאַס האָט ער נאָך געלייענט ראָמאַנען, דעטעקטיוו־געשיכטעס, דערציילונגען וועגן שפּיִאָנען. הײַנט איז ער אָבער שוין א דערוואַקסענער מענטש. ניטאָ וואָס צו פּאַטערן צײַט אף אזעלכע נאַרישקײַטן.

טעלעוויזיע, ראַדיִאָ דאַרף מען אויך ניט. אָן אויסנאַם וועט ער נאָר מאַכן פארן „ספּאַרטאַק“ (פון היגן „זשאַלגיריס“ האַלט ער ניט). פוטבאָל איז פאָרט א שיינע שפּיל — דאָ קומט אַמבויִלעטסטן צום אויסדרוק דער ווילן צום זיג, וואָס שטויסט זיך אָן אף דעם ניט קלענערן ווילן פונעם קעגנער. ווען „ספּאַרטאַק“ וועט שפּילן, וועט ער אָפּלייגן זײַן פּראָגראַם אָן א זײַט און זיצן די פאָר שאָ פארן טעלעוויזאָר.

דאָס, וואָס ער וועט דעם כוידעש, ווען די עלטערן וועלן ניט זײַן, דאַרפן לעבן באַם פּעטער אף דער דאַטשע, איז אויך ניט שרעקלעך. דער פּעטער מאַרק איז א הײַנטצײַטיקער מענטש און באַציט זיך גוט צו אים, צו ליאָווקען. ער איז אן אינזשעניר, אַרבעט אלס קאָנסטרוקטאָר אף א זאַוואָד און איז א טעכניש־דענקענדיקער מענטש, מיט וועמען מע קאָן אַמאָל כאַפּן א שמועס. עמעס, די פרײַע צײַט זײַנע אין שטוב פארברענגט דער פּעטער קימאַט אויסשליסלעך

אף לייענען ראָמאַנען, אויסגעטראַכטע מײַסעס. מיילע, מע קאָן פאַרשטיין אַט די שוואַכקײַט זײַנע, ער איז דאָך שוין זייער אַלט, אוודאי מער ווי פערציק...

שפּעט אין אָוונט, אַרויסבאַגלייטנדיק די עלטערן אַפּן וואָקזאַל, האָט ליאָווקע גערודלדיק געהערט די לעצטע „אינסטרוקציעס". ס'האָט אים דערבײַ געערגערט, וואָס די עלטערן האַלטן אים נאָך אַלץ פאַר אַ קינד. ווען זיי ווייסן פון זײַן פּראָגראַם!..

איבערגעגעכטיקט איינער אַליין אין דער ליידיקער דירע, האָט ליאָווקע אַף מאָרגן אײַנגעקויפט די נייטיקע מאכשירים אַף צו מײַסטרעווען די פּלי־מאָדעל, אײַנגעפּאַקט די ביכער און פאַרנאַכט זיך געיאָוועט אַף דער דאַטשע. דער פּעטער איז געזעסן אַף דער וועראַנדע אין אַ וויג־שטול און געלייענט. געלייענט האָט ער אָן די ברילן. דערזען דעם פּלעמעניק, האָט ער אָנגעטאָן די ברילן און אים באַקוקט.

— אוועקגעפאָרן?

— אוועקגעפאָרן.

— נעכטן אָוונט?

— נעכטן באַנאַכט.

דער פּעטער האָט ניט געפרעגט, ווו ליאָווקע האָט פאַרבראַכט דעם טאָג. געווען איז ער גוטמוטיק, נאָר זײַנע קאַרע אויגן האָבן געקוקט פון די אַרומיקע אָנצאָליקע קנייטשעלעך מיט אַ ביסל איראָניע.

— אַהאָ, אַזויפיל ביכער?

— מ'דאַרף, — האָט דאָס ייִנגל אַ בורטשע געטאָן.

— נו, גיי אין קיך. די מומע וואַרט אַף דיר מיטן אָוונטברויט. מיר האָבן שוין אָפּגעגעסן. נו, וועסט עס מאָרגן אַרײַנשלאָפן!

— ניין, כ'וועל אופשטיין אַכט אַזייגער.

— אַכט אַזייגער?

— אַכט אַזייגער! — האָט ליאָווקע העלדיש אויסגעהאַלטן דעם פּעטערס אָפּשפּאָטערישן בליק.

— נו־נו, — האָט דער פּעטער מיט אומצוטרוי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ליאָווקע האָט פּינקטלעך אויסגעהאַלטן זײַן פּראָגראַם. ער איז אופגעשטאַנען יעדן טאָג אַכט אַזייגער אינדערפרי, אין די באַשטימטע שאָען געמײַסטרעוועט, אין די באַשטימטע שאָען געלייענט די באַשטימטע ביכער און — מעג זײַן זון, מעג זײַן רעגן — אין דער באַשטימטער שאָ געגאַנגען זיך באָדן אין טײַך. יעדן אָוונט, לייגנדיק זיך שלאָפן, האָט ער דורכגעטראַכט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן פאַרן טאָג, און מיט באַפרידיקונג קאָנסטאַטירט, אַז ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אַנדערע זאַכן גיבן זיך אים אײַן שווער און זײַנען ניט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי ער האָט לעכאַטכילע זיך פאָרגעשטעלט, פירט ער פונדעסטוועגן אומבייגזאַם אויס זײַן פּראָגראַם. זײַן ווילן פאַרהאַרטעוועט זיך.

באַזונדערס שווער איז אים געווען מיט דער קיבערנעטיק. ער פלעגט דורכלייענען אַנדערע ערטער אַיין מאָל, אַ צווייט מאָל, און בייס אים פלעגט זיך שוין דאַכטן, אַז ער האָט עפּעס וואָס פאַרשטאַנען, האָט ער געמוזט אין אַ מינוט אַרום פעסטשטעלן, אַז ער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. פונדעסטוועגן האָט ער אין די אָנגעמערקטע שאָען ווײַטער „שטודירט" קיבערנעטיק.

אַ ביסל בעסער איז געגאַנגען מיטן „אַרײַנפיר אין דער העכערער מאַטעמאַטיק". עמעס, אויך דאָ איז ניט אַלץ געווען קלאָר, אָבער בייס ער האָט איינמאָל דערקלערט דעם פּעטער, וויאַזוי ער פאַרשטייט די קאָנטינויִטעט פון אַ מאַטעמאַטישער פונקציע, האָט דער פּעטער מאַרק זיך אָפּגעריסן פון ראָמאַן, אָנגעטאָן די ברילן און אַ קוק געטאָן אַפּן פּלעמעניק. די דינינקע קנייטשעלעך אַרום די אויגן האָבן דאָס מאָל ניט געקוקט איראָניש, ווען ער האָט געזאָגט:

— נו, ליאָווקע, עס וואַקסט, דאַכט זיך, פון דיר אַ מענטש...

אָבער מיט דער מאָדעל איז ניט געגאַנגען. דאָ האָט אים אפילע דער פּעטער מאַרק, דער אינזשעניער, ניט געקאָנט העלפן. ער האָט זיך צוגעקוקט צו ליאָווקעס מײַסטרעווען און אַרויסגעשטאַמלט:

— מיר דוכט זיך, ליאָווקע, אַז די עצעם אידיי איז בא דיר ניט קיין ריכטיקע...

לײַכטער פון אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָרבערט ווינערס ביכל „וויאַזוי איך בין געוואָרן אַ מאַטעמאַטיקער". אַלץ איז קימאַט געווען פאַרשטענדלעך. מער ניט, אים האָט אויסגעזען מעשונע דאָס, וואָס ווינער האָט דערציילט וועגן זײַן כאַסענע. ווינערס זיידע איז געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישער צײַטונג, זײַן פאָטער — אויך אַ געלערנטער, און ער, נאָרבערט, האָט כאַסענע געהאַט אין אַ לוטעראַנישער קירך. „מיסטאָמע איז די פרוי זײַנע אַן אָפּגעשטאַנענע

געווען״, — האָט געטראַכט ליאָווקע. ס׳האָט אים אַ ביסל פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ מענטש, ווי ווינער, האָט זיך פאַרנומען מיט אַזוינע נאַרישקייטן, ווי כאַסענע האָבן, און נאָך דערצו אין אַ קירך. ווען ער טוט עס ניט, וואָלט ער, קאָן זײַן, געקאָנט מאַכן נאָך אַן אַנטדעקונג. נאָר עפּשער, האָט ליאָווקע ווײַטער געטראַכט, איז עס בעסער, וואָס ווינער האָט עפּעס וואָס געלאָזן ניט אַנטדעקט: ער, ליאָווקע, וועט זיך דאָך ניט פאַרנעמען מיט אַזוינע נאַרישקייטן...

מיטן גאַמביט פון דעם קיניגלעכן פענדל איז אויך געווען עפּעס ניט קעשורע. ווען ליאָווקען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט שוין באַנומען אַלע וואַריאַנטן און סובוואַריאַנטן, האָט ער אַרויסגערופן דעם פעטער אויף אַ שפּיל, אָבער נאָך די ערשטע גענג האָט ליאָווקע דערזען, אַז עס האַלט שמאָל.

— פעטער מאַרק, דו ענטפערסט ניט אויף דעם דעביוט, ווי אין טעאָריע שטייט.

— טעאָריע? איך האָב קיינמאָל ניט שטודירט קיין טעאָריע.

ביכלאָל אָבער איז ליאָווקע צופרידן געווען פון זײַן פּראָגראַם. עמעס, ניט אַלץ גייט אַזוי, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אָבער דאָך — טרענירט ער און פאַרהאַרטעוועט זײַן ווילן. און דאָס איז דאָך דער איקער.

■

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען ליאָווקע איז געזעסן אין גאָרטן און זיך געסטאַרעט צו דער־גיין דעם סאָד פון עפּעס אַן אינטעגראַל, האָט ער פּלוצעם דערהערט אַ באַקאַנטן פײַף. עס האָט אים פריידיק אַ טיאַכקע געגעבן דאָס האַרץ. הינטערן פּלויט איז געשטאַנען דער לאַנגער דראַנג איגאָר, זײַן בעסטער כאַווער אין קלאַס. ער האָט געהאַלטן צוויי פינגער אין מויל, גרייט איבער־צוכאַזערן דעם פײַף. אין איין הערעף־אײַן איז ליאָווקע געווען באַם פּלויט.

— איגאָר!

— אַהאַ! — האָט יענער באַשטעטיקט, און זײַן באַשפּרענקלט פּאָנעם האָט אופגעשײַנט. — וואָס טוסטו איצט? קום!

ליאָווקע איז אוועקגעלאָפן צוריק, אַרײַנגעוואָרפן דאָס ביכל אין אָפענעם פענצטער, און אָט איז ער שוין לעבן כאַווער.

— געגאַנגען!

נאָר וואָס הייסט געגאַנגען? איגאָר איז אוועקגעלאָפן פאָרויס, האָט אײַנגעבויגן זײַן לאַנגן רוקן און זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אין די קני. ליאָווקע איז זיך פּאַנאַנדערגעלאָפן, אַריבערגעשפּרונגען איבערן כאַווערס רוקן, אָפּגעלאָפן אַ שטיקל וועג און זיך אויך אײַנגעבויגן, קעדיי דער כאַווער זאָל שפּרינגען איבער אים. אינגיכן זײַנען זיי שוין געווען באַם וועלדל. נאָר איגאָר האָט זיך ערשט צעשפּילט.

— אַרופקריכן? — ער האָט אַ ווונק געגעבן אויפן ערשטן בוים, וואָס איז געשטאַנען אין וועג.

— אַ פײַג! — האָט געענטפערט ליאָווקע. די ערשטע צווײַג איז געווען גאַנץ הויך פון דער ערד.

איגאָר איז זיך פּאַנאַנדערגעלאָפן, אונטערגעשפּרונגען און מיט די הענט אָנגעכאַפּט די צווײַג, ער האָט זיך אונטערגעצויגן, אָנגעשפּאַרט זיך מיט דער ברוסט אויף דער צווײַג, זיך אויסגעדרייט, און אָט זיצט ער שוין אויפן בוים, שמייכלענדיק מײַסע זיגער צום כאַווער.

ליאָווקע איז זיך אויך פּאַנאַנדערגעלאָפן, נאָר ניט דערגרייכט מיט די הענט צו דער צווײַג.

— אַז דו ביסט אַזאַ דראַנג, — האָט ער מיט פאַריבל געזאָגט.

איגאָר איז אַראָפּגעשפּרונגען, אונטערגעשטעלט זײַן פּלייצע, געהאָלפן דעם כאַווער אַרופקריכן אויף דער צווײַג און אַליין אויך אַרויף. פונדאַנען איז שוין לײַכט געווען זיך אופצוהייבן צו דער קרוין פונעם בוים. דאָרט איז געווען אַ מעכײַע. די צווײַגן האָבן אַרומגעכאַפּט, ווי גוטע פרײַנט־לעכע הענט, די בלעטער האָבן געשורשקעט און ווייך געגלעט דאָס פּאָנעם. פון דער הייך האָט זיך געעפנט אַ ברייטע פּערספּעקטיוו. אָט שלענגלט זיך, דאָ באַהאַלטנדיק זיך, דאָ אַרויסקריכנ־דיק פון צווישן דיביימער, די שוואַרצע טאַשמע פון אַספאַלט, וואָס ציט זיך צו דער שטאָט; אויף דער אַנדערער זײַט פון וועג גלאַנצט, ווי אַ שפּליטער פון אַ שפּיגל, אַ שטיק טײַך; הינטער אים, ווײַט־ווײַט אויפן ראַנד פון די שוואַרצע וועלדער שטעקט אַרויס זײַן קאָפּ אַ שפּיציקער קירכן־טורעם... ליאָווקע האָט אַ קוק געטאָן אויף איגאָרן. יענער האָט מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק און מיט אַן אָפן מויל געקוקט אין אַ זײַט. ליאָווקע האָט אויך אַ קוק געגעבן — אַ כאָפּטע מיידלעך האָבן דאָרט אונטער די ביימער זיך איבערגעטאָן, קענטיק נאָכן באָדן.

— דו האָסט אַמאָל שוין געקושט זיך מיט אַ מיידל? — האָט איגאָר געפרעגט ליאָווקען און אים אײַנגעשושקעט עפּעס אין אויער.

— פריקרע...

— ניין, דאָס איז ניט אַזוי פּריקרע. מע געוווינט זיך צו, — האָט איגאָר גלײַכגילטיק געזאָגט און אויסגעשפּיגן צווישן די ציין.

די יינגלעך האָט זיך אויך פאַרוואָלט באָדן. זיי זײַנען אַראָפּגעקראָבן פון בוים. איגאָר האָט פאַרקערעוועט צו דעם אָרט, ווו די מיידלעך האָבן זיך געהאַט אָנגעטאָן, נאָר דאָרט איז שוין קיינער ניט געווען. זיי האָבן זיך אויסגעטאָן, אַרײַן אין וואַסער און לאַנג זיך געבאָדן, שווימענ־דיק, יאָגנדיק זיך איינער נאָך דעם אַנדערן און שטיפנדיק.

אַרופגעצויגן די בגדים האָט מען אויף נאַסן קערפּער. ס׳איז געוואָרן קילבלעך. ניט ווײַט פון זיי האָבן דאַטשניקעס געשפּילט אין האַנטבאָל. איגאָר און ליאָווקע זײַנען אַרײַן אין שפּיל. ס׳איז געווען פריילעך. נאָר אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ליאָווקע זיך געכאַפּט, אַז ער שטייט גאָר נאָענט לעבן אַ מיידל. איר בונט ברייט קליידל האָט געפלאַטערט פון די האַסטיקע באַוועגונגען. ליאָווקע האָט זיך דערמאָנט, וואָס איגאָר האָט אים געזאָגט, און געביטן זײַן אָרט.

נאָך דער שפּיל האָבן זיי ביידע זיך אַפּאַמאָל געכאַפּט, אַז זיי ווילן עסן.

— אהיים... — האָט ליאָווקע אומעטיק געזאָגט, און ס׳האָט אים אַ שקראַבע געטאָן דאָס געוויסן, וואָס ער האָט גאָר איגנאָרירט אין זײַן פּראָגראַם.

— דודקי... איך האָב מאַניע (זיי האָבן אין שול געלערנט ענגליש).

זיי האָבן איבערגעציילט זייערע געלט־רעסורסן, געזען, אַז ס׳קלעקט, און אַוועק צום רעסטאָראַן אַפּן פּליאַזש.

אויף דער אָפּענער טעראַסע פונעם זומערדיקן רעסטאָראַן איז געווען טומלדיק. איגאָר און ליאָווקע האָבן פאַרנומען אַ טישל. באַם שכנישן טישל איז געזעסן אַ רוישיקע קאָמפּאַניע יונגעלײַט, באַכערים און מיידלעך. צוויי פון די מיידלעך זײַנען געווען אין באָד־קאָסטיומען (באַם אַרײַנגאַנג פון רעסטאָראַן איז געהאַנגען אַ צעטל „קליענטן אין באָד־קאָסטיומען ווערן ניט באַדינט״). איינע פון זיי, אַ שוואַרצכיינעוודיקע, מיט לאַכנדיקע אויגן, איז געזעסן האַרט לעבן ליאָווקען. איר ברוין־אָפּגעברענטער פולבלעכער פוס איז געווען גאָר נאָענט פון אים, און מאָדנע, דאָס מאָל האָבן אים ניט געאַרט איגאָרס מיִעסע רייד וועגן מיידלעך. ער האָט אַפילע אַ רוק געטאָן זײַן שטול, קעדיי צו זײַן נעענטער צו דעם ברוינעם פאַרפירערישן פוס. איגאָר האָט דאָס באַמערקט, אונטערגעווונקען אים און געמאַכט אַ פּרווו אַרײַנצופּלעכטן זיך אין די רייד פון דער קאָמפּאַניע יונגעלײַט. נאָר יענע האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אויף די יינגלעך.

— גרויסהאַלטערס! — האָט איגאָר גאַנץ הויך אַ בורטשע געטאָן. ער האָט צוגעײַלט ליאָווקען צו גיין, כאָטש ליאָווקע וואָלט נאָך גערן געזעסן אויף זײַן שטול.

באַם באַצאָלן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאָלצײַט האָט געקאָסט גאָר ניט אַזוי פיל, ווי זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט.

— מע האָט נאָך געקאָנט נעמען ווײַן, — האָט עס איגאָרן פאַרדראָסן. ער האָט מיסטאָמע געקלערט, אַז ווען אויף זייער טיש וואָלט געווען ווײַן, וואָלט יענע קאָמפּאַניע אַזוי ניט אונטער־שעצט זיי.

דאַן האָבן זיי באַשלאָסן צו דינגען אויף אַ פּאָר שאָ אַ שיפל. זיי האָבן געררודערט נאָך דער ריי, זיך דערנעענטערט צו די באָדנדיקע, באַשפּריצט מיט וואַסער די קוויטשענדיקע מיידלעך און ווידער דערווײַטערט זיך, ווען מע האָט געשריִען אויף זיי. סאָפּקאָלסאָף האָבן זיי באַשלאָסן אַוועקצופאָרן ווײַטער אין מיט טײַך. דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעטאָן, געשפּרונגען פון באָרט אין וואַסער און זיך ווידער געקאַראַבקעוועט אין שיפל.

דער לאַנגער זומער־טאָג האָט שוין געהאַלטן אין אויסגיין, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון טײַך. ס׳איז געווען שטיל, מער ניט, די געלע יאָדלע־נאָדלען האָבן געשורשקעט אונטער די פיס. פון די ביימער זײַנען געפאַלן לאַנגע שאָטנס.

ליאָווקע האָט באַגלייט זײַן כאַווער צום אויטאָבוס. דערנאָך איז ער אַוועק צו זיך אויף דער דאַטשע.

די מומע האָט אים באַגעגנט אָן אופגערודערטע.

— ווו ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג? מיר האָבן שוין ניט געוווּסט, וואָס איבערצוקלערן... גיי עסן... ס׳איז שוין אַלץ קאַלט געוואָרן...

דער פעטער מאַרק האָט זיך אָפּגעריסן פון בוך. אַלע זײַנע דינינקע קנייטשעלעך אַרום די אויגן האָבן געקוקט אויף ליאָווקען מיט אַ גוטמוטיקער איראָניע.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ליאָווקע דערפילט די זיסע מידקײַט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע זײַנע גלידער. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אַ שמייכל האָט געבלאָנ־

דזשעט איבער זײַנע ליפּן, אין זיקאָרן זײַנען אופגעשווומען אלע איינצלהײַטן פון אָט דעם לאנגן זומערדיקן טאָג. דאן האָט ער זיך דערמאָנט אין זײַן פּראָגראם, און ער האָט שטרענג א זאָג געטאָן צו זיך:

— א פוסטער טאָג...

וואָס זאָגט קויהעלעס

הער א מײַסע: פארלאָרן בא אזא פושער! ער, ארן קאלטמאן, זאָל פארלירן בא אזא פאר־טאטש, וואָס קען קיין צוויי ניט ציילן אין שאָך!..

ער האָט זיך פארטראכט. אים האָט ניט אזוי פארדראָסן, וואָס ער האָט פארשפּילט — מאלע וואָס מע פארלירט א פארטיע, — ווי עס איז אים ביכלאל געוואָרן זייער שווער אפן הארצן. דער פושער, וועמען ער האָט אזוי אומגעריכט פארשפּילט, איז בא אים גאָר ניט געווען פארעכנט אלס שאכמאטיסט, סטאם א גוטערפרײַנט, וועלכן ער קען שוין זייער לאנג, פון די סטודענטישע יאָרן אָן, דאָס הייסט א קײַמעלאָן פון העכער פערציק יאָר. דעמלט, אין די סטודענטישע יאָרן, האָט יענער גאָר ניט געקאָנט כאָלעמען זיך זעצן בא איין טישל מיט ארן קאלטמאנען. לעצטנס אָבער, ווען זיי זײַנען שוין ביידע פענסיאָנערן, פלעגט ער קומען מײַסע אלטער כאווער צו קאלטמאנען פארברענגען א שאָ צוויי. האָט ארן קאלטמאן האנאָע געהאט — ניט פון שפּילן מיט אים, נאָר פון דעמאָנסטרירן אים הויכע שאָך־קונסט. יענער איז געזעסן א פארגאפטער און מיט גרויס יִיראס־האקאָוועד געקוקט זײַן אלטן פרײַנט אין די אויגן. דאָס האָט ארן קאלטמאן אופגענומען ווי א נאטירלעכע זאך — צו דעם איז ער געווינט געווען פון די אמאָליקע יאָרן אָן. נאָר אָט האָבן זיי זיך געזעצט שפּילן גלײַך אף גלײַך, און — ארן קאלטמאן האָט פארשפּילט...

ס'איז געווען אף וואָס זיך צו פארטראכטן. די עלטער? נאָר יענער איז דאָך אויך ניט פון די יונגע. עמעס, ער איז מיט א פינף־זעקס יאָר יִינגער. און עפשער שפּילן עס טאקע אף דער עלטער די פינף־זעקס יאָר אזא ראָליע?

■

שוין היפשע עטלעכע יאָר, ווי ארן קאלטמאן איז געוואָרן אויס אײַנגייער אין שאָך־קלוב. מענטשן פון זײַן דאָר האָט ער שוין קימאט ניט געטראָפן דאָרטן, און די יונגע האָט ער ניט האָלט געהאט.

עמעס, זיי שפּילן גוט, אָט די יונגע. זיי פארמאָגן אן אָפּגעשליפענע טעכניק און זיי דענקען קלאָר אין שאָך. אָבער דערבײַ איז פאראן בא זיי א מין זאָרגלאָזע העפקיירעס און סקעפּטישע באציִונג צו אלץ, וואָס פאר אים, קאלטמאנען, איז הייליק. זיי האָבן געקענט קאלטבלוטיק און זאכלעך אָפּשפּילן א פארטיע און גלײַך נאָך דעם, פונקט אזוי קאלטבלוטיק און זאכלעך, פארפירן א שמועס וועגן דער ערשטער קאָסמישער שנעלקײַט, און וועגן דער צווייטער קאָסמישער שנעלקײַט, און וועגן נאָך אזוינע זאכן אין טעכניק, וואָס ער, קאלטמאן, אליין אן אינזשעניער לויט דער בילדונג, הייבט ניט אָן צו פארשטיין אין זיי. און דאָס אלץ — זאכלעך, קלאָר, אָן דעם ברען און אָן דעם „קאָכן זיך", וואָס איז אזוי אייגנטימלעך געווען פאר די מענטשן פון זײַן דאָר.

אז ער קלערט וועגן די אמאָליקע און הײַנטיקע שאָך־ענטוזיאסטן, קומט אים ניט ווילנדיק אין קאָפּ דער פארגלײַך מיט כסידים און מיסנאגדים. זיי, די אמאָליקע שאָך־שפּילער, זײַנען געווען ווי הייסע כסידים, וואָס האָבן טפילע געטאָן צום ריבוינעשעלוילעם מיט היסלײַוועס, מיט פײַער, אין דער צײַט ווען די הײַנטיקע שאכמאטיסטן זײַנען ווי מיסנאגדים, יוידייע־טוירע, וואָס האקן אָפּ זייער פּיזמען קלאָר און דײַטלעך, אָבער דער קאָפּ בלײַבט בא זיי קאלט, ווי בא א ליטוואק.

אמאָל...

אמאָל פלעגט מען אָפּזיצן גאנצע אָוונטן אין שאָך־קלוב און ס'איז געגאנגען ניט אזוי אין געווינס, ווי אין סמאקעווען א פּאָזיציע, ניספּאָעל ווערן פון אן אײַנפאל, באוווּנדערן די שעפע קלוגע מעגלעכקײַטן, וואָס עס גיט די אָדער יענע פאנאנדערשטעלונג פון די פיגורן אף די 64

קעסטעלעך. מע פֿלעגט זיך איבערנעמען ניט מיט די געווינסן, נאָר מיט דער שיינקייט פֿון דער שפּיל, מיט די טיפֿע קאַוואָנעס, וואָס מ׳לייגט אַרײַן אין גאַנג.

היינט די מענטשן...

געווען אַ ייִד אין שטאָט, וואָס פֿלעגט שאַבעס אינדערפֿרי אָנטאָן דעם טאַלעס אונטערן מאַנטל און אַוועקגיין דאַווענען. אָבער די פֿיס פֿלעגן פֿון זיך אַליין פֿאַרקערעווען אין שאָך־קלוב. דאָרטן, ניט אויסטוענדיק דעם מאַנטל און ניט אַראָפּנעמענדיק דעם טאַלעס, פֿלעגט ער אָפּזיצן דעם גאַנצן שאַבעס. ערשט שפּעט נאָך האַוודאָלע, ווען פֿיליצאַליקע שטערן האָבן שוין געפֿינקלט אויפֿן טונקעלן הימל, פֿלעגט ער מיט גרויס מי זיך אָפּרײַסן פֿונעם שאָך־ברעטל און אַוועקגיין אַהיים.

געווען אַ ייִד אַ סויכער, וואָס פֿלעגט, זיצנדיק באַם שאָך, האַלטן אין איין קרעכצן. געקרעכצט האָט ער אַזוי נעבעכדיק, ווי ער וואָלט געהאַלטן באַם אָפּגעבן גאָט די נעשאָמע. און אַזוי קרעכצנדיק און זיפֿצנדיק פֿלעגט ער, ווי אַ שפּין, שטילערהייט פֿאַרוועבן דעם קעגנער מיט אַזעלכע דינגע נעצן, פֿון וועלכע ס׳איז קיין רעטונג ניט געווען. כעוורע קיבעצער האָבן שוין געוווּסט: ווײַבאַלד די קרעכצן האָבן דערגרייכט די העכסטע מאַדרייגע, איז אַ סימען, אַז אויפֿן שאָך־ברעטל האָט זיך געשאַפֿן איינע פֿון יענע באַרימטע סיטואַציעס, וואָס זיי האָבן אַזוי האָלט. מע איז געשטאַנען מיט אָפֿענע מײַלער און געקוקט אויף דער מערקווירדיקער פּאָזיציע, ווי דער קעגנער, האַבנדיק אָפּטמאָל אַן איבערגעוויכט אין פֿיגורן, האָט גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן: וואָס פֿאַר אַ גאַנג ער זאָל ניט מאַכן, ליגט ער אין דר׳ערד. און דער קרעכצער האָט ווײַטער געקרעכצט, ווי אַן אויסגייענדיק שעפֿעלע, כאָטש אונטער דער באָרד באַ אים האָט שוין געבלאָנדזשעט אַ צופֿרידן שמייכעלע.

אַזוי פֿלעגט ער פֿירן אויך זײַנע געשעפֿטן. געקרעכצט און געזיפֿצט פֿאַר זײַנע שוטפֿים, דערוויזן זיי מיט טויזנטער רײַעס, אַז ער ווערט בעדיל־האַדאַל פֿון די געשעפֿטן מיט זיי, און לעסאָף פֿלעגן יענע מיט דערשטוינונג זיך כאַפּן, אַז ער האָט פֿון זיי גאָר אָפּגעשונדן די הויט.

געווען איז ער רײַך, ווי קוירעך, נאָר אַ הוילעך האָט ער געהאַט, ווי דער גרעסטער קאַפּצן פֿון יאַטקעווער גאַס.

■

אין שאָך־קלוב פֿלעגט דעמלט אין די אָוונטן זיך צונויפֿקלײַבן אַ היפּשער עולעם. סראָוו בעלדיקע סאָכרים, וואָס פֿלעגן זיך אַרײַנכאַפּן אַהער נאָך אַ פֿאַרהאָוועטן טאָג, קעדיי אַ שלײַף צו טאָן דעם מויעך. געווען אַזאַ באַדערפֿעניש באַ זיי צו קאָפּ־גימנאַסטיק, פּונקט ווי דאָס איז געווען באַ זייערע זיידעס, וואָס פֿלעגן נאָך אַ רוישיקן מאַרק־טאָג זיך אַרײַנכאַפּן אין בעסמע־דרעש צו שלײַפֿן די מויכעס באַ אַ בלאַט געמאָרע.

אַרן קאַלטמאַן, דער „אייביקער סטודענט“, דעמלט אַ יונג זשוואַוו באָכערל מיט שמאָלע פּלייצעס, איז דאָרטן געווען קעמוי דער רעבע. אויסער די ווענט פֿונעם קלוב איז ער געווען אַ שטילער באָכער, וואָס האָט אויף קיינעם די שטים ניט אויפֿגעהויבן, אַ דעליקאַטער און אפֿילע אַ שעמעוודיקער. אין קלוב אָבער, צווישן די אײַנגעהויקערטע פֿיגורן, וואָס זײַנען געזעסן פֿאַר־זונקענע אין זייערע שאָך־מאַכשאָוועס און געהאַלטן אין איין פּיפּקעווען ציגאַרן, פֿלעגט ער ווערן גאָר אַן אַנדערער. פּונוואַנען האָט זיך גענומען צו אים די זעלבסטזיכערקייט, די כוצפּע אפֿילע? ער פֿלעגט אַרומגיין צווישן די טישלעך, כאַפּן אַ בליק אויף אַ פּאָזיציע און, פֿאַנאַנדער־יאָגנדיק דעם רויך, — ער אַליין האָט ניט גערייכערט, — זיך בייזערן:

— וואָס יאָגט איר מיר אײַער שטינקענדיקן רויך אין פּאָנעם? קוקט בעסער אויף אײַער פּאָזיציע. אין דרײַ גענג קריגט איר מאַט!

— פּושער, — פֿלעגט ער שרײַען צו אַ גוט באַקאַנטן אין שטאָט סויכער, — איידער איר רוקט דאָס פּענדל אין דאַמע, דאַרפֿט איר פֿאַרפֿעסטיקן די פּאָזיציע! אָט דאָ שטעלט אײַער סוסל! אָט אַזוי...

און יוסטע באַלעבאַטים, סאָכרים, ערשטעגילדיעניקעס פֿלעגן עס אָננעמען פֿאַר גוט, קוקן אויף אים ווי כיידער־ייִנגלעך, וואָס האָבן אָנגעמאַזיקט. בייס ער פֿלעגט זיי מוסערן, פֿלעגן די מײַלער באַ זיי זיך פֿאַנאַנדערציִען אין אַ פֿאַרשעמטן שמייכל, אַנטבלויזנדיק הינטער דעם געדיכטן האָר־געוויקס רויטע פֿליישיקע ליפּן.

■

און איצטער? פֿאַרלאָרן באַ אַזאַ פּושער...

אַרן קאַלטמאַן האָט געדענקט אַלע זײַנע פּאַרטיעס, וואָס האָבן מיט עפּעס וואָס געהאַט פֿאַר אים אַ ווערט. ער האָט געקאָנט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אין אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט — אַזעלכע נעכט פֿלעגן זיך טרעפֿן לעצטנס אַלץ מער און מער — אויפֿשטעלן אַזאַ פּאַרטיע גאַנג נאָך גאַנג.

ער וואָלט געקאָנט אופשטעלן אויך די דאָזיקע שלימאַזלדיקע פּאַרטיע גאַנג נאָך גאַנג און פעסט־שטעלן דעם פעלער אָדער די פעלערן, וואָס ער איז דאָרט באַגאַנגען. נאָר מערקווירדיק: אין דער פּאַרטיע, וואָס האָט אים אַזוי אופּגערודערט, האָבן אים וויניקער פאַר אַלץ אינטערעסירט די גענג. אָנשטאָט די ווײַסע און שוואַרצע פיגורן זײַנען פאַר זײַנע שלאָפלאָזע אויגן געשטאַנען שוואַרצע קוואַדראַטע אויסיִעס. אויסיִעס, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין ווערטער, וואָס ער האָט אַמאָל, אַמאָל געלערנט אין כיידער. ער האָט געפּילט בעפּויעל־מאַמעש, אַז ניט אין דעם אָדער יענעם גאַנג, נאָר אין דעם יִיעש, וואָס ווײַט פון יענע ווערטער, דאַרף מען זוכן דעם ענטפער, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּילט אָט דעם פּושער.

עטלעכע טעג האָט ער געקעמפּט מיטן געדאַנק, וואָס האָט אים באַהערשט, און דערנאָך זיך פאָרט אַנטשלאָסן. ער האָט גענומען דעם שטעקן, — נאָך דעם, ווי ער איז פאַראַיאָרן ווינטער געפאַלן און זיך שיר ניט צעבראָכן אַ פוס, איז ער איצטער, אַפילע זומער, געגאַנגען מיט אַ שטעקן, — און זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַס.

ס'איז געווען אַ מעכײַעדיקער זומער־טאָג. ער איז געגאַנגען אין דער שאָטן־זײַט פון גאַס, און אַ לײַכט ווינטל האָט אָפּגעפרישט זײַן קאָפּ, וואָס איז שוין געווען קימאַט אינגאַנצן הויל. אין איינעם אַ הויף, ווו ער איז פריִער קיינמאָל ניט געווען און גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ער וועט ווען־עס־איז אַרײַן אַהער, האָט ער פאַרקערעוועט.

די טיר פון דער געבײַדע אין הויף איז געשטאַנען אָפן. ער איז דורך דורך דעם פּוסטן פּירהויז מיט די אָפּגעריבענע שטיינערנע ווענט און געעפנט די אינווייניקסטע טיר. פון דער האַלב־טונקעלער טיף איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ מענטש מיט אַ קורץ קוטשעראַווע בערדל, דאָס היטל איז בא אים געווען טיף אַראָפּגערוקט אַפן נידעריקן שטערן.

— איך האָב געוואָלט... ע־ע... אַ קוק טאָן אין אַ סייפער... אין קויהעלעס... ס'איז דאָך פאַראַן בא אײַך?

דער מענטש איז געשטאַנען אַנטקעגן און געקוקט אָף אים אומצופרידן.

„אַ פּערע־אָדאָם“, — האָט אַ טראַכט געטאָן קאַלטמאַן און אומגעדולדיק איבערגעכאַזערט:

— קויהעלעס... פון טאַנאַך... פאַראַן בא אײַך?

דער ייִד האָט שוין איצט געקוקט אָף אים בייז.

— אַ הייליק אָרט... אָן אַ היטל... — האָט ער סאָפּקאָלסאָף פאַרטײַטשט זײַן קאַס.

קאַלטמאַן האָט אָפּגעענטפערט:

— איך בין געקומען אַהער ניט דאַווענען. איך דאַרף אַ קוק טאָן... איר פאַרשטייט? אַ קוק טאָן...

— אָן עלטערער ייִד... ווי פאַרשטייט איר עס ניט? באַדעקט כאָטש דעם קאָפּ מיט אַ טיכל... קאַלטמאַן איז אין קאַס געוואָרן, זיך אויסגעדרייט און איז אוועק.

■

פונדעסטוועגן האָט ער געקראָגן אַ קויהעלעס. ס'האָט זיך געפונען בא איינעם זײַנעם אַ באַקאַנטן. עמעס, אַ מיסיִאָנערישע אויסגאַבע, פון לאָנדאָן, אָבער וואָס איז די נאַפקעמינע.

ער האָט געבלעטערט די דינע ווײַסע בלעטער, און זײַן בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אָף די אומשטערבלעכע שורעס.

הבל הבלים, הכל הבל —
נישטיקײַט פון נישטיקײַטן, אַלץ איז נישטיקײַט.

ער האָט זיך לעכאַטכילע צעבייזערט: ווי קאָן מען עס אַזוי אוועקמאַכן דאָס לעבן פון אַ מענטש?! נאָר שפּעטער האָט ער איבערגעלייענט די אומפאַרגענגלעכע ווערטער וועגן דער פאַרגענגלעכקײַט פונעם מענטשן:

עת ללדת
אַ צײַט געבאָרן צו ווערן

ועת למות
און אַ צײַט צו שטאַרבן

עת לטעת
אַ צײַט צו פלאַנצן

ועת לעקור נטוע
און אַ צײַט אויסצורײַסן דאָס געפלאַנצטע

עת לבקש
אַ צײַט צו זוכן

ועת לאבד
און אַ צײַט אָנצוווערן

— זע נאָר, זע, — האָט ער שטילערהייט געזאָגט צו זיך, — קויהעלעס איז אויך געווען אַ שאַכמאַטיסט...

■ ■ ■

א. גובניצקי

מייַן ייִכעס

באם בוג

אין מעטראָ־שאַכטע האָב איך זיך אָנגעגעסן מיט מאָסקווער באָרשטש און מיט פעטע ווינעגרעטן און בין געוואָרן געזונט, מאָווערדיק, א באָכער, ווי מע זאָגט, צו גאָט און צו לייַט.

מיטראָפאן מיטראָפאנאָוויטש פירסאָוו האָט מיך אויסגעלערנט ניט בלויז האלטן די לאָפּעטע אין האנט, נאָר אויך פירן דעם „שילד‟, דערגראָבן זיך צום טיפן גרונט אף נעגלינקע. ער האָט מיך אויך אויסגעלערנט פאָרן אף דער אמפיביע, כאפּן פיש אין קליאזמע, אָנצינדן א שייַטער אפן שפּיץ נאָז פון דער שיף, אָנגליִען שטיינער און ווארפן זיי אין טייַך, אזש דאָס וואסער זאָל אָנהייבן קאָכן ביזן דנאָ, און דעמלט שלאָג מיטן שטעקן די העכט — נעם זיי אין טאָרבע!

טאקע דאָ, באם טייַך קליאזמע, האָט מיך א צי געטאָן אהיים.

בא מייַן שווערער ארבעט אין מעטראָ האָב איך צעריסן עטלעכע פּאָר ברעזענטענע הויזן, וואטאָווע לייַבלעך, גומענע שטיוול און אין שנאָרער־געסל געקומען מיט א זאק סעכערס, אָנגעטאָן אין א קאָרטענעם גארניטער.

עס איז געגאנגען דאָס 1933 יאָר. אין דער היגער עמטעעס האָט שוין געווארט אף מיר א פארלאטעטער „זאכאר‟. פיר איך הני אין פעלד, ווייץ אין מיל ארייַן, שטרוי אין די שטאלן.

ווי זאָגט מאטאָנע קאָוועל: ס'איז קיין גאנג ניט צו שטארבן פון הונגער. ביסטו א באָסערוועדאָם, איז גראָב מיט דער נאָז די ערד, געפין דייַן שטיקל ברויט.

נאָכן ערשטן רעגן פרישט זיך אָפּ די ערד, די בלעטער הייבן אָן גרינען און מענטשן גייען פריילעכער, אפילע מעני־ראָכל די טוקערן לויפט גיכער אין מארק ארייַן.

אפן שליאך צווישן צוויי וועלדער שטעל איך אָפּ מייַן מאשין. הונדערטער ניגונים זינגען אויס די פייגעלעך, שפילעוודיק פליט דער בלויפויגל פון איין צווייַגל אפן צווייטן, שפּערעלעך פּאָרן זיך, העגער קרייען, הינט האווקען ערגעץ דאָ ניט ווייַט. און מייַן „זאכאר‟ פּאָרט ווייַטער און ווייַטער, ווי אמאָל ליפּע דער וואסערפירער מיט זייַן שקאפּע.

די יונגע בערעזקעס האָבן זיך אָנגעטאָן אין גרינע מאלבושימלעך ביז אריבער די קני, זיי שעמען זיך ווייַזן דעם אינדרויסן די נאקעטע פולקעלעך.

פארנאכט־צו שמעקט דער וואלד מיט בעז, מיט טשעריאָמוכע. איך פארכלינע זיך אזש פון דעם גֿעדיכטן אראָמאט: צו קליינע נאָזלעכער בא מיר, אז איך זאָל קאָנען ארייַנציִען אין זיך אזויפיל רייכעס.

■

אין אוקראַיִנע מאכט זיך, אז די לעוואָנע טרינקט זיך, פארשווינדט אין צעפּאטלטע וואָלקנס. אינדערפרי שטייט אוף די זון — אויסגעוואשן, ווי א קאלע־מויד, פארנאכט־צו ווערט זי שעמעוודיק־רויט.

איך האָב ערגעץ געהערט, אז דער געפארד פונעם קעצענעם שייוועט לויפט גיכער פון אלע כייַעס — העכער הונדערט ווערסט א שאָ, דער לייב — בא די אכציק ווערסט, דער אייזל

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאנד‟ נומ. 4 פון 1962 און נומ. 3 פון 1964.

און שאקאל — א ווערסט פערציק, נאָר מײַן „זאכאר“, וואָס מע האָט מיר געגעבן אין דער עמטעס, קריכט ניט גיכער פון ליפּעס שקאפּע.

— וווּהין פּאַרסטו, שיקע? — פרעגט ליפּע דער וואסערפירער.

באַם עלעוואַטאָר שטייט מען פיר שעה. גייט א רעגן, ווערט א געדיכטע בלאָטע. עס קומט אָן דער דירעקטאָר:

— אינגאַנצן איין רייס פאַרן טאָג געמאַכט? מאָסקוויטש מײַנער!

האָב איך זיך א נעם געטאָן צו דער אווידע: וואָס איז מען געקומען אהער, די בלאָטעס טאָפּטשען?

ס'איז א כאַרפּע צו קומען פאַרנאַכט מיט איין רייס. נעכטן צוויי פּוד מעל דאָך באַקומען, ס'איז שוין אראָפּ דאָס געשווילעכץ פון עם טאַטנס פּיס.

האָב איך געפונען א סגולע, ווי אַרויסצופירן דעם גערשטן אין פעלד, — מיט צוויי פּערד צעפּן. געדענקסט דאָך, ווי פירסאַוו פלעגט פירן די וואַפּנע אין שאכטע? מע דאַרף דאָ אײַנפירן אזא סיידער, ווי אין מעטראָ, וועלן שאָפערן עסן בולקע מיט פּוטער.

פאַרנאַכט זיצט מען באַם טיש, דער טאַטע קוקט אויף מײַן גליקלעך פּנים:

— ביסט אויסגעוואַקסן, קינד מײַנס, פאַרשאַפּסט מיר קאָוועד. ווי לאַנג, אז דו האָסט געגרע־וועט ווי די קאַלב, געטאַנצט איבער פּראַקאָפּס פּארקן, געריסן בארלעך, יאַרינע טשאַרנאָדידעכע האָט דיך געשלעפּט פאַר די האָר, זאָלסט ניט ברעכן די ביימער. הײַנט רעדט מען דיר שוין א שידעך...

אָט לויפט מעני־ראָכל די טוקערן מיט א פרישער בלאָט. אירע רויטע האָר זײַנען צעשווי־בערט:

— מאַטיע, — שרײַט זי דעם טאַטן גלײַך אין פּנים, — זע, דײַן בענאַק, וואָס טוט ער דאָרטן אזוינס, אין דער עמטעס, וואָס מע לויבט אים?

— גערשטן פירט ער, מעני־ראָכל, גערשטן.

הייבט זי אָן, די טוקערן, ציילן אויף די פינגער:

— א פּעטער פאַר א פלעמעניצע מעג יאָ כאַסענע האָבן, א מומע איר פלעמעניק טאָר ניט נעמען, צוויי שוועסטער מעגן נעמען צוויי ברידער...

— אָבער דער ראָוו זאָגט... — לאַכט דער טאַטע.

הייבט די שאדכנטע אָן צו קרייען, ווי א האָן:

— לאָזט צורו דעם ראָוו מיט דער רעבעצן, מאַטיע, אבי די קינדער זאָלן לעבן אין אוישער און אין קאָוועד. מאַטאָנע גיט נאדן — א קו מיט א קאַלב.

אינמיטנדערינען דערהערט זיך פון מאַטאָנע קאָוועלס שטוב אזא פרייליכער ניגן, אז עס פאַרשלאָגט מיר אזש דער אָטעם:

— אָווינו מעלעך — דאָס הארץ איז מיר פריילעך... — מאַטאָנע איז שוין בעגילופן. די מיזינקע אויסגעגעבן!..

דער גרין־געפאַרבטער דאַך פונעם קאָוועלס שטוב שײַנט מיטן גלאַנץ פון א רײַכער דירע, און וואָס מער מע זינגט, ווערט מיר אַלץ אומעטיקער, — איך האָב פאָרט ליב ליובען, גוטע, ווילע שכיינים מײַנע.

— העכער, בעסער, די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער, זעט נאָר, זעט נאָר, ווי זי גייט אין א נײַ, א שיין קלייד. די מיזינקע אויסגעגעבן, די מיזינקע גיבן מיר אויס!

דאָס געזאַנג לעכערט מיר די אויערן.

דער אוקראַינער הימל איז, דאַכט מיר, רײַכער פון אַלע הימלען אין דער גאָרער וועלט. מיליאָנען שטערן, ניט איבערצוציילן. פאָר איך אין פעלד ארײַן פאַשען די פערד.

■

באַנאַכט קומט ריסל, מאַטאָנע קאָוועלס מיידל, אָפּן ווײַפאַס. דרייען זיך פויל די פליגל פון דער אַלטער מיל, פאַלן שטערן אין טײַך ארײַן, שווימט די לעוואָנע באַם ברעג, ציטערט ריסל. אײַנגעוויקלט אין מײַן רעקל, בעט זי מיך, איך זאָל זי דערוואַרעמען...

פון די ארומיקע לאָנקעס שמעקט מיט פריש היי, פון טײַך שלאָגט אין דער נאָז ארײַן מיט פיש־רויג. עס טראָגט מיך איבער גאָר אין אנדערע וועלטן. ריסל קושט זיך אזוי, אז א פּאָרע גייט פון מיר.

קאַיאָר וויקלט ריסל ארום מיט איר דין זײַדן שאַרפּעלע מײַן האַלדז, זי פאַרציט מיך ביז צום דערוואַרגן, און מיר פאָרן אהיים.

וואָס איך האָב צו טאָן זונטיק גאנצפרי, ווייס איך שוין גאנץ גוט: דער טאטע האָט באַשטעלט בא מיר א „פערטעלע“. זיצן מיר באם פענצטער צווישן יידע ווײַנשלביימער, די מאמע טראָגט אלעמאָל אונטער א טעלער קרויט, גרויסע ציבעלעס, אָנגעריבענעם רעטעך מיט געגדזענער שמאלץ — געשמאק, א מעכײַע.

— לעכאיִם, מײַן זון, — זאָגט דער טאטע (די מאמע קוקט, ווי איך טרינק, און ווישט די טרערן). — קענסט שוין נעמען א קאָפּ בראנפן, מעגסטו שוין כאסענע האָבן.

דער ביסן בלײַבט מיר שטיין אין האלדז, די הארציק־באנק טוט מיר, וואָס איך האָב פאַרבראכט א נאכט מיט ריסלען אפן וויפּאס...

נעכטן האָט מען געשמועסט: מאטאָנע קאָוועל האָט א פײַנע טאָכטער, צוויי כאזיירים, א קו מיט א קאלב, דער בלעכענער דאך איז אויסגעפארבט אין גרין, אלץ פארגרייט צו דער כאסענע.

די מאמע טײַנעט זיך אירס:

— ליובע איז, עמעס, א גאָלדענער בעכער, נאָר פול מיט טרערן...

אין אוקראיִנע גייט אוף די זון און פארגייט מיט גרויס האנאָע: פריִער רויטלט זי זיך, ווי מאטאָנע קאָוועלס טעכטערל, דערנאָך, אין איין רעגעלע שפּעטער, טוט זי אָן איר מאלכעס־קלייד פון ווײַסע כמארעלעך: שײַנט און שטראלט איר פּאָנעם, ווי ריסלס פינקלדיקע אויגן. ניט אנדערש די זון האָט געזען שפּאצירן די לעוואָנע מיט א שווארצכיינעוודיקן באָכער.

— ריסל איז א יעסוימע, ניט געדארפט מיט איר אזוי זיך באגיין. ליובע שפּײַט דיר אין פּאָנעם, א ווײַניקן עפּל האָט זי געמאכט פון דיר, — רעדט די מאמע צו זיך אליין. — א באָכער, קיין אײַנהאָרע, צו גאָט און צו לײַט: געזונט, שיין, געלערנט. דארפסטו, זון מײַנער, אף קאפּאָרעס די דאָזיקע שפּיצלמאכערן, — אזוי טאָטשעט מיך די מאמע.

— לאָז צורו, — בעט זי דער טאטע און גיסט אָן דעם שאָכן טשאָרנאָדיד א פריש גלעזל.

— נו, מאָטיעוויטש, דאי באָזשע, טילקע אי בליסנע![1] — ווארפט פראָקאָפּ ארײַן דאָס גלעזל ווײַן, זאָגנדיק מיט ווייטעק אין הארצן, ווי איך וואָלט געווען זײַן בענאָק: — מאטאָנעס מויד? זאָל דער קאָוועל זי פארקוואשען אין זײַנע דייזשקעס. טילקע אי בליסנע, — כאזערט ער איבער דעם קאָס, ווערט אנשוויגן, באטראכט מײַנע מעטראָ־קנעפּ פונעם רעקל. ער כאפּט א ברעקל פונעם טיש, ווי א הון פאר די הינדעלעך. — אזא באָכער, ווי דו, דארף א ווײַב איינער אליין, ניט קיין שוטפעסדיקס... דעם וואָלף האָדעווען די פיס, א מענטשן — זײַנע הענט, — שטעלט ער אָן צוויי בייזע אויגן אפן טאטן. — דער וואָלף, מאָטיע, קריכט אויס — נאָר די פּאָוואדקעס זײַנע בײַטן זיך ניט. — פראָקאָפּ שטייט אוף פונעם בענקל. — מענטשן ווינען א שטוב צו א שטוב, און מע ווייסט ניט, אז מאטאָנעס נעקייוועלע האָט פאראיאָרן מאפּל געווען...

— שכיינים וויסן, וואָדען, מע ווייסט ניט, — רעדט פראָקאָפּ ווײַטער. — פארוויקלט אין א שטיקל צעראטע, איז ריסלס מאמזער געלעגן אין מיסטקאסטן.

— די הויט ברענט נאָך ניט אף מיר, — זאָגט די מאמע צום ליידיקן טעלער און הערט שוין ניט, וואָס טשאָרנאָדיד דערציילט. — מײַן זון קאָן נעמען דאָס שענסטע מיידל.

איך כאפּ זיך ארויס אין סעדל. דער קאָפּ דרייט זיך מיר פון פראָקאָפּס ווערטער, שפּאַר איך זיך אָן אין פּארקן.

פארן אוועקפאָרן ווילט זיך מיר נאָך איין מאָל ארויסכאפּן אף קניאזשער יאריד. איך האָב זיך פארבענקט נאָכן טומל פון דער טאָרהאָוויצע, נאָכן הירזשען פון פערד, נאָכן קוויטשען פון כאזיירים, נאָכן ציגײַנערס טראסקען מיט דער פלאקסענער בײַטש.

אין פענצטער זעט מען די בלויקײַט פונעם הימל, ווערבע־בלעטער ציטערן פון יעדן מינדסטן ווינטעלע און פאלן גלײַך צו פראָקאָפּן אין קרעניצע.

צוגעגאנגען צום אויוון, זע איך נאָכאמאָל, ווי די מאמע איז פארפארעט, זי האלט דעם לעפל קוילן און דער זשאר גליט, מינעט זיך אין די אויגן, ווי א צעשטערנטער שטיק הימל. נאָר גיי ריכט זיך, אז דאָס זע איך מײַן מאמע צום לעצטן מאָל.

מיר ווילט זיך ארײַן אין ציבוליעווער וואלד, סמאָקען זויערע אגרעסן, קנאקן ניסלעך, אָנעמען א פול מויל מיט ווײַמפּערלעך.

מיר ווילט זיך, פארן אוועקפאָרן פון דער היים, ארויסרײַסן א פליושן שטעקעלע פון אָטשערעט, מאכן קאטשקעלעך אין טײַך, נעמען א גרינע פלוים אין מויל און זיך פארקרימען פון זויערקײַט, אָנשיטן פולע קעשענעס מיט קאָרן, לייגן זיך אין פעלד, צווישן די זאנגען, דערטרונקען ווערן אין געלן גערשטן. איך זיץ מיר אפן פידאשעק און זינג דאָס לידל:

---

[1] אן אוקראיִניש ווערטל. דער בוכשטעבלעכער טײַטש: עס טוט נאָר א גלאנץ.

— אוי, דו פויגל, שווארצע וואָראָנע,
שפּרייט די פליגל און פלי צו מײַן מאמע...

יענע ליבע־נאכט מיט ריסלען אפן ווײפּאס האָט מיר געעפנט די אויגן. ע, ליובעניו, האָסט געצאפּט מײַן קינדערש בלוט, דערנאָך, ווען מיר זײַנען אונטערגעוואקסן, האָסטו געזויגן דעם מארך פון מײַנע ביינער, פון די אָדערן, געצויגן די קליי פון אַלע איווּרים.

ריסל האָט מיך אופגעוועקט פון שלאָף, ארײַנגעשפּריצט אין מיר עפּעס אזוינס, אז דאָס הארץ האָט גאָר אנדערש אָנגעהויבן צו קלאַפּן, עס פלאַטערט שוין ניט אזוי, דערמאָנענדיק דעם נאָמען ליובע.

געדאנקען פלאָנטערן זיך מיר: געוואָרן א מאנצבל, ווייסטו אף געוויס, באָכער, מיט וואָס מע עסט עס?

נו, און זי, ליובע, עפּשער האָט זי שוין פון לאַנג פארזוכט פונעם אייץ־האדאס... נאָך דאָרטן, באַם אמור, ווען זי איז דעם גאנצן זומער געשלאָפן אפן בוידעם, אין היי, אליין, אָן טאטע־מאמע...

האָסט געשפּילט מיט מיר, שאָדן־ווינקל, געשאָטן מיר אין פּאָנעם ארײַן זאמד מיט שטיי־נער, און איך בין געפאלן, ווידער זיך אופגעהויבן, געגאנגען, ווי א בלינד פערד, קיינמאָל האָסטו ניט געפּרוווט מיר זאָגן, ווי א מענטש א מענטשן, גלײַך אין פּאָנעם:

— ניין, באָכער, אומזיסט איז דײַן טירכע, איך האָב דיך ניט ליב, פלאָנטער זיך ניט אונטער די פיס.

ביסט בא מיר געווען, ליובע, געשעצט און געקרוינט, כ׳האָב דיך געהיט פון א מינדסט ווינטעלע, גרייט געווען צו זײַן א שירעם איבער דײַן קאָפּ, קיין רעגן זאָל דײַנע האָר ניט נאס מאכן.

קום איך אומגערן אהיים, דאָרט, ווו מיר זײַנען געוואקסן, זע איך, ווי א שלאָקסרעגן האָט אָפּגעוואשן דאָס אַלטע, דאָס שימלדיקע, און דאָס נײַע, דאָס מאזל אונדזערס, שלאָגט זיך דורך א וועג.

פארנאכט גייען מענטשן אין ליקבעז, לערנען זיך לייענען און שרײַבן, ס׳זאָל אינגאנצן ליכטיק ווערן אין די אויגן.

ריסל ליגט מיר אף דער צונג און אף דער לונג:

וואָס אזוינס האָט זי מיט מיר דעמלט אָפּגעטאָן — אין סטעפּ?

נו, און מאטאָנע קאָוועל, ריסלס פּאָטער, — ער איז פאר מיר גאָר א מין גאָט געווען: געלערנט מיך האַלטן דעם האמער אין די הענט, ניט ארויסלאָזן דעם אָנגעגליטן שטיק אײַזן פון די צוואנגען, שטיין אפן פּראָסט אין איין העמד, קאָווען פערד, ציִען שינעס, שאַליווען דראבינעס, עפּענען גאנצפרי דעם טויער פון קוזניע און אים פארמאכן, ווי דאָס אײַז בא דער שוועל זאָל ניט געווען זײַן אָנגעבראקנעט.

מאטאָנע האָט מיך געלערנט ניט מוירע האָבן פאר פונקען. א גאנצן זומער ברענען און בראָטן די הויט, פארסמאליעט ווערן, ווי א געבראָטענער בורעק, קריכן אין שניי, ארויסכאפּן אָן עמער וואסער פון פּאָלאָנקע, צעבלאָזן דעם בלאָזזאק קאיאָר, ווי די מאמע די הרובע. אַלץ ער — ריסלס טאטע.

מיט ריסלען האָב איך ניט איין מאָל געשפּילט אין רייפל, דעריאָגט זי, האָב איך שוין געקאָנט אָנעמען זי פאר דער האנט און הערן, ווי איר דויפּעק קלאַפּט, כאפּן א קוק אף אירע פארברוינטע, נאקעטע קניעלעך. קליינערהייט האָט זי שוין געצויגן צו זיך, ווי א מאגניט.

פאר ליובען בין איך גרייט געווען טראָגן הונדערט עמער וואסער ארוף־בארג, פארבינדן די שנירלעך פון אירע שיך, צעדראַפּען די הויט באַם אריבערשפּרינגען דעם גאַלעכס פּארקן, קעדיי ברענגען איר א גלאָז קארשן, — ליובען האָב איך קיינמאָל זיך ניט דערוועגט אָנצורירן אפילע מיט א פינגער. זי איז פאר מיר געווען דאָס קווייטעלע „פארגעס־מיך־ניט“...

און זי האָט שטענדיק כויזעק געמאכט פון אונדזער ליבע. ס׳האָט זי גאָרניט געאַרט, וואָס די פלעגט צונעמען דעם שלאָף בא מיר, מײַן רו, די שיינע קינדער־יאָרן מײַנע.

פלוצלינג האָב איך דערזען, אז כ׳בין אן אַלטער באָכער. צו זעכצן־זיבעצן יאָר האָב איך זיך דעם קאָפּ פארקלאָפּט מיט ליובען. מיר איז אָבער געווען גרינג אויסצופאָרן די גאנצע וועלט, אבי זי זען, פילן, אז זי, דער שאָדן־ווינקל, איז ערגעץ דאָ נאָענט בא מײַן עלנבויגן.

ריסלס פארכאַלעמטקײַט, איר ליבע, האָט שיר דאָס הארץ מײַנס ניט געריַרט. זי פלעגט שוין היימיש ארײַנקומען צו אונדז אין שטוב, פארקאטשען די ארבל און וואשן מײַנע פלודערן, אין אַלקער זיך ארײַנכאפּן צו מיר, ווען טאטע־מאמע זײַנען זונטיק אין מארק.

— מיט מאטאָנען, — זאָגט מעני־ראָכל די שאדכנטע צו דער מאמען, — דארף מען גיין,

ווי מיט אַן אָנגעשפּאָלטן איי. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, מאַטאַנע, אַז נאָר מאַנקען וויל ער פאַר אַן אײדעם, דעם בוימלקוועטשער.

איך מיט ריסלען זיצן אין אַלקער און הערן זיך צו, ווי מעני־ראָכל רעדט אונדז ביידן אַ שידעך.

מעני־ראָכלס זון האָט אַ ווײַב אַ ליטוועטשקע, ווינטשעוועט איר די טוקערן, אַז ערעוו שווועס, ווען די שנור וועט נעמען וואַשן די פענצטער, זאָל זי אַראָפּפאַלן פון יענער זײַט...

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, מאַטיעכע, אַז מע האָט אַ ווײַב אַ ליטוועטשקע (דערווײַל קוקט די שאַדכנטע אַרײַן צו אונדז אין אַלקער), לויפט מען נאָך דער כאַסענע פרעגן בײַ דער שוועסטער, ווי מע קאָכט אַ באָרשטש. ביז די ליטוואַקעס מאַכן דיר ניט פויל די לונג, טשעפּען זיי זיך ניט אָפּ, — אַזאַ אומע.

די מאַמע וויל זי שוין אַרויסמעשאַלייעכן, נאָר די טוקערן רײַסט זיך אַרײַן אין אַלקער און טוט אַ קרומען שמייכל:

— אײַ, רעדט ניט, מאַטיעכע, דער קוינע איז טרייף, דערפאַר איז דאָס קערבל קאָשער. זעט, ווי מע קושט זיך עס אַ ביסל... — און זי ווערט נעלעם.

■

— נאָך גוט, וואָס פּראָקאָפּ, דער שאָכן, ווייסט ניט פונעם ביזאָיען, — האָט די מאַמע אָנגעהויבן זינגען איר לידעלע, — טשאָרנאָדיד וועט אים, מאַטיען, דעם דאָזיקן יאַמפּערד, קיינמאָל ניט מויכל זײַן: אַ ייִד גייט אַרום אָן דײַגעס, אָן זאָרגן — דאָס קינד איז געקומען ראַטעווען טאַטע־מאַמע, זיך אײַנגעשפּאַנט, ווי ליפּעס פערד, שלעפּט אויף זײַנע פּלייצעס אַזאַ מאַסע. דאָרטן, אין מאָסקווע, איז ער דאָך מיסטאַמע געווען אַ נאַטשאַלניק אין מעטראָ. מע זעט דען ניט לויט די קנעפּ?

טאָג־אויס — טאָג־אײַן איז די מאַמע אַרומגעגאַנגען אין טרערן, געהריזעט דעם טאַטן:

— ריסל קען פאַרדרייען שענערע קנאַקערס דעם קאָפּ, אַפילע דעם פּיניסנפּעקטאָר, זי האָט מאַטאַנעס צונג, סאַליע דער וואָבלעס פוילע שטיק. איר מאַמציע האָט מיידלווײַז קיין איין סאָלדאַט ניט דורכגעלאָזט... און זי, ריסל, לויפט נאָך אַ באָכער, ווי נאָר זי דערזעט, אַז עס שפּראָצן בײַ אים וואָנצעלעך.

ווייכער איז די מאַמע געוואָרן, אַז איך האָב איר געוויזן אַ בריוו פון מאָסקווע, ווו מע רופט מיך דרינגענדיק אַרויס אויף אַרבעט אין מעטראָ.

די מאָרעשכוירע איז אַראָפּ פון איר פּאָנעם, זי האָט אָנגעהויבן באַקן מײַנע באַליבטע מײַכאָלים — לאַטקעס, פּיפּאָלעקעס, קנישעס.

אײן זאַך האָט די מאַמע יאָ מוירע געהאַט, אַז מאַטאַנע זאָל ניט כאַפּן דעם האַמער און שפּאַלטן מיר דעם קאָפּ:

— גיי, מײַן קינד, דורך פּראָקאָפּס גאָרטן, מײַד אויס דעם קאָוועלס שטוב.

נאָר ריסל, וואָס האָט געפילט, אַז איך בין דאָ שוין די לעצטע מינוטן, האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז מיר דאַרפן זיך פאַרשרײַבן. זי וועט קומען צו מיר אויף דער שאַכטע, אַרבעטן מיט דער לאָפּעטע קען זי, און שלאָפן וועט זי, ווו עס וועט זיך מאַכן, אַבי מיט מיר אײנעינעם.

ליפּע דער וואַסערפירער קומט אַרײַן צו אונדז אין שטוב. ער מאַכט זיך קיין צימעס ניט דערפון, וואָס ער לאָזט איבער נאָך זיך גרויסע שטיקער בלאָטע:

— פאָלג מיך, באָכער, טראָג אָפּ דײַנע ביינער, ביז מאַטאַנע האָט זיי דיר ניט צעבראָכן. וואָס טיפער אין זומער, ווערן די כמאַרעס געדיכטער, די פאַרנאַכטן קילער, די זשאַבעס קוואַקען נאָך מער און דויבען אין קאָפּ אַרײַן: — פּאָר, פּאָר, פּאָר!

ווײַהי האַבויקער — און ס'איז געקומען דער פרימאָרגן, ווען מאַטאַנע קאָוועל האָט, גייענדיק גלײַך אויף מיר מיט דער ווילע, אַ זאָג געטאָן:

— קום נאָר אַהער, דאָס דאַנקסטו מיר אַזוי אָפּ? איך בין ניט פּיניע אַלביטער, און די טאָכטער מײַנע איז ניט פּיניע אַלביטערס האָרבאַטע מויד. ריסל וואַקסט אָן אַ מוטער, שכיינים טאָרן ניט שפּײַען אײנער דעם צווייטן אין פּאָנעם... אַפילע פּראָקאָפּ טשאָרנאָדיד, אַז ער פלעגט לעשן די ליכט, האָט מען אים געגעבן אַ שטיקל קוילעטש. הײַנט מיר, וואָס האָט פאַר דיר אויסגעכאָוועט אַזאַ ריסל, קומט אַוואַדע אַ גלעזל בראַנפן, צי עפּשער איז מײַן האָרעוואַניע אומזיסט? — מאַטאַנע שטעלט די ווילע פאַר מײַן נאָז. — האָסט זי גענומען, ריסלען, אויף פּראָקאַט, צי אויף גאַנצן לעבן? טאָמער לאָזסטו זי מיר איבער מיט אַ בײַכל, וואַרף איך דעם קלומעק אַרײַן

דײַן מאמען אין שטוב, זאָל זי זיך ניאַנטשען. מיט מיר, ווייסטו גוט, שפּילט מען זיך ניט, איך קען די ווילדע אַרײַנשטעכן אין בויך און רוף מיך קנאַקניסל.

דאכט זיך, אז אין דער מינוט איז דער הימל געפאַלן צו דער ערד, אזוי האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט.

פאַרנאכט שײַנט דער ציבוליעוואָער וואַלד מיט ראָזעווע פאַרבן. געזעגענענדיק זיך, טוט די זון נאָכאַמאָל א שווים ארויס פון די געדיכטע ביימער־שאָטנס, ווי זי וואָלט אוועק שלאָפן אפן גאנצן זומער.

— פליגן שפּילן זיך, — זאָגט דער טאַטע, — וועט נאָך זײַן וואַרעם.

אָט דאָ, צווישן די ניסביימער, פלעגט דער טאַטע ארומפירן מיך אין וויגעלע. הייבט ער אוף א שלאָף־עפּעלע און רעדט צו זיך אליין:

— יאָרן, יאָרן, איר פליט, ווי באַרג־וואַסערן.

פון אָט דעם וואַלד איז ער אמאָל געקומען אהיים, זיך א וואַלגער געטאָן אפן דיל, ווי ער וואָלט די שוואַרצע קרענק געכאַפּט:

— מאַמע, איך האָב נאָך שווערס כאַסענע.

— זאָל זײַן מיט מאַזל, זון מײַנער, — האָט די באָבע אָנגעהויבן שפּרעכן. זי האָט געמיינט, אז מע האָט דעם באָכער אָפּגעטאָן עפּעס א קישעף־שפּיצל. — וואָס עס דאַרף דיר זײַן, מײַן קינד, זאָל פאַלן אף די סאָנימס קעפּ...

— וווהין די נאָדל, אַהין דאָס בײַוועלע. זי וועט זײַן מײַנע, מירן געבוירן א שאָק מוידן, צווײַ טוץ באָכערים, מיט גראָבע נעזלעך, וועל איך זיי טאַסקען אין ציבוליעוואָער וואַלד.

דער זיידע האָט אף זײַן לעבן ניט איין פעל אָפּגעשונדן, נאָר אָפּשינדן מאָטיען די זיבעטע הויט פאַרן דאָזיקן שידעך איז שוין געווען צו שפּעט.

שפּאַצירט ער אצינד מיט מיר, דער טאַטע, קומט צום בוים, אונטער וועלכן די מאַמע פלעגט ליב האָבן זיך צוזעצן. ער קוקט אפן בוים און טײַנעט צו זיך אליין:

— אזוי, אזוי, מאָטיע, האָסט געפּוילט אין די אָקאָפּעס, געשלאָגן ניקאָלקען... וווהין זשע וויקלסטו זיך איצט, קנײַלעכל?

פּיניע אלביטער וויקט שוין ווידער פעל. דרײַ בלינדע פערד דרייען דעם דראַטש, ער איז קוצעניו־מוצעניו מיטן אקציזניק. נו, פאַרברענט זאָל עס געוועזן ווערן, דאָס שנאָרער־געסל.

נייז, מע האָט אים ניט אויסגעמאָלקן, דעם צאַפּ, פּיניע אלביטער, דער מאַקאַקע פרעסט שלײַען, געפעפערטע פיש, קרעפּלעך מיט אייער, און דו, מאָטיע, באַלעק זיך, שמאַטניק.

א ביסעלע אויסגעטרונקען, איז דער טאַטע זיך צעגאַנגען. ער ווישט אָפּ די ליפּן, פאַרקרימט זיך, ווי ער וואָלט, זיצנדיק אפן פניאַק, אראָפּגעשלונגען מאָרער.

— ווייסט דאָך, מײַן זון, אז איך טרינק נאָר דעמלט, ווען ס'איז מיר שווער אפן האַרצן. אצינד איז מיר שטאַרק אָנגעזאָלצן...

דאָס ערשטע מאָל, זינט איך בין צוגאַסט געקומען, זיצן מיר אינצווייען מיטן טאַטן אין וואַלד.

— שפּילסטו, הייסט עס, מיט ריסלען, אין איין און צוואַנציק, — האָט דער טאַטע א בייזן קוק געטאָן אף מיר. — ריישיס־כאָכמע, באָכערעץ, זײַ וויסן, אז אפילע א הונט בילט ניט און בײַסט ניט קיין היימישע. ביפראַט א מענטש. געקומען ביסטו פון דער גרויסער שטאָט, דאַרף מען גוט באַטראַכטן, וואָס מע האָט צו טאָן, — קאָנסט אזוי פאַרשפּילן די באַנק: שטעלסט אין קאָן דעם קאָוועד פון דײַנע ברידער און שוועסטער.

דער טאַטע לאָזט דערבײַ א טרער, אזוינס האָב איך פון אים אף מײַן לעבן ניט געזען.

— מאַטאָנע האָט אונדז אמאָל שלעכטס געטאָן? — פרעגט דער טאַטע. — נאָך סאַליעס טויט איז ער געבליבן אן אלמען מיט זעקס קינדער.

דאָ שטעלט ער זיך אָפּ, דער טאַטע, ווישט אויס די אויגן. די באָרד, באַמערק איך, איז שוין גראָוו, אין פּאָנעם קיין טראָפּן בלוט, דער שטערן בלאָס.

— ריסל, — זאָגט ער, — אַרבעט אין מאַסלאָבויקע. עמעס, אין קאָמסאָמאָל האָט מען זי ניט אַרײַנגענומען. וואָס איז? זי האָט זיך ליב צו פּוצן, טראָגט א שפּילקע אין די האָר, א פּינ־גערל אפן פינגער. אזוי, זעסטו אליין, איז זי נישקאָשע פון א מיידל, ריין, ציכטיק, באַלעבאַטיש. מאַלע וואָס מע זאָגט! האָסט שוין געזען א מיידל, וואָס זאָל ניט וועלן כאַסענע האָבן? דו, מײַן זון, ביסט א ווילער באָכער: קאָנסט גוט די מעלאָכע שאָפעריַי, קוקסט אַרײַן אין די קליינע

אויסיִעלעך, קענסטריידן מיט א מענטשן, ביסט אויסגעווען א וועלט, אָבער קעגן ריסלען האָסטו געהאנדלט, ווי א מעשומעד: מימאָנעפשעך, טראכסטו כאסענע האָבן, איז זאָל זײַן מיט גליק. נאָר פארוואָס האָסטו ריסלען באשפיגן, טיו־טיו — אָפּגעטאָן דײַן טרייף שטיקל ארבעט, אָנגעפּײַפּט און אוועקגעפאָרן?

דער טאטע הייבט אוף א דריקל און זאָגט שוין הארבער:

— באטראכט זיך גוט, מײַן זון, וואָס דו האָסט צו טאָן, און מיט מאטאָנען וועל איך אליין איבערריידן, ער האָט א גוט הארץ, מיר טאָרן אים ניט אָנטרעטן אף זײַנע ווונדן.

די טעג פליִען, וואסערן שווימען, דאָס לעבן אקערט איבער גרעסערע שטיקער פעלד, נאָר דעם טאטנס רייד אין יענעם שאבעס פארנאכט גייען מיר פון קאָפּ ניט ארויס — ביז הײַנטיקן טאָג.

א פּאָר מעסלעס פארן אָפּפאָרן גייען מיר מיטן טאטן אין באָד ארײַן. ווי אמאָליקע יאָרן, שמײַסט מיך אויס דער טאטע מיטן ווערבע־בעזעם די פּלייצע, גיסט מיך אָפּ מיט א פּאָר קאלטע שעפּעלעך וואסער, דערנאָך נעמט ער מיך פעסט אָן פאר ביידע נאקעטע עלנבויגנס, קוקט מיר גלײַך אין די אויגן און זאָגט:

— האָסט הענט מיט פיס און פעסטע ביינער, ס'איז ניט קיין שלעכטער מאיאָנטעק, זון מײַנער.

כעוורע שפּילן בופאָנאדעס, זינגט דער אוילעם זייערע לידלעך.

נאָך דער באָד טרינקט מען זעלצערוואסער, זינגט זיך נאָך בעסער:

און ציִען זיך א דרעטל
וועט איבערן שטעטל...

די טוקערן מעני־ראָכל גייט אונדז איבער דעם וועג, שטעלט זי אָפּ דעם טאטן און פּלאפּלט עפּעס אף איר אויפן:

— געפין איך מײַן מאָנצלען א מיידל שיין ווי גאָלד, פײַנע עלטערן, א בעריע, ארײַנגיין צו איר אין שטוב, דארף מען די שיך אראָפּנעמען. נאָר איין כיסאָרן — די קאלע רעדט וואָלע־כיש. גיי פארשטיי זי... פאראיאָרן בין איך געלעגן אין גיפּס, האָט מײַן מאָנצל געבראַכט אין שטוב ארײַן א יעפּייפיִע. שכיינים זאָגן — א מילגרוים, אָן אישע, וואָס מע דארף אויסזוכן א וועלט. דאכט זיך, א דאָקטערשע. מאָנצל מיינט איר, מאָטיע, איז פון די גיירים, כאָלילע, ניט קיין געמאָ־לעטער. ער דאַוונט אין טאלעסקאָטן?..

דער טאטע קאָן זיך בעשום־אויפן ניט ארויסרײַסן פון דער טוקערנס קלאָמערן, זי פאר־ווארפט אים מיט רייד.

— איז די דאָזיקע דאָקטערשע לאנג געלאָפן צו אים אין מאסלאָבויקע, דערנאָך אל האמיטאָ — גלײַך אין בעט ארײַן... זײַט זיכער, מאָטיע, אויב סע וועט זיך מאכן א מעציִע, קום איך טייקעף צו לויפן. ריסל איז דען א סכוירע פאר אײַער שטאָלטנעם באָכער? האָט מיר א גוטן טאָמיד.

— גאָם־אָטעם, — זאָגט דער טאטע און צעלאכט זיך: — אזא אָנשיקעניש, קוים פּאָטער געוואָרן פון איר.

געקומען אהיים, טרעפן מיר פראָקאָפּ טשאָרנאָדידן אפן גאנעק. ער איז געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. נאָר ליפּע שפּאנט נאָך ניט, און וואָס איז די כאפּעניש, זאָגט ער, מע פירט דיך אפן טאָרג?

— דאָס לעבן האָט אונדז אויסגעזויגן, מאָטיע, ווי דער שפּין, — הייבט אָן פראָקאָפּ, ווי ער וואָלט פאָרזעצן מיטן טאטן דעם נעכטיקן שמועס. — זיך ניט באוויזן ארומקוקן, זײַנען די קינדער אונדזערע אונטערגעוואקסן.

טשאָרנאָדיד פארציט זײַן ליולקע, נעמט די אָנגעגאָסענע גלאָז טיי פון דער שאָל אין האנט ארײַן.

— פּאָרסטו, הייסט עס, מאָטיעוויטש, אוועק פון אונדז. — ער בײַסט אָפּ א שטיקל צוקער. כאפּ איך א קוק אין פענצטער און לאָז זיך צו דער טיר.

ס'איז מיר אזוי גוט אָציִנד אין טאטנס סעדל, צווישן ביידע ווײַנשלבוימער, וואָס וואקסן באם אָלקער־פענצטער: איך הער ווי די פייגל זינגען, אפילע די בלעטער שטעלן אָן זייערע אויערן און הערן זיך אײַן.

פון שטוב דערגייט דאָס דריבנע קלאָפּן פון דער ניי־מאשין, די מאמע שטעפּט פאר מיר א טאָרבע אין וועג ארײַן.

געבענטשטער זומער־טאָג! מעגסט זיך ציִען און שלעפּן, ווי די פארנאכטיקע לויזע שפּינוועבס.

פאַלט צו דער אָוונט, ווערן דער זונס ליפּן רויטער, רויטער, ניט אַנדערש, זי האָט זיך געקושט מיט דער ערד פאַרן שלאָפן גיין.

נאָר עפּשער ברענט גאָר א שײַטער ערגעץ ווײַט־ווײַט, באַם געשלענגלטן בוג, צווישן צוויי סאָסנעס.

—גוסליאַרן! — שלאָגט מיר פּראָקאָפּ איבער מײַנע געדאַנקען. — טוט נאָר א שפּיל!

— טשויעש סורמי זאַגראַלי, טשאָס ראַזפּלאַטי נאַסטאַוו!... — פּאַרציט דער טאַטע און ליפּע וואַסערפירער רוימט מיר דערוויַיל אײַן א סאָד אין אויער: — טראָג אָפּ די ביינער, קאַלזמאַן זיי זײַנען גאַנץ. מאַטאַנע שטייט שוין מיט דער ווילע... — און מיר פאָרן צו דער באַן.

ווידער אין שאַכטע

ניט באַוויזן זיך ווי געהעריק אויסשלאָפן פון וועג, שטיי איך שוין באַם שאַכטע־בונקער. ליובען געפעלט ניט, לעמיי איך לערן שוין דעם דריטן זמאַן און — גאַרנישט. זינגט זי מיר לידעלעך.

שויטע, דײַן אַרבעט
האָט אַלעמען פאַרהיט
פון גרויזאַמען ווינטער,
נאָר דיך אַליין ניט...

וואָס מיינט דער פּאַסעק? — טראַכט איך אַזוי, זיצנדיק מיט איר זונטיק אין סעדל. ליובע שײַנט קעגן דער זון, זי האָט מיר אָנגעפּײַפט סײַ אין היטל, סײַ אין קוויטל.

אָט זעצט זיך לעבן מיר א „זי" אין פּלודערן, עס טוט מיר אַזש א טיאַקקע אין האַרצן: אַלע יאָרן, טײַערע, גייסטו אין די הויזן. ליובע לערנט, זי וועט באַקומען א דיפּלאָם, די שפּיצלמאַכערן, רעדט מיר אין דער גאַל, כאַטש נעם און וויקל זיך אַרום מיט א נאַסן האַנטעך, דער קאַס זאָל א ביסל אָפּגיין.

— וואָס האָסטו מוירע רירן דײַן נעשאָמקעלע, — טוט ליובע פּלוצלינג א זאָג, — קאָנסט ווערן אַן אַקטיאָר, שוין לאַנג צײַט אַרויסקריכן פון מעטראָ. וויפל איז דער שיר צו גראָבן ערד, זיך אַרומדרייען אין מיקלוכע־מאַקלײַס שליאַפּע?

גאַנצפרי הייבן די קוימענס אָן צו טשאַדען, פאַרייכערן די שטאָט. איז מײַן קאָפּ פון ליובעס רייד ווי א לײדיקער טאָפּ, דער ווינט קלינגט מיר אין די אויערן:

„וואָס האָסטו מוירע רירן דײַן נעשאָמקעלע... וויפל איז דער שיר צו גראָבן ערד — קאָנסט ווערן אַן אַקטיאָר"...

דאָס פישל גייט ניט צום פישער, מע דאַרף אַליין פאַרקאַטשען די אַרבל, עפּעס אופטאָן אַזוינס, ליובע זאָל מיר ניט וואַרפן אין פּאָנעם אַרײַן: „גראָבן ערד"!

דינסטיק, אַפן דריטן טאָג, גיי איך אָפּגעבן עקזאַמען אין טעאַטראַלן טעכניקום.

מיכאָעלס זיצט אַפן בענקל, איך שטיי פאַר אים, ווי פאַרן „קיניג ליר". כאַצקל דאָברושין גלעט מיך מיט זײַנע גוטע מאַמע־אויגן. אָנגעשפּאַרט אַף זײַן שטעקן, פרעגט ער בא מיר, צי האָב איך אַמאָל געשפּילט טעאַטער.

— באַטווין, — שיס איך אויס אין איין אָטעם.

— נו, — זאָגט מיכאָעלס צום פּראָפעסאָר דאָברושין, — זאָל ער דורכלייענען באַטווינס מאָנאָלאָג „פאַרן עשאַפאָט".

ליובע שטעלט זיך מיר פאַר די אויגן, זי שלעפּט מיך פאַרן מינדסטן פינגער אַרוף־באַרג, זי ווערט גאָר קיינמאָל ניט מיד, קוים וואָס איך טאַסקע מײַנע פיס.

— נו, באַטווין, איז באַטווין, — וועקט ער מיך, ווי פון שלאָף, מיכאָעלס.

„...אויב עס וואָלט געשען א נעס, און איך וואָלט אַפּסנײַ אופגעשטאַנען פון טויט, וואָלט איך אָן שרעק געלייגט מײַן קאָפּ... איך זאָג עס אײַך צוליב דעם, איר זאָלט פאַרשטיין, אַז אינגאַנצן אײַער מי איז גאָר אומזיסט: די טליִע איז גרייט, מײַן האַלדז איז גרייט און מער שטעלט מיר קיין פראַגן ניט".

מיכאָעלס פאַרשטעלט מיט זײַנע פינף אַקטיאָרישע שפּילעוודיקע פינגער זײַן גרויסן שטערן, כאַפּט א בליק אַף מיר, ווי א מיידל בא די שפּאַרונעס פון אַלקער. איך שטיי פאַר אים, ווי א כאָסן.

---

[1] פון דער אוקראַיִנישער איבערזעצונג פונעם „אינטערנאַציאָנאַל".

— נו, כאַצקל, — פרעגט מיכאַעלס בא דאַברושינען, — עס וועט פון דעם שאַכטיאַר זײַן עפּעס א טאָלק?

אָקטיאַבער, די זון וואַרעמט שוין מער דעם הימל, איידער די ערד, נאָר מיר איז הייס, מיר איז הייס דערפון, וואָס עמעצער זאָגט מיר אָן די גדולע:

— אָנגענומען...

פון צווייטן צימער הערט זיך שפּילן פּיאַנע, אַקטיאָרן שרײַען איבער איינער דעם אַנדערן:

ליוּלינקע, מײַן פייגעלע,
ליוּלינקע, מײַן קינד,
איך האָב אָנגעוווירן אַזאַ מין ליבע,
ווי איז מיר און ווינד...

איך קוק אין פענצטער, געזעגן זיך מיט דער מעטרא, מיט ליובען, מיטן ארבפּאַק. מאָרגן פאָר איך אַף סטראָמינקע, אָנזאָגן ליובען די פרייד, אַז מע האָט מיך אָנגענומען אין דער טעאַטראַלער שול.

אַף סטראָמינקע איז פאַראַן א גליטש־פּלאַץ. נעמען מיר זיך פאַר די הענט, ווי קינדער, און גליטשן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. מיר זײַנען צוויי סטודענטן, זײַט אונדז מעקאַנע.

איך קריך אַרויס פון טראַמוויי, לויף מעשוגענערווײַז, זינגענדיק איבער די טרעפּ אַפן דריטן שטאָק. לינקס, באַם פענצטער, שטייט ניט קיין אַנדערער, נאָר מײַן בריגאַדיר — זשאָרזש ראַיעווסקי.

ליובע שפּילט זיך מיט זײַן גילדן קנעפּל פונעם מעטראָ־רעקל, שמייכלט אַזוי גליקלעך, אַז זינט איך קען זי, האָב איך נאָך אַזאַ פריידיק פּאָנעם בא איר ניט געזען.

בא דער פּאָרענטשע שטיי איך פאַרקילט. לויטער, ווי בורשטין, איז ליובעס געזיכט, צוגע־פאַרבט די ליפּן, גײַע ציגײַנערישע אויררינגלעך, דאָס כיין־פּינטעלע בא דער נאָז — אַפן אָרט.

ניין, ליובע, דו דאַרפסט ניט קיין אַקטיאָר, ביסט אַליין א גוטע באַלערינע.

— צוריק אין שאַכטע, גראָבן ערד, איך זאָל דײַן צורע מער ניט זען!

■

מיינט איר, אַז אַזוי גיך גייען מיר אָפּ די זאַשפּערעס?

ביסט גאָר א ליגנער, זשאָרזש ראַיעווסקי, סודעס־מיצווע פּלעגסטו פאַר מיר פּראַווען אין רעסטאָראַן „יאַקאָר“, פּאָיען מיך מיט פּאָרטווײַן, געבן זויגן א שטרויעלע, ציִען ווערטער, צי קלײַבן מיר זיך גיין מיט ליובען אין „זאַגס“, ווער זײַנען אירע עלטערן? ניין, זשאָרזש, מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער: האָסט מיר יאָרנלאַנג פאַרעדט די ציין, צוגעשריבן א פּאָר ווערשקעס פאַר־טיקן טונעל, געשיקט אַף באַנאַכטיקע סמענעס, און אַליין געלאָפן מיט ליובען אַף קאַרנאַוואַלן. אָנגעטאָן די מאַסקע און זי ניט אַראָפּגעוואָרפן נאָך דער שפּיל...

אַצינד קען איך דיך אין פּאָנעם, ראַיעווסקי! פוצער, מאַכסט א גוטן גלאַנץ, נאָר א נעשאָמע האָסטו א קוטיקע!

א וואָך צײַט גיי איך אַרום, ווי א דולער. פּירסאַוו האָט מיך שוין לאַנג געוואָרנט: צווישן מענטשן, ברודער, זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע סאָרטן — פאַלשע מענטשן זײַנען פון דריטן סאָרט, פון זיי דאַרף מען זיך האַלטן אַף א מײַל. ביסט פאַרליבט אין דײַן שאַכטע, שלאָפסט אַפן דאַך פונעם דוש, דײַנע הויזן זײַנען פאַרשמירט מיט ליים און מיינסט אוודע, אַז דו געפעלסט ליובען. טו א קוק, ווי זשאָרזש פוצט זײַנע שיך, פּרעסט דאָס ווײַסע העמדל. ער נייט זיך א שוואַרצן גאַר־ניטער, האָט געקויפט א שאַרפעלע, א פּעטראָווע שליאַפּע. צו וואָס טויג איר דײַן פאַרליבטע נעשאָמע!

שאָדן־ווינקל, ליובעניו! א שאָד, וואָס איך האָב קליינערהייט נאָר די קעמעלעך בא דיר פון קאָפּ געשלעפּט, באַדאַרפט געוווען אַרויסרײַסן אַלע דײַנע האָר, וואָלסטו אַצינד ניט געדרייט דײַנע געלע קוטשערן, געשמירט די ליפּן, האָסט אָנגעטאָן שיכעלעך אַף הויכע קנאַפּל, ראַיעווסקי זאָל זיך ניט דאַרפן אָנבייגן דיך א קוש טאָן.

נו, פּריצעניו, אָדער מיטן פוס אין די סטרעמענעס אָדער מיטן קאָפּ אין פּניאַק. שוואַרצע האָר וואַקסן בא מיר, מאַך איך זיך א שרונט, ווערסטו, ליובע, צעזעצט און צעשפּרונגען ווערן קוקנדיק. מיט וועמען ווילסטו גיין אין שפּאַן? זשאָרזש ווייסט, עמעס, ווו א לעק טאָן, ווו א האַוקע טאָן, נאָר דער אָדעסער דעך איז נאָך פון אים ניט אַרויס. וועסט בא אים לעקן האָניק, באַלערינע.

צי ווייסטו, וויפל בריוועלעך פון מיידלעך באַקומט ער, זשאָרזש?

האָסט געהאַט א באָבע, ליובע, אײַנגעבויגן אינדרײַען. מיט דער ערד פּלעגט זי זיך שוין קושן, אזוי אַלט און צעקנייטשט איז זי געווען, נאָר קיינער האָט אף איר קיינמאָל קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט, וואָרעם ניט די באָבעס און ניט די מאַמעס אונדזערע האָבן זיך נידעריק ניט אַראָפּ־געלאָזט; דאָס טיכל פון קאָפּ פאַר א מאַנצבל ניט אַראָפּגענומען.

יאָ, עמעס, ליובעניו, דער רועך אַליין טאַנצט פאַר געלט, נאָר ווי פּלעגט דײַן באָבע זאָגן:

— שטרוי קײַען, נאָר דעם קאָפּ ניט בייגן.

א מעשוגענעם הונט איז קיין שום שטרעקע ניט ווײַט, אפילע הונדערט ווערסט. אזוי וואָגל איך אַרום ביז טיפער נאַכט.

פּירסאָוו האָט מיך געלערנט שטעלן פּיס, וואַרפן א שטעקן, טאַנצן איבער גריבער, נאָר סײַווי טאָר מען אים, דעם „מוסטאַפאַ“, ניט דערצײלן, וואָס מיט מיר איז געשען, — ניט זײַן מאַמעס אייסעק: ליובען פאַרשפּילט, איז פאַרשפּילט!

איז דען די מאַמע מײַנע ניט גערעכט, ווען זי שרײַבט מיר: „מײַן זון, ביסט שוין, קיין אײַנ־האָרע, אַן אַלטער באָכער, און לאָזט זיך נאָך קאָכן אין באָרשטש?..“

אוי, מאַמע, דײַנע ווערטלעך און בריוועלעך!

באַנאַרישט זיך, אזוי באַנאַרישט זיך! ראַיעווסקי איז אַן ערלעכער באָכער, האָט זיך מיר געדוכט, נאָר אין די זאַכן, אָקס־שעבעאָקס, זײַנען דען פאַראַן צאַדיקים? האָסט אים ניט געדאַרפט, זשאַרזשן, פּירן מיט זיך, ניט ווײַזן די טיר אף פּיראָגאָווסקי, וואָלט ער, אוואַדע, אויך אהער, אף סטראָמינקע, ניט געוווסט דעם וועג. יעדערן גלייבסטו, ביק איינער.

אזוי גאַנצע נעכט רײַס איך אף זיך די הויט, לויף צען מאָל פאַר דער נאַכט וואַשן דעם קאָפּ מיט קאַלטן וואַסער.

נו, באַלערינע מײַנע, האָסט מיר אָנגעצונדן מײַנע לונגען, ליגט שוין א שאַרף מעסערל אין קעשענע, איר זײַט דען ניט ווערט, מע זאָל צעבראָקן אײַערע ביידנס פּענעמער אף לאָקשן?

איך שטיי שוין באַם בונקער פון דער שאַכטע. שפּאַלעס און רעלסן ליגן אין שטאַבעלען פאַר דער ערשטער מעטראָ־ליניע. סע שמעקט מיט קאַלך, צעמענט, פרישע ציגל, ערשט געבראַכטע פון די אַרומיקע מאָסקווער זאַוואָדן.

פּירסאָוו, ראַיעווסקי און די מאַרקשיידערס אין זייערע ברייטע שאַכטיאָרישע שליאַפּעס לאָזן זיך אַראָפּ אין אונטערערד, ווו ליובע האָט פאַרלוירן איר שיכעלע. דאָס וואַסער כליופּעט, פון דער סטעליע פאַלן טראָפּנס טרערן, אין שטרעק קריכט א שוואַרצער רויך אין די אויגן. איך שליאָפּע אַרום אין דער שיטערער ליים, קוים וואָס איך האַלט זיך אף די פּיס, ווי דעמלט, ווען די שאַכטע האָט געברענט.

אין טונעל שטייען שוין די טיובינגען, און אין די אויערן קלינגען מיר ניגונים:

ליולינקע, מײַן פייגעלע,
ליולינקע, מײַן קינד,
איך האָב אָנגעווירן אזא מין ליבע,
ווײ איז מיר און ווינד...

זײַ וויסן, באַלערינע, אז מײַן קאַלע וועל איך אינגיכן אָנטאָן א פינגערל.

טאָג נאָך טאָג גיי איך אין שאַכטע, פאַר אין מעטראָ מיט הונדערטער מענטשן. איך שטיי א רעגע באַ יענער באַליוסטראַדע, ווו מיר מיט דיר זײַנען אַמאָל געשטאַנען און נאַכעס געקליבן, ווי פּירסאָוו לייגט אף די שפּאַלעס דעם ערשטן רעלס.

פּופּציק קילאָמעטער א שאָ פליט דער צוג, דרײַ מאָל גיכער פונעם טראַמוויי, צוויי מאָל גיכער איידער אין פאַריזשער מעטראָ. מײַן וועג איז פרײַ...

■

— אהא, טוסט שוין אָן דער קאַלע דאָס פינגערל, — טאַרעט מיך פּירסאָוו נאָך דער סמענע, ווען איך שלאָף אײַן, ווי א טויטער. — א בריוו פון דער היים, — לאַכט ער לעצאָנעסדיק, ניט אנדערש, אז ער אַליין האָט יענץ שלימאַזלדיק בריוול אָנגעשריבן.

איך רײַב די אויגן, לייען, אין האַלדז ווערגט מיך: „זײַ וויסן, מײַן קינד, — שרײַבט די מאַמע, — אז ריסל, מאַטאָנע קאָוועלס מויד, האָט געהאַט א צווילינג“... „א צווילינג איז ניט איינס, צוויי באָכערים, ווי די פּעטע כאַזיירימלעך“... — הער איך שוין דער מאַמעס ווערטער. מיך טרייסלט, ווי אין קאַדאָכעס, שוואַרצע טיי טרינק איך, נאָר דער בויך טוט ווײ, גלײַך מע האָט מיך אָנגעהאַדעוועט מיט זשאַבעס.

— נו, איינס איז נאָך צו דערלײַדן, אָבער צווײ — א צווילינג? — לאכט פּירסאָוו. ער רײַסט די קישקעס, לאכט אַזוי, אַז מיר ווילט זיך אים אויסדראַפּען די אויגן.

בייזע וויסטע כאַלוימעס זויגן דאָס בלוט פון די אָדערן. מיר ווײַזט זיך שוין אויס, אַז ריסל ברענגט צו פירן ביידע קינדערלעך, לייגט זיי אַוועק אַף מײַן בעטל — „נאַ, טאַטע, ניאַנטשעו!"

בלײַענע כמאַרעס רוקן זיך, אין דרויסן ווערט וואָס א טאָג טונקעלער. מאַכשאָוועס, מאַכשאָוועס, מאַכשאָוועס...

און פּירסאָוו גיסט אַלעמאָל אונטער בוימל אין פײַער: — גליטשן זיך האָסטו ליב, און פירן דאָס שליטעלע?

נו, זאָל זײַן, אַז ריסל פאַלט ארײַן מיט ביידע ברעקעלעך אין שאַכטע, לייגט זיי אַוועק אַף מײַן בעט און סטײַעט ניט... ניין, פאַרקערט, זי הייסט ברענגען א צינקעווע מולטער, פון דעם קוב — זודיק וואַסער, נעמט זיי, ריישיס־כאָכמע, אויסבאָדן, שיקט דעם טאַטן אין מאָסטאָרג אײַנקויפן ווינדעלעך, צווײ בעטלעך, צווײ קאָלדרעס, צווײ קאַפּערלעך... טרינקסטו דעמלט, באָכער, באַרלעך־יויך!

כוץ אַלעמען דאַרף מען מיט ריסלען ווערן מאַן און ווײַב, ארײַנשרײַבן אין פאַס ביידע מאַמזיירימלעך... יאָ, וויאַזוי זשע רופט מען זיי? בינאָמין און סענדערל. אײַ, גוט, — בינאָמין און סענדערל!

ריסל נעמט די לאָפּעטע אין די הענט, אַרבעט באַנאַכט אין שאַכטע, בלײַבט עס, דאָס פּאָרל, אַפן טאַטנס הענט.

א שיינע מײַסע! נו, און געבן זויגן? דאַרף מען שוין אַן אַם, צאָלן איר כוידעש־געלט. נאָר פּירסאָוו כעזשבנט טייקעף אונטער, אַז אויב אַרבעטן צווײ סמענעס אַפן „ענגלישן שילד", קאָן מען זיך אַפילע פאַרגינען האַלטן צווײ אַמען: א באָנע, וואָס קאָרמעט, און א דינסט, וואָס וואַשט און ראַמט...

מיילע, זאָל כאָטש פּירסאָוו אײַנעמען שטומעניש, זיך ניט אַרויסכאַפּן פאַר דער אָדעסער כעוורע.

הינט האַווקען, העגער קרייען, גענדז בייזערן זיך, אין די אויערן פײַפּט מיר א סירענע: פײַלאויסן־בויגן פליט דורך א באָכערל אַף א מאָטאָציקל, ניט אַנדערש, ער וויל וואָס גיכער אָנזאָגן די גוטע בסורע: — ריסל פּאָרט!

דער דאָך אויסגעפאַרבט אין גרין, מאַטאָנע שענקט מיר די קו מיט דער קאַלב, צווײ קוואָלדעס, דעם בלאָזזאַק. שטעל זיך אין קוזניע, ווער א טאַטע דײַנע קינדער.

— אוי, אומגליק מײַנער, — וועט מעני־ראָכל עפענען איר פּיסק, — דײַן מאַמע האָט אויסגעכאָוועט א שאָק קינדער, און דיר איז גרויס אין די אויגן איין צווילינג.

— אַלע שטיבער געדעקט מיט טשערעפּ, אָבער בא מאַטאָנע קאָוועלס אײדעם — מיט גרינעם בלעך.

א פּאַלעץ, ניט קיין שטוב: לינקס א טײַך, מע וואַשט גרעט; רעכטס — די עמטעעס, זעץ זיך אַפן „זאַכאַר", פאַרדין פּאַפּע פאַר דײַנע קינדערלעך.

— אישאַק איינער! — קלאַפּט מיר עמעצער אין קאָפּ ארײַן: — וואָס שטופּסטו זיך אין דער היץ ארײַן? ווו שטייט געשריבן, אַז דו ביסט דער טאַטע פון אָט די צווײ נעפּעשלעך? מאָנקע דער בוימלקוועטשער האָט זי ליב, ריסלען, מעג זי אַפילע געבוירן א טוץ קינדער פאַרן זמאַן, וועט עס אים דען אַרן? פאַרקערט, מיט אַזאַ פליצע, ווי בא מאָנקען, איז וואָס שווערער די מאַסע, אַלץ גרינגער צו טראָגן.

און די מאַמע מײַנע ווערט גאָר ניט מיד, זי שרײַבט בריוועלעך:

— בענטש גוימל, זונעניו, וואָס ריסל האָט געבראַכט אַף דער וועלט צווײ ייִנגלעך. איר מאַמציע, סאַליע די וואָבלע, פלעגט שיטן מיט מוידן, מאַטאָנע קאָוועל איז פאַר דער צײַט האָרבאַטע געוואָרן.

פּירסאָוו הייבט פאָרזיכטיק אוף פון דיל א שטיקעלע ברויט, ציטערנדיק איבער דעם, ווי איבער גאָלד, טרײַבט לעצאָנעס, רעדט אין דער גאַל ארײַן:

— א טאַטע פון צווײ קינדער דאַרף וויסן די פּרײַז פון א שטיקל ברויט.

בייזע כאַלוימעס, גענוג יאָמערן און קלאָגן! קומט זי, ריסל, קויף איך א דעמבן בעט, די מאַמע שיקט מיר אַרויס מײַן איבערבעט. כאַסענע געהאַט, דאַרף מען זײַן א באַלעבאָס.

■

פּאַרטיק נאָך א קוואַרטאַל. מעטראָבויער וווינען אין נײַע דירעס. מיך ציט אין וואַלד ארײַן. מאָרגן לאָז איך זיך ווידער אַראָפּ אין שאַכטע. פון די קאַלעס, וואָס מע האָט מיר אין דער היים גערעדט, איז שוין לאַנג א ווינעגרעט בא מיר אין קאָפּ.

מעני־ראָכל די טוקערן קומט מיר אפּן זינען:

— דאָרט האָט מאַטיעס בען געברענט און דאָ ניט אָפּגעברענט, עס וואָלט שוין געוואַקסן גראָז אָף מיר, איך זאָל ווארפן מײַנע שאדכאָנעס־געשעפטן... מאָרגן פאָרסטו אוועק, — דערמאָן איך זיך אירע רייד. — מאָסקווע איז גרויס, ווי דער אָפּגרונט, דארפסטו אין אויסרײַסעניש אריַנ־פאַלן — נעמען א מויד, וואָס שפּריצט היפּנאָז אין די אויגן...

מעני־ראָכל — א קליין פּענעמל, א היפּשע נאָז און דאָס העלדזעלע, ווי בא א הינדעלע פון אינקובאטאָר, נאָר זי האָט אָפּגעזוכט די קנאָפּקע און ווייסט, ווו א קוועטש טאָן:

— וואָס ווײַטער, מײַן טײַערער, גייען ערגער מײַנע געשעפטן. די ליטוועטשקע שטייט מיר נא־פּערעפּוטיע, איך קאָן קיין ארטיסטקע ניט זײַן.

אָף מעני־ראָכלען ברענט שוין דאָס פּעלעכל, — כאָטש נעם זיך, זאָגט זי, ווי עליע, מאָטל פּייסי דעם כאזנס ברודער, און מאך פּעסער טינט.

— ווען א הונט טוט א לעק מײַן הארץ, סאמט ער זיך. — און מעני־ראָכל ווערט פאר־שווונדן איניינעם מיט איר היפּשער נאָז...

■

אין שאכטע איז הייס, ווי אין קוזניע בא מאטאָנע קאָוועל. ווען מע שמידט אקסן, ברענט דאָס פּײַער אין הארן גאָר אנדערש, עס קלינגען אלע גרויסע און קליינע העמערלעך, די קוואלדע איז אָנגעגליט.

די מעטראָ־ליניע ווערט אינגיכן פאַרטיק, טיובינגען קרעמפּעווען צונויף די טונעלן, נײַע סטאנציעס האָט מען שוין אין מירמל אויסגעפּוצט. מענטשן שלאָפן באנאכט, הערן זיי ניט, ווי די „שילדן“ קרעכצן, הריזשענדיק טיף אונטער דער ערד מיט זייערע שארפע שטאָלענע ציין די מאָסקווער ליים, פּונקט ווי די שאכטיאָרן אין שאכטע הערן ניט, ווי קינדער־וויגעלעך סקריפּען אויבן, אָף דער ערד.

באנדאזשירן, איז באנדאזשירן, לייגן שפּאלעס, איז לייגן שפּאלעס. רייכערן טאָר מען ניט, קיין אש־בעכערס שטייען דאָ ניט. גייט די ארבעט אזוי, אז א פּארע זעצט פון פּלייצע. פון טאָג־צו־טאָג ווערט ריינער אין טונעל, ליכטיקער, שענער, כאָטש שטעל אויס פּאלמעס אָף יעדער מעטראָ־סטאנציע.

ווער מיר ליובע, וואָס מיר ליובע — אראָפּ־בארג, צום מעטראָ־יישעוו, ווו איך וווין, קומט מיר אנטקעגן ניט קיין אנדערער, ווי ריסל, מיט ביידע קינדערלעך — מיטן צווילינג...

— באָנים־אל־באָנים, מײַנע יאָרשים! — איך נעם זיי אונטער די פּאכוועס, צעכראַסטע דעם בושלאט, ווי איך וואָלט געגאנגען, זײַענדיק דער גרעסטער מעכוטן, פון דער סאמע גרויסארטי־קער כאסענע.

איך טראָג זיי, מייער באָלנעס' איינקלעך, מײַנע קאבאקעלעך, אָנקוקן מאָסקווער מעטראָ, אין וועלכן עס ליגט אויך זייער טאטנס הארעוואניע.

פיניע קיריטשאַנסקי

איך ווער אין טוי
דערטרונקען אינדערפרי

איך ווער אין טוי דערטרונקען אינדערפרי,
אין ערשטער וואָרעמקײַט, אין זונען־גלי.
איך ווער דערטרונקען אינעם ערשטן שטראַל,
דער ערשטער פויגל־טרעל מײַן האַרץ צעפּראַלט.

ווי נאָר כ'דערזע אין טײַך די ערשטע וועל,
ווי נאָר כ'דערזע דעם זאַנג אין ברייטן פעלד,
מיר דוכט: אין אָט די רעגעס איך דערפיל,
ווי ס'ווערט א טאָג געבוירן אין דער שטיל.

בלינדע מאַכן פענדזלעך

בלינדע מאַכן פענדזלעך, אַרבעטן פּאַוואָליע,
און סע קומט דער קינסטלער בילדער מיט
זיי מאָלן.

אויף א ווײַסן לײַוונט כוואַליעט זיך דער קאָרן,
צווישן הויכע זאַנגען גייט אַרום א פּאָרל.

גיי איך אום אין שטאָט, די פענדזלמאַכער
זוך איך,

וווּ כ'דערזע א בלינדן, כ'פיר די גאַס
אַדורך אים,
וואָלט איך זיך ניט שעמען, קוש איך זײַנע
פינגער,
עפּשער וואָלטן אויגן זײַנע זיך צעפינקלען.

בלינדע מאַכן פענדזלעך, אַרבעטן פּאַוואָליע,
און סע קומט דער קינסטלער בילדער מיט
זיי מאָלן.

• • •

די זעלבע אָזערע ווי פּאַראַיאָרן.
פאַר אָט דער צײַט, וואָס כ'בין דאָ ניט געווען,
זי איז אַפילו עלטער ניט געוואָרן,
ווי פאַרן יאָר וואָלט גאָרנישט ניט געשען.

נאָר ווען די אויגן מײַנע נעמען טרינקען
פון איר דעם רויטן זון־פאַרגאַנג, פאַרנאַכט,
מיר דוכט: די אָזערע ז'געוואָרן ייִנגער,
ווי כ'וואָלט מײַן יוגנט־ברויז צו איר געבראַכט.

מישע מאָגילעוויטש

מײַן אַרבעט

ווילסט וויסן, וואָס פאַר א מעלאָכע
כ'האָב אויסגעקליבן זיך, מײַן פרײַנט?
אויך יאָמטעוו, פונקט ווי אינדערוואָכן,
מע מוז לעם הייסן אויוון זײַן.

און וויפל בין איך אויסגעשטאַנען,
ביז כ'האָב פאַרוואַנדלט ליים אין שטיין.
געפּײַניקט זיך אַליין, ביזוואַנען
זײַן האַרטקײַט כ'האָב געקאָנט פאַרשטיין.

פאַרשטיין די טעווע פונעם אויוון,
די מאָס פון לופט, די גרייס פון שײַן.
עס זאָל דאָס פײַער ניט אַנטלויפן,
באַדאַרף דער כעזשבן פינקטלעך זײַן...

אף אויסוויניק כ'ווייס אַלע גרייסן,
צו זיי שוין יאָרן כ'בין געוווינט.
ביז כ'גיי ניט אָפּ מיט זיבן שווייסן,
די ליים — זי ווערט ניט האַרט און ברוין.

ווען כ'זע: ס'איז פאַרטיק שוין מײַן אַרבעט
און כ'קאָן צופרידן גיין אַהיים,
צעשמייכלט זיך דער שטיין מיט פאַרבן,
ער איז געמאַכט פון פּראָסטער ליים.

■ ■ ■

טפרוינס

שיפרע כאַלאַדענקאַ

מײַן ברודער דאָוויד האָפּשטיין אין די יונגע יאָרן

ווי נאָר דאָוויד האָט זיך אומגעקערט אין דאָרף (ביז 15 יאָר האָט ער געלעבט בא דער באָבען אין קאָראָסטישעוו), האָט ער זיך באלד גענומען צו דער ווירטשאפט — העלפן די עלטערן. די הענט האָבן זיך אים געלייגט צו אלצדינג. ער האָט געמײַסטרעוועט, געהאקט, געזעגט. אָט האָט ער געמאכט א שטאלכנדל פאר אונדזער קו (מ'האָט זי גערופן „די קליינע"), אָט א שליטעלע פאר די קינדער. ער איז געווען געשיקט און פלינק און אלץ געטאָן מיט ברען.

איינמאָל, ווינטער, איז ער זיך מעיאשעוו, זעצט אוועק אפן שליטעלע דאָס קליינוואַרג, שפאנט אײַן צוויי קעלבלעך און — הײַדא! די קינדער קוויטשען פאר פרייד, די קעלבלעך לויפן פאר שרעק, די מאמע לויפט נאָך און די נעשאָמע פאלט איר שיר ניט ארויס.

אין אונדזער דאָרף און אין די ארומיקע דערפער זײַנען די הײַזלעך געווען געדעקט מיט שטרוי און די סאזשע אין די קוימענס האָט געהאט א טעווע זיך אָנצינדן. זײַנען אָפט געווען סרייפעס. דאָוויד איז אַף א סרייפע געלאָפן דער ערשטער און זיך אומגעקערט דער לעצטער. מיט מעסירעסנעפעש פלעגט ער זיך ארײַנרײַסן אין א ברענענדיק שטיבל, דורך טיר און פענצטער ארויסווארפן די זאכן, ראטעווען די קינדער.

— נו, א ברען!

— וועמעס יִנגל איז עס? — פלעגן זיך די פויערים כידעשן.

ניט נאָר אין דער ווירטשאפט האָט דאָוויד געהאָלפן די עלטערן, — ער איז אינגיכן אויך געוואָרן א שטיקל ברויטגעבער. די בילדונג, וואָס ער האָט באקומען, געפינענדיק זיך בא דער באָבען (זי האָט פאר אים געהאלטן א רוסישן לערער, און אין כיידער איז ער, פארשטייט זיך, געגאנגען), האָט אים שוין קימאט געסטײַעט אַף ווערן א לערער אין דאָרף. געלערנט האָט ער אמערסטן מיט די יִדישע קינדער, וואָס האָבן געוווינט אין די ווײַטע דערפער. נאָר קריסטלעכע קינדער האָבן זיך אויך געלערנט בא אים. איינער זײַנער א שילער — וואָיצעך קאוונאצקי — פלעגט צו אונדז ארײַנקומען א לאנגע צײַט נאָך דעם, ווי דאָוויד איז אוועקגעפאָרן אין שטאָט.

די קינדער, וואָס האָבן געוווינט זייער ווײַט פון אונדזער דאָרף, פלעגן אײַנשטיין בא דער מאמען אַף קעסט. ווען ס'האָט זיך געטראָפן א „שווערער" שילער, וואָס האָט ביז דאָווידן געהאט א גוטן לערער און דאָוויד האָט ניט געקענט ענטפערן אַף זײַנער א פראגע, פלעגט דאָוויד אים זאָגן: „אַף דײַן פראגע וועל איך דיר דאָס צווייטע מאָל ענטפערן".

בא אונדז אין שטוב איז געווען ראשיק פון גאנצפרי ביז שפעט אין דער נאכט. די שילער, וואָס זײַנען בא אונדז אײַנגעשטאנען, האָבן אמערסטן געגרייט די לימודים באם לאָמפּ, באטאָג פלעגן זיי ארומלויפן. דערצו איז נאָך בא אונדז געווען א שטוב מיט אייגענע קינדער. ס'האָט זיך אויך געמאכט, אז א נאָרוואָס געבוירן קעלבעלע האָט מען געהאלטן אין שטוב. האָט דאָוויד זיך געגרייט צו די לימודים בא אונדזער שכיינע יאראָשינסקע. זי האָט געהאט א גרויסע שטוב און בלויז פיר קינדער, איר מאן פלעגט אוועקגיין אַף ווינטער ארבעטן אין די וועלדער. דאָרט, בא דער שכיינע, איז געווען רוּיק.

פון דער פרִיער יוגנט און ביז דער עלטער האָט דאָוויד ליב געהאט ארבעטן באנאכט.

> די שטערנדיקע שטילקײַט הערט זיך אײַן
> אין שטילן אָטעם פונעם לעבן.
> אין הײַזל איינעם איז פארבליבן
> א שטילע ראָד פון לאָמפּן־שײַן.
>
> („אין ווינטער־פארנאכטן")

אָבער לאנג איז דאָוויד אין דאָרף ניט געזעסן. ס'האָט אים א צי געטאָן פאָרן זיך לערנען, באקומען מיטלבילדונג (פארשטייט זיך, עקסטערנע. פון קיין גימנאזיע האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן). נאָר פון וואָס זשע לעבט מען אין שטאָט? האָט דאָוויד געמאכט אזא פלאן: ער וועט געבן „אורא̇קן". דאָוויד דער לערער וועט אויסהאלטן דאָווידן דעם שילער. די עלטערע שוועסטער אונדזערע — סאָרע און כאווע (ביידע גייטערנס, דערנאָך ביידע דערציִערנס) האָבן אים אופגענייט בידנע דאָרפישע קליידער. אז דער טאטע האָט אים באטראכט אין די נײַע בגאָדים, האָט ער געזאָגט: „בא לײַטן קליידט מען אויס א זון אין ביגדיי־מאלכעס און מע שיקט אים אין שטאָט עקסטערנעווען, און אז דער זון קנעלט אָפּ א פּאָר יאָר אין שטאָט, קומט ער צוריק אין דאָרף, געקליידט אין ביגדיי־בעטלער. און דו פארשפּאָרסט גאָר פאָרן און ליגן אין דער ערד, ווי אלע עקסטערניקעס, ביסט שוין איצט אָנגעטאָן אין ביגדיי־בעטלער".

אינגיכן איז דאָוויד אוועקגעפאָרן קיין קִיעוו. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך בא א קרויווע פון

טאטנס צאַד. גערופן האָט מען זי מאַרעם. דער מאַן איר ער איז געווען א גוטער שנײַדער. נאָר די פאַמיליע איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מאַרעם העלפֿט ניט צו דעם מאַן, וואָלט אָף קיין ברויט ניט געסטײַעט. מאַרעם פֿלעגט צונויפֿקויפן בא פאַרמעגלעכע פאַמיליעס אַלטע קליידער, זיי איבערנייען, איבערדרייען און פאַרהאַנדלען אין מאַרק. קיין דירע־געלט האָט דאַוויד ניט געצאַלט, נאָר עסן האָט די קרויווע אים ניט געקאָנט געבן. ער האָט פאַרדינט אָפן לעבן מיט אוראָקן. איינמאָל האָט דאַוויד מיר געוויזן א העפט מיט זײַנע רוסישע לידער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יענע יאָרן.

ווען ער איז אין א יאָר אַרום געקומען אין דאָרף, האָט אים די שוועסטער כאַווע פונדערווײַטנס ניט דערקענט און א געשריי געטאָן: „קינדער, דער פאַקנטרעגער גייט!" דאַוויד האָט געטראָגן אין דער האַנט א פעקל ביכער, פאַרוויקלט אין א ראַב שטיקל ציץ. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַן אָפגעבליאַקעוועט העמדל מיט א גרינעם פּאַס איבער דער גאַנצער פּלייצע. דאָס העמדל איז, זעט אויס, אַמאָל געווען א סאָלדאַטסקע גימנאַסטיאָרקע, וואָס איז פון רעגנס, ווינטן און ברענענדיקער זון אַזוי אָפּגעקראָכן, אַז ס'איז געוואָרן קימאַט ווײַס. בלויז אונטער דער פּאַרטופיי האָט זיך פּאַרהיט דער כאַקי־קאָליר און דערפאַר האָט זיך אויסגעטיילט דער גרינער פּאַס. די דאָזיקע מעציע האָט מאַרעם אים אײַנגעהאַנדלט. די שטיוול דאַווידס זײַנען געווען צעפלאָסן, ווײַל קיין פּאָדעשוועס האָבן זיי ניט געהאַט.

דאַוויד האָט דערציילט, אַז אין וואַגאָן האָט א דאַמע, וואָס איז געזעסן אָף דער אונטערשטער באַנק, אַלעמאָל געכאַפּט א קוק אָף דער דריטער פּאָליצע, ווו ער איז געזעסן, זי האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן בא איר טשעמאָדאַן. קלאָר, — האָט דאַוויד געמאַכט דעם אויספיר, — זי האָט געמיינט, אַז איך בין א באָסיאַק.

דאַוויד און ניוני

צו יענער צײַט האָט זיך דאַוויד באַקאַנט מיט הינדע־גיטל כאַיט. „ניוני" האָבן מיר זי אַלע גערופן. אין דאַווידס שאַפונג האָט ניוני איבערגעלאָזט א באַדײַטנדיקן שפּור. באַקאַנט האָט ער זיך מיט איר דורך א כאַוער, אויך אַן עקסטערן, איזי טיאַמקין[1], וואָס האָט געוווינט אין איין הויז מיט ניונין אָף פּאָדאָל. ניוני כאַיט איז דעמאָלט שוין געווען אינעם לעצטן קלאַס. זי איז געוואָרן

[1] איזי טיאַמקין האָט אין 1912 אָרגאַניזירט א שטרײַק. ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און דערטרונקען געוואָרן אין אַנגאַרא (זע „בא ווענן", „גרוסן קיין סיביר").

דער איידלסטער, געטרײַסטער פרײַנט פון דאַווידס יוגנט.

באַקאַנט האָבן זיי זיך אין 1908. ניוני האָט דאַווידן געגרייט צו די עקזאַמענעס. פריער פאַר פיר קלאַסן, דערנאָך פאַר פינף אַאוו. אָף אַן „אַטעסטאַט זרעלאָסטי" האָט ער אויסגעהאַלטן בייס זײַן מיליטער־דינסט אין אַלעקסאַנדראָפאָל.

געדינט האָט דאַוויד אַלס „וואָלנאָאָפּרעדעליאַיושטשי", ווי מע פלעגט דעמאָלט זאָגן, בלויז איין יאָר — פון 1912 ביז 1913. א שטיקל צײַט האָט ער זיך געפונען אין קאַזאַרמע, ווי אַלע סאָלדאַטן. דערנאָך האָט אים זײַן פעלדפעבעל, וועלכן מע האָט גערופן גראַביאַס, גענומען צו זיך אין שטוב אַרײַן אַלס רעפּעטיטאָר צו זײַן טעמפן זונדל.

„גראַביאַסיאַנאַק" רופט אים דאַוויד אין זײַנע בריוו צו ניונין. פון דעם „גראַביאַסיאַנאַק" האָט ער געהאַט גרויס אַגמעסנעפּעש. דאַוויד איז אײַנגעשטאַנען בא דעם פעלדפעבעל אין שטוב, געגעסן בא זײַן טיש און ניט געקאָנט אויסהײלן זײַן זונדל פון די „פּערעעקזאַמענאַוואָקעס".

דאַוויד האָט שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס זײַענדיק דערנידעריקט, איז ער קלוימערשט געווען אָנגענומען אין דער סוויווע פון אָפיצערן. ער האָט רעפּעטירט ניט נאָר מיט איין „גראַביאַסיאַנאַק", ער האָט געהאַט נאָך שילער — קינדער און דערוואַקסענע (אָפיצערן). אין זײַן בריוו צו ניונין פון 21 סענטיאַבער 1913 שרײַבט דאַוויד: „א גרויסע מאַטערניש מיט אים, מיט דעם שילער — דער האַלדז טוט מיר פון אים ווײ. מיט סמירנאָוון איז מיר אויך ניט גרינג צו קנעלן. סמירנאָוס שוועסטערל באַזוכט די לימודים „פרײַווילליק", זי האָט ניט קיין „פּערעעקזאַמענאַוואָקעס", ניט קיין שום אופגאַבן, און די גאַנצע צײַט מאַכט זי זיך מעשוגע פאַר גרויס ווויליטיק. זי שטערט לערנען, און איך בין איצט גאָר ניט געשטימט אויסהערן אַזוינע מײַסעס: ווען איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך זיך קויפן א מאַלבעש (קעסיידער הייבט זיך אָן פון א מאַלבעש) פאַר 15 טויזנט... דעקאָלטע, פערל, טופליעס, דוכי. און די אַלע זאַכענישן רעכנט זי איבער מיט א קוויטשערײַ, מיט פרייד, מיט אַזוינע באַוועגונגען, גלײַך זי וויל פאַרכאַפּן דעם גאַנצן האָריזאָנט, און אויב איך וועל ניט קיין געהעריקע אופמערקזאַמקײַט אָף אירע באַגײַסטערטע רייד, איז „פאַר נעקאָמע", ווי זי זאָגט, רײַסט זי אויס די ביכער, די העפטן, „העלפט" מיר אָדער איר געשוועסטערקינד שרײַבן. און מיט יעדן טאָג ווערט דאָס מיידעלע מיט די שמאָלע אייגעלעך (וואָס עסט געוויס אַלע טאָג זייער א גוטן וואַרמעס) מערער פרעך. הײַנט האָט זי באַשטימט, אַז פאַר די לימודים איז דער לערער מעכוײַעוו איר זאָגן, וואָס פאַר א באַנט געפעלט אים מערער".

אין א בריוו פון 24 סענטיאבער שרײַבט ער: „איך ווער דערשטיקט אין דער סוויווע. אלערלײי מאכשאוועס באלאגערן מיך ווידער. איך פאל און האב ניט קיין קויעך אופצוהייבן זיך. איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, אלץ נערווירט מיך, רופט ארויס רויגזע, שווערע שטימונגען. אוי, ווי דערלעבט מען שוין! די טעג וועלן מיך פארמאטערן. צי טראכסטו וועגן מיר, פרײַנט מײַנער? צי פארגעסטו מיך ניט צײַטנווײַז? ס'איז אזוי ביטער, אזוי פינצטער"...

בייס זײַן מיליטער־דינסט האט דאוויד ניט נאר געקנעלט מיט זײַנע שילער, ער איז אליין אויך געווען א שילער. ער האט זיך געגרייט צו די עקזאמענעס. אין זײַן רעשוס האט ער געהאט די ביבליאָטעק, מיט וועלכער ער האט פארוואלטעט. אין די בריוו צו ניונין דערציילט ער, וואס ער האט איבערגעלייענט. און זאגט איר צו, ניוניק, לייענען א סאך, אויספילן דאס, וואס ער האט איר פריער צוגעזאגט. ניוני האט ניט אופגעהערט זײַן פאר אים א לערערן, פונקט ווי אין די צײַטן פון זײַן פריער יוגנט. דאוויד דערציילט איר, אז ער האט איבערגעלייענט אין דער „ניווא" אן ארטיקל וועגן דער געשיכטע פון דאקטער פאוסט, און אז ער האט געהערט א יידישן וואריאנט פון אט דער לעגענדע. די געשיכטע האט אים אמאל דערציילט די באבע אין קאראסטישעוו.

ניוני איז געווען פאר דאווידן דער מענטש, וואס האט אים אונטערגעהאלטן אין דער שווערער צײַט.

„פרײַנט מײַנער, שווער איז מיר אין דעם אָרט אויסריידן דײַן נאמען... איך באהאלט זיך, איך גרײַזע זיך אָפּ פון אלעמען", — שרײַבט ער איר.

אָבער שרײַבן ניונין, באקומען בריוו פון איר איז אויך געווען ניט אזוי פּאשעט. זיי ביידע האבן זיך זייער געניײטיקט אין א גראשן. א מארקע צו א בריוו האט געקאסט זיבן קאָפּעקעס. ניט קוקנדיק אף זײַנע אלע „אוראקן", האט דאוויד ניט געהאט קיין קאָפּעקע בא דער נעשאמע. סכארלימעד האבן די אָפיצערן געצאָלט ניט צו דער צײַט. אזוי אז א מארקע פאר א בריוו איז געווען א פראבלעם. אויב איינער פון זיי פלעגט ווערן „רײַך", פלעגט ער ארײַנלייגן אין זײַן בריוו א מארקע אף צו ענטפערן.

„...בא א באקאנטן קאמערסאנט האב איך געבעטן 7 קאָפּעקעס אף א מארקע. ער האט מיר געגעבן נאר פינף, און דו ווייסט דארפן דערצאלן".

„איך בין רײַך ווי קרעז, איך האב צוויי מארקעס, וועלכע דו האסט מיר צוגעשיקט..."

„...14 קאָפּעקעס אף אויסקויפן דײַן בריוו האב איך הײַנט געקראָגן".

ניט געקוקט אף אלע שוועריקײַטן, האט דאוויד אין יענע יארן אָנגעשריבן א גרויסן טייל פון די לידער „בא וועגן", דעם ציקל „קאווקאז", די זעלטענע ליד מיטן עפּיגראף פון פושקינען:
«Мы ночевали на казачьих постах»,
וואס הייבט זיך אָן מיט די שורעס:

און ס'איז מײַן פײַן פאר מיר דערמיט בארעכטיקט
און ס'איז מײַן בענקשאפט אָפּט מיר זיס:
עס האט זײַן קאָפּ דאָ אף דעם בארג גענעכטיקט.
עס האבן אָט דעם וועג באטראָטן זײַנע פיס.

דאוויד האט געוווסט, אז בייס דער נעסיע קיין ערזערום איז פושקין דורכגעפאָרן דורך דעם יישעוו, ווו דאוויד האט געדינט, און דאס אליין האט שוין געלינדערט די פײַן פונעם סאלדאט.

אין הארבסט 1913 האט דאוויד זיך באפרײַט פון מיליטער־דינסט. פון דאָרט האט ער זיך אומגעקערט מיט אן „אטעסטאט זרעלאסטי".

אין 1914 איז ניוני געוואָרן זײַן פרוי.

בא די כאַיִטס זײַנען, כוץ ניונין, געווען נאך צוויי מיידלעך, יינגערע פון איר: ווערע און אניע. געלעבט האט די מישפּאכע גאנץ באשיידן אפן געהאלט פונעם פאטער, וואס איז געווען אן אָנגעשטעלטער. איצט, ווען ס'איז נאך צוגעקומען אן איידעם (דאוויד האט מיט אלע זײַנע „אוראקן" פארדינט זייער ווייניק), איז געוואָרן נאך שווערער. די פאמיליע כאַיִט איז געווען אן איידעלע און א געטרײַע. דאווידן האט מען דאָ געשעצט. איבער ניונין האט מען געציטערט — זי איז געווען קראנק אף טובערקוליאָז. קיין קינדער האט ניוני ניט געטאָרט האבן, נאר זי האט זיך ניט צוגעהערט צו די דאקטוירים. אף אלע אייצעס האט זי געהאט איין ענטפער: מײַנע קינדער דארפן געבוירן ווערן, ס'איז קינדער פון מײַן גרויסער ליבע. און ס'איז געבוירן געוואָרן דאס ערשטע קינד — שאמע.

— נו, ניוני, — האט מען איר געזאגט, — איצט האסטו שוין א זון, זע, גיב אכטונג אף זיך: מיט קיין טובערקוליאָז שפּילט מען זיך ניט.

אין צוויי יאר ארום איז געבוירן געוואָרן דער צווייטער זון — הילעל.

ניוניס געזונט־צושטאנד איז געוואָרן פיל ערגער, זי איז אָבער נאך געווען גאנץ לוסטיק און פריילעך. קיין יידיש האט זי ניט געקענט. בא די כאַיִטס אין שטוב האט מען גערעדט רוסיש, נאר צוליב דאווידן האט זי זיך אויסגעלערנט יידיש און זיך זייער געפרייט מיט יעדער נײַער ליד זײַנער. דאוויד האט דעמלט געארבעט א סאך און פרוכטבאר.

אין די געציילטע יארן פון 1914 — 1920, ווען ער האט געלעבט צוזאמען מיט ניונין, האט ער צוגעגרייט דאס בוך „בא וועגן".

ניוניס צושטאנד איז געוואָרן אלץ ערגער און ערגער, דערצו האט זי זיך ווידער געגרייט צו ווערן א מאמע, און די צײַט איז דעמלט געווען א שווערע, די צײַט פון בירגערקריג. „ביסט קראנק, די דאקטוירים זאגן, אז דו ריזיקירסט מיטן לעבן", — האבן די נאָענטע געטרײַנעט מיט

איר. „איך ווייס אָן דאָקטוירים, אז מײַנע קינדער וועלן בלײַבן יעסוימים, — האָט ניוני דערוף געענטפערט, — אויב איך זאָל אײַך פאָלגן, וועלן בלײַבן צוויי, איז זאָלן בעסער וואקסן דרײַ קינ־דער. וואָס ס׳וועט זײַן מיט די צוויי, וועט זײַן מיטן דריטן. מײַנע קינדער זײַנען קינדער פון גרויסער ליבע, איך קאָן גאָרניט טאָן מיט זיך".

דאָס דריטע קינד פון ניוניס „גרויסער ליבע" איז געבוירן געוואָרן א געזונטס, א שיינס. ניוני איז געווען איבערגליקלעך. „דאָוויד מיט אונ־דזערע דרײַ זין וועלן קערן וועלטן", — האָט זי געזאָגט מיט מוטערשער שטאָלץ.

אין דרײַ כאדאָשים ארום איז זי געשטאָרבן.

— כ׳האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז א מאנצבל קאָן אזוי טרויערן, אז א מאנצבל קאָן אזוי וויינען, — האָט דערציילט מײַן שוועסטער כאווע, וואָס האָט דעמלט געוווינט בא די כאִיטס.

נאָר דאָוויד האָט זיך גענומען אין די הענט און זײַן גאנצע ליבע, זײַן צארטקײַט איבערגע־טראָגן אף די קינדער. פארן פיצעלע („יאניטשקע" האָט מען עס גערופן) האָט ער באלד געקראָגן אן אם. דאָס קינד האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין פרעמדע ברוסט. מ׳האָט געפּרוּווט אים געבן א סאָסקע, פּאָיען פון א לעפעלע, דאָוויד פלעגט פּאדקעווען ארום יאניטשקען, נאָר עס האָט זיך גאָרנישט ניט באקומען. דאָס קינד האָט געבענקט נאָך דער מאמען. א קינד פון דרײַ כאדאָשים איז שוין א שטיקל מענטש. ס׳האָט שוין געלאכט, ס׳האָט שוין געגוקעט. נאָר גלײַך ווי ניוני איז געשטאָרבן, האָט עס אָנגעהויבן וויינען, בענקען און גענומען צאנקען ווי א ליכט. אין צוויי וואָכן ארום איז עס געשטאָרבן.

ניוניס נאָענטע זײַנען געווען אזוי דערשלאָגן, אז זיי האָבן קיין קויעך ניט געהאט עפּעס צו טאָן. דאָוויד האָט אליין געבראכט א פיצעלע אָרן, ארײַנגעלייגט אין דעם זײַן קלענסטן זון, גענו־מען דעם אָרן אונטער דער האנט און אוועק־געטראָגן אפן בעסוילעם אים מעקאבער זײַן.

אין מעשעך פון צוויי וואָכן האָט דאָוויד פאר־לאָרן ניונין און יאניטשקען. אין זײַן בוך „אין אונדזערע טעג" לייענען מיר די ליד, וואָס דאָוויד האָט אָנגעשריבן אין 1939:

קליינע בערגעלעך דאָרט היטן
קוואָרים צוויי. איך האָב אווילעס
אָפּגעריכט אין יענע יאָרן...
אלץ איז פריש נאָך אין זיקאָרן...

באלד נאָך ניוניס טויט האָט דאָוויד אָנגעשריבן די ליד „קינדער־שפרוך". פאר אן עפּיגראף האָט ער גענומען אן אויסצוג פון דיני אבלות[1].

מײַן טרייסט איז אין דעם מיר באשטאנען,
וואָס ערגעץ א לאנד אזא אוץ איז פאראנען,
וואָס דאָרט האָט געוווינט א מאן איִעוו.

[1] דינים וועגן טרויער.

און אָט אין דער שטאָט, וואָס הייסט קיִעוו,
מיט יאָרן מיט טויזנטער שפּעטער
געמישט האָב איך גלאטינקע בריטישע בלעטער
אָט דאָרט, ווו פון איִעוו אין זיי איז פארשריבן...

קימאט אין אלע זײַנע ביכער, אָנהייבנדיק פון „בא וועגן" און ענדיקנדיק מיטן לעצטן בוך „איך גלייב", דערמאָנט דאָוויד אין פיל פון זײַנע לידער ניונין און אירע קינדער. אין „בא וועגן" זײַנען עס די לידער: „כ׳האָב דערזען זי באם טײַך", „אין ענגן צימער", „אָוונט", „נעמען". אין דעם בוך „ליריק" (1923) געפינען מיר צוויי לידער, אָנגעשריבענע גלײַך נאָך ניוניס טויט: „אָוונט", „פרי". אין דעם זעלבן בוך איז ניונין געווידמעט דער ציקל „פאָרגעפילן". איר נאָמען רעדט ער ניט אויס. די ווידמונג לייענט זיך אזוי: „דײַן טײַערן נאָמען". אין דעם ערשטן באנד פון זײַנע ווערק (1930) איז די ווידמונג אף דעם זעלבן ציקל שוין אָנגעשריבן קלאָר און דײַטלעך: „ניו־נין". אין דעם בוך „אף ליכטיקע רויִנען" איז ניונין געווידמעט די זעלטענע ליד „נעכט". די ליד האָט זיך ווייניק געדרוקט, דערפאר ברענגען מיר זי דאָ:

נ ע כ ט

הינדען[1]

הײַנט באנאכט
דורך טיפע רערן פון מײַן שלאָף
האָב איך דערזען דיך א פארוויינטע...
אף בלאָוון נאכט־געוועב
געשוועבט האָט דײַן געזיכט,
און טרערן שווערע,
ווי שטענדיק הויכע שטערן־ליכט,
באגאָסן האָבן מילד
די שטילע שאָטנס
פון מײַן נידעריק געמיט.
הײַנט באנאכט האָב איך דערפילט דיך
א פארוויינטע,
מיט צוגעמאכטע בליקן
געדריקט זיך
צו צארטער לויטערקײַט
פון שטערן דײַנעם,
דורך פיבערדיקע הײַטלעך
געפירט
שווארצאפלען מײַנע
אף דײַן פארוויינט געזיכט,
מיט ליפּן גליִענדע
געגלעט די זיסע זאלץ
פון שוין געשטילטע טרערן,
און הארץ אין מײַנע ביידע ברוסטן
האָט הייס געשווירן,
אז אלץ, וואָס אונטער זון און שטערן
נאָך וויגט די קרוין פון מײַנע ציט׳ריקע
פארלאנגען,
אז אלץ פון אָטעם דײַנעם
אין טראָגן איז פארגאנגען,

[1] ניוניס עמעסער נאָמען איז געווען הינדע־גיטל.

פון אָטעם דײַנעם
איז געבוירן....

אין דעם זעלבן בוך האָט דאָוויד געווידמעט א ליד דעם עלטערן זון זײַנעם, סיאָמען (שאמע). אין דער ליד איז פאראן אזא שורע: „איך האָב א מאמע און דו ניט“.

מיר ווילט זיך אויך דערמאָנען נאָך א ליד:

מיר גייען קיין מיסכאָר, מיר גייען קיין אלופקע[1],
דער הויכער וועג איז שטיל, עס רוט דער שטילער
שטויב,
איי־פּעטרי שטייט אין רויק, דער יאם פון אונטן
טויכט, —
פון ביידע זײַטן קינדער מײַנע טופקען.

ווען איך שטעל זיך פאָר אונדזער דאָווידן — דעם גרויסן דיכטער, דעם ביטערן אלמען, ווי ער גייט קיין מיסכאָר, ווי ער גייט קיין אלופקע, און פון ביידע זײַטן טופקען זײַנע קינדער, גייט דאָס הארץ מיר אויס פאר צארטקייַט, פאר ליבע, פאר טרויער.

נאָך ניוניס טויט איז דאָוויד געוואָרן פאר די קינדער אי א טאטע אי א מאמע. די ערשטע צײַט זײַנען ביידע ייִנגלעך געווען אין קינדער־אנשטאלטן: אין 1920 אין א קיִעווער קינדערהויז, ווו ס׳האָבן געארבעט אונדזערע עלטערע שוועסטער סאָרע און כאווע; אין 1921 — אין דער קינדער־קאָלאָניע אין כימקי, — דאָרט האָט געארבעט פייגע, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן דאָווידס פרוי.

ווי נאָר ס׳איז געוואָרן א ביסל לײַכטער דאָס לעבן, האָט דאָוויד גענומען די קינדער צו די כאַיִטס. ניוניס שוועסטער ווערע איז געווען אן עלנטע פרוי, די באָבע האָט זיך מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן די קינדער פון דער פרי־פארשטאָרבענער טאָכטער אירער.

אן אנדער מאנצבל אף דאָווידס אָרט וואָלט זיך בארויִקט — די קינדער זײַנען אין געטרײַע הענט, מאטעריעל העלפט ער זיי. איז וואָס נאָך קאָן ער טאָן? דאָוויד אָבער האָט קיינעם ניט פארגלייבט די קינדער, ער האָט קאָנטראָלירט, ווי אן אייפערזיכטיקע מוטער, יעדערן, וואָס האָט געהאט צו זיי א שײַכעס.

א שטיקל צײַט זײַנען די קינדער געווען אף קעסט בא דער צווייטער באָבע, בא אונדזער מאמען. שפּעטער פּרוווט דאָוויד זיך באגיין אָן די באָבעס און אָן די מומעס: ער מיט זײַנע זין — דרײַ מאנצבלען — קאָנען זיך אליין באדינען.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען אף קאניקולן קיין קיִעוו, ווענדט ער זיך צו מיר מיט א באקאָשע, איך זאָל צופאָרן קיין סוויאטאָשינע. ער איז דאָרט מיט די קינדער אף דאטשע. א וואָרמעס האָט ער פאר זיי באשטעלט. מיר, זאָגט ער, וועט זײַן גאָר גרינג, כ׳וועל דארפן בלויז מאכן פאר זיי עפּעס אף אָנבײַסן און אף וועטשערע. פאר אים וועט עס זײַן א גרויסע הילף, ער דארף אָפט זײַן אין שטאָט, און ווען ער פאָרט אוועק, לויפן די קינדער אף דער אָזערע (דעמלט איז דער עלטערער אלט געווען 11 יאָר, דער קלענערער 9).

איך קום קיין סוויאטאָשינע. דאָרט לעבט זיך אונדז זייער פרייִלעך. עטלעכע מאָל אין טאָג גייען מיר זיך באָדן. פארן שלאָף דערצייל איך די כעוורע מײַסעס. א פּאָר וואָכן איז דאָוויד צופרידן. איינמאָל קומט ער פון שטאָט און כאפּט א קוק אין קוישל.

— וואָס איז דאָס?

— אוגערקעס.

— וויפל וואלגערן זיי זיך בא דיר?

— ערשט הײַנט געקויפט אין לאריאָק.

— אין לאריאָק? — פרעגט איבער דאָוויד און ווערט אופגערעגט. — אין לאריאָק קערן זיי זיך שוין וואלגערן א פּאָר וואָכן. אוגערקעס דארף מען קויפן בא די פּויערים אף די גערטענער.

דער אינצידענט ענדיקט זיך דערמיט, וואָס דאָוויד הייבט מיך אָן בארויִקן, איבערבעטן מיך. „כ׳בין זייער מיד, — זאָגט ער, — זײַ ניט בארויגעז, כ׳האָב פאר זיי אויך גאָרנישט ניט געקאָכט און אוגערקעס אויך געקויפט אין לאריאָק“...

די כעוורע דערציילן, אז ווען דער טאטע פלעגט אמאָל קומען שפּעט און ברענגען א געשמאקע זאך, פלעגט ער זיי אופוועקן און זיי אָנהאָדעווען.

גאָר אן אנדער לעבן האָט זיך אָנגעהויבן, ווען דאָוויד האָט כאסענע געהאט מיט פייגען.

פייגע איז א גאָלדענע באלעבאָסטע. מיט די קינדער איז זי זיך באגאנגען זייער גוט. דאָוויד איז געווען גליקלעך.

די קינדער זײַנען געוואקסן, און דאָווידס אָל איז געוואקסן: וויִאזוי לערנען זיי זיך, וואָס לייענען זיי, ווי פירן זיי זיך אוף, מיט וועמען כאווערן זיי זיך?

אין זײַנע זיכרוינעס דערציילט דער אוקראִינישער דיכטער מאקסים רילסקי וועגן אזא פאל: דאָוויד האָט איינמאָל געקויפט צוויי קינדערשע היטעלעך פאר זײַנע זין, וואָס זײַנען שוין געווען סטודענטן. דאָס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר דאָווידן, וואָס האָט שטענדיק געזען פאר זיך זײַנע קינדער אין דעם עלטער, ווען ס׳איז געשטאָרבן ניוני. ער האָט געפּאדקעוועט ארום זיי, געקראָכן פון דער הויט, געוואָלט זיי פארבײַטן די מאמע. אין גרונט גענומען, איז דאָס, פארשטייט זיך, געווען נוצלעך פאר די קינדער, אָבער אמאָל אויך איבעריק. אזוי אָדער אנדערש, נאָר די קאוואָנע איז דערבײַ שטענדיק געווען א דערהויבענע.

[1] די ליד איז געווידמעט דעם קלענערן זון הילקען (הילעל).

שלוימע ראבינאָוויטש

זאריאדיע

אמאָל

אנומלטן האָב איך שפּאַצירט איבער די מאָסקווער גאַסן מיט אַן אַלטן פריינט, א לוואָווער ייִדן, וואָס האָט שוין א סאַך יאָרן ניט געזען אונדזער הויפּטשטאָט. עס איז געגאַנגען געוועזן א קוק צו טאָן אויף אים, קעדיי דערפילן, ווי איבערראַשט ער איז, לעמאָשל, פון דעם קאַלינין־פּראָספּעקט, פונעם פּאַלאַץ פאַר צוזאַמענפאָרן אין קרעמל, פון לוזשניקי, טשעריאָמושקי... לעם האָטעל „ראָסיאַ", אין זאריאדיע, האָט ער זיך ניט איינגעהאַלטן, א קלאַפּ געטאָן מיר אין פּלייצע און אויסגעשריִען:

— אָט דאָס איז א האָטעל! אָט דאָס איז א בנין! זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז אַמאָל געווען בעערעך אויף דעם אָרט, וווּ עס שטייט איצט דער האָטעל?

— בעערעך אויף דעם אָרט — א ייִדישע געטאָ.

— אָט דאָ, צוויי טריט פונעם קרעמל?

איך האָב מיין פריינט איינגעלאַדן אין קאַפע פונעם האָטעל. בא א טעפּעלע קאַווע האָב איך אים דערציילט, וואָס איך וויס וועגן זאריאדיע.

— זייער טשיקאַווע! פאַרוואָס זשע שווייַגסטו? — האָט ער זיך אָנגערופן.

— איך שווייַג דען? איך רייד דאָך מיט דיר שוין א פאָר שאָ.

— ניין, איך וויל זאָגן, אַז דו וואָלסט באַדאַרפט וועגן דעם אָנשרייבן אין „סאָוועטיש היימלאַנד". זייער ווייניק מענטשן וויסן דערפון.

יאָ, מיט פיל יאָרן צוריק איז זאריאדיע געווען א ייִדישע געטאָ. די ייִדן האָבן זיך אהער אריינגעקליבן ניט לויטן אייגענעם ווילן — זיי האָבן קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט. ווי באַוווּסט, האָט מען אין 1826—1827 דערלויבט ייִדן וווינען צייטווייַליק אין מאָסקווע. מיט אָט דעם רעכט האָבן זיך געקאָנט באַנוצן בלויז סאָחרים, וועלכע האָבן אָפּהענגיק פון זייער גילדיע געמעגט דאָ וווינען פון איין כוידעש ביז דריי כאָדאָשים. פאַרן האָבן זיי געמעגט בלויז אין איין אָרט — אין זאריאדיע, אין גלעבאָווס אכסאניע.

די ערשטע צייַט איז די זאריאדיער ייִדישע באַפעלקערונג באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק נעפאָשעס. געהערשט האָט דאָ ענגשאַפט און שמוץ. און וואָס מער ייִדן ס'זייַנען אהער געקומען, אַלץ ענגער און ענגער איז געוואָרן. די ייִדן זייַנען דאָ אויסגעשטאַנען קאַלערליי גזיירעס. יעדן אָוונט, ווי נאָר עס פלעגט ווערן טונקל, האָט מען פאַרשלאָסן די טויערן פון הויף. ווער עס האָט פאַרשפּעטיקט, איז שוין געוועזן ווי צו אים. א פּעטערבורגער טשינאָווניק האָט נאָכן באַזוכן די געטאָ אין זאריאדיע אָפּגעמערקט אין זייַן ראַפּאָרט: „די אונטערדריקטע לאַגע פון די ייִדן איז ניט צו באַשרייַבן". אזא לאַגע האָט אָנגעהאַלטן קימאַט דרייַ צענדליק יאָר. ערשט דעם 5 יון 1856, בייס דער הערשאַפט פון אלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָבן ייִדן באַקומען דאָס רעכט צו וווינען אויף א ברייטערער טעריטאָריע. לויט די סטאַטיסטישע יעדיִעס פון יענער צייַט האָט די ייִדישע באַפעלקערונג אין מאָסקווע באַטראָפן: אין 1871 — לעפּיערעך אכט טויזנט מענטשן, אין 1879 — דרייַצן טויזנט, אין 1880 — זעכצן טויזנט, אין 1889 — קנאַפּע זעקס און צוואַנציק טויזנט, דאָס הייסט בא דרייַ פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטאָט.

די אַמאָליקע זאריאדיע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א לאַבירינט פון אָרעמע, פאַרפלאָנטערטע געסלעך: פּסקאָווסקי, זנאַמענסקי, יערשאָווסקי, סאַקרינסקי, זאריאדסקי, קריוואָי. געוווינט האָבן דאָ האָרעפּאַשנע מענטשן. געוועזן הייַזער, וווּ עס האָבן געלעבט בלויז ארבעטער — שנייַדער, שוסטער, קאַרטוזניקעס, טאָקערס, קאָלאָדאַטשניקעס, קירזשנער, פוטערמאַכער, בייַטלמאַכער, קנעפּלמאַכער, דרוקער (וועלכע האָבן געדרוקט מיט פליטער־גאָלד די פירמע־מאַרקעס פאַר היטלען און קאַרטוזן פון קאַלערליי אוניפאָרמעס).

אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז די באַפעלקערונג פון זאריאדיע שוין באַשטאַנען אויף העלפט פון ייִדן.

געווען דאָ געסלעך, וועלכע האָבן זיך קנאַפּ וואָס אונטערשיידט פון די קליינשטעטלדיקע מערק אין טכום. די ייִדישע הענדלערקעס פלעגן זיך צעלייגן מיט זייערע סכוירעס אף דער גאַנצער ברייט פון גאַס. דאָ זײַנען געווען ייִדישע קרעמעלעך פון פלייש און וווּרשט, ייִדישע בעקערײַען, ווו מע פלעגט אף פייסעך באַקן מאַצעס. די פלייש־קרעמלעך האָבן געהאַט אייגענע שאָכטים.

וועגן דער באַשעפטיקונג פון די זאַריאַדיער ייִדן האָט דערציילט אין זײַנע מעמוארן דער אַלטער מאָסקווער טוישעוו אי. בעלאָוסאָוו. די ייִדישע פּוטערמאַכער, — שרײַבט ער, — זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער די שנײַדער־וואַרשטאַטן און אויפגעקויפט „שמוקן“. אַפן לאָשן פון די פּוטערמאַכער האָט „שמוק“ באַטײַט אַ שטיק פּוטער אָדער סכוירע, וואָס דער אַרבעטער שפּאָרט אָפּ באַם אויפנייען אַ בעגעד.

אָפּשפּאָרן אַ „שמוק“ פלעגט אַן אַרבעטער אף אַזאַ אויפן: ער טונקט אײַן אַ שטיק פּוטער אין געזאַלצענעם קוואַס און ציט אים אויס אין דער לענג און אין דער ברייט. דאָס צוגעקומענע פּוטער שערט ער אַרום באַ די זײַטן, און די פּאַסן פאַרקויפט ער די ייִדישע פּוטערמאַכער, וועלכע נייען צונויף די פּאַסן און מאַכן פון זיי גאַנצע שטיקער פּוטער, דערנאָך פאַרקויפן זיי אָט די סכוירע אין די קלייטלעך פון פּוטער־אַלטוואַרג, וואָס האָבן זיך געפונען אף „סטאַראַיאַ פּלאָשטשאַד“.

די הײַזער אין זאַריאַדיע האָבן געהערט צו גרויסע מאָסקווער גווירים, אַזעלכע, ווי וואַרגין, בערג, וואַסילענקאָ, טאָלאָקאָניקאָוו, וועלכע פלעגן פאַרדינגען צימערן און ווינקלען קליינע האַנטווערקער אָדער פּריקאַשטשיקעס. באַם בויען די הײַזער האָט מען געקאַרגט אף אַלץ. קעדיי מע זאָל דאַרפן ווייניקער טרעפּ און אַרײַנגענג־טירן, האָט מען פון דער זײַט פון הויף אויסגעבויט לאַנגע גאַלערייען אָדער, ווי מע האָט זיי דעמלט גערופן, „גאַלדאַרייקעס“. דורך אָט די „גאַלדאַרייקעס“ האָט געפירט צו יעדער דירע בלויז איין אַרײַנגאַנג.

זומער־צײַט פלעגן די באַלמעלאָכעס אַרבעטן אף די „גאַלדאַרייקעס“: די שוסטער זײַנען דאָ געזעסן אף זייערע „ליפּקעס“ און געקלאַפּט מיט די העמערלעך; די פּוטערמאַכער האָבן געפּוצט בײַליקע פּוילישע ביבערס, ביז יענע האָבן באַקומען דעם אויסזען פון טײַערע קאַמטשאַטקער ביבערס, זיי האָבן אויך צונויפגענייט די פּוטער־פּאַסן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די „שמוקן“; די ווײַבער זײַנען געזעסן אף די „גאַלדאַרייקעס“ און געלאַטעט וועש און הויזן אָדער אַכטונג געגעבן אף קליינוואַרג. אין די יאָמטויווים פלעגט מען אף די „גאַלדאַרייקעס“ זיך צונויפקומען און זינגען לידער.

אַן אינטערעסאַנט בילד, — דערציילט בעלאָוסאָוו, — האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט זאַריאַדיע אין צווייטן טאָג ראָשעשאָנע, ווען ייִדן גייען צו טאַשליך.

מיט מאַכזיירים אין די הענט, אין לאַנגע קאַפּאָטעס און אין סאַמעטענע קאַרטוזן, פון אונטער וועלכע עס פלעגן זיך אַרויסזען געקרײַזלטע פּייעס, זײַנען די ייִדן געגאַנגען איבער דער גאַס — דאַפקע אינמיטן דער גאַס, ווײַל אף די טראָטוארן, נאָענט פון די הײַזער „שוויבלט און גריבלט מיט שיידים און רוכעס“. די ברעג־גאַס פונעם מאָסקווע־טײַך, אַנטקעגן די פּראָלאָמנער טויערן, איז אין אַזאַ טאָג געווען פול מיט פרומע ייִדן. ערעוו פייסעך פלעגן ייִדישע ווײַבער גיין צום מאָסקווע־טײַך וואַשן די פייסעכדיקע קיילים. גלעזערנע קיילים, וועלכע מע נוצט פייסעך, דאַרף מען לויטן דין האַלטן אין וואַסער דרײַ טעג. נאָר די ייִדישע פרויען פון זאַריאַדיע האָבן דאָס ניט געטאָן, זיי האָבן פּאָשעט אויסגעוואַשן אין טײַך דאָס געפעס און פאַרטיק.

די יאָמטויווים האָבן די ייִדן אָפּגעהיט זייער שטרענג. שאַבעס און יאָמטעוו האָבן זיי ניט געהאַנדלט און ניט געאַרבעט. פרײַטיק פאַר ליכטבענטשן פלעגט אין דער רוישיקער, האַווענדיקער זאַריאַדיע ווערן שטיל, די געסלעך — פּוסט. אין יעדן הויז האָט מען געגרייט די שאַבעסדיקע מײַכאָלים. שאַבעס באַם עסן איז באַם טיש געזעסן די גאַנצע מישפּאָכע. אַפן טיש האָבן אין זייער הויכע לײַכטער געברענט שאַבעס־ליכט. שאַבעס באַטאָג זײַנען די ייִדן געזעסן אין שטוב אָדער געגאַנגען שפּאַצירן. זייער באַליבט שפּאַציר־אָרט איז געווען דער אַלעקסאַנדראָווער גאָרטן, וואָס ציט זיך אַדהײַעם לענגויס דער קרעמל־וואַנט.

אין העסקעם מיטן געזעץ פון 28 מאַרט 1891 האָט זיך אָנגעהויבן דער גיירעש מאָסקווע. אין מעשעך פון געציילטע כאָדאָשים זײַנען אין אַכזאָריעסדיקע באַדינגונגען פאַרטריבן געוואָרן פון שטאָט צענדליקער טויזנטער ייִדן. ניט ווייניק פון זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין טפּיסע, פונוואַנען מע האָט זיי געטריבן ווײַטער, אין דעם טרויעריק־באַרימטן טכום. טאָג און נאַכט איז געגאַנגען אַ פּאָליציייִשער געיעג אף ייִדן.

די ווילדע גזיירעס האָבן, ווי באַוווּסט, זיך געענדיקט אין אָקטיאַבער 1917, ווען די ייִדן, ווי די אַנדערע בירגער פון לאַנד, האָבן אַדאַנק דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע באַקומען דאָס רעכט צו וווינען דאָרט, ווו זיי געפעלט.

אין 1959, לויט די יעדיִעס פון דער פאָלקסציילונג, וואָס איז אין יענעם יאָר דורכגעפירט געוואָרן, האָבן אין מאָסקווע געוווינט 240 טויזנט ייִדן. פאַר די פאַרגאַנגענע צען יאָר איז די צאָל ייִדן אין אונדזער הויפּטשטאָט, אָן שום סאָפּעק, באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסן.

הײַנט

יעדע שטאָט האָט איר גוירל. און דער גוירל פון מאָסקווע, אָט דער אוראלטער און קעסיידער יונג־ווערנדיקער שטאָט, איז בעעמעס פענאָמענעל. שוין אין די ערשטע טעג פון דער סאָוועטן־רעפובליק, ווען אלץ איז אָנגעגאנגען אזוי שווער, האָט לענין געטראכט וועגן דער צוקונפט פון מאָסקווע, וועגן אירע גאסן און פראָספעקטן, וועגן אירע נײַע פראכטפולע ביניאָנים, וועגן איר סאָציִאליסטישן אָנבליק. לענינס טרוימען און ווונטשן ווערן וואָר. עס וואקסט און ווערט מיט יעדן טאָג אלץ שענער און יִינגער אונדזער ווונדערלעכע הויפטשטאָט. אפן אָרט פון די אמאָליקע געסלעך מיט נידעריקע הײַזקעס האָבן זיך באוויזן אין זייער גאנצער פראכט ליכטיקע פראָספעקטן, בולווארן. יעדעס יאָר פראוועןן אין מאָסקווע כאנוקאס־האבאיִס מער פון א האלבן מיליאָן מענטשן.

עס איז אויך פארשווונדן דער לאבירינט זאריאדיער געסלעך. אין איינעם א שיינעם טאָג האָבן צענדליקער אווטאָמאשינעס אריבערגעפעקלט די זאריאדיער טוישווים אין שפאָגל־נײַע הײַזער אין די נײַע ראיאָנען פון שטאָט. די אלטע זאריאדיע איז געוואָרן יונג, מאָלע־כיין. אף א ריזן־שטעטעך איז דאָרט ווי אף הייוון אויסגעוואקסן א גאנצער אנסאמבל פאלאצן, וועלכע בילדן דעם גראנדיִעזן האָטעל „ראָסיִא“.

איך האָב געוואָלט א שמועס טאָן מיט עמעצן פון די אָנפירער פון דער בויונג פונעם האָטעל, האָב איך אָנגעקלונגען אין דער פארוואלטונג פון דעם בוי־טרעסט, וואָס געפינט זיך אף דער ראזין־גאס, אקוראט אנטקעגן זאריאדיע:

— מיט וועמען קאָן איך א שמועס טאָן וועגן האָטעל „ראָסיִא“?

— מיט לאזאר מאָיִסייעוויטש גינזבורגן. ער איז דער הויפט־אינזשעניער פון דער בויונג, ווייסט ער דעם האָטעל ווי זײַנע צען פינגער. אָבער מיר ווילן אײַך וואָרענען: ער איז זייער קארג אף א וואָרט. מע דארף אים צעוויגן...

טראכט איך און טראכט: ווי צעוויגט מען עס א מענטשן, ער זאָל ריידן „ווי א מענטש“? אָבער קוידעמקאָל — ווי פאקט מען אים? אין קאָנטאָר איז ער ניטאָ. זײַן סעקרעטארשע זאָגט שטענדיק: לאזאר מאָיִסייעוויטש איז אף אן אָביעקט. און ווו איז דער אָביעקט, ווייסט זי ניט. שפעט אין אָוונט האָב איך אָנגעקלונגען צו אים אהיים.

ער האָט מיך אופגענומען אין זײַן קאבינעט נאָך דער ארבעט, ווען אין קאָנטאָר איז געווען שטיל. ער האָט אויסגעזען מיד.

— א שווערער טאָג געווען?

— ווי אלע טעג פון א גאנץ יאָר, — האָט ער מיט א שמייכל א זאָג געטאָן.

ער האָט דערציילט:

— די בויונג, אייגנטלעך, פארענדיקן מיר. „ראָסיִא“ לעבט שוין מיט איר אייגן לעבן, מיט א קאָכיק, אימפעטפול האָטעל־לעבן. נאָר לאָמיך אײַך דערציילן, וואָס איז אזוינס „ראָסיִא“. דער שטעטעך פונעם האָטעל באטרעפט בא א מיליאָן קוואדראט־מעטער. זײַנע נומערן, וואָס זײַנען אויסגעשטאט לויט דעם מאָדערנסטן סטאנדארט, נעמען ארײַן איינצײַטיק זעקס טויזנט געסט. דער 12־שטאָקיקער מויער איז ארומגעוואקסן מיט א סאך קולטור־ און שטייגער־ביניאָנים: צוויי קינאָ־טעאטערס, וואָס נעמען ארײַן העכער אָנדערהאלבן טויזנט צושויער, א קאָנצערט־זאל אף 3000 פלעצער, רעסטאָראנען, קאפעען, קראָמען, אן אייגענע טעלעפאָן־סטאנציע, א פאָטשט, א שווים־באסיין. מיר האלטן באם פארענדיקן דעם צענטראלן טורעם פון האָטעל — 22 שטאָק. דאָס איז, אזוי צו זאָגן, די קרוין פונעם ארכיטעקטור־אנסאמבל.

— וואָס זשע איז געבליבן פון דער אמאָליקער זאריאדיע?

— דער נאָמען איז געבליבן. „זאריאדיע“ הייסט דער קינאָ־טעאטער. דאָ איז אויך געבליבן א קירכע — א דענקמאָל פונעם אלטערטום.

— ווי פאסט זיך ארײַן, לויט אײַער מיינונג, דער האָטעל „ראָסיִא“ אין זײַן ארומיקן פייזאזש? — כ׳מיין דעם מאָסקווע־טײַך, דעם רויטן פלאץ, דעם קרעמל. ס׳איז א געמיש פון פארשיידענע סטילן, פון פארשיידענע צײַטן...

— „ראָסיִא“ און דער ארומיקער פייזאזש, — ענטפערט דער הויפט־אינזשעניר מיט האנאָע, — איז איצט איינס פון די שענסטע ווינקעלעך פון אונדזער יונג־געוואָרענער הויפטשטאָט...

פון אָט די ווערטער, און ווי ער האָט זיי ארויסגעבראכט, האָב איך דערפילט, ווי אײַנגעבאקן עס איז אים אין הארצן די נײַע זאריאדיע, וואָס איז בעמעס גראנדיִעז און אוניקאל. נאָר פונעם ווײַטערדיקן שמועס האָב איך פארשטאנען, אז לייזער גינזבורג האָט שוין ביז זאריאדיע געהאט ניט ווייניק „ליבעס“. ער איז געווען „פאר־ליבט“ אין מאָסקווער אינדוסטריִעלן גיגאנט „שאריקאָפאָדשיפניק“ — געבויט אים עטלעכע יאָר. א שטיק הארץ האָט ער אוועקגעשענקט די אוראלער נײַ־בויונגען אין די מילכאָמע־יאָרן. א היפשן כיילעק האָט לאזאר מאָיִסייעוויטש אין די נײַ־אופגעקומענע אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען אין א ריי שטעט פון צענטראל־רוסלאנד. ער איז ניט קיין פאָנעם־כאדאָשעס אויך אין האָטעל־וועזן. דעם האָטעל „אוקראיִנא“ אפן קוטוזאָוור־פראָספעקט אין מאָסקווע האָט איר געזען? אויך מיט אָט דער בויונג האָט אָנגעפירט לאזאר מאָיִסייעוויטש.

איך בעט גינזבורגן:

— דערציילט, וויִאזוי איר האָט געמאכט אײַער קאריערע...

— מייַן טאטע האָט, ווי פיל ייִדן אין דער אמאָליקער זאריאדיע, זיך געדרייט ארום געשעפט, נאָר קיין גראָשן בא דער נעשאָמע קיינמאָל ניט געהאט. מיר האָבן זייער געבידעוועט. וועגן געבן די קינדער בילדונג האָט ניט געקאָנט זייַן קיין רייד. ערשט נאָך דער רעוואָליוציע האָבן מיר זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט ארייַן. לעכאטכילע האָב איך געלערנט אין סמאָלענסק, אין אן ארבפאק, וווּהין איך בין געקומען מיט מייַן „כיידער־בילדונג". דערנאָך שטודירט אין מאָסקווע אין א טעכנישער הויכשול, וועלכע כ׳האָב פארענדיקט אין 1927. א שטיק צייַט האָב איך געארבעט אלס פּראָראב, געהאט די מעגלעכקייַט צו פארשטיין און ליב קריגן מייַן פאך: בויען פאר מענטשן, פאר זייער וווילזייַן, פאר דעם, עס זאָל זיך זיי לעבן שיין און באקוועם.

לייזער גינזבורג דערנעענטערט זיך צו זיבעציק, אָבער עס שטייַעט אים ניט קיין צייַט צו טראכטן וועגן די טיפע קנייטשן, וואָס לויפן אָן אלץ מער אף זייַן הויכן שטערן. מע דארף וואָס גיכער פארענדיקן די ארבעטן אף דער זאריאדיע, און עפשער נאָך אָנהייבן א נייַע בויונג...

איבער מאָסקווע האָט זיך אראָפּגעלאָזט די נאכט. מיר זייַנען ביידע ארויסגעגאנגען אין דרויסן, אף דער ראזין־גאס, און פאר אונדזערע אויגן האָט זיך געעפנט א פארקישעפנדיק בילד: טויזנטער פייַערלעך האָבן געשייַנט פון זאריאדיע, פון „ראָסיִא".

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

פּעדאגאָגישער כוידעש־זשורנאל „שול און לעבן"

די טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע בא דער ליטערארישער סעקציע פון דער „קולטור־ליגע" פארעפנטלעכט אף די שפּאלטן פונעם זשורנאל א רעשימע טערמינען אין געביט פון זייגערמאכערייַ, געזאמלט דורכן היסטאָריקער און שפּראכקענער בער סלוצקי אין שטעטל האָראָדישטשע, קיִעווער גובערניע. מיר ברענגען דאָ א טייל פון דער רעשימע.

מינים זייגערס: טאשנזייגער, אנקער־זייגער, צילינדער־זייגער, ציבעלע־זייגער (אן אלטער מין זייגער, ווּ דאָס שפּינדל, וואָס רעגולירט דעם גאנג, באשטייט פון אן אקס מיט צוויי ציינדלעך), צופלעקט־זייגער (אן אלטער מין זייגער, ווּ עס איז פאראן א ספּעציִעל שפּינדל אף רעגולירן דעם גאנג), באָסטאָן־זייגער (אמעריקאנער סיסטעם), רעפּעטיר־פערטל־זייגער (ער קלינגט אלע פערטל שאָ און אלע שאָ), קייטן־טאשנזייגער (ענגלישע סיסטעם), בראסלעטן־זייגער, רעגוליאטאָר־זייגער, וואנטזייגער, טורעם־זייגער, טישזייגער, וועקער, וואנטקייטן־זייגער, קאלענדאר־זייגער, קוקושקע־זייגער.

די ווייַזערס: פערטל־ראָד, וועקסל־ראָד, שאָען־ראָד, מינוטן־ווייַזער, שאָענווייַזער, סעקונדע־ווייַזער, ווייַזער־וואל.

רעמאָנט־ארבעטן: אויסרייניקן, צורעכט מאכן (איןווארשע זאָגט מען רעפּערירן), אָפּציִען (צענעמען, אויסרייניקן און ארייַנגיסן פרישן אייל אין א נייַעם זייגער), אופציִען (אויך אָנציִען), אָנשטעלן, דרעלעווען, פייַלן, פּאָלירן, אָפּבייַסן (מיט א בייַסצווענגל), בויען, אָנפירן (דעם גאנג), שרויפן, פארשליסן, עפענען, לייטן, טאָקן, ניטן (צולאָזן, צופּאסן איין טייל צום צווייטן), פארניטן (פארקאָוען), געבן אייל (בוימל).

אין דער טערמינאָלאָגיע זייַנען, כוץ דעם, געבראכט די נעמען פון די באשטאנדטיילן פון פארשיידענע זייגערס, פון די אינסטרומענטן און רעזערוו־טיילן באם רעמאָנטירן זייגערס אאוו.

צייַטונג „רויטע ארמיי"

די צייַטונג (אָרגאן פון דער ייִדישער סעקציע פאר אינטערנאציִאָנאלער פּראָפּאגאנדע באם פּאָלקס־קאָמיסאריאט פאר מיליטערישע איניאָנים) פארעפנטלעכט כאִים גילדינס א ליד „עס גייען ארמייען", וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורעס:

עס גייען ארמייען, געשלאָסן די רייען,
עס דונערט א שוווּע אף לעבן און טויט,
אן עכאָ אין הימל, עס זינגען די שטיינער,
און רייען, באפלאטערט מיט פלאמיקע פענער,
זיך ציִען, ווי אָדלערס געפליגלטע, רויט.

אין די לעצטע שורעס פון דער ליד שרייַבט דער דיכטער: „פארשלאָסן די טהאָמען פון הערשער און שקלאפן, עס זייַנען די הימלען, ווי אָקאָרשט באשאפן..."

■

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

מוישע שאַפּיראָ

יידישע לעקסיקאָגראַפיע און דער ליטעראַרישער יידיש

אַנשטאָט א פאָרוואָרט

ז' ינט די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָט די יידישע לעקסיקאָגראַפיע א שפאַן געטאָן ווייַט פאָרויס. אינעם צייַט־אָפּשניט צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס איז אָנגעגאַנגען א ביז גאָר אינטענסיווע שע־פערישע ארבעט — אָן אַלגעמיין־לעקסיקאָגראַפישע און באַזונדערס א ספּעציעל־טערמינאָלאָגישע, וואָס איז געווען געבונדן מיטן אופבלי פונעם יידישן שולוועזן סייַ בא אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד, סייַ אין אויסלאַנד.

ס'איז ניט איבערצושאַצן דעם באַדייַט פון דער סאָוועטיש־יידישער טערמינאָלאָגישער ארבעט, פון אירע דער־גרייכונגען אין יענעם פעריאָד. און וויכטיק זייַנען ניט בלויז די טערמינאָלאָגישע ווערטערביכער, נאָר אויך און עפשער דעריקער די לערנביכלעך פאַר דער שול — לויט פאַרשיידענע דיסציפּלינען. דאָס איז געהעריק אָפּגעשאַצט אַפילע אין דער אויסלענדישער יידישער שפראַך־ליטעראַ־טור. דער באַוווּסטער „ייוואָ"־מיטאַרבעטער, דער לינג־וויסט יודל מארק, ריידנדיק וועגן דרייַ כוואַליעס אינעם קאַמף פאַר א יידישער קולטור־שפראַך, פאַרעכנט די דריטע כוואַליע צו די צוואַנציקער יאָרן פונעם 20־טן יאָר־הונדערט, „ווען די מאָדערנע וועלטלעכע שול אף יידיש האָט געמוזט אין מיזרעך־אייראָפּע מיט איין מאָל זיך דערשלאָגן צו דער פייִקייַט צו לערנען אלע לימודים כאָטש פון א מיטלשול אף יידיש"[1]. פאַרשטייט זיך, אַז געמיינט איז דאָ, אין דער ערשטער ריי, די דעמאָלדיקע ברייט צעצווייַגטע נעץ פון סאָוועטיש־יידישע מעלוכע־שולן. נאָכעם סטוטשקאָוו, דער אווטאָר פונעם פונדאַמענ־טאַלן ווערק „דער אויצער פון דער יידישער שפראַך"[2], גיט אָן אין דער ביבליאָגראַפיע א היפּשע צאָל סאָוועטישע לערנביכלעך אין יידיש, וואָס ער האָט אויסגענוצט פאַר זייַן בוך, ווי אויך טערמינאָלאָגישע ווערטערביכער, פאַר־

[1] אין „יידישע שפראַך", בב. IV — VI, ניו־יאָרק, 1952, ז. 36.

[2] א רעצענזיע וועגן „אויצער..." איז אָפּגעדרוקט אין „סאָוו. היימל.", נום. 3, 1966.

שיידענע טערמינאָלאָגישע עטיודן, צעוואָרפענע אין פע־ריאָדישע אויסגאַבעס פון יענער צייַט. דער פילאָלאָג כ. גינינגער ווייַזט אָן אין זייַן רעצענזיע אפן „אויצער..."[1] אף א ריי בלויזן, דערין אויך אף דעם, וואָס נ. סטוטש־קאָוו האָט ניט אויסגענוצט א ריי קוועלן, צווישן וועלכע ס'זייַנען אויסגערעכנט סאָוועטיש־יידישע טערמינאָלאָגישע און אַנדערע לעקסיקאָגראַפישע ארבעטן, אַזעלכע, ווי „רו־סיש־יידישער רעכטלעך־אדמיניסטראַטיווער ווערטערבוך" (קיִעוו, 1941)[2], ב. סלוצקיס „לעקסיקאָן פון פּאָליטישע און פרעמדווערטער" (קיִעוו, 1929), א. זאַרעצקיס „יידישע לינגוויסטישע טערמינאָלאָגיע" (אין דער זאַמלונג „פראַגן פון יידישער שפּראַך", מאָסקווע, 1938), א. זאַרעצקיס „עלעמענטאַר־מאַטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע" (אין „קול־טור און בילדונג", מאָסקווע, 1920) און אַנדערע.

נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע ווערט געטאָן א לעקסיקאָגראַפישע ארבעט פון מאָנומענטאַלן כאַראַקטער. מיר מיינען דערמיט קודעמקאָל דעם צענבענדיקן „גרויסן יידישן ווערטערבוך" (שוין דערשינען I ב. אין 1961, II ב. אין 1966, ביידע אין ניו־יאָרק), אויך דעם דערמאָנטן „דער אויצער פון דער יידישער שפּראַך" פון נ. סטוטש־קאָוו (ניו־יאָרק, 1950) און אוריעל ווייַנרייַכס ענגליש־יידישן — יידיש־ענגלישן ווערטערבוך (ניו־יאָרק, 1968). ווי באַוווּסט, ווערן געגרייט אויך בא אונדז צוויי גרעסערע ווערטערביכער — א רוסיש־יידישער און א יידיש־רוסי־שער.

לעקסיקאָגראַפיע בכלל, דערין אויך די יידישע, איז אפן ענגסטן אויפן געבונדן מיטן געשיכטלעכן וועג פון דער ליטעראַרישער שפראַך; אין יעדן באַשטימטן פעריאָד שפּיגלט זי אָפּ דעם צושטאַנד פון דער קאָנקרעטער נאַ־ציאָנאַלער שפּראַך, פון דער קולטור־שפּראַך. און אויב מיר קומען דאָ צו ריידן וועגן דער יידישער לעקסיקאָגראַ־

[1] אין „ייוואָ־בלעטער", ב. XXXV, ניו־יאָרק, 1951.

[2] וועגן דעם דאָזיקן ווערטערבוך גיט צו גינינגער: „לעפּי דאַטי, איז דאָ פאַראַן א סאַך פּסולעס אין דער טערמינאָלאָגיע, אָבער אף איר האָבן געאַרבעט ספּעציעלע מענטשן און צווישן זיי ניט קיין אַנדערער, ווי נאָכעם שטיף; ס'איז אַן ארבעט פון דער יידישער לינגוויסטיק".

פיע, וועגן אירע דערגרייכונגען און פעלערן, וועגן אונד־זער לעקסיקאָגראַפישער ארבעט הײַנט־צו־טאָג, קאָנען מיר ניט פארבײַגיין א רײ פראגן פונעם ליטעראַרישן ייִדיש, וואָס ס׳מוז זיי האָבן אין אויג יעדער ייִדישער לעקסיקאָ־גראַף, אויב ער וויל זיך ניט אָפּרײַסן פון דער קאָנקרע־טער שפּראַכלעכער וואָר, אויב ער איגנאָרירט ניט די ספּעציפֿיק פון אונדזער הײַנט.

א מערקווירדיקער יוביל —

הונדערט יאָר ערנסטע ייִדישע

לעקסיקאָגראַפיע

צוריק מיט הונדערט יאָר, אין 1869, דערשײַנט אין זשיטאָמיר דאָס ערשטע לעקסיקאָגראַפישע ווערק בא די רוסלענדישע ייִדן — די ערשטע אויפלאַגע פון יעשוע־מאָרדכע ליפשיצעס רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. דעם הונ־דערטיאָריקן פּעריאָד שליסט דער שוין דערמאָנטער אור־ריעל ווײַנרײַכס ווערטערבוך.

צוויי ווערטערביכער. אלץ איז אין זיי פארשיידן: צײַט און אָרט, די צווייטע שפּראַך, דער געשטעלטער ציל, דער אדרעסאַט, דער וויסנשאַפטלעכער ניוואָ, די סיסטעם פון טײַטשן, דער אויסלייג; אפילו די שאַרבלעטלעך קאָנען עפּעס זאָגן וועגן דער דיסטאַנץ צווישן אָט די צוויי לעק־סיקאָגראַפישע ווערק.

בא ליפשיצן: „ריסיש־יודישער ווערטר ביך — פון י. מ. ליפשיץ — בדפוס א. ש. שאַדאָוו״; בא ווײַנרײַכן: „מאָ־דערן ענגליש־ייִדיש — ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך — אוריאל ווײַנרײַך — פּראָפעסאָר פון ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור אויף דער קאַטעדרע א״נ פ. ז. אטראַן — קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט..., ניו־יאָרק, 1968״.

צוויי ווערטערביכער — צוויי עטאַפּן אין דער געשיכטע פונעם ליטעראַרישן ייִדיש.

אין אָנהייב — ליפשיץ, א ייִדישער אינטעליגענט אינעם ייִדישן טכום פון דעם צאַרישן רוסלאַנד, אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. דורכגעדרונגען מיט רע־וואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע אידייען, איז ער א קעמפער פאַר א מאסן־ליטעראַטור אין ייִדיש. ער דרוקט זײַן ווער־טערבוך אין א צײַט, ווען די עכט־קינסטלערישע ייִדישע ליטעראַטור האַלט נאָך בא די סאַמע אָנהייבן אירע. דער ייִדיש מענדעלע גייט, ווי באַוווּסט, אריבער צו ייִדיש ערשט אין דער מיט זעכציקער יאָרן; זײַן ערשט ווערק אין ייִדיש, „דאָס קליינע מענטשעלע״, דערשײַנט אין 1864, און ביזן 1869 גייט ארויס פון דרוק בלויז נאָך איין קליינע דערציילונג זײַנע — דער ערשטער וואַריאַנט פון „דאָס ווינטשפינגערל״. אזוי אז בייס ליפשיץ פּאַרענ־דיקט צום דרוק זײַן ערשטן ווערטערבוך[1], האָט נאָך קיין רייד ניט געקאָנט זײַן וועגן א ייִדישער קלאַסישער ליטע־ראַטור און אוודאי ניט וועגן א ייִדישער קלאַל־שפּראַך, וועגן אן אלפאַלקישן ליטעראַרישן ייִדיש.

און שוין אין אונדזער צײַט — אוריעל ווײַנרײַך. א וויסנשאַפטלער מיט א וועלט־נאָמען אין דער אלגעמיי־נער לינגוויסטיק און אײַנצײַטיק איינער פון די באַדײַטנ־דיקסטע ייִדישע פילאָלאָגן, שאַפט ער זײַן ווערטערבוך אין א צײַט, ווען די ייִדישע קינסטלערישע און פּובלי־ציסטישע ליטעראַטור האָט שוין באַוויזן דורכצומאַכן א לאַנגן וועג פון מענדעלען ביז די בעסטע ייִדישע וואָרט־מײַסטערס פון אונדזער צײַט און ווען ייִדיש האַלט שוין בא דער מאַדרייגע פון א רײַכער ליטעראַרישער שפּראַך, פון א קלאַל־שפּראַך, וואָס איז מעסוגל איבערצוגעבן די דינסטע שאַטירונגען פון געדאַנק און געפיל.

אָט די צוויי ווערטערביכער — ליפשיצעס און אוריעל ווײַנרײַכס — באַרעמלען, אַזויאַרום, דעם הונדערטיאָריקן וועג פון דער ייִדישער לעקסיקאָגראַפיע; דאָס איז איר אָנהייב און — דערווײַל — אירס א לעצט וואָרט. צווישן די צוויי ווערטערביכער ליגן באַזונדערע עטאַפּן אירע, וואָס זײַנען באַדינגט פון געוויסע עטאַפּן אין דער גע־שיכטע פונעם ליטעראַרישן ייִדיש און פון די גויראָלעס פון זײַנע שעפער און טרעגער — פונעם ייִדיש־ריידנדיקן פאָלק.

אין קאַמף פאַר ייִדיש

ליפשיצעס לעקסיקאָגראַפישע טעטיקײַט כאַפּט ארום די זעכציקער — אכציקער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונ־דערט. ביזן 1886 גייען ארויס דרײַ אויפלאַגעס פונעם רו־סיש־ייִדישן ווערטערבוך (די צווייטע — א פאַרבעסערטע), אין 1876 — ליפשיצעס א ייִדיש־רוסישער ווערטערבוך.

אין אָט די יאָרן גייט אָן א שאַרפער קאַמף פאַר דער עצעם עקזיסטענץ פון א ליטעראַרישן ייִדיש, און ליפ־שיצעס ווערטערביכער זײַנען אן אייגנאַרטיקער אָנשוילע־כער אויסדרוק פון אָט דעם קאַמף.

ווי געזאָגט, דערשײַנט די ערשטע אויפלאַגע פונעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך סאַכאַקל מיט א פינף יאָר נאָך מענדעלעס אָנהייב אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ליפשיץ און מענדעלע האָבן דאַן דאַן ביידע געלעבט אין בערדיטשעוו; געווען זײַנען זיי גוטעפרײַנט צווישן זיך, און ניט דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אפן לעקסיקאָגראַף, נאָר גראָד פאַרקערט — דער לעקסיקאָ־גראַף אפן שרײַבער האָט אופגעווירקט אין דער שטעלונג צו ייִדיש. אין מענדעלעס אריבערגאַנג פון העברעיִש צו ייִדיש, פון דער „הארנטע״ צו דער „שיפכע״ (לויט דער מאַסקילישער דיפערענצירונג), האָט ליפשיץ, זעט אויס, געהאַט א היפשן כיילעק. אין זײַן אווטאָביאָגראַפיע שרײַבט מענדעלע: „...די מערהײַט פאַרשטייט דאָך ניט די דאָזיקע שפּראַך [לאָשנקוידעש. — מ. ש.]... די ליבשאַפט צום נוצלעכן האָט אין מיר גוויווער געוואָרן... אויך אייניקע פון מײַנע גוטעפרײַנט זײַנען צו מיר צוגעשטאַנען [קור־סיוו — מײַנער. — מ. ש.], און צוזאַמען האָבן מיר באַ־שלאָסן צו ווירקן אפן רעדאַקטאָר פון „המליץ״, ער זאָל ארויסגעבן א צײַטונג אף דער שפּראַך פונעם פאָלק — דעם „קול מבשר״, און איך בין געוואָרן באַגײַסטערט און אָנגע־שריבן מײַן ערשטע דערציילונג — „דאָס קליינע מענ־טשעלע״. ס׳קאָן קיין שום סאָפעק ניט זײַן, אז מיט „מײַנע גוטעפרײַנט״ מיינט מענדעלע, אין דער ערשטער רײ, זײַן דעמאָלסדיקן בען־איר ליפשיצן, וועלכער איז געווען א היי־

[1] פריער מיט צוויי יאָר האָט י.־מ. ליפשיץ פאַרענדיקט אנדערע צוויי ווערטערביכער — א דײַטש־ייִדישן און א ייִדיש־דײַטשן, נאָר געדרוקט זײַנען זיי ניט געוואָרן, און קיין שפּורן פון די מאַנוסקריפּטן האָט מען ניט געפונען. זען „די ייִדישע שפּראַך״. נומ. 4—5, קיִעוו, 1929, ז. 3.

[1] פאַראַן א נאָטיץ פון מ. זאַנד וועגן אוריעל ווײַנרײַך (צו זײַן פריצײַטיקן טויט) אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ. 7, 1967 י.

סער פראָפאגאנדיסט פון ייִדיש און וואָס האָט אליין געדרוקט אין די זעכציקער יאָרן ארטיקלען און פאָפולערוויסנשאפטלעכע אָפּהאנדלונגען אין „קול מבשר“.

זאָל דאָ, אגעוו, געזאָגט ווערן: ניט בלויז „די ליבשאפט צום נוצלעכן“ האָט גויווער געווען אין מענדעלען. געוויס איז גערעכט יאנקעוו שטערנבערג, ווען ער שרײַבט וועגן דעם: „דאָס אוטיליטארע פאר זײַנע [מענדעלעס. — מ. ש.] אופקלערערישע טענדענצן איז געגאנגען האנט אין האנט מיט דער שיינקײַט, וואָס עס האָט צו אים ארויסגערעדט פון דער אויסטערלישער פאָלקס־שאַפונג — פון דער גערעדטער וואָכעדיקער שפראך“[1]. און לאָמיר צוגעבן: געוויס אויך און עפשער הויפּטזעכלעך האָט דאָ געהאט צו זאָגן דער אינערלעכער שעפערישער אימפּעראטיוו, וואָס טרײַבט דעם עכטן קינסטלער ווענדן זיך צו יענעם שפּראך־מאטעריאל, וואָס טויג זיך אמבעסטן פאר זײַנע קינסטלערישע צילן.

ליפשיצעס לעקסיקאָגראפישע און מענדעלעס ליטעראריש־קינסטלערישע שאפונגען אין ייִדיש זײַנען געווען א פאָרם פון קאמף בעפּויעל, מיט אקטיוון טאט, סײַ קעגן די שפּראך־אסימיליאטאָרישע און סײַ קעגן די מאסקיליש־העברעיִזאטאָרישע טענדענצן, וואָס זײַנען גענוג שטארק געווען צו יענער צײַט אין די קרײַזן פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. וועגן דער ביטל־באציִונג צו ייִדיש מיצאד די אסימיליאטאָריש געשטימטע „זשארגאָן“־פּרעסער קאָן געבן א בוילעטן באגריף א ווענדונג פון איינעם אזא „קולטור־טרעגער“ אָסיפּ ראבינאָוויטש. דורך לעוואנדען פּרוּווט ער זיך באקומען א דערלויבעניש ארויסצוגעבן א צײַטונג פאר ייִדן אין רוסיש. אין אָט דער ווענדונג צו לעוואנדען איז צווישן אנדערן געזאָגט: „...איך האָב פּאָרויס באוויזן, אז דער קאליעדיקער זשארגאָן, וואָס די רוסישע ייִדן ריידן, טויג ניט פאר בילדונג, ווײַל ניט נאָר ריין־פילאָסאָפישע איניאָנים, אפילע אזוי אן אָרנטלעכן געדאנק קען מען אין אים ניט אויסדריקן...“[2]

צו יענער צײַט אָבער, אין די זיבעציקער — אכציקער יאָרן, זײַנען אזעלכע, ווי אָסיפּ ראבינאָוויטש, געווען די מינדסטע געפאר פאר ייִדיש. דער איקער איז דאן געווען דער שטרײַט ארום אן אנדער פראגע: וועלכע פון די צוויי שפּראכן קאָן און דארף ווערן די נאציִאָנאלע שפּראך בא ייִדן — ייִדיש צי העברעיִש? אָט דער שטרײַט פארכאפּט דעם גאנצן קלאסישן פּעריִאָד פון דער ייִדישער ליטעראטור. וואקלונגען אין דער דאָזיקער ראדיקאלער פראגע זײַנען געווען בא די קלאסיקער גופע. באזונדערס איז עס שײַעך צו פּערעצן. דער אָנפאנגלעכער און איקערדיקער סטימול צו שרײַבן אין ייִדיש איז בא אלע דרײַ קלאסיקער אונדזערע געווען דער דעמאָקראטיש־אופקלערערישער. אין דעם פּראט איז מענדעלע געווען באזונדערס קאָנסעקוועגט, שאָלעם־אליי כעם — אָרגאניש, ווײַל צי קאָן דען געמאָלט זײַן שאָלעם־אלייכעם אָן ייִדיש? אנדערש איז עס מיט פּערעצן. וועגן געוויסע סימפּאטיעס זײַנע פאר העברעיִש שרײַבט גענויער דער סאָוועטישער שפּראכפאָרשער עליע ספּיוואק[3]. עמעס, ער פּרוּווט דערווײַזן, אז יענע ארויסזאָגונגען פּערעצעס, וואָס פארמינערן די ווערט פון ייִדיש און הייבן ארויס די ראָליע פון העברעיִש אלס נאציִאָנאלער שפּראך אונדזערער, זײַנען בא

[1] „סאָוועטיש היימלאנד“, נומ. 6, 1964.

[2] פון לעוואנדעס ארטיקל אין זשורנאל «Восход», סענטיאבער 1881.

[3] אין „סאָוו. היימל.“, נומ. 7, 1965.

אים, בא פּערעצן, עפּיזאָדישע, צופעליקע. עפּיזאָדיש איז, אשטייגער, לויט ע. ספּיוואקן, אזא שטעל בא פּערעצן: „... זשארגאָן האָט ניט קיין פּרעטענזיע צו פארטרעטן די מוטער־שטעלע אין א ייִדיש הויז. דאָס פלאץ פארנעמט און דארף פארנעמען לאָשנקוידעש... זשארגאָן איז נאָר א ניאנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען גיין, זיצן, אָנהייבן רעדן... דערנאָך — מעגט איר די ניאנקע ארויסווארפן... נאָר ווער עס וויל דאָס פאָלק קענען און ווער עס וויל דאָס פאָלק לערנען — דער מוז קענען און שרײַבן זשארגאָן“[1]. ס'איז אָבער פאראן א סמאך צו צווייפלען אינעם עפּיזאָדישן כאראקטער פון אזא ארויסזאָגונג. ס'איז גענוג דערצו דערמאָנען, וואָס פּערעץ שרײַבט מיט א יאָר שפּעטער, אין 1891, צו זײַנעם א מיטצײַטלער, א העברעיִש־ייִדישן שרײַבער יכנה"ז [י. נ. הכהן הרי־זהב, אָדער י.־נ. גאָלדבערג. — מ. ש.]: „חמתי עליך, אחי הסופר, כי כתבת אלי ז'ארגאָן. הז'ארגאָן אך כלי הוא לי להפיץ רעיונותי חוצה ולא תכלית... ואתה, הלא סופר עברי הנך. אני כותב ז'ארגאָן אך לאלה, אשר לא אדע, אם מבינים הם עברית“[2].

דערמיט ווערט, פארשטייט זיך, ניט אויסגעשעפּט די אן און פאר זיך אינטערעסאנטע פראגע וועגן דער שפּראך־אָריִענטאציע פון די קלאסיקער. דאָס איז אָבער ניט די טעמע פון אָט דעם ארטיקל. אונדז איז דאָ וויכטיק געווען בלויז צו ווײַזן, ווי ערנסט ס'איז געווען דער קאמף פאר ייִדיש אין די זיבעציקער־אכציקער יאָרן און ווי דרייסט ס'דארפן, אויב אזוי, אויסזען ליפשיצעס לעקסיקאָגראפישע אופטוען און זײַנע פּובליציסטישע ארויסטרעטונגען פאר א ליטעראטור אין דער שפּראך פון די ברייטסטע ייִדישע פאָלקס־שיכטן.

גאנצע אכצן יאָר זאמלט י.־מ. ליפשיץ מאטעריאלן און גרייט צום דרוק זײַן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, און אין דער דאָזיקער פּיִאָנערישער ארבעט געפינט ער צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ ווייניק אזעלכע, וואָס זאָלן אים מיטפילן און מיטהעלפן. אין דער הקדאָמע צו דער ערשטער אופלאגע פונעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך לייענען מיר: „...איך וואָלט... קיין גרעסער קאדאָכעס ניט באדארפט, אז איך זאָל מיך כאָלילע אונטערשטעלן צו פרעגן א ייִדישן געבילדעטן אזעלכע זאכן [וועגן ייִדישע ווערטער און טײַטשן צו רוסישע ווערטער. — מ. ש.]. מע האָט שוין אזוי אויך גענוג טערעס געמאכט פון מיר, אז מע פלעגט מיך אמאָל כאפּן מיט א נאָטיץ־ביכל אין די הענט, בעשאס איך האָב מיר פארצייכנט ייִדישע ווערטער, וואָס איך האָב גראָד דערהערט אָדער וואָס זײַנען מיר אײַנגעפאלן...“

אין יענער צײַט איז נאָך אויסגעקומען אין דער פּאָלעמיק מיט די ייִדיש־קעגנער צו דערווײַזן אזא פאר אונדז עלעמענטארן עמעס, אז די ייִדישע שפּראך האָט, באגלײַך מיט אנדערע שפּראכן, אירע פאָנעטישע און גראמאטישע געזעצן, הגם קיין געדרוקטע גראמאטיק איז ניט ארויסגעגעבן. כאַיִם זשיטלאָווסקי שרײַבט דאן: „...דאָס ייִדישע

[1] ציטירט לויט ע. ספּיוואקס ארטיקל — פונעם לייטארטיקל אינעם ערשטן באנד „ייִד. ביבליִאָטעק“, 1890.

[2] „איך בין אין קאס אף דיר, ברודער־שרײַבער, וואָס דו האָסט מיר געשריבן אין זשארגאָן. דער זשארגאָן איז בא מיר בלויז א געצײַג אף צו פארשפּרייטן מײַנע געדאנקען אויסנצו, אָבער ניט קיין ציל... און דו, דו ביסט דאָך א העברעיִשער שרײַבער. איך שרײַב זשארגאָן בלויז פאר די, וואָס איך ווייס ניט, צי זיי פארשטייען העברעיִש“. זען „ייִוואָ־בלעטער“, 1946, נומ. 1, ז. 200.

פאָלק און די ייִדישע שפּראַך האָבן איין מאָל: זיי דאַרפן באַווײַזן, אַז זיי זײַנען עמעסע... שטענדיק דאַרפן זיי האַלטן אָנגעגרייט אַ פּאַספּאָרט, אין וועלכן עס זאָלן זײַן אויסגערעכנט אַלע סימאָנים" [פון אַ פאָלק, פון אַ שפּראַך. — מ. ש.], און „טאָמער כאָלילע פעלט איין סימען — איז פּאָסל". און וועגן ייִדיש: „אַלע סימאָנים פון אַ שפּראַך: אייגענע ווערטער, אויסדרוקן, פאָלקסלידער, גלײַכווערטלעך, וויצן, מעמרעס", אָבער, טײַנען די אָפּשפּעטער פונעם „זשאַרגאָן" — „גראַמאַטיק? ווו איז גראַמאַטיק?.. איך גיי אַרויס אַ קוק טאָן, ווו איז דער פערדעלע, ערשט — ניטאָ דאָס פערדעלע, אַנטלאָפן די פערדעלע! — אַ שיינע גראַמאַטיק!"[1]..

ווי געזאָגט, פאַרציט זיך דער קאַמף פאַר אַ ליטעראַרישן ייִדיש אויף צענדליקער יאָרן. ערשט אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט קאָן שוין מיט פולן סמאַך שרײַבן דר. מאַקס ווײַנרײַך, אַז „מיר זײַנען שוין פּאָטער געוואָרן פון דעם פּאַפּירענעם שפּראַכן־קאַמף" און אַז „דאָס איז אַ סימען, ווי ווײַט מיר האַלטן שוין. „הײַנט, — שרײַבט ווײַטער מ. ווײַנרײַך — האָבן מיר שוין פּאָזיטיווע אויפגאַבן: ניט זאָגן, אַז ייִדיש איז די (אָדער אַ) נאַציאָנאַלע שפּראַך..., ניט ברענגען קיין רײַעס, אַז ייִדיש איז אויך אַ שפּראַך מיט אַלע שפּראַכן צוגלײַך, נאָר אויספאָרשן, וואָס פאַר אַ שפּראַך מיר האָבן, אין וואָס עס שטעקן אירע באַזונדערהײַטן, וויאַזוי זי איז אויסגעוואַקסן און וויאַזוי זי אַנטוויקלט זיך איצטער"[2].

און ס'הייבט זיך טאַקע אָן דער סאַמע גלענצנדיקער פּעריאָד אין דער געשיכטע פונעם ליטעראַרישן ייִדיש, פון ייִדיש־פאָרשונג און פון ייִדישער לעקסיקאָגראַפיע — די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן. און אין דער דאָזיקער געשיכטע שרײַבט אַרײַן אירע אייגנאַרטיקע אינהאַלטרײַכע זײַטלעך די סאָוועטיש־ייִדישע ווירקלעכקײַט, די ראַשע אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור, אַ נאַציאָנאַלער לויט איר פאָרם, אַ סאָציאַליסטישער לויט איר אינהאַלט. וועגן דעם, וואָס איז נעגייע צו דער סאָוועטיש־ייִדישער לעקסיקאָגראַפיע אין אָט די יאָרן, איז שוין געזאָגט אין סאַמע אָנהייב פון אונדזער אַרטיקל.

צווישן די זעכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט און דעם אָנהייב צוואַנציקער יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט ליגט אַ פאַרענדיקטער פּעריאָד — דער פּעריאָד פון אויפקום און אויסקריסטאַליזירונג פון אַן אַלפאָלקישן, ליטעראַרישן ייִדיש. ליפשיץ איז געשטאַנען בײַ זײַנע אויסגאַנג־פּונקטן; זאַמלענדיק און לעקסיקאָגראַפיש פאַרפיקסירן האָט ער געקענט בלויז די אויצרעס פון דער לעבעדיקער שפּראַך פון זײַן צײַט און פון זײַן געאָגראַפישן אַרום — פונעם אוקראַיִניש־וואָלינער גערעדטן ייִדיש, וועלכער האָט אָבער פאַרמאָגט גענוג פּאָטענצן אויף צו ווערן איינער פון די גרונטיקסטע עלעמענטן אין דער זיך פאָרמירנדיקער ליטעראַרישער ייִדישער שפּראַך, אַ שפּראַך צו שפּראַכן גלײַך.

נאָר צי טאַקע גלײַך? אין אַלע הינזיכטן?

[1] אין זײַן בוך „אין קאַמף פאַר פאָלק און שפּראַך". וואַרשע, 1917, ז. 79—80.

[2] מ. ווײַנרײַך. שטאַפּלען. בערלין, 1923, ז. 5.

באַזונדערקײַטן

פונעם ליטעראַרישן ייִדיש

באַם אָפּשאַצן לינגוויסטישע דערשײַנונגען דאַרף מען נעמען אין אַכט ניט בלויז די ריין־שפּראַכלעכע פאַקטאָרן, די עצעם סיסטעם פון דער שפּראַך און אַלץ, וואָס דרינגט פון איר אַרויס; מע מוז זיך אומקוקן אויך אויף אויסערלינגוויסטישע מאָמענטן, אויף יענע געזעלשאַפטלעכע טנאָיִם, וואָס רירן אָן אין דער־יענער מאָס די פונקציאָנירונג פון דער שפּראַך, די קאָנקרעטע אויסנוצונג פון איר סיסטעם.

ווען מאַקס ווײַנרײַך שרײַבט אין די צוואַנציקער יאָרן וועגן דער אויפגאַבע צו פאָרשן די באַזונדערקײַטן פון ייִדיש, מיינט ער, נאַטירלעך, זײַנע אינערלעך־שפּראַכלעכע אייגנטימלעכקײַטן — די לעקסיק, אידיאָמאַטיק, פּראָזאָדיע, די וואָרטבילדונג, וואָרט־ענדערונג, דעם סינטאַקס. דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, איקער־זאַכן, און אין יענע יאָרן איז די אויפגאַבע געווען בעפּיירעש אַזאַ. זי איז, אייגנטלעך, אַ פּערמאַנענטע; ביזוואַנען ס'לעבט אַ ליטעראַרישע שפּראַך, בלײַבט די דאָזיקע אויפגאַבע אויפן סיידער־האַיאָם פון די שפּראַכפאָרשער. מ'קאָן גיין נאָך ווײַטער: אפילו ווען אַ שפּראַך ווערט אַרויסגעשטויסן פונעם לעבן, הערט זי ניט אויף צו זײַן אַן אינטערעסאַנטער אָביעקט פון דער לינגוויסטיק (און פאַר דער געשיכטע פונעם געגעבענעם פאָלק).

דאָ אָבער אינטערעסירן אונדז אַנדערע באַזונדערקײַטן פונעם ליטעראַרישן ייִדיש, אַזעלכע, וואָס דער ייִדישער לעקסיקאָגראַף מוז זיי נעמען אין אַכט אויפן איצטיקן עטאַפּ אין דער געשיכטע פון ייִדיש. מיר מיינען דאָ די באַזונדערקײַטן פון ייִדיש אַלס ליטעראַרישער שפּראַך לעבן אַנדערע ליטעראַרישע שפּראַכן.

אין דער ייִדישער שפּראַך־ליטעראַטור, באַזונדערס אין פּובליציסטישע אַרטיקלען, קאָן מען טרעפן עמאָציאָנאַליזירטע, דיפיראַמבאַרטיקע אַרויסזאָגונגען, וואָס שטרײַכן אונטער די רײַכקײַט פון דער ייִדישער שפּראַך און איר רעכט צו געשטעלט ווערן אין איין ריי מיט די אַנטוויקלטע נאַציאָנאַלע ליטעראַרישע שפּראַכן פון אונדזער צײַט. טיפּיש אין דעם פּראַט איז, אַשטייגער, לילי בערגערס אַן אַרטיקל, ווו ס'ווערט געזאָגט: „אונדזער בידנע לאָשן איז אַזוי רײַך, אַז אין די רײַכסטע שפּראַכן איז שווער צו איבערזעצן פּערעצן, מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען, אַנדערע שרײַבער. אָפּאָנעם, די רײַכקײַט און טיפקײַט פון אַ שפּראַך מעסט זיך נישט נאָר מיטן וואָרט־אויצער, נאָר אויך מיטן גײַסט, מיט דער טיפקײַט פון דער נעשאָמע, מיט אירע צאַפּלענישן, מיט איר רײַכן און אייגנאַרטיקן אינערלעכן לעבן; און די, וואָס מאַכן אַזוי לײַכט און מיט אַזאַ ביטל אַוועק מיט דער האַנט אונדזער ייִדיש לאָשן, מעגן זיך דערוף פאַרטראַכטן"[1].

דאָס אַלץ איז אַזוי. נאָך מער, אומזיסט פאַרמינערט לילי בערגער די כשיוועס פון אונדזער וואָרט־אויצער; האָט דאָך מיטגעטיילט דער רעדאַקטאָר פונעם „גרויסן ייִדישן ווערטערבוך" יודל מאַרק, אַז, ווי מע רעכנט, וועט ער, דער דאָזיקער ווערטערבוך, אײַנשליסן בײַ אַ פערטל מיליאָן ווערטער. דאָ אָבער איז פאַר אונדז אין אַזעלכע אַרויסזאָגונגען, ווי לילי בערגערס, וויכטיק ניט אַזוי דאָס, וואָס ס'איז אין זיי יאָ דאָ, ווי דאָס, וואָס ס'איז אין זיי ניט פאַראַן. פאַרשטייט זיך, אַז די, וואָס ווײַזן אַרויס אַ ביטל־

[1] אין „מאָרגן־פרײַהײַט" פון 8 דעק. 1965.

באציִונג צו יִדיש, וואָלטן בא א מער ערנסטן צוגאנג געהאט אף וואָס זיך צו פארטראכטן. מיר זײַנען דאָ פולשטענדיק מאסקים מיט לילי בערגער. ס׳איז אָבער אויך קעדײַ זיך צו פארטראכטן אף די סיבעס, וואָס מאכן מעגלעך אזא, זאָל זײַן אומבאטראכטע, באציִונג צו אונדזער לאָשן; ס׳וועט דאָך קיינעם אפן געדאנק ניט קומען אוועקצומאכן מיט דער האנט דעם ליטערארישן רוסיש, פראנצויזיש, אויך אוזבעקיש צי קאזאכיש.

און דאָ קומען מיר צו הארט צו דער פראגע וועגן דער ספעציפיק פונעם ליטערארישן יִדיש לעגאבע אנדערע ליטערארישע שפראכן. מע קען אָפמערקן דרײַ באזונדערקײַטן זײַנע.

1) דער ליטערארישער יִדיש איז אין גרונט א געשריבענע — געלייענטע שפראך. א מאסנטימלעכע גערעדטע — געהערטע מאָדיפיקאציע זײַנע עקזיסטירט בלויז אין פאָטענץ; ס׳איז אָבער א פאָטענץ, וואָס ווערט ניט רעאליזירט. זאָל באלד באטאָנט ווערן: עס לעבט און וועט נאָך לאנג לעבן אויך א גערעדטער — געהערטער יִדיש; ער איז אָבער ניט ליטעראריש, און דער ליטערארישער ווערט ניט גערעדט. אזוי איז עס אין גרונט; די מינדלעכע שפראך פון די יִדיש־ריידנדיקע שיכטן איז פאָנעטיש און גראמאטיש אויסגעשפראָכן דיִאלעקטאל, און לעקסיש איז זי אין אונדזער צײַט, אלס קלאל, מאקאראָניזירט, „כאָצע גויִש, פאָלאָווינע יִדיש“. עמעס, א יִדישער קולטור־טוער קאָן אמאָל זיך צווינגען צו ריידן ווי ער שרײַבט, און אויב ער שטאמט פון ליטע צי פון ווײַסרוסלאנד, קאָן אמאָל זײַן מינדלעכע שפראך קלינגען גאנץ ליטעראריש. דאָס וועט אָבער זײַן א שפראך פון א יאָכיד, אין בעסטן פאל — פון יעכידים, פון אן ענגער קולטור־סוויווע, א מין קרײַזל־שפראך. ביכלאל אָבער ווייסט יִדיש בלויז פון איין מין ליטערארישער שפראך — פון שריפטלעכער.

יִדיש ווייסט דעריבער ניט פון קאמף פאר קולטור פונעם מינדלעכן וואָרט, פאר רייד־קולטור; ס׳בלײַבט בלויז קאמף פאר ריינקײַט און קלאָרקײַט פונעם געשריבענעם און געדרוקטן וואָרט, פון דער ביכער־שפראך.

ווי האלט עס אין דעם זין „בא לײַטן“?

אונטערשיידן צווישן מינדלעכן און שריפטלעכן וואָרט זײַנען פאראן אומעטום און אף אלע עטאפן אין דער אנטוויקלונג פון דער שריפט־שפראך.

די אנטשטייונג פון אן אויבערדיִאלעקטאלער שריפט־שפראך איז בא דער מערהײַט אייראָפעיִשע פעלקער געבונדן געווען מיט דער צעפאלונג פונעם פעאָדאלן סיידער, מיט דער אויסבילדונג פון א גרויסער מעלוכע, געוויינלעך — אף דער באזע פון יענער פעאָדאלער געגנט, וועלכע האָט איבער געוויסע היסטאָרישע (עקאָנאָמישע, געאָגראפישע און פאָליטישע) סיבעס — זיך דערהויבן איבער אלע אנדערע געגנטן. איר צענטער ווערט צוביסלעך ניט בלויז דער אדמיניסטראטיוו־פאָליטישער, נאָר אויך דער קולטור־צענטער פון דער געשאפענער מעלוכע, און די דאָקומענטאל־געשעפטלעכע שריפט־שפראך פון אירע קאנצעליאריעס, וואָס מוז זיך צופאסן צו די דיִאלעקטן פון אנדערע געגנטן, מיט א צומיש פון א טראדיציאָנעל־קירכלעכן עלעמענט, ווערט מיט דער צײַט די אלמעלוכישע שריפט־שפראך, וועלכע איז נאָך דערווײַל ניט קיין אלפאָלקיש־ליטערארישע.

דער נײַער פאָליטישער צענטער נעמט אין זיך ארײַן אקטיווע עלעמענטן פונעם גאנצן לאנד, פאָרשטייער פון פארשיידענע דיִאלעקטן און מונדארטן. אין אזא צענטער שאפן זיך גינסטיקע באדינגונגען פארן אופקום פון א מינדלעכן דיִאלעקטן־געמיש, פון אן אזויגערופענעם קוינע (מיטן אקצענט אפן לעצטן טראף), וועלכער איז מער־ווייניקער פארשטענדלעך אין אלע געוועזענע פעאָדאלע געגנטן. ער באווירקט וואָס אמאָל אלץ שטארקער די שריפט־שפראך, וועלכע ווערט אזויארום אן אלפאָלקישע, א נאציאָנאלע, אָבער אין אָנהייב נאָך ניט קיין שטרענג נאָרמירטע. אזוי קומט פאָר „די קאָנצענטראציע פון דיִאלעקטן אין אן איינהײַטלעכער נאציאָנאלער שפראך, א באדינגטער פון עקאָנאָמישער און פאָליטישער קאָנצענטראציע“[1].

אזא איז די סכעמע. בא אייניקע פעלקער איז עס צוגעגאנגען א ביסל אנדערש. אשטייגער, אין דער אויסבילדונג פון דער ענגלישער נאציאָנאלער שפראך האָט א געוויסע ראָליע געשפילט „צונויפקרייצונג און צונויפמישונג פון נאציעס“[2].

אינעם אויסארבעטן די נאָרמעס פון דער נאציאָנאלער שפראך נעמען דעם גרעסטן אָנטייל די שעפער פון דער קינסטלערישער ליטעראטור, קוידעמקאָל די קלאסיקער, וואָס ניצן אויס דאָס בעסטע, דאָס זאפטיקסטע און דאָס פארביקסטע אין דער מינדלעכער פאָלקסשפראך. די פובליציסטיק, די וויסנשאפטלעכע ליטעראטור טראָגן ארײַן זייער וויכטיקן צושטײַער אין דער נאציאָנאלער שפראך. שפראכפאָרשער פאראלגעמיינערן אָט דעם מאטעריאל, מאכן זייערע נאָרמאטיווע אויספירן. אזוי ווערט די נאציאָנאלע שפראך א נאָרמירטע ליטערארישע שפראך; אירע נאָרמעס ווערן אָבליגאטאָריש פאר די מעלוכישע און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, פאר דער בילדונגס־סיסטעם. איצט גייט שוין א פארקערטער פראָצעס: די אנטשטאנענע נאָרמירטע ליטערארישע שריפט־שפראך באווירקט די מינדלעכע שפראך. אין די גרעסערע צענטרען ווערט זי א מאסן־שפראך, וואָס פארהיט דאָך די אייגנטימלעכקײַטן פון מינדלעכע רייד לעגאבע שריפטלעכער שפראך. ס׳קומט אזויארום אויף א מינדלעכער וואריִאנט פון דער ליטערארישער שפראך, וואָס פארנעמט מיט דער צײַט געוויסע פאָזיציעס אויך אין די פעריפעריע־שטעט און יִישוווים און אפילע אין דאָרף — דורך דער שול, דורך דער פרעסע, דורכן אדמיניסטראטיוון אפאראט, דורך מיליטער־דינסט.

הייסט עס, ס׳הייבן אָן גילטן צוויי מינים ליטערארישע שפראך — א שריפטלעך־ביכערדיקע און א מינדלעך־אומגעגנגלעכע. ביידע זײַנען זיי אלפאָלקישע, ביידע זײַנען זיי קעגנגעשטעלט צו די אָרטיקע מונדארטן און ריידענישן. אין אירע ביידע מאָדיפיקאציעס איז די ליטערארישע שפראך א שאפונג פונעם פאָלק. „די אײַנטיילונג פון דער שפראך אף ליטערארישער און פאָלקס־שפראך, — שרײַבט מ. גאָרקי, — באטײַט בלויז דאָס, אז מיר האָבן, אזוי צו זאָגן, א „רויע“ שפראך און אזא, וואָס ס׳האָבן זי באארבעט מײַסטערס“[3].

נו, און יִדיש?

אויך דער ליטערארישער יִדיש איז „די העכסטע פאָרם פון דער אלפאָלקישער שפראך, דער רעזולטאט פון דער שפראכשאפונג פונעם גאנצן פאָלק בעראָש מיט זײַנע פראָמינענטע וואָרטמײַסטערס“[4]. ער האָט אָבער געשעפט

[1] *В. И. Ленин. Сочинения. Изд. 4, стр. 368.* [2] Там же.

[3] А. М. Горький. О литературе. М., 1953, стр. 328.

[4] А. И. Ефимов. История русского литературного языка. М., 1961, стр. 5.

בלויז פון איין פאָלקסקוואַל — דירעקט פון די מונדאַרטן און דיאַלעקטן. קיין ייִדישער מינדלעכער אַלפאָלקישער דיאַלעקטן־געמיש, קיין שום ייִדישער קוינע איז אין קיין גרויסן צענטער ניט אויפגעקומען. געווירקט האָבן אינעם ייִדישן טכום עטלעכע קולטור־צענטרען, און יעדערער פון זיי האָט צוגעצויגן צו זיך מענטשן פון זײַן פּעריפעריע (ווילנע אין דער ליטע, וואַרשע — אין פּוילן, קיִעוו — אין אוקראַיִנע), אַזוי אַז דער מינדלעכער ייִדיש פון אַזעלכע צענטרען איז פאַרבליבן אַ דיאַלעקטאַלער. ייִדישע קולטור־צענטרען אויסערן געוועזענעם טכום, אַזעלכע, ווי פּעטערבורג, מאָסקווע, האָבן יאָ אַרײַנגענומען עלעמענטן פון פאַרשיידענע געגנטן, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ייִדיש־דיאַלעקטן, וועלכע האָבן אָבער ניט אויסגעבילדעט קיין קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסע; זייער מינדלעכע שפּראַך איז, כּוץ קליינע אויסנאַמען, געווען רוסיש; ייִדיש איז טיילווײַז פאַרבליבן דאָרט אַלס ריידשפּראַך בלויז אינעם אינערלעכן שטוב־געברויך פונעם עלטערן דאָר.

אַן אויסנאַם איז עפּשער אָדעס. די ראַשע אַנטוויקלונג פון אָט דער דאָרעמדיקער פּאָרט־שטאָט האָט צוגעצויגן צו זיך מענטשן פון אַלע עקן לאַנד, דערין אַ היפּשן פּראָצענט ייִדן, וואָס האָבן גערעדט אין פאַרשיידענע ייִדיש־דיאַלעקטן. האָט אָבער די מינדלעכע שפּראַך זייערע אין דער דאָזיקער עקזאָטיש באַפאַרבטער שטאָט מיט דער צײַט באַקומען אַ באַזונדערן, אויך עקזאָטישן קאָלאָריט. די ייִדישע „אָדעס־מאַמע" האָט אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן רוסיפיצירט איר ייִדיש, פּונקט ווי זי האָט ייִדישיזירט איר רוסיש. און וועגן אַן אייכעסדיק אַנדערשדיקן אָדעסער ייִדישן קוינע, וואָס זאָל קאָנען ווערן די באַזע פונעם זיך פאָרמירנדיקן ליטעראַרישן ייִדיש, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן.

די שטרעבונג צו איינהייטלעכקייט איז אָבער געווען גענוג שטאַרק. דאָס געדרוקטע ייִדישע וואָרט האָט געמוזט אויסרעכענען אַף לייענער פון אַלע טכום־געגנטן; די פאַראייניקייטלעכנדיקע טענדענצן האָבן זיך דעריבער געלאָזט פילן סײַ אין דער פּובליציסטיק, סײַ אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אין דעם פּראַט האָט גאָר אַ וויכטיקע ראָליע געשפּילט מענדעלע מוכר־ספרים. שטאַמענדיק פון דער ליטע, האָט ער געשאַפן זײַנע ווערק אַפן אוקראַיִנישן באָדן. „באַאַרבעטן" האָבן אונדזערע „וואָרטמײַסטערס" געמוזט דעם דיאַלעקטאַלן שפּראַכשטאָף, אָפּקלײַבנדיק דאָס בעסטע, וואָס טויג אין אים פאַרן גאַנצן פאָלק. מענדעלען איז עס גרינגער געווען, איידער די איבעריקע קלאַסיקער. שאָלעם־אַלייכעם געהערט אינגאַנצן, בערוישוי ווערובוי, צו אוקראַיִנע, פּערעץ — צו פּוילן. און אויב אַלע דרײַ קלאַסיקער, פּונקט ווי זייערע מיטצײַטלער — שרײַבער פון פאַרשיידענע געגנטן, קינסטלער און פּובליציסטן, — האָבן געקאָנט זיך באַטייליקן אין דעם דאָזיקן „באַאַרבעטונגס"־פּראָצעס, אויב ס'איז בכלל מעגלעך געווען צו געפינען די ריכטיקע פּשרה צווישן די דיאַלעקטן און שאַפן אַן איינהייטלעכן אַלפאָלקישן ליטעראַרישן ייִדיש, האַגאַם קיין מינדלעכער קוינע איז סטיכייִש ניט אויפגעקומען, — איז עס דערפאַר, וואָס די דיאַלעקטאַלע אונטערשיידן אין דער לעקסיק, אידיאָמאַטיק און פּראָזאָדיע זײַנען אין ייִדיש ניט גאָר באַדײַטנדיק, און אין דער שריפט־שפּראַך אונדזערער זײַנען די שאַרפע אויסשפּראַך־אונטערשיידן גיט קאָנטיק, ווײַל אונדזער אויסלייג איז דאָך אינטערדיאַלעקטאַל: שרײַבן שרײַבט מען דאָך אומעטום אַלצײנס. ניט מער, אַז ס'קומט צום לייענען דאָס געשריבענע, בלײַבט יעדערער טרײַ זײַן דיאַלעקט, און דער זעלבער וואָקאַל, אַשטייגער, דער „אָ", קלינגט בײַ איינעם ווי דער רוסישער o, בײַם אַנדערן — ווי דער רוסישער y...

אַזוי צי אַנדערש — שפּראַך־איינהייטלעכקייט האָט פאַר ייִדיש צו טאָן בלויז מיטן געדרוקטן וואָרט, און פּראַקטיש מיינט מען מיט „ליטעראַרישן ייִדיש" בלויז דעם שריפטלעך־ביכערישן ייִדיש.

2) אין אונדזער צײַט איז ייִדיש אַ פּאָליטעריטאָריעלע שפּראַך. ייִדיש רעדט מען אַף אַלע פינף קאָנטינענטן. דאָס איז אַזאַ באַזונדערקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר איייניקע אַנדערע שפּראַכן, אַשטייגער, פאַר ענגליש — מיט דעם כילעק, וואָס ענגליש איז אַף פאַרשיידענע טעריטאָריעס די מעלוכישע שפּראַך און פאַרמאָגט דערצו אויך אַ מינדלעכן וואַריאַנט פון דער ליטעראַרישער שפּראַך.

ייִדיש איז ניט שטענדיק געווען פּאָליטעריטאָריעל. ביז די לעצטע יאָרצענדליקער פונעם 19־טן יאָרהונדערט איז ער געווען אין גרונט אַ טעריטאָריעלע שפּראַך (ניט, ווי מע וויל האָבן, אַן עקסטעריטאָריעלע); זײַן טעריטאָריע איז געווען מיזרעך־אייראָפּע, עמעס, ניט דורכויסיק, נאָר אין צעוואָרפענע ייִשוּווים מיט אַ קאָמפּאַקטער ייִדישער באַפעלקערונג. ערשט שפּעטער, זינט די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז דער מעכטיקער עמיגראַנטן־שטראָם גוירעם די אַנטשטייונג פון אַ ייִדיש־ריידנדיקער מאַסע אין ביידע אַמעריקעס, אין מײַרעוו־אייראָפּע (ענגלאַנד, פראַנקרײַך), אין אַזיע (איצטיקער ייִסראָעל), אין דאָרעם־אַפריקע און אין אַוסטראַליע.

3) נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע ענדערט זיך ראַדיקאַל דער באַשטאַנד פון ייִדיש־ריידער (און ייִדיש־לייענער). ייִדיש איז איצט די מוטערשפּראַך און טיילווײַז די ריידשפּראַך דעריקער פונעם מיטעלן און עלטערן דאָר. אַזוי איז עס בײַ אונדז, אַזוי איז עס אין גרונט אומעטום.

און ווילן מיר באַזיניקן ווי געהעריק אונדזער גאָרע קולטור־אַרבעט אין ייִדיש, דאַרפן מיר זײַן רעאַליסטיש און זען די שפּראַך־ווירקלעכקייט אַזאַ, ווי זי איז. בלויז דאַן וועט אונדז קלאָר זײַן, וואָס האָבן מיר און וואָס דאַרפן מיר טאָן. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק פאַר אונדזער לעקסיקאָגראַפישער אַרבעט.

אין זינען האָבנדיק אָט די דרײַ באַזונדערקייטן, קומען מיר איצט צו באַטראַכטן די אויסערסט אינטענסיווע לעקסיקאָגראַפישע אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אינעם נאָכמילכאָמעדיקן פּעריאָד, און געבן איר, לויט אונדזערע באַשיידענע מעגלעכקייטן, די געהעריקע שאַצונג.

באַטראַכטן וועלן מיר אין אַ ווײַטערדיקן אַרטיקל: 1) דעם „גרויסן ייִדישן ווערטערבוך" (די שוין דערשינענע צוויי בענדער), 2) אוריִעל ווײַנרײַכס „מאָדערן ענגליש־ייִדיש — ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך", 3) אין עטלעכע צוגאָב־ווערטער אויך דעם שוין רעצענזירטן „אויצער פון דער ייִדישער שפּראַך" פון נאָכעם סטוטשקאָוו.

■ ■ ■

הירש רעלעס

זייערע נעמען זײַנען אויסגעקריצט אפן מעמאָריאַל־טאָוול

ייִדישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד, וואָס זײַנען אומגעקומען אף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע

הענעך שוועדיק

הענעך שוועדיק פלעגט זײַן שטאַרק זשעדנע צו א שאַרפן וויץ. איבערהויפּט איז בא אים געווען אַנטוויקלט דאָס געפיל פון קאָמיזם. קאָמישע מאָמענטן האָט ער באַמערקט דאָרט, ווו קיינעם פלעגט אפילע ניט אײַנפאַלן זיי צו זוכן.

ער איז געווען פאַרליבט אין קונסט, איבערהויפּט אין פּאָעזיע. ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט לידער, און ווייניקער פון אַלץ מיט זײַנע אייגענע. די בעסטע ווערק פון אַנדערע פּאָעטן האָט ער געקענט אף אויסווייניק און פלעגט זיי אָפט דעקלאַמירן.

אים האָט געצויגן צו מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט צו פּאָעזיע דעם זעלבן כוש, ווי ער.

דער קריטיקער הירש בריאַזקין דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך באַפרײַנדעט מיט שוועדיקן.

ווען בריאַזקין איז געקומען צו פאָרן קיין מינסק האַלטן עקזאַמען אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, איז שוועדיק שוין געווען א דיכטער, ער האָט זיך געדרוקט אין צײַטונגען און זשורנאַלן. אין קאָרידאָר פון פּעדינסטיטוט האָבן זיי צופעליק פאַרפירט א שמועס צווישן זיך וועגן דער ייִדישער פּאָעזיע. בריאַזקין האָט געזאָגט, אַז אים געפעלן האָפּשטיין און פינינבערג. שוועדיק האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. אין יענעם טאָג זײַנען זיי שאָענלאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון מינסק און גערעדט וועגן פּאָעזיע.

פון דעמלט אָן האָבן זיי זיך באַפרײַנדעט.

ניט יעדערער פון די יונגע פּאָעטן האָט געוואָגט לייענען שוועדיקן לידער. צו דיכטונג האָט ער זיך באַצויגן שטרענג און האָט דעם אויטאָר ניט געשוינט. ניט קיין געלונגענער פאַרגלײַך האָט אים נערווירט און פלעגט אָפט אַרויסרופן בא אים צאָרן. ער האָט געקאָנט זײַן מיט א דיכטער דער בעסטער כאַווער, נאָר אויב די ליד איז אים ניט געפעלן געווען, פלעגט ער אָן דריידלעך אַרויסזאָגן וועגן איר אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט.

וי עס טרעפט בא פּאָעטן, האָט שוועדיק זיך באַצויגן צו פּאָעזיע סוביעקטיוו. ניט שטענדיק איז ער, מעגלעך, געווען גערעכט, נאָר ער איז געווען ערלעך, אָפנהאַרציק. ווי ער האָט געטראַכט, אַזוי האָט ער גערעדט.

מיר איז אויסגעקומען אין משעך פון צוויי יאָר אַרבעטן צוזאַמען מיט שוועדיקן אין רעדאַקציע פון דער ווײַסרוסישער קינדער־צײַטונג „פּיאָנער בעלאַרוסי". אין אָט דער צײַט האָב איך זיך מיט אים באַזונדערס באַפרײַנדעט.

אָפט פלעג איך פאָרן מיט אים אין קאָמאַנדירונגען. די דאָזיקע רײַזעס האָבן זיך מיר פאַרגעדענקט אפן גאַנצן לעבן. מיט שוועדיקן אַרומפאָרן איז געווען פּאַשעט א פאַרגעניגן.

ער איז געווען זייער פייִק צו סצעניִשער קונסט. איינמאָל, געדענק איך, ווען מיר זײַנען געפאָרן אין א דאָרף לעם באָריסאָוו, האָט ער דעם גאַנצן וועג געשפּילט פאַר מיר די ראָל פון קוני־לעמל. וועגן וואָס איך זאָל ניט ריידן מיט אים, האָט ער אף אַלץ געענטפערט מיט דער אינטאָנאַציע פון קוני־לעמלען.

דאָס דאָרף, וווהין מיר זײַנען געפאָרן, האָט זיך געפונען א קילאָמעטער זיבן פון באָריסאָוו. אפן וועג האָט אונדז געכאַפּט א רעגן. מיר זײַנען געווען לײַכט אָנגעטאָן. ווו צו באַהאַלטן זיך, איז ניט געווען. דערצו האָט געבליצט און געדונערט. שוועדיק האָט מיר פאַרגעשטעלט, וויאַזוי ס'וואָלט זיך אויפגעפירט קוני־לעמל, ווען ער פאַלט אַרײַן אין אַזא לאַגע.

— וואָס האָט זי אונדז געדאַרפט שיקן, דער געהילפס־רעדאַקטאָר, וואָס? — האָט ער געטײַנעט. — קיין אַנדער טאָג האָט זי ניט געקאָנט אויסקלײַבן, קיין אַנדער טאָג?

בא יעדן דונער פלעגט ער פאַרקוועטשן די אויגן און אײַנבייגן זיך:

— אוי, ווי איז מיר, אוי!

ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר זײַנען געווען דורכגענעצט אף דורך און דורך, איז די שטימונג בא אונדז געווען א דערהויבענע. איך האָב זיך פּאַשעט געקאַטשעט פון געלעכטער.

דערנאָך, געדענק איך, איז אונדז אויסגעקומען איבערגיין איבער א דינער קלאָדקע. שוועדיק איז דורכגעגאַנגען

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5 פאַרן 1969.

בעשאָלעם. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, מוירע געהאַט אַרײַנפאַלן אין וואַסער.

— וואָס האָסטו מוירע, וואָס? — האָט שוועדיק געטײַנעט. — סײַווי ביסטו דאָך נאַס, ווי א האָן, ביסטו דאָך.

כ׳האָב זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט.

שוועדיק איז געשטאַנען מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט, דעם קאָפּ פאַריסן צום הימל, שפּעטשענדיק דערבײַ מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט טפילע געטאָן צו גאָט, אַז אַלץ זאָל מיט מיר אַדורך בעשאָלעם.

פּיטש־נאַסע, זײַנען מיר אַרײַן אין דער ערשטער שטוב פון דאָרף. מע האָט אונדז אופגענומען גאַסטפרײַנטלעך. מיר האָבן זיך אָנגעטאָן אין לײַוונטענע הויזן און אַרמיאַקעס, וואָס מע האָט אונדז געגעבן. אונדזערע קליידער האָט מען אויסגעהאַנגען אַפן אויוון טריקענען.

באַלד זײַנען געקומען עטלעכע יאַטן און האָבן אונדז פאַרגעלייגט געבן א קאָנצערט. זיי האָבן געמיינט, אַז מיר זײַנען אַרטיסטן־קאָמיקער. זאָגן, ווער מיר זײַנען, האָט שוין ניט געפּאַסט: ס׳וועלן אַוועק אַנעקדאָטן וועגן אונדז. האָב איך זיך פאַרופן אַף דעם, אַז מיר האָבן „א פּראָגראַם" אין שכייניסדיקן דאָרף, און מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג.

שוועדיק האָט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס פאַרויסגעזאָגט, אַז מיר וועלן נאָך האָבן גענוג צאָרעס פאַר דעם, וואָס מיר „פאַרשטעלן זיך פאַר אַרטיסטן".

און אַזוי איז טאַקע געווען.

מיר זײַנען געקומען אין שכייניסדיקן דאָרף אַזייגער זיבן אין אָוונט. און ווײַל מיר האָבן געדאַרפט עקסטרע צושטעלן אין רעדאַקציע דעם מאַטעריאַל, זײַנען מיר גלײַך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מיר האָבן געדאַרפט אָנשרײַבן אַן אַרטיקל וועגן דעם, וויאַזוי קינדער העלפן פאַרשפּרייטן אָבליגאַציעס. וועגן אָט דעם איניען האָבן מיר געשמועסט מיטן פאָרזיצער פון דאָרפּראַט, מיט לערער און מיט קינדער. גענעכטיקט האָבן מיר באַ אַן אַלטער פויערטע. אַזייגער איינס באַנאַכט קלאַפּט מען. די פויערטע האָט מוירע געהאַט עפענען.

— ווער איז דאָס? — האָט זי געפרעגט.

— מיליציע.

די טיר האָט זיך צעעפנט.

— ווו זײַנען דײַנע קוואַרטיראַנטן? — האָט זיך דערהערט א קאָל.

אַן עלעקטרישער לאַמטערן האָט גלײַך באַלויכטן דעם צימער, ווו מיר זײַנען געשלאָפן. אין שטוב זײַנען אַרײַן פיר מאַן. צווישן זיי א מיליציאָנער.

— אײַערע דאָקומענטן!

די פויערטע האָט אָנגעצונדן א לאָמפּ און מיט שרעק געטײַנעט:

— גיי ווייס, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן. שטענדיק האָב איך צאָרעס איבער מײַן גוטסקייט.

דער מיליציאָנער האָט אופמערקזאַם באַטראַכט אונדזערע פּאַספּאָרטן. איבערצײַגנדיק זיך, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט ער זיך פאַר אונדז אַנטשולדיקט.

— וואָס כאַלעמט זיך אײַך? — איז אַרויס די פויערטע מיט לאָשן. — איר זעט ניט, אַז זיי זײַנען לײַטישע יאַטן?

מע האָט אונדז אָנגענומען פאַר אַרטיסטן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז מיר זײַנען גאָר קאָרעספּאָנדענטן. ווי זאָל ניט פאַלן קיין כשאַד?

אַן אַנדערשמאָל איז אונדז פאָרגעשטאַנען אָנשרײַבן א פאַרצייכענונג וועגן דעם, ווי וויטעבסק האָט זיך געענדערט פאַר די יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט.

— פון וואָס וועלן מיר אָנהייבן? — פרעג איך באַ שוועדיקן, ווען מיר זײַנען אין וויטעבסק אַרויס פון האָטעל.

— ווייסטו וואָס, לאָמיר גאָר צוגיין א קוק טאָן די בילדער אין דער קונסט־גאַלעריי פון יעהודע פּען...

מיר איז אויסגעקומען מאָדנע. אָט אײַלט ער זיך וואָס גיכער אָרגאַניזירן דעם מאַטעריאַל, און אָט פּלוצלינג האָט זיך אים גאָר פאַרוואָלט אין גאַלעריי אַרײַן.

— קוידעמקאָל דאַרף מען אָרגאַניזירן דעם מאַטעריאַל, — האָב איך אים געזאָגט.

— איי, איי, איי... — האָט שוועדיק פאַרדריסלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ. — מײַן גאַנצע לערע איז אַרויסגעוואָרפן אַפן ווינט. און איך האָב געמיינט, אַז ער איז שוין געוואָרן א גענייטער זשורנאַליסט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די גאַלעריי האָט עפּעס א שײַכעס צו דער טעמע פון אונדזער פאַרצייכענונג, און בין געהאָרכזאַם אַוועק אַהין.

שוועדיק האָט אופמערקזאַם באַטראַכט יעדער בילד. פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן געמעל פונעם האַפן אַפן ברעג פון דער דווינע. באַם טײַך זעען זיך אַלטע כורוועס.

— אָט אַזוי האָט אויסגעזען וויטעבסק אַמאָל! — האָט זיך באַ מיר אַרויסגעריסן. — א גוטער אָנהייב פאַרן אָטשערק.

— אַהאַ, מאַלאַדיעץ, — פּאַטשט מיך שוועדיק איבער דער פּלייצע.

אין אָוונט האָבן מיר שפּאַצירט איבער דער שטאָט. אין א הילצערנער שטוב איז געזעסן א מיידעלע באַם אָפענעם פענצטער און האָט געלייענט א בוך. שוועדיק האָט באַ איר געפרעגט, וואָס לייענט זי.

— „די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט".

— נו, איז דאָס ניט קיין טעמע פאַר א ליד? — ווענדט זיך צו מיר שוועדיק.

— א גרויסע זאַך! אַזוינס ווערסטו זען אומעטום.

— באַמערקסט דאָך ניט דעם איקער.

איך האָב זיך גוט צוגעקוקט און גאָרנישט ניט באַמערקט.

— ביסט בלינד, צי וואָס? קוק זיך צו בעסער! אַפן ראָג פון גאָגאָל־גאַס און פערעץ־גאַס לייענט א מיידעלע זשול ווערנס א בוך...

אין א קורצער צײַט אַרום איז געווען אָפּגעדרוקט אונדזער פאַרצייכענונג, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען באַם רעדאַקטאָר.

וויפל מיר איז ניט אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט שוועדיקן, האָב איך אים קיינמאָל ניט געזען אין א שלעכטער שטימונג, כאָטש איבערגעלעבט האָט ער פיל. זײַנע איבערלעבונגען פלעגט ער אויסדריקן אין לידער.

שוועדיקס דיכטונג טיילט זיך אויס מיט אָריגינעלקייט און פרישקייט. אָט דערמאָנען זיך מיר פערזן פון זײַן ליד „פרילינג":

די ביימער זײַנען לאַנג געשווּמען
ביז קני אין וואַסער אינעם סאָד,
דערנאָך האָט זיך צוניפגענומען
דער ברייטער טײַך. אַזאַ מין שאָד!

פאַרשווּנדן איז דער גרויסער שפּיגל,
ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געווען.
דער סאָד וועט זען אַי גראָז, אַי הימל,
נאָר זיך אַליין וועט ער ניט זען.

ווען איך וואָלט אפילע ניט געוווּסט, וועמעס ליד דאָס איז, וואָלט איך גלייַך דערקענט, אז ס׳איז שוועדיקס, זייַן ארט מאָלן די נאטור, זייַן נוסעך.

אליין שוועדיקן קאָן מען איבערהויפּט דערקענען אין זייַן ליד „שווער צו זייַן א זאפּעוואלע“, א פּאָשעטע סאָלדאטישע ליד, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן מיט א קורצער צייַט צוריק, איידער ער איז געפאלן אין שלאכט...

שימען לעלטשוק

פרילינג 1937 באגעגנט מיך איינמאָל אין דער סטודענטישער גאָרקיך דער דיכטער־אָנפאנגער פיניע פלאָטקין און זאָגט:

— ווילסט הערן אינטערעסאנטע לידער? אָט וועט באלד אריַין א יאט פון פּאָלעסיע. ער שטייט דאָרט בא דער קאסע.

און טאקע, ס׳האָט זיך באוויזן א הויכער געזונטער יונג אין א לייַוונטן העמדל מיט אויסגענייטע בלימעלעך אפן קאָלנער און אין הויזן פון גראָבער וואָל, אין געזונטע שיך אף גומענע פּאָדעשוועס. דאָס פּאָנעם באם יונג איז געווען א לענגלעכס, די האָר בלאָנדע, גלאטע, א טיפּישער פּאָלעשוק.

— לעלטשוק, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט.

דער יאט איז געווען ייִנגער פון מיר, און איך בין גלייַך פון אָנהייב געווען מיט אים אף „דו“.

— זאָג בעסער, ווי הייסטו. דייַן פאמיליע וועסטו אָנרופן, ווען דו וועסט קומען אין אן אנשטאלט.

— שימען, — האָט ער געענטפערט און דערבייַ מיט די אויגן געזוכט פאר זיך א טישל.

ווען מיר האָבן שוין פארנומען די פרייַע ערטער און געווארט אף דער אָפּיציִאנטקע, האָט לעלטשוק געלייענט אויסווייניק א ליד וועגן דעם טייַך סאָזש. פאר מייַנע אויגן איז אופגעשטאנען פּאָלעסיע. די ליד איז פול געווען מיט נאטור־בילדער. ס׳האָט זיך געפילט, אז דער פּאָעט ווייסט גוט זייַן קאנט. אין דער ליד האָט זיך גערעדט וועגן זון־אופגאנג אפן טייַך. עס דערמאָנען זיך די שורעס:

און איך בין פארקלערט געשטאנען...
איבערן סאָזש אין דער הויך
זייַנען פויגלען און אעראָפּלאנען
שוין אופגעשטאנען אויך.
א פישער האָט שוין געטראָגן
א בינטל גלאנציקע פיש,
און באבעלעך האָבן געשפּילט זיך
איבערן שטילן קאמיש.

דערנאָך האָט פיניע געלייענט א ליד וועגן ברויט.

אין דער פּאָעזיע פון פיל דיכטער־אָנפאנגער פון יענער צייַט, געדענק איך, האָט זיך געפילט כאריקס, קולבאקס, האָפשטיינס ווירקונג. ס׳האָט זיך אויך געפילט די האשפּאָע פון די גרויסע רוס׳שע פּאָעטן. פונוואנען אָבער עס גייט לעלטשוק, איז שווער געווען צו דערקענען.

מיר זייַנען אזוי געווען פארכאפּט מיט זייַנע לידער, אז מיר האָבן ניט באמערקט, ווי די אָפּיציִאנטקע, א שווארצכיינעוודיק ייִדיש מיידל, איז אויך דערבייַ געזעסן. באמערקנדיק זי, האָט זיך שימען פארשעמט און אופגעהערט לייענען.

די אָפּיציִאנטקע האָט מיט א שמייכל געקוקט אפן געזונטן קליינשטעטלדיקן יונג, וואָס איז פויעריש אָנגעטאָן, און האָט בא מיר געפרעגט:

— וועמעס לידער דעקלאמירט ער?

— זייַנע אייגענע.

— ניעוזשעלי?

לויט איר פאָרשטעלונג האָט א פּאָעט געדארפט אויסזען אינגאנצן אנדערש.

זי האָט געבעטן, ער זאָל נאָך עפּעס לייענען, נאָר לעלטשוק האָט זיך אָפּגעזאָגט. אין א פּאָר מינוט ארום האָט זי אים באלוינט מיט באזונדערס געשמאקע בלינעס, אזעלכע, וואָס מע דערלאנגט מיסטאמע נאָר אין א רעסטאָראן.

— דאָס איז דייַן ערשטער האָנאָראר, — האָט געשפּאסט פיניע פלאָטקין.

ס׳האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אז דער פּאָלעסיער פּאָעט עסט פלייש מיט א לעפל, קיין גאָפל האָט ער אין דער האנט ניט גענומען. די אָפּיציִאנטקע האָט פון אים די גאנצע צייַט ניט אראָפּגענומען די אויגן. ער האָט זיך פון דעם געפילט ניט מיט אלעמען.

א לאנגע צייַט נאָך יענעם טאָג האָב איך לעלטשוקן ניט באגעגנט, ווייַל נאָכן ענדיקן דעם פּעדינסטיטוט האָב איך געארבעט אין סלוצק. אין מינסק פלעג איך אָנפאָרן בלויז צייַטנווייַז. נאָר אף די שפּאלטן פון זשורנאל „שטערן“ און פון דער צייַטונג „אָקטיאבער“ איז מיר אָפּט אויסגעקומען צו זען זייַנע לידער. ער האָט געהערט צו די דיכטער, וועלכע זייַנען ארוף אפן פארנאס אָן שטערונגען. מע פלעגט אים אָפּט דערמאָנען אין די ארטיקלען און אין דער אינפאָרמאציע וועגן ליטעראַרישע נייַס.

אין צוויי יאָר ארום, ווען איך האָב אים געטראָפן אין מינסק, איז ער געווען שוין גאָר אן אנדערער, איידער אין יענעם פרילינג־טאָג פון 1937. ער האָט געטראָגן א שיינעם בלויען אָנצוג און געלע שיך. אזא קאָמבינאציע איז דעמלט געווען אין דער מאָדע. כ׳האָב דערזען פאר זיך אן עלעגאנטן באָכער, גאָר ניט יענעם לעלטשוק, וועלכן כ׳האָב באגעגנט צום ערשטן מאָל.

— זייַ באקאנט, — האָט ער מיר פאָרגעשטעלט א שיין מיידל מיט געקרייַזלטע האָר. דאָס איז געווען די סטודענטקע רייַע שפּיטאלניק, אין וועלכער אלע יאטן פון ליטפאק זייַנען געווען פארליבט.

נאָכן פארענדיקן דעם פּעדינסטיטוט איז שימען אוועק אין דער רויטער ארמיי. זייַנע לידער אין יענער צייַט זייַנען געווען געווידמעט דער שוץ־טעמאטיק. אין סאמע ערעוו פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז אין „שטערן“ געווען אָפּגעדרוקט זייַנע א ליד „צו לענינען“. דער יונגער פּאָעט דריקט אויס זייַנע געדאנקען און געפילן באם באזוכן דעם לענין־מאָוזאָליי. די ליד פארענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקע שורעס:

ביז יעדן זעמדעלע די היים פארהיטן —
באם הויכן אָרן הייַנט איך שווער.

די דאָזיקע שווּע האָט שימען לעלטשוק אויסגעפילט. ער איז אומגעקומען אין אָנהייב פון זייַן שעפערישן וועג, ניט באוויזן צו אנטפּלעקן אין דער פולער מאָס זייַנע מעגלעכקייַטן.

אָבער אפילע בלויז פון די לידער, וואָס לעלטשוק האָט איבערגעלאָזט, בלייַבט אן אייַנדרוק, אז ער וואָלט געווען א באדייַטנדיקער דיכטער.

קורצע רעצענזיעס

אַלטער קאַציזנע

(בלעטערנדיק זײַן ערשטן באַנד „געזאַמלטע שריפטן“)

אַלטער קאַציזנע...

עס דאכט זיך אויס, אז דאָס איז שוין געווען גאַר־גאָר לאַנג. עס האָט זיך שוין ווי אויסגעמעקט פון זיקאָרן. עס ליגן אין דער מיט האַריגעס און אומקום, כורבן און ניצאָכן; אף אָפּגעקילטן אש — ערשטע יונגע גראָז־שפּראָצונגען, נאכט און ווידער זונאופגאנג. קיין איינע דרײַסיק יאָר, אין אַלע צײַטן, האָבן אזויפיל ניט געוויגן און זײַנען אזוי בארעכטיקט ניט אַרײַן אין דער אייביקײַט.

און עס דאכט זיך, אז דאָס איז געווען ערשט נעכטן. יאָרן פון בונטארישע כאַר־רעציטאציעס. ייִנגלעך און מיידלעך, וועבער און וועבערנס שלינגען אָנשטאָט אָנבײַסנס און וועטשערעס בערגעלסאָנס „מידאס־האדין“, קולבאקס „זעלמעניאנער“, די ביכער פון נאדירן, אָפּאַטאָשון, אשן. זיי טרינקען בא די דאָזיקע מאָלצײַטן — ניט כאָלילע קיין קאָס ווײַן, און ניט אפילע קיין שעלכל שווארצע קאווע, נאָר כאריקס, און פעפערס, און האַלפּערנס, און שטיינבארגס לידער. און ער, אַלטער קאַציזנע, איז אויך דאָ אף זייערע ליפּן. נאָך א וואָך האָרעוואַניע, נאָך א שווערער הונגער־וואָך, רעפּעטירט מען אין די פרײַע זונטיק־אָוונטן קאַציזנעס כאָר־רעציטאַציע „אָן אן אויג“.

ס'איז, דאכט זיך, אָט־אָט נאָרוואָס געווען. כ'זע זיך, נאָך גאָר א יונגער שרײַבער דעמלט, אויך שטיין אזוי צווישן די רעציטירער. כ'זע, ווי איך גראַבל מיט די נעגל די שווארצע ווענט פון קאַציזנעס פינצטערער הייל און שרײַ מיט די וועבער און וועבערנס אין כאָר:

— ליכט, ליכט, ליכט!..

און אָט בלעטער איך נאָך אזויפיל יאָרן דעם ניט לאַנג דערשינענעם ערשטן באַנד „געזאַמלטע שריפטן“ אַלטער קאַציזנעס. איך קוק אף די פּאָר פאָטאָגראַפיעס אין בוך און פריי זיך, וואָס זיי זײַנען מיר היימיש און אייגן. קאַציזנע און מאָרעווסקי. קאַציזנע און אַנ־סקי. קאַציזנע און זײַן לעבנס־באַגלייטערן כאנע. קאַציזנע, כאנע און זייער טעכטערל שולאמיס.

מע קאָן, פארשטייט זיך, ציטירן זײַן פערז: „און צאנקט א מענטש, פארבלײַבט נאָך אים זײַן ליד“. נאָר דאָס וועט נאָך זײַן ווייניק געזאָגט. אײנײנעם מיט זײַן ליד, מיטן עמעסן מענטשנס עמעסער ליד, בלײַבן — דארף, מיין איך, געזאָגט ווערן — אזעלכע, וואָס טוליען דאָס דאָזיקע ליד צו זיך, ווילן עס, געדענקען עס.

עס שאָקירט אונדז, דעם עמעס געזאָגט, אין מײלעך ראַוויטשעס „באגלייט־וואָרט“ צום בוך דער זאָג: „ער האָט גראַוויטירט, געגלייבט אין „לינקס“ — און קיין פּערעץ איז שוין ניט געווען אף צו פרעגן באם גרויסן מײַסטער“. געשיקט זיך, אז ווען פּערעץ וואָלט נאָך יאָ געווען, וואָלט ער, נאָכן זיבעצעטן יאָר און פארן נײַן־און־דרײַסיקסטן יאָר, אנדערש געייצעט? און אויב אפילע פּערעץ וואָלט, ווי א זאך מאכט זיך, יאָ געייצעט אנדערש, וואָלט אים דען קאַציזנע געווען געפאָלגט? זאָגט דאָך אַלטער קאַציזנע אליין, גראָד דאָרט, וו ער דערקלערט זיך פאר פּערעצעס „קאָנסעקווענטן טאַלמיד“: „איך שרעק זיך ניט פאר קיין אָפּווײַכונגען פון מײַן מײַסטערס שיטע. דאפקע אין זיי ליגט מײַן בארעכטיקונג. דאָס זײַנען אָפּווײַכונגען אידעאָלאָגישע, ארכיטעקטאָנישע און סטיליסטישע“. און פארוואָס טאקע ניט א פרעג טאָן בא די, בא וועמען פּערעץ אליין האָט ניט נאָר איין מאָל שטילערהייט געפרעגט? די וועבער און וועבערנס, זייער וועבער־ליבע און וועבערסינע האָבן ניט קרום אונטערגעזאָגט אי דעם מײַסטער, אי דעם טאַלמיד.

אונדז דאָ איז גראָד זייער און זייער צום הארצן קאַציזנעס „גלייבן אין לינקס“. עס מאכט אים נעענטער און אייגענער. עס שטעלט אים אוועק מיט אונדז אין איין פראָנט. צווישן אונדזערע ערשטע און בעסטע.

אין אַלע זײַנע שאפונגען און אין אַלע זײַנע טועכצן — פון זײַן רעדאגירן און ארויסגעבן די פּראָגרעסיווע צײַטונג „דער פרײַנד“ און דעם קעמפעריש־אָריגינעלן זשורנאַל „מײַן ריידנדיקער פילם“, ביז זײַנע סאָציאַל־היסטאָרישע דראמעס וועגן גער־צעדעק און וועגן מאראנען־דיכטער אנטאָניע זשאָזע דא סילוויאַ; פון זײַנע פאָלקסטימלעך־שטייגערישע קלוגע „באלאדן און גראָטעסקן“ ביז זײַן איבערדיכטן אף ייִדיש אַלעקסאנדער בלאָקס פּאָעמע „צוועלף“, ביז די צענדליקער עסייען און פּאמפלעטן זײַנע, דעם ברייטן פּראָזע־ווערק „שטארקע און שוואכע“, די פּיעסעס „פּראָמעטעוס“, „הורדוס“, „שווארצבאָרד“ — אומעטום האָט ער געגראַבלט מיט די נעגל די שווארצע ווענט פון פינצטערע היילן. און מיט זײַן שטארק דיכטעריש קאָל געשריִען: — ליכט, ליכט, ליכט!..

אין פארמילכאָמעדיקן פוילן, אין פוילן ערעוו דעם נײַן־און־דרײַסיקסטן יאָר, איז ניט אזוי פּראָסט געווען און ניט אזוי גרינג געווען זײַן אזא, ווי עס איז געווען קאַציזנע. ווירקן אזוי טיף־אכרײַעסדיק אי מיט קינסטלערישן וואָרט און פערז, אי מיט געזעלשאפטלעכער טאט און מוטיקײַט. מאמשיך זײַן, אין בעסטן זין אירן, די פּערעץ־טראדיציע פון דערמאָנען, וועקן און וואָרענען. עס האָט אף קאַציזנען געלויערט דאָס אויג פון דער דעמלטיקער פּוילישער דעפענזיווע, די סאקאָנע פארשיקט צו ווערן אין געגעמדיקן קארטוז־בערעזע. פון דער אנדערער זײַט — האָט זיך אף אים געשיט די טויכעכע מיצאד קלוימערשט „אייגענע“, קלוימערשט „פאר־קאָלעגן“, וואָס זײַנען זיכער געשטאנען פאר „נײַער“ פּוסטער גראמען־ווירטואָזקײַט, גאָרניט זאָגנדיקער וואָרט־אקראָבאטיק, איידער פאר א נײַעם קלאָרן ענטפער אף פּערעצעס „וואָס פעלט אונדזער ליטעראטור?“. באַלעבעסלדיקע שרײַבער מיקאָל־האמינים האָבן דעמלט געפּריידיקט א פארוויגנדיקע קלאָר־ווײַס־ציגעלע־פילאָסאָפיע, א טעאָריע „לאָמיר זיך

צום געפעכט צווישן לינקס און רעכטס ניט מישן". (און ווען? — אין דער צייט, ווען אפן יידישן לעבן האט זיך שוין פאמעלעך געווקט פונדערווייטנס מיידאנעק און אשווענטשים.) און זיי האבן זיך שוין גראד יא געמישט: באגאסן מיט אומריינקייט אלע די, וואס האבן געגלייבט אין אן אנדערער, אין א פאלקס־נוצלעכער פילאסאפיע. ווי עס דערציילט נאכמען מייזיל, „האט אלטער קאצינע אופגענומען די אלע קלעפ און די אלע עמערס שמוץ, די אלע מיעסע אנפאלן, און האט ניט אפגעגעבן די טריבונע זיינע". די פראגרעסיווע טריבונע זיינע. ווי יעדן עמעסן קינסטלער, האבן אים, פארשטייט זיך, צייטנווייז געמו־טשעט ספייקעס, ווידערשפרוכן, נאר זיי האבן אים ניט ביי־געקומען. פארקערט: די ליכטיקייט אין אים האט טאמיד איבערגעוואשעט די טונקלקייטן. און אין די לעצטע יארן זיינע, אין די יארן ערעוו דעם פאשיסטישן כורבן, דעמלט ווען מ'האט עס מערער געדארפט, האט ער מערער ווי טאמיד איינגעשניטן זיך מיט די נעגל זיינע אין דער פינצטערער רעאקציע, אין פאשיזם. דער כורבן איז, פארשטייט זיך, דורך דעם ניט אויסגעמיטן געווארן, האט אים אליין אויך ניט אויסגעמיטן. נאר — ווער ווייסט? — מעגלעך, אז די לידער, די פאעמעס, די פאלעמישע ארטיקלען און נאטיצן זיינע פון יענער צייט האבן צוזאמען מיט פיל אנדערע פאקטארן פארמירט און געשטארקט די גווורע, די העלדישקייט און דעם שטאלץ פון די פוילישע יידן אין דער צייט פונעם אומשטערבלעכן אופשטאנד אין ווארשעווער געטא.

כ'בין זיכער אין דעם.

מאכמעס איך אליין בין אויך געווען אין יענער צייט געגנוג באווירקט פון אלטער קאצינע.

א יונגער שרייבער דעמלט אין רומעניע, א שרייבער, אזוי צו זאגן, פונעם דריטן דאר, האב איך, ווארעמענדיק זיך און לערנענדיק זיך בא דער יידישער ליטעראטור פון סאוועטנפארבאנד, בא דער פראגרעסיווער ליטעראטור פון גאר דער וועלט, געהאט אויך ווי א מוסטער פאר זיך קאצינעס קינסטלערישן פאטאס, קאצינעס פאלקס־טימלעך־פאשטעסדיק ווארט, קאצינעס מענטשלעכקייט.

כ'בין זיך מוידע: אונטער דער האשפאע פון אלטער קאצינעס „מיין ריידנדיקער פילם" האב איך אין יענער צייט אנגעהויבן ארויסגעבן אין בוקארעשט די פעריא־דישע זאמלונגען נאוועלן, עסייען, פאמפלעטן און נא־טיצן „מיינע העפטן".

די פארם, דער נוסעך איז, פארשטייט זיך, געווען אן אנדערער. נאר די קאוואנע, דער ציל — דער זעלבער.

„מיין" און „מיינע" — ניט ווי אן אויסדרוק פון יעכידעסדיקייט, איינעראליינקייט, נאר ווי דער צושטייער צום אלגעמיינעם גרויסן געפעכט.

קאצינע איז אומגעקומען אף די מילכאמעדיקע וואגל־ווענן פון די הענט פון די פאשיסטישע כייעס.

„און צאנקט א מענטש, פארבלייבט נאך אים זיין ליד".

עס איז געבליבן לעבן די טאכטער זיינע שולאמיס, וואס האט געקענט אין דער פרעמדער זייטיקער סוויוע, צווישן וועלכער זי לעבט איצט אין איטאליע, ניט רוען, טאן אלץ, קעדיי עס זאלן דערשיינען די דאזיקע „גע־זאמלטע שריפטן".

און עס זיינען געבליבן איניינעם מיט זיין ליד זיינע פארערער, וואס טוליען דאס ליד צו זיך און וועלן דאס ליד געדענקען.

יעכיעל שרייבמאן

א בוך — א גוויס־איידעס

(וועגן יעראכמיעל בריקס'
בוך „די פאפירענע קרוין")

ווען כ'לייען א ווערק אף דער כורבן־טעמע, געשריבן פון אן אווטאר, וועלכער האט אליין דורכגעמאכט די שיוווע־מעדורע־גענעם פון די היטלעריסטישע געטאס און קאנצלאגערן, טויכט שטענ־דיק אוף אין מיין זיקארן פאלגנדיקע דערינערונג. הינ־טערן שטעכדראט פון קאוו־נער געטא איז מיר אריינגע־פאלן אין די הענט א צעקנא־דערט שטיקל פון שטרייכערס העץ־בלעטל „דער שטירמער". אף אים איז געווען אנגעדרוקט א נאטיץ וועגן אן אופגעפירטער אין א שווייצארישן טעאטער פיעסע, וואס שילדערט א נאצישן קאנצלאגער. דער דראמאטורג גופע איז אנטלאפן פון אזא לאגער. פירט „דער שטירמער" אויס: אלץ אין דער פיעסע איז קנזעווו־וועשעקער, ווייל פון א דייטשישן קאנצלאגער קאן קיינער ניט אנטלויפן...

אויך דעם דאזיקן, אין פארגלייך מיט דער וועלט־הערשאפט, באשיידענעם ציל האבן די היטלעריסטן ניט דערגרייכט. עס זיינען געבליבן לעבעדיקע איידעס: ארויס־געקראכענע פון מאסן־קווארים, ניצל געווארענע פון טויט־פאבריקן און געטאס!

איינער אזא איז דער אווטאר פון א ריי ביכער וועגן לאדזשער געטא, איר געשווארענער באל־פינקעס יעראכ־מיעל בריקס. אט איז פאר אונדז זיין לעצט־דערשינענע גרעסערע דערציילונג „די פאפירענע קרוין".

כ'בין ניט מאסקים מיט דער מיינונג (אין דער האק־דאמע צום בוך), אז לאדזשער געטא קאן באטראכט ווערן „ווי א סימבאל פון אלע געטאס אין מיזרעך־אייראפע בימיי היטלער". פון דער ליטעראטור וועגן יענער טקופע ווייסן מיר, אז יעדע געטא האט זיך געהאט איר ספע־ציפיק. סיי די ארטיקע נאצישע סראראס און בעיקער די אסירים, באגלייך מיט די געזעלשאפטלעכע פאקטארן אף דער און אף יענער זייט שטעכדראט, האבן יעדע געטא אנדערש „מאדעלירט". און דאפקע אין דעם, וואס י. בריקס האט פיקסירט דאס, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר לאדזש און ניט פאר אנדערע האריגע־שטעט, באשטייט זיין פארדינסט.

לאדזשער געטא איז געווען אן עמעסער פענאמען — ניט בלויז מיט אן אייגענער יידישער פאליציי און אדמי־ניסטראציע, נאר אפילע מיט אייגן געלט און מיט אן אייגענער פאטשט, מיט „מיניסטארן", בעראש מיט אן אייגענעם (הערט און שטוינט!) „קייסער" מיט דער פא־פירענער קרוין, דעם דעגענערירטן היטלעריסטישן מע־שארעס מ. כ. רומקאווסקי. זיין אונטערשריפט האט פיגורירט אף די בלאנקען פונעם געטא־געלט, זיין פארט־רעט איז געווען אף די ארויסגעלאזטע פאר דער געטא בריוו־מארקעס, קאלענדארן און איז געהאנגען אין אלע געטא־אנשטאלטן, פאבריקן, אונטערנעמונגען... בעקיצער, אן אייגנארטיקע „יידישע מעלוכע", וועגן וועלכער י. בריקס באמערקט סארקאסטיש: „שוין צוויי טויזנט יאר, ווי יידן האבן ניט געהאט די זכיע דאס צו האבן".

דער שוידערלעכער אַלטאָג אין אָט דער „מעלוכע“, דער ביטערער קאַמף פון די אסירים פאַר זייער פיזישער אויסקומעניש, זייער געראַנגל פאַרן אופהאַלטן דאָס הוילע לעבן און דעם צעלעם־מענטש — דאָס איז די גרונטיקע טעמע פונעם בוך „די פּאַפּירענע קרוין“. זייַנע באַזונדערע קאַפּיטלען, אין פלוג פאַרייַנצלטע פראַגמענטן, שטעלן צונויף אַ מאָזאַיִק פון שטייגער־בילדלעך און עפּיזאָדן, אין וועלכע עס דערשייַנט אַ גאַנצע גאַלעריי פּלאַסטיש געמאָלענע געשטאַלטן — פּאָשעטע אמכאָמענטשן און אינטעליגענטן, אַרבעטער און אינזשעניערן, שרייַבער, מוזיקער, פאָלקס־זינגער. און איטלעכער פּערסאָנאַזש מיט זייַנע גענג און טנועס, מיטן כאַראַקטעריסטישן פאַר אים לאָשן, וואָס שפּיגלט אָפּ זייַן גייַסטיקן פּאַרצעף־פּאָנעם.

דער אַוטאָר האָט אַ שאַרף אויג און גאָר אַ שטאַרקן זיקאָרן, וואָס האָט פאַרהיט פאַר דער געשיכטע ווערטפולן מאַטעריאַל. ער געדענקט אַ שלאַל געשאַפענע אין געטאָ ווערטלעך, לידלעך, קאַלאַמבורן. און וואָס מע דאַרף באַזונדערס אָפּמערקן — דער אַוטאָר זעט און דענקט סאָציִאַל. דעריבער האָט ער ניט געקאָנט פאַרזען די דערשיטערנדיקע קלאַסן־סטירעס אין געטאָ. אַף איין זייַט — דעם „קייסערס“ אויסדערווײַלטע, אַ כאָפּטע מעיוכאָסים, וואָס לאָזט זיך וווילגיין אַפן כעזשבן פונעם קלאַל, און אַף דער אַנדערער — די געיאָגטע און געפּלאָגטע, טויט־הונגעריקע מאַסע, וואָס קומט אום פון די היטלעריסטישע גזיירעס, פאַלט אונטערן אומדערטרעגלעכן יאָך פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט און ווערט געטראָטן פון די „אייגענע“ מוישלים, וועלכע העלפן די דייַטשן אויספילן טײַוולאָנישע מאָרד־פּלענער.

ניט אַלץ איז אינעם בוך שליימעסדיק. אָבער ווי זאָגט דער אַוטאָר: „איך האָב נאָר געוואָלט אופשרייַבן דאָקומענטן — אַף מייַן אייגענעם אויפן...“ דעריבער זייַנען מיר אים מויכל די שלאַבעריקייַט פון דער קאָמפּאָזיציע און די ניט־געשליפנקייַט פון דער פּראָזע. מיר זייַנען אים מויכל די איבערכאַזערונגען און די אָפטע „קאָמענטאַרן“ פון אַלגעמיין באַוווּסטע זאַכן. מיר זייַנען אים מויכל די אָנהויפּונג פון צווייט־ און דריטראַנגיקע פּראָטים, וועלכע שטערן דעם פליסיקן לויף פון דער דערציילונג. (דער אַוטאָר האָט אַ סאַך געזען און איבערגעלעבט, איז אים אַ שאָד דורכצולאָזן דעם אָדער יענעם פאַקט.) מיר זייַנען אים מויכל דעם אומגלייַכן סטיל — דאָ טרוקענע, רעפּאָרטאַזשמעסיקע קאָנסטאַטאַציע, דאָ רעליעפע צייכענונג. מיר זייַנען אים מויכל דאָס ערטערווייַז גאַנץ פּרימיטיווע „פּסיכאָלאָגירן“ און דעם רוילעכן נאַטוראַליזם באַם מאָלן געוויסע סיטואַציעס. מיר נעמען אָן דעם בוך ווי אַן אַאוטענטישע איידעס־דערקלערונג, מיט אַ לעבעדיקער פאָלקסטימלעכער שפּראַך, אָפּט מיט גאַליקן הומאָר, אָנגעשריבענעם דאָקומענט, וואָס דאַרף העלפן דעם איצטיקן דאָר פאַרשטיין דעם אַנטימענטשלעכן מעהוס פונעם פאַשיזם.

דאָרט, ווו דער מעכאַבער פּרוּווט פּאַרטיפערן זייַן שילדערונג, קעדיי זי אַרייַנשפּאַרן אין דער ספערע פון בעלעטריסטיק, גייט ער ניט שטענדיק אַרויס אַלס זיגער אינעם פאַרמעסט מיטן כוימער. ס'איז לאַכלוטן ניט נייטיק דער צעצויגענער מעלאָדראַמאַטישער „אינערלעכער מאָנאָלאָג“ פונעם „קייסער“, אין וועלכן דער דאָזיקער נעפעש ווערט דערפירט שיר ניט צו קיין גייַסטיקן איבערבראָך. ס'איז פּסיכאָלאָגיש פאַלש, דאָס געוויסן זאָל פּלוצעם זיך דערוועקן אין רומקאָווסקין, אַלנפאַלס אין אַזאַ, ווי ער דערשייַנט אין בוך — אַן אויסוואָרף, אַן עמעסער מעטורעף, אָן אַ שעמעץ פון געוויסן. אויב י. בריקס איז אויסן געווען צו מאַכן אַן עקסקורס איבער דער געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ, פאַרסאַכאַקלען צום סאָף פון בוך די טעטיקייַט פון איר „קייסער“ און זייַן קליקע, האָט ער עס געקאָנט טאָן דורך אַ ליאַדן אַנדערן פּערסאָנאַזש.

דאָסגלייַכן איז קינסטלעך צוגעהאָפטן דער אַן און פאַר זיך גאַנץ אינטערעסאַנטער דיִאַלאָג צווישן דעם שרייַבער בלושטיין (אַפּאָנעם, דער אַוטאָר פון בוך אַליין) און דעם אונטערוועלטניק אַף דער אָסוועונציִמער באַן־ראַמפּע. שווער צו גלייבן, אַז אין אַזאַ סיטואַציע, אַרויסקריכנדיק פון וואַגאָן אין דער טויט־פאַבריק, זאָלן צוויי מענטשן אַרייַנלאָזן זיך אין אַ לאַנגן, צום טייל אַבסטראַקטן שמועס. אויך די פּלוצעמדיקע קאָנפראָנטאַציע בלושטיינס מיט מענגעלען איז ניט איבערצייַגעוודיק...

נאָר, ווי געזאָגט, דעם אַוטאָרס הויפּט־ציל איז געווען — „אופשרייַבן אַ דאָקומענט“. נעמען מיר אוף דעם בוך ווי אַ ווערטפולע גוויִעס־איידעס פון אַ ניצל־געוואָרענעם פון היטלערס נעגל.

מייער יעלין

באָריס שײַנין
קינאָ־דראַמאַטורג

װעגן דעם מאָלער מאַרק קליִאַנסקי

איך מעג שװערן, אַז כ׳האָב שױן ערגעץ־װוּ געזען אַמאָל די דאָזיקע מענטשן, װאָס קוקן אויף מיר אַראָפּ פֿון מאַרק קליִאַנסקיס אָפּאַרטן. ס׳איז מיר נאָענט און פֿאַרשטענדלעך זײער נעשאָמע־ציטער, זײערע כאַראַקטערס. אָט די געשטאַלטן שװימען אױף פֿון מײַן קינדהײַט.

די זעלבע געפֿילן, װאָס דערמאָנען אין דער קינדהײַט, האָבן דערװעקט אין מיר דעם קינסטלערס אױגן, װען איך האָב צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט אים. װער װײסט, עפּשער פֿאַרבלײַבט אויף שטענדיק אין די אױגן פֿונעם קינסטלער אַלץ, װאָס ער זעט?

איך האָב געזאָגט צו קליִאַנסקין:

— מיר האָבן זיך מיט אײַך, װאַרשײַנלעך, פֿריִער קײנמאָל ניט באַגעגנט, נאָר װײַזן װײַזט זיך מיר אױס, אַז איך קען אײַך שױן זײער לאַנג...

אָט אַזױ איז פּלוצעם און אומדערװאַרט אַרײַן אין מײַן לעבן אַ פֿרײַנט.

זײַענדיק אין לענינגראַד, אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפֿט, האָב איך אָנגעקלונגען צו קליִאַנסקין. און אָט איז דאָס פֿילגאָרנדיקע הױז, װאָס שטײט בײַ דער ניעװאַ. דעם גאַנצן אײבערשטן שטאָק פֿאַרנעמען מאָלער. דאָ געפֿינען זיך זײערע סטודיעס. אײנע פֿון זײ איז קליִאַנסקיס.

איך בין פֿריִער קײנמאָל ניט געװען קײן אָפּטער גאַסט אין מאָלער־װאַרשטאַטן, נאָר דער רײכעס־געמיש פֿון פֿאַרב, לײַװנט, געהילץ און קלײ ציט מיך צו, װי ס׳האָבן אין די קינדער־יאָרן מיך צוגעצױגן די רײכעס פֿון אַ בעקערײַ.

אַזױ קומט פֿאָר, װײַזט אױס, בלױז אין אַ סטודיע: דאָס ערשטע מאָל האָב איך קליִאַנסקיס אָפּאַרטן דערזען ניט אויף דער װאַנט, — זי איז געװען באַהאַנגען מיט אַנדערע בילדער. די שטײַפֿע פּאַפּיר־בױגנס, װאָס האַלטן אַ מעטער אין דער לענג, זײַנען אין אַ דיק פּעקל געלעגן אױפֿן דיל, און קעדײ צו באַװײַזן מיר אַ נײַעם אָפּאַרט, איז קליִאַנסקין יעדעס מאָל אױסגעקומען זיך אָנבײגן און איבערלײגן די מאַסיװע בױגנס.

איך מײן ניט, אַז דאָס איז דער בעסטער אױפֿן צו באַקאַנען זיך מיט די װערק פֿון אַ מאָלער, די װענט פֿון עקספּאָזיר־זאַלן און קונסט־גאַלערײען זײַנען פֿונדעסטװעגן מער פּאַסיק פֿאַר דעם דאָזיקן צװעק.

נאָר מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט קליִאַנסקיס אָפּאַרטן איז פֿאָרגעקומען אָט אויף אַזאַ אױפֿן, און אין מײַן זיקאָרן איז אויף שטענדיק פֿאַרבליבן: אַ סטאָס פּאַפּיר־בױגנס אױפֿן דיל און דער מאָלער, װעלכער פֿאַרנײגט זיך זאָרגפֿעליק איבער זײַנע געשטאַלטן...

די מערהײַט געמעלן זײַנען געװען פֿונעם ציקל, װאָס האָט שפּעטער געקראָגן דעם נאָמען „אַנטיפֿאַשיסטישער“. װיִאַזױ איז געשאַפֿן געװאָרן דער דאָזיקער ציקל? װאָס האָט אָנגערעגט דעם מאָלער זיך אָפּצוגעבן גראָד אָט דער טעמע און ניט קײן אַנדערער?

קליִאַנסקי האָט אַ לאַנגע צײַט זיך פֿאַרמאָסטן אויף צו שאַפֿן אַ גאַלערײ געשטאַלטן פֿון מאַרטירער און העלדן. ס׳האָט זיך אָבער לאַנג ניט באַקומען. נאָר אײנמאָל, גאָר אומדערװאַרט, האָט ער דערפֿילט: אָט איז עס... ס׳איז שױן געװען שפּעט אַפּדערנאַכט, נאָר קליִאַנסקי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז הײַנט װעט ער שױן פֿון דער סטודיע ניט אַװעקגײן. ער האָט ניט באַמערקט, װי אין דער ניעװאַ האָט זיך אױסגעלאָשן דער אָפּשײַן פֿון די לאַמטערנס, װי אױפֿן טײַך האָבן אַ שפּיל געטאָן די שטראַלן פֿון דער אױפֿגײענדיקער זון.

אַפֿילע איצט, װען קליִאַנסקי דערמאָנט זיך אין יענער נאַכט, טראָגט ער צו די האַנט צום האַרצן, װײַל אין אָט דער רגע קלאַפּט עס בײַ אים האַסטיקער װי געװײנלעך. אין יענער נאַכט איז געבױרן געװאָרן דער ציקל אַנטיפֿאַשיסטישע אָפּאַרטן, שפּעטער זײַנען בלױז צוגעקומען נײַע און נײַע געמעלן.

װען דער מאָלער האָט אַראָפּגעבראַכט זײַן אַרבעט קײן מאָסקװע, אין רעדאַקציע „סאָװעטיש הײמלאַנד“, איז דער ציקל נאָך ניט געװען פֿולשטענדיק פֿאַרענדיקט. נאָר דאָס, װאָס ער האָט געבראַכט, איז אַלעמען געפֿעלן געװאָרן.

— זײער גוט, איר שטעלט זיך אַלײן ניט פֿאָר, װי גוט דאָס איז... נאָר זאָגט, יעדער אָפּאַרט באַזונדער — ער האָט עפּעס אַ נאָמען?

— װעגן דעם האָב איך ניט געטראַכט...

און ס׳האָט זיך אָנגעהױבן עפּעס ענלעכס אויף אַ פֿרײלעכער שפּיל. די מיטאַרבעטער פֿון רעדאַקציע גײען פֿון אײן אָפּאַרט צום צװײטן און לײגן פֿאָר פֿאַר זײ נעמען, װאָס זאָלן אַמבעסטן אױסדריקן דעם אינהאַלט זײערן.

אָט איז אַ בערדיקער מאַן מיט אַן אױטאָמאַט אין דער האַנט. אַ פּאַרטיזאַן. דאָס איז קלאָר. דורך די ברילן קוקן אויף אײַך גוטמוטיקע אױגן פֿון אַ מענטשן, װאָס קאָן אױך האַסן. „אַ פּאַרטיזאַן“ — אַזױ האָט טאַקע קליִאַנסקי צוערשט אָנגערופֿן דאָס דאָזיקע געמעל.

אַ גוטער נאָמען, אָבער... מ׳זעט אַזױ אױך, אַז ס׳איז אַ פּאַרטיזאַן. דאַרף מען עפּעס אַנדערש, מע דאַרף אַ מער פֿילאָסאָפֿישן, אַ מער פֿאַראַלגעמײנערנדיקן נאָמען.

און פּלוצעם: „דער לערער“, האַ?

נו, יאָ, אױפֿן אָפּאַרט איז טאַקע געשילדערט דער שוללערער, דער גוטהאַרציקער, שטרענגער דערציִער. ס׳זײַנען געקומען די פֿאַשיסטן, און ער איז געװאָרן אַ פּאַרטיזאַן. ס׳איז װי אַ פֿאָרזעצונג פֿון זײַנע לימודים: מיט זײַן פּערזענלעכן בײַשפּיל לערנט ער, װיִאַזױ עס דאַרפֿן זיך נױהעג זײַן אין לעבן אָרנטלעכע מענטשן.

אָט איז נאָך אײן געמעל. דער קינסטלער האָט עס אָנגערופֿן „דער זאָקן און די זקײנע“... זײ זײַנען פֿאַרשפּאַרט אין געטאָ. דאָס לעבן איז דורכגעלאָפֿן. ס׳איז נאָענט דער טױט. זײערע פּנעמער דריקן אױס צאַרטע ליבע פֿון אײנעם צום צװײטן, פֿאַרשטאַנד פֿון פֿאַראַנטװאָרטלעכקײַט, האַס צו די סאָנים און האָפֿענונג, אַז די קינדער, די אײניקלעך װעלן איבערלעבן די מערדערײַן, דער נאָמען דאַרף זײַן מער פּאָעטיש־דערהױבן... „די גאָלדענע כאַסענע“!

„די גאָלדענע כאסענע“, — און גלײַך האָט דאָס ווערק אויסגעשטראלט נײַע ניואנסן. נאטירלעך, די דאָזיקע ניואנסן זײַנען אויך פריִער געווען, דער עמפינדלעכער צושויער האָט דאָס פארשטאנען, מ׳האָט עס בלויז באדארפט פאָרמולירן.

איצט ליגן שוין אפן דיל צוויי פּעק אָפּאָרטן: לינקס — די, וואָס כ׳האָב שוין געזען, און רעכטס — די, וואָס איך וועל באלד ערשט זען. איך בעט זיך בא קליִאָנסקין, ער זאָל לאנגזאמער איבערלייגן די בויגנס. איך וויל ניט, ס׳זאָל זיך אויסשעפּן דאָס פּעקל פון רעכטס...

דער מאָלער האָט מיך ארײַנגעפירט אין דער וועלט פון מײַנע לײַבלעך־נאָענטע און פרײַנט — קינדער, פרויען, זקיינים, וואָס זײַנען אין טראגישן 1941 פארטריבן געוואָרן אין די ארומגעצוימטע געטאָס און פון דאָרטן — צו די גריבער און דושעגובקעס.

פארשטייט זיך, די סוזשעטן זײַנען טראגישע. אָבער דער זין פון קליִאָנסקיס געמעלן באשטייט ניט אין קאָנסטאטירן דעם שוידער פון די פאשיסטישע מערדערײַען. ער וויל פארשטיין, באגרײַפן צוזאמען מיט אײַך, מיט די צושויער, וויִאזוי האָט עס געקאָנט פּאסירן; ווען און וויִאזוי שפּרײַזט עס דער מענטש אריבער יענע גרענעץ, וואָס מאכט אים פאר אויס מענטש, פארוואנדלט אים אין א בלוטדאָרשטיקער כײַע?

אף קיין איין אָפּאָרט זעען מיר ניט די פאשיסטישע הענקער. זיי בלײַבן, ווי מע דריקט זיך אויס אפן לאָשן פון קינאָ, אויסער דעם קאדער. דער קינסטלער פארוואנדלט אונדז ניט אין באָבאכטער פון די געשעענישן, ער שטעלט אונדז אוועק באנאנד מיט זײַנע פּערסאָנאזשן.

דעם אָפּאָרט פון דער פרוי — אן אויסגעדייוועטע און פארוויאנעטע, ווי אן אָפּגעבראָכן צווײַגל, — מיט דעם גויסענדיקן קינד, וואָס טוליעט זיך צו איר ברוסט, האָט דער מאָלער אָנגערופן „די מאדאָנע — 1943“. נאָר אָט קוקט אף אײַך פון א צווייט געמעל אן אנדער פרוי און אן אנדער קינד. מיזרעך־פּנעמער מיט שארפע קינבאקן, און אין זייערע אויגן — אזא באקאנטער ווייטעק. דאָס איז די וויעטנאמישע מאדאָנע פון אונדזערע טעג. דער סוינע, וואָס איז פארבליבן „אויסער דעם קאדער“, איז דער זעלבער — דער פאשיזם...

א צווייט מאָל בין איך געקומען אין קליִאָנסקיס סטודיע מיט א פרוי — א גאסט פון אויסלאנד.

— איר זײַט א יונגער מענטש, — האָט זי געזאָגט, — פארוואָס שילדערט איר אזוי אָפּט די מילכאָמע, וועלכע האָט זיך שוין פון לאנג פארענדיקט?

— איך האָב צוויי טעכטער, — האָט געענטפערט מארק קליִאָנסקי, — איך וויל ניט, זיי זאָלן זען א נײַע מילכאָמע.

כאפּט א קוק אף דעם פּאָרטרעט פון נאדינקען — דעם מאָלערס טאָכטער, און איר וועט פארשטיין, אז אין קליִאָנסקיס ווערטער איז ניט געווען קיין פּאָזע.

מארק קליִאָנסקי איז ניט געווען אף דער מילכאָמע. ווען אף אונדזערע שטעט זײַנען געפאלן די ערשטע פאשיסטישע באָמבעס, איז ער, פונקט ווי איך, נאָך געווען א קינד. ער איז געווען צווישן די, וואָס זײַנען באנאכט געלאָפן פונעם פלאקערדיקן מינסק. ער האָט מיר דערציילט, וויִאזוי ער איז צוזאמען מיטן אומענדלעכן מענטשן־שטראָם געלאָפן איבער די וועגן, און די דײַטשישע „יונקערס“ האבן די פליִיטים באגאָסן מיט פײַער... באגינען זײַנען זיי געקומען אין איינעם א דערפל. ער האָט אָנגעקלאפּט אין פענצטער. געבעטן א טרונק. די טיר האָט אים געעפנט א ייִנגעלע פון זײַן עלטער. א קוק געטאָן, און פּלוצעם אויסגעשריִען: „ביסט דאָך א ייִד! מע דארף דיך באהאלטן!“. דערנאָך זײַנען זיי צוזאמען געלעגן אין א סטויג היי און דורך די שפּאלטן פונעם אלטן שפּײַכלער געזען, ווי עס טראָגן זיך איבערן וועג די פאשיסטישע מאָטאָציקליסטן...

טוט א קוק אף דעם אָפּאָרט „די רוסישע מוטער“. א ייִדיש ייִנגעלע טוליעט זיך צו דער רוסישער פרוי. איר פּאָנעם איז רויִק, אפילע מאָנומענטאל. זי ריזיקירט מיטן אייגענעם לעבן, קעדיי ראטעווען דאָס קינד. זי ראטעוועט עס, ווײַל אנדערש קאָן ניט האנדלען א מענטש.

דער רוף צו מענטשלעכקײַט — אָט אין וואָס עס באשטייט דער פּאטאָס פון קליִאָנסקיס גאנצן גראפישן ציקל.

דאָ ניט לאנג האָט מארק קליִאָנסקי מיר באוויזן זײַנע נײַע ארבעטן. דאָס איז אָן סאָפעק די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן ציקל. עס פילט זיך אָבער אין זיי אויך עפּעס נײַס. וואָס? לויט מײַן מיינונג, ווײַזט דאָ דער קינסטלער ארויס א גרעסערן אינטערעס צו די כאראקטערס פונעם פּערסאָנאזש, וואָס ער שאפט. ער האָט אָנגעהויבן טיפער, פּינקטלעכער פילן די נאציִאָנאלע אייגנארטיקײַט פון זײַנע העלדן, ער נוצט אָפטער אויס די איראָניע, דעם שמייכל, די אלעגאָריע — יענע מיטלען, מיט וועלכע ס׳איז אזוי רײַך און בארימט דער ייִדישער פאָלקלאָר.

טוט א קוק אף דעם געמעל „דער ייִדישער מאָטיוו“. ס׳איז א פארגאנצטע נאָוועלע וועגן דעם מענטשן מיטן פידל. ווו און ווען האָט עס דער קינסטלער דערזען? אף אָט דער פראגע קאָן ער אפילע אליין ניט ענטפערן. קליִאָנסקי איז דערצויגן געוואָרן אין א ניט־ייִדישער קולטור־סוויווע, גאָר אנדערע געשטאלטן האָבן געשפּײַזט און פאָרמירט זײַן טאלאנט. דאָס ווענדן זיך צו די טראדיציעס פון דער נאציִאָנאלער ייִדישער גראפיק און מאָלערײַ איז פאר אים אליין פונקט אזוי אומדערווארט, ווי אומדערווארט דאָס איז געווען פאר אונדז אלעמען.

נאָר עפּשער באשטעטיקט דער דאָזיקער פאקט גופע די אוניווערסאלקײַט פון דער קונסט, די לעבנספייִקײַט פון אירע פאָרמען און זשאנרען.

בייס מײַן ערשטער באגעגעניש מיט קליִאָנסקין האָבן מיך איבערראשט זײַנע אויגן. אזעלכע אויגן מאכן א יונגן מענטשן אף א סאך עלטער, און אז עס קומט די עלטער — מאכן די זעלבע אויגן דעם מענטשן ייִנגער. כ׳האָב וועגן דעם א טראכט געטאָן, ווען כ׳האָב דערזען, אז קליִאָנסקי האָט שוין א סאך גראָווקײַט אין די האָר.

דער אינטערעס צו דער אופירונג פון מענטשן, צו די דעטאלן און איינצלהײַטן פון זייער כאראקטער, דאָס פרײַע באנוצן זיך מיט דעם רוים און מיט דער צײַט — מאכן קליִאָנסקיס ווערק קרויוויש־נאָענט צום קינעמאטאָגראף, און איך זע שוין א פילם, וואָס זײַנע העלדן וועלן זײַן די פּערסאָנאזשן פון קליִאָנסקיס אָפּאָרטן. דאָ זײַנען ניט נייטיק ניט קיין אקטיאָרן, ניט קיין נאטורפאָטאָגראפיעס, ניט קיין דיקטאָרס — בלויז די אָפּאָרטן, צומאָל — פארגאנצטע אָפּאָרטן אפן עקראן, און צומאָל — באזונדערע דעטאלן, וואָס קומען אוף אין זיקאָרן און אין הארצן.

שטענדיק, ווען איך קום צו פאָרן קיין לענינגראד, זוך איך א באגעגעניש מיט מארק קליִאָנסקין.

„מאמע־לשון"

דער אויפן, וויאַזוי מע האָט אָנגערופן די ייִדישע שפּראַך אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון איר געשיכטע, איז אַן און פאַר זיך אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל. דער ערשטער נאָמען, וואָס מע האָט איר געגעבן, איז געווען „לשון אשכנז". מיר טרעפן אים שוין אין די קאָמענטאַרן פון רעב שלוימע ייִצכאָקי (רש"י, 1040 — 1105). מיט ראַשין טאַקע האָט מען א געוויסע צײַט אָנגעהויבן דעם ייִכעס־בריוו פון ייִדיש. אין די לעצטע יאָרן זײַנען אייניקע געלערנטע (ש. בירנבוים, מ. ווײַנרײַך, נ. זיסקינד, ל. פוקס אאַ.) אַרויסגעטראָטן פאַר אָנהייבן די געשיכטע פון ייִדיש פון סאָף נײַנטן יאָרהונדערט.

אין רעזולטאַט פון באַשטימטע היסטאָרישע געשעע־נישן האָט ייִדיש, אין א שפּעטערדיקן פּעריאָד פון זײַן אַנטוויקלונג, אַריבערגעשפּרײַזט די גרענעצן פון דײַטש־לאַנד. עס זײַנען אופגעקומען נײַע ייִדישע קולטור־צענטרען אין ווענעציע, פּראַג, אַמסטערדאַם און קראָקע. און האָגאַם מע האָט נאָך ווײַטער פאָרגעזעצט רופן ייִדיש „לשון אשכנז", האָט עס אָבער שוין ניט געהאַט קיין ריין געאָגראַפישן באַטײַט. איינצײַטיק מיטן אַלטן נאָמען, וואָס ראַשי נאָך האָט געגעבן ייִדיש, האָט מען אים אויך אָנגעהויבן רופן „עברי־טײַטש" (איוורע־טײַטש). דערבײַ דאַרף מען געדענקען, אַז מיטן וואָרט טײַטש האָט מען דעמאָלט קלאָר ניט אין זינען געהאַט דײַטש. אין יענע יאָרן זײַנען אַנטשטאַנען זייער א סאַך איבערזעצונגען פון העברעיִש (עברי). געוויינלעך פלעגט מען די ווערק דרוקן פּאַראַלעל אין ביידע שפּראַכן — אין איוורע און אין טײַטש. א גרויסער טייל פון זיי זײַנען ניט געווען קיין איבערזעצונגען אין הײַנטיקן זין פון וואָרט. דעם טעקסט פון אָריגינאַל פלעגט מען מערסטנס פאַרברייטערן, קאָמענטירן, טײַטשן, מע פלעגט אויך אַרײַנפירן אַנאַלאָגיעס פון אַנדערע ווערק אָדער ביכלאַך נײַע סו־זשעטן און מאָטיוון אין גײַסט פון דער צײַט. פון אָט דעם אייגנאַרטיקן זיווג איז, זעט אויס, געבוירן געוואָרן דער כאַראַקטעריסטישער נאָמען „איוורע־טײַטש".

מיט דעם באַגריף „איוורע־טײַטש" האָבן זיך באַנוצט אויך ניט קיין ייִדישע געלערנטע — הומאַניסטן. יאָהאַן בוקסטאָרף (1564 — 1629), לעמאָשל, האָט זײַן באַרימטע אַרבעט וועגן ייִדיש אַפילע אָנגערופן: „לעקציעס צום באַנוצן און פּראַקטיצירן העברעיִש־טײַטש" (Hebraeo-Germanicae).

אין זעכצעטן און זיבעצעטן יה. איז דער פּראָצענט סעמיטיזמען אין ייִדיש געווען זייער גרויס. די פרעמד־שפּראַכיקע עלעמענטן (גערמאַנישע, ראָמאַנישע) האָבן שוין דעמלט באַקומען אַן אייגענעם קלאַנג און טאָן. די דײַטשישע געלערנטע פון יענער צײַט האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז א רעזולטאַט פון די העברעיִשע אײַנפלוסן.

„די דײַטשישע שפּראַך, — שרײַבט י. בוקסטאָרף, — איז בא זיי [בא די ייִדן] קיינמאָל ניט ריין. זייער אָפט מישן זיי אַרײַן העברעיִשע ווערטער... זיי האַלטן זיך אַזוי פעסט בא דער העברעיִשער ווענדונג, אַז זיי פאַר־טונקלען די דײַטשישע..."

י. ק. וואַגענזייל (1633 — 1705) האָט געשריבן: „מיט קיין שום אַנדערער שפּראַך זײַנען זיך ייִדן ניט אַזוי לעסטערלעך באַגאַנגען ווי מיט אונדזער דײַטש. זיי האָבן אים צוגעגעבן א פרעמדן טאָן און קלאַנג... אויסגע־טראַכט נײַע אומבאַקאַנטע ווערטער און אויך זייער א סאַך העברעיִשע ווערטער און רעדנסאַרטן אַרײַנגעמישט אין דײַטש. דײַטש האָט באַקומען בא זיי אַזא אויסזען, אַז ווער עס הערט זיי ריידן אין דער שפּראַך, גלייבט, אַז זיי ריידן ניט אַנדערש, ווי אין א ריינעם העברעיִש"...

מיט דעם טערמין „יודיש" באַגעגענען מיר זיך צום ערשטן מאָל אין איינעם פון די באַדײַטנדיקסטע ווערק פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור, אין דעם „מעלאָכים־בוך" (ערשטע אויסגאַבע, אאוגסבורג, 1543). עס איז מאַמעש צו באַוווּנדערן דעם אײַנפאַל בא דעם אַלטן אַנאָ־נימען מעכאַבער. ער שטעלט אַרײַן דאָס וואָרט „יודיש" אין דעם „מעלאָכים־בוך" פונקט אין אַזא אָרט, ווו עס קומט פאָר דער ערשטער, אַזוי צו זאָגן, שפּראַכלעכער שטרײַט אין דער ייִדישער געשיכטע.

איבערדיכטנדיק דעם באַרימטן דיִאַלאָג (מלכים ב, יח), וואָס קומט פאָר צווישן די פירער פון אַלטן יעהודע מיטן פאָרשטייער פון אשור, ווען זיי בעטן זיך בא אים, ער זאָל צו זיי ריידן אין א שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק פאַרשטייט ניט, דערווידערט דער לעצטער, אַז ער רעדט ספּעציִעל אין פּראָסטן לאָשן, דאָס פאָלק זאָל פאַרשטיין און וויסן, וואָס פאַר אַן אומגליק זײַנע פירער ברענגען אף אים. דער אַוטאָר, פון זײַן זײַט, באַמערקט: „ערשט רעט ער בישיידלעך יודיש מיט העלער שטים".

דאָס וואָרט „יודיש" איז מיסטאָמע בא דעם אַנאָנימען אַוטאָר אַנטשטאַנען לויט דער אַסאָציִאַציע מיט דעם אַלטן ביבלישן וואָרט „יהודית". צווישן ביידע ווערטער איז פאַראַן ניט נאָר א געוויסע האָמאָפאָנעטישע ענלעכ־קײַט, עס איז בא זיי פאַראַן א געמיינזאַמער זין און באַטײַט.

אין טאַנאַך ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט דער נאָמען פון דער שפּראַך, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט די אַלטע ייִסרעיילים. ראַשי און דער ראַמבאַן[1], קאָמענ־טירנדיק אייניקע ערטער אין טאַנאַך (בראשית מ"ה ככ, ישעיה י"ט יח), האָבן אָט די שפּראַך אָנגערופן די שפּראַך פון קנאַאַן (שפת כנען). די באַצייכענונג „לשון עברי" באַגעגענען מיר ערשט אין דער מישנע (גיטין ט"ח, ידים ה׳ ד), אין מעדרעש (בראשית רבה מ"ב). דאַקעגן ווערט „יהודית" אין טאַנאַך דרײַ מאָל דערמאָנט (מלכים ב יח, ישעיה לו, נחמיה יג) און יעדעס מאָל אַלס די שפּראַך פון די אָרעמע פאָלקסמאַסן, אין קעגנזאַץ צו דער, מיט וועלכער עס באַנוצט זיך דער פאַרמעג־לעכער קלאַס. דער אַנאָנימער אַוטאָר האָט זיך אַנדערש ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז קעדיי דאָס פּאַשעטע פאָלק, וואָס לעבט שוין איצט בא דעם טײַך ריין, זאָל אויך פאַרשטיין, באַדאַרף אַפילע דער אַלטער פאָלקן־פירער פון אשור ריידן „בישיידלעך יודיש מיט העלער שטים".

כוץ די דערמאָנטע נעמען, האָט מען זיך אויך באַנוצט

[1] ראַביינו מוישע באַר נאַכמען (1194 — 1270) — מעדיקער, קאָמענטאַטאָר פון דער ביבל.

מיט „טײַטש“, מערסטנטייל „ייִדיש־טײַטש“. און אזוי ווי אין מעשעך פון דוירעס איז די ייִדישע פרוי געווען א געטרײַע לייענערן פון דער ייִדישער ליטעראטור, האָט מען ניט נאָר די שפּראַך, נאָר אויך דעם ספּעציִעלן שריפט, אין וועלכן מע פלעגט דרוקן ייִדישע ביכער, אָנגערופן „ווײַבער־טײַטששריפט“.

דער ערשטער, וואָס האָט די ייִדישע שפּראַך אָנגערופן היימיש און צערטלעך מאַמע־לאָשן, איז געווען א פּאָשעטער מענטש פון פאָלק, אָדער ווי ער אליין רופט זיך, א „לאַנטך־מאַן“ פון דעם דאָרעם־דײַטשישן ייִשעוו הערגערסהויזן, אַרן בען שמועל.

מעגלעך, אז דאָס פאָלק האָט לאַנג שוין זיך באַנוצט מיט דעם אויסדרוק. אַרן פון הערגערסהויזן איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערפילט זײַן פּאָעטישן כיין און טיפן מיין. ביז אים האָט קיינער דעם אויסדרוק אפן פּאַפּיר ניט אַרופגעבראַכט. זײַן ביִאָגראַפיע איז אונדז אומבאַקאַנט. פון דעם פאָרוואָרט צו זײַן אייגנאַרטיק ביכעלע „ליבליכה תפילה אודר גרעפטיגה אַרטצינייא פאר גוף און נשמה“ (פּירט, 1709) איז צו זען, אז ער איז זייער פרי געבליבן א יאָסעם און האָט זײַן גאַנץ לעבן געליטן פון „דאַלעס, צאָרעס און ווידערווערדיקײַט“. א טרייסט אין זײַן שווער לעבן האָט ער געפונען נאָר אין די „ליבליכה ספרים אין דעם מוטער־לשון“.

דער נאָמען פון דעם בוך גיט ניט גענוי איבער זײַן עמעסן כאַראַקטער. ניט קיין טפילעס אין געוויינלעכן זין פון וואָרט האָבן מיר דאָ, נאָר פאַרביטערטע מאָנאָלאָגן „פון איין לאַנטך־מאַן דער קיין למדן איז“, „פון איין משרת“ אָדער „פון איין אָרעם פילצל“, פאַר וועלכע אַרן פון הערגערסהויזן האָט געוואָלט ברענגען א „קרעפּטיקע אַרטצנײַ פאַר גוף און נעשאָמע“.

פון ריין ליטעראַריש־עסטעטישן שטאַנדפּונקט האָט דער בוך א קנאַפּן ווערט. מיר זײַנען אָבער מויכל דעם אווטאָר זײַן קינסטלערישע אומבאַהאָלפנקײַט און באַוווּנדערן דעם טיף עטישן געפיל און די גרויסע מיסיע, וואָס ער האָט אף זיך גענומען: העלפן דעם מענטשן.

ער טרעט אַרויס פאַר א ראַדיקאַלער רעפאָרם אין דער דערציִונג פון יונגן דאָר. דעם קינדס האַרץ, דערקלערט ער אין פאָרוואָרט, איז ווי א נײַ נאָך ניט באַשריבן בוך. אויב מע וועט אין אים אָנשרײַבן גוטע און קלוגע זאַכן, אין א קלאָרער און פאַרשטענדלעכער שפּראַך, וועט אויסוואַקסן א גוטער מענטש. „דרום, — מאַכט ער דעם אויספיר, — זאָל מען מיט דעם קינד לערנען אין דעם מוטער־לשון“.

און קעדיי אופצוהייבן דאָס כשיוועס פון דעם מוטער־לאָשן, האָט ער זײַן בוך אָפּגעדרוקט אין דעם שריפט, מיט וועלכן מע פלעגט דעמלט דרוקן נאָר העברעיִשע ביכער. דאָס איז, אגעוו, געווען דער ערשטער בוך אין ייִדיש, וואָס איז געדרוקט ניט אין דעם ווײַבער־טײַטש־שריפט. אַרן בען שמועל פון הערגערסהויזן האָט געהאָפט מיט זײַן בוך „גרויס שלום צו ברענגען“. זײַן דרייסטקײַט האָט אָבער בא די טאַקיפים און שטאָלצע לאַמדאָנים אַרויסגערופן א שטאַרקן גרימצאָרן. מע האָט אים און זײַן בוך אַרײַנגעלייגט אין כיירעם. זײַן נאָמען וואָלט מיסטאָמע אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, ווען מע זאָל צופעליק אין 1830 ניט האָבן געפונען דעם בוך אף א בוידעם אין הערגערסהויזן.

ל. פּאָדריאַטשיק

דעם אָנדענק פון נאָסן ראָזאָווסקי

דעם 2 מײַ איז אין כאַרקאָוו, אין עלטער פון קאָרעוו נײַנציק יאָר, געשטאָרבן נאָסן ראָזאָווסקי — א מענטש, וואָס האָט אין מעשעך פון עטלעכע און זעכציק יאָר געדינט דער ייִדישער קולטור מיט זײַן שוישפּילערישן טאַלאַנט, מיט זײַנע דראַמאַטישע שאַפונגען, מיט פּאָפּולאַריזירן און פאַרשפּרייטן דאָס געדרוקטע ייִדישע וואָרט.

זײַן שוישפּילערישע טעטיקײַט האָט ראָזאָווסקי אָנגעהויבן אין דער געבורטס־שטאָט זײַנער סמאָרגאָן (ווײַס־רוסלאַנד), ווו ער האָט געשאַפן א דראַמאַטישן קאָלעקטיוו, וואָס האָט מיט זײַנע דערפאָלגרײַכע פאָרשטעלונגען זיך דערוואָרבן א נאָמען פון א הויך־טאַלאַנטירטן שפּעפערישן אַנסאַמבל. ראָזאָווסקי האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין פאַרשיידענע טעאַטערן, אין וועלכע אים איז אויסגעקומען פיל יאָרן צו שפּילן.



צוזאַמען מיט זײַן פרוי, דער אַלטער קאָמוניסטקע ראָזאַליע ראָזאַנאָווע, האָט ראָזאָווסקי אָפּגעגעבן פיל מי און צײַט די ייִדישע קינדערהיימען. ער האָט אָנגעפירט מיט ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קרײַזן, געשריבן פאַר זיי פּיעסן. אייניקע פון זײַנע קינדער־פּיעסן, ווי „דער שלעכטער קיניג“, „פרילינג גייט“, זײַנען דעמלט דערשינען אין א בוך־פאָרם. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זײַנען דערשינען אויך אַנדערע זײַנע דראַמאַטישע ווערק.

פון צײַט צו צײַט האָבן אין דער פאַריִאָדישער פּרעסע זיך געדרוקט נ. ראָזאָווסקיס הומאָרעסקעס, סקיצן, בילדלעך. די לעצטע יאָרן האָט ער זיך דעריקער פאַרנומען מיט פּאָפּוליאַריזירן און פאַרשפּרייטן דעם ייִדישן בוך. ער האָט געהערט צו יענע געציילטע מויכער־ספּאָרימניקעס, וואָס האָבן, ווי „מענדל בוקיניסט“ בא סטעפאַן צווייגן, פאַרדינט פאַרצייכנט צו ווערן אין דער ליטעראַטור.

ניט געקוקט אף זײַן טיפער עלטער און שווערער קרענק, האָט נאָסן ראָזאָווסקי ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן ניט פאַרלאָזט דעם פּאָסטן, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן מיט עטלעכע און זעכציק יאָר צוריק, — דינען דער ייִדישער קולטור. ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן האָט ער זיך געמיט אף צו פאַרברייטערן דעם קרײַז לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, פון די נײַ־דערשינענע ייִדישע ביכער.

ס'איז אַוועק פון אונדז אין זײַן אייביקער רו אַן אומדערמידלעכער האָרעפּאַשניק פון אונדזער ייִדישער קולטור.

שמועל גאָרדאָן

פארשיידנס

ויִאזוי באַנײַען אַנטישע סקולפּטורן

קאַנסערוון־באַנקעס, פאַרזשאַווערט דראָט און אַנדערע אַזעלכע זאַכן זײַנען געוואָרן פאַר אייניקע אַבסטראַקציִאָניסטן אַ מאַטעריאַל אויף צו שאַפן „סקולפּטורן“. די ווערק זייערע זײַנען אָבער ענלעך אויף צעקאַרדאַטשעטע נאָך אַ קאַטאַסטראָפע אווטאָמאָבילן, און דאָס נעמט ניט אַלע מאָל אויס באַם פּובליקום. אַן אויסוועג האָט געפונען איינער אַן איטאַליענער. ער נעמט אַ באַוווּסטע אַנטישע סקולפּטור; מיט דער הילף פון אַן עגבער און פון אַ האַמער מאַכט ער אין איר אַן עפענונג און שטעלט אַרײַן אַהין פאַרשיידענע זאַכן: פיסלעך פון בענקלעך, עלעקטרישע לעמפּלעך, קאַטשלקעס, שטיקלעך וואַסערלייטונג־טרויבן.

אויף אַזאַ אויפן ווערט די אַנטישע סקולפּטור אַ גענוג הײַנטצײַטיקע...

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“).

אַ געלערנטער מיט אַ פּאָעטישער נשמה

דער באַרימטער דײַטשישער געלערנטער ווילהעלם הומבאָלדט (1835—1767) האָט אַלע טאָג, אין משך פון 44 יאָר, געשריבן פאַר זײַן פרוי אַ ווערק אין פערזן פון 100 שורות. זײַן צוזאַמענלעבן מיט דער שיינער און קלוגער קאַראָלינע פאָן דאַכרוידען האָט זיך געצויגן 35 יאָר. אָבער אַפילו נאָך איר טויט האָט ער פאָרגעזעצט שרײַבן די לידער, וועלכע ער פלעגט אַלע טאָג אַוועקלייגן אויף איר קייווער.

(„נעדיעליאַ“)

אַן אַנטילאָפּע פאַר העמינגווייען

הײַנטיקן זומער וועט אויפן קייווער פונעם באַרימטן אַמעריקאַנער שרײַבער ערנעסט העמינגוויי אין דער שטאָט קעטשעם פונעם שטאַט אײַדאַהאָ אַוועקגעשטעלט ווערן אַן אָריגינעלער דענקמאָל — אַ בראָנזענע סקולפּטור פון אַן אַפריקאַנער אַנטילאָפּע.

די סקולפּטור האָט באַשטעלט די אַלמאָנע פונעם שרײַבער מערי העמינגוויי בא דעם יונגן ענגלישן סקולפּטאָר דזשאָנאַטאַן קענוואָרטי.

ווי באַוווּסט, איז העמינגוויי געווען אַ לײַדנשאַפטלעכער יעגער און איז ניט איין מאָל געקומען צו פאָרן קיין אַפריקע אויף סאַפאַרעס — אַפריקאַנישן געיעג. אינעם שרײַבערס הײַזל הינטער האַוואַנע ווערן אָפּגעהיט די פעלן און הערנער פון באַלעכאַיִם, וואָס ער האָט געהאַרגעט, ווי אויך יעגערישע ביקסן, פילצאָליקע פאָטאָגראַפיעס פון העמינגווייען בײַם זײַנע באַזוכן אין אַפריקע.

פאַרן צוטרעטן צו דער אַרבעט איז דער סקולפּטאָר ד. קענוואָרטי אַ שטיקל צײַט געווען אין מיזרעך־אַפריקע אין די ערטער, ווו העמינגוויי פלעגט זיך פאַרנעמען מיט יאַגד. דער סקולפּטאָר האָט באַאָבאַכט דאָס לעבן פון די גראַציִעזע באַלעכאַיִם אויף דער פרײַ און געמאַכט געמעלן פון אַנטילאָפּעס פאַר זײַן קינפטיקער סקולפּטור.

(„קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ“)

צי האָבן די פיניקייער אַנטדעקט אַמעריקע?

אין פאָריקן יאָרהונדערט האָט מען אין בראַזיליע געפונען ניט קיין גרויסע שטיינערנע פליטע מיט פיניקייִשע אויפשריפטן. ווען דער אַמעריקאַנער געלערנטער ס. גאָרדאָן האָט זיי דעשיפרירט, איז אים געקומען אַ געדאַנק, צי זײַנען ניט געווען די פיניקייער מיט 2000 יאָר פאַר כריסטאָפאָר קאָלומבן די ערשטע אַנטדעקער פון אַמעריקע און צי קאָן מען ניט מיט דעם דערקלערן אַ געוויסע ענלעכקײַט צווישן די מיטללענדישע ציווילִיזאַציעס פון דער אַנטישער וועלט און די אַזויגערופענע פרײַקע קולטורן פון אַמעריקע.

די אויפשריפטן, וואָס גאָרדאָן האָט איבערגעלייענט, דערציילן וועגן פּאַסירונגען פון יאַם־לײַט, וואָס זײַנען אַרויס פונעם אַקאַבער אײַנגוס אין רויטן יאַם. ווען זיי האָבן דורכגערײַזט דעם קאַפּ „גוטע האָפענונגען“, האָט אַ שטורעמווינט אָפּגעוואָרפן זייער שיף אין אַ זײַט פון די איבעריקע שיפן. ווי ס'דערציילן ווײַטער די אויפשריפטן, איז די שיף צוגעשוווּמען צו „די ווײַטע ברעגן פון אַ באַרג־לאַנד“. די יאַם־לײַט זײַנען אַראָפּ אויפן ברעג „אינעם נײַנצעטן יאָר פון כיראַמס קיניגן“.

לויט גאָרדאָנס מיינונג, פלעגן די פיניקייער יאַם־לײַט, מעגלעך, נאָך אַ סאַך פריִער פון דער באַשריבענער געשעעניש זיך טרעפן מיט די אינדיִאַנער פון אַמעריקע. „אויף אַ מעהאַלעך פון מעקסיקע ביז פּערו, — זאָגט ער, — זײַנען פאַראַן פיל סימאָנים, וואָס זאָגן איידעס וועגן דער ווירקונג פון דער פיניקייער און מיטללענדישער ציוויליזאַציעס“. אַלס בײַשפּילן ברענגט ער די באַרימטע פּיראַמידעס „זון“ און „לעוואָנע“ לעבן מעכיקאָ, פאַרגלײַכנדיק זיי מיט דער טרעפּ־פּיראַמידע סאַקאַראַ אין עגיפּטן, און אויך די שטיין־אַרכיטעקטור, וואָס נוצט אויס אַנטאַבלעמענט אויף די קאָלאָנעס, די קאַלענדאַר־סיסטעם (אַ יאָר פון 360 טעג מיט פינף צוגאָב־טעג) און די פאַרפּולקומטע באַוואַסערונג־סיסטעם, וואָס ווערט ברייט באַנוצט אויפן מיטעלן מיזרעך.

(„יונעסקאָ“־נײַס).

ס׳איז א קלײנער קאָװעד

„דו און מיר זײַנען אומצעטײלבאר״, — די דאָזיקע װערטער האָט די פּאָפּולערע אין פאַשיסטישן דײַטשלאַנד פּאָעטעסע אגנעס מיגעל אדרעסירט אדאָלף היטלערן. א גרויסער טײל לאַנדסלײַט האָט שױן לאַנג פארגעסן אין היטלערס עקזאַלטירטער אָנהענגערן, װאָס איז אין איר צײַט באלױנט געװאָרן מיט א גאנצער רײ ליטעראַרישע פּרעמיעס. נאָר אָט האָבן זיך אין פיר מיט א האלבן יאָר נאָך איר טױט צעפלאַקערט ארום איר נאָמען הײסע שטרײַטן אינעם מײַרעװ־דײַטשישן שטעטל באד נענדאָרף. די שטאָט, װוּ די נאַציסטישע פּאָעטעסע האָט געװױנט די לעצטע יאָרן פון איר לעבן, האָט זיך צעטײלט אף צװײ לאַגערן. אײנע — אין שפּיץ מיטן בורגאָמיסטער מעיער און מיט די מוניציפּאַליטעט־מיטגלי־דער — װילן אָנרופן די אָרטיקע גימנאַזיע אף איר נאָמען, װײַל װאָס ס׳איז אָנגענומען געװאָרן א געהעריקער באשלוס. די צװײטע — אין דער ערשטער רײ די לערער און שילער פון דער שלימאַזלדיקער גימנאַזיע — פּראָטעסטירן קעגן דעם.

דער פּובליציסט פרידריך ליופּט טרעט ארויס מיט א טרעפ־לעכער רעפּליק אין צוזאַמענהאַנג מיטן באשלוס פונעם באד־נענ־דאָרפער מוניציפּאַליטעט: „עפּשער בעסער שױן גלײַך אָנרופן די גימנאַזיע אף האָרסט װעסעלס נאָמען? יענער איז װירקלעך געװען א פולװערטיקער נאַציסט, און אלס פּאָעט איז ער עפּשער ניט װײניקער טאַלאַנטלאָז, װי מיגעל״.

דער בורגאָמיסטער מעיער האָט געמוזט אָפּטרעטן. „מיר, פּאָ־ליטיקער, האָבן ניט צוגעגעבן דעם פאַקט אזא מין באַדײַטונג. ס׳װעט, זעט אויס, אויסקומען איבערקוקן אונדזער באשלוס״, — פאַרענטפערט ער זיך פאַר די קאָרעספּאָנדענטן.

אין דער זעלבער צײַט האָט מען שױן אין פיר מײַרעװ־דײַ־טשישע שטעט אָן שום ראַש צוגעײגנט די גימנאַזיעס דעם נאָמען פון דער נאַציסטישער פּאָעטעסע.

(„שטערן“. דײַטשישע פעדעראַטיװע רעפּובליק)

אָװידיס אומבאװוּסטע לידער

בײַס די ארכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען אינעם ראַיאָן פון דער איטאַליענישער שטאָט סולמאָנאַ האָט מען געפונען א מאַרמאָרנע קאָלאָנע פונעם הערקולעס־טעמפּל, אף װעלכער ס׳זײַנען אויסגעקריצט שורעס פון א ליד.

דער אונטערשריפט פונעם אװ־טאָר — „נאַזאָניס״ — זאָגט אײ־דעס, אז די שורעס געהערן פּובליִ אָװידי נאַזאָנען. דער באַ־רימטער רוימישער פּאָעט, װאָס איז געבױרן געװאָרן מער װי מיט צװײ טױזנט יאָר צוריק אין סולמאָנע, האָט א סאַך יאָרן גע־לעבט אין אָט דער שטאָט.

דער טעקסט אפן מארמאָר איז איצט זײער צעשעדיקט, דעריבער װעט די איטאַליענישע לאַטײַ־ניסטן אויסקומען ניט װײניק זיך מיִען, אײדער ס׳װעלן אופגע־שטעלט װערן די אָנדערהאַלבן צענדליק שורעס פון דער ליד.

(„זנאַניע — סילאַ“)

א קאָלעקציע פון קוריאָזן

מיר ברענגען דאָ אײניקע ציטאַטן פון דער ענגלישער פּרעסע:

„אן אָנגעשטעלטער פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין אויִדנעס (לאַנקאַשיר) האָט דערקלערט, אז לויט די נײַע טאַקאָנעס װעט פון די באזוכער, װאָס שלאָפן רעגולער אין לײען־זאַל, אופגעמאָנט װערן פינף פונט סטערלינג שטראָף. די לײענער, װאָס האָבן אָנגעהויבן דרעמלען ניט לויט זײער אײגענעם װילן, און אויך קורצזיכטיקע לײענער, װאָס זײַנען געצװוּנגען זיך לײגן אפן דיל, קעדײ איבערלײענען די נעמען פון די ביכער, װעלכע שטײען אף די אונטערשטע פּאָליצעס, װעלן ניט שטראָפירט װערן״ („דײלי עקספּרעס״).

די מײנונגען פון די ענגלישע ביבליאָטעקערס װעגן דער פראַגע גײען זיך פאַנאַנדער.

„מיר באַגריסן די שלאָפנדיקע, — האָט געמאָלדן דער ביבליאָטעקער פונעם קעמברידזשער אוניװערסי־טעט. — א שלאָפנדיקער לײענער שטעלט מיט זיך פאָר א קלענערע געפאַר פאַר די ביכער, אײדער א װאַכער לײענער״ („טײַמס״).

און פונדעסטװעגן איז שלאָפן אין א ביבליאָטעק געפערלעך.

„בײַס די הײסע דעבאַטן װעגן בודזשעט איז מיסטער ליפּטאָן, דער לײבאָריסטישער דעפּוטאַט פון בריק־סטאָן, געשלאָפן אין דער ביבליאָטעק פון דער געמײנדעס־פּאַלאַטע. אײנער א פאַסקודנער קאָנסערװאַטאָר האָט זיך אונטערגעגאַנװעט צו אים, אראָפּגעשלעפּט פונעם פוס א שוך און אים באַהאַלטן. אין א שאָ אָדער צװײ ארום האָט דעם מיסטער ליפּטאָן, װאָס האָט פאַרשלאָפן דעם קלונג צום שטימען, אופגעװעקט דער צערײַצטער פאַרלאַמענטישער „קאַנטשיק“ פון דער לײַבאָריסטישער פּאַרטײ (א פּאַרטײ־פונקציאָנער, װאָס איז פאַראַנט־װאָרטלעך פאַר דער דיסציפּלין פון די מיטגלידער פון דער פּאַרלאַמענט־פראַקציע), און געפאָדערט, אז ליפּ־טאָן זאָל טײַקעף אויספילן זײַנע פליכטן. און האָגאַם ס׳איז באַם מיסטער ליפּטאָן פאַרפאַלן געװאָרן א שוך, האָט ער דאָך געמוזט, אונטערהינקענדיק, גײן שטימען. „מײַן פוס האָט געליטן אן אװאַריע״, — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר זײַנע קאָלעגן, װאָס זײַנען געװען פאַרװוּנדערט פון אזא עקסצענטרישקײַט“ („סאַנדי טעלעגראַף“).

בלעטערנדיק זשורנאלן און צייטונגען

דאָס זעלטענע קאָל פון עלכאָנען וואָגלער

נאָך א פּאָר דיכטער־אויגן פארמאכט... מיט א פּאָר וואָכן צוריק איציק מאנגער... און איצט שוין עלכאָנען וואָגלער.

ס'איז מיר שווער צו שרײַבן אפן פרישן קייווער פון עלכאָנען וואָגלער, פון דעם מענטש און דיכטער, פאר וועמען דאָס הארץ האָט שטענדיק געווייטעקט, מיט וועמען איך בין פיל יאָרן געווען נאָענט. אזויפיל דערינערונגען שוועבן אוף אין מײַן זיקאָרן, און פון זיי אלע לײַכט ארויס וואָגלערס פּאָנעם. צוויי גרויסע מאנדל־אויגן, האלב צעעפנט, וואָס זוכן זיך ערגעץ צו באהאלטן פון אלץ ארום. זיי דרינגען אָבער ארײַן אין דיר, זעען מער וויפל דו מיינסט און פארנעמען צוגלײַך די ווײַטקײַטן ארום. א פארענדיקט, שליימעסדיק אויסגעסקולפּטירט פּאָנעם, וואָס האָט געטראָגן א מין אויסדרוק פון פינאליטעט; א פּאָנעם, וואָס האָט פארקערפּערט די טראגיק פון אונדזער צײַט.

ער, דער פארליבטער אין פאָלק, אין זײַן שפראך און שטייגער, האָט גאָרנישט ניט געקענט פארגעסן. אין אים האָבן שטענדיק געלעבט די אומגעקומענע, די אין אָפּ־גרונט „פון טרערן פארזונקענע כאָרעווע וועלט“. פאר אים, דעם „פארבליבענעם אף העפקער“, ווי ער שרײַבט וועגן זיך אין פאָרוואָרט צו זײַן בוך לידער „פרילינג אפן טראקט“, איז דער צאר גרעסער פאר דער ערד גופע, ער בלײַבט פאריאָסעמט „אף דער גרויסער, פרעמדער וועלט“, און דאָס לעבן טוט אים ווי, עפשער ניט ווינציקער ווי „זײַנע ברידער אף דער ליטווישער און פוילישער ערד האָט בעשײַטע ווי געטאָן דער טויט“. ער שטייט און שטאַרט מיט א געליימטער צונג. דאָס ווידערקאָל פון זײַן ליד הילכט אָפּ מיטן געשאָרך פון שארבנס און ביינער. ער באצייכנט זײַן ליד ווי: „א הייליקע מעגילע, געשריבן מיט שארלאך־בלוט פון א פארלענדטן דאָר“. מע טאָר ניט פארגעסן, אז וואָגלער, דער אָנעווודיקער, באשיידענער, האָט געמאָסטן און געוויגן זײַן וואָרט. זײַן וואָרט איז געווען דער דעסטילאַט פון זײַן לעבן. אומזיסט צו פרעגן, צי ער האָט טאקע ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט זיך ראטעווען. פאראן פארבונדנקײַטן, וואָס זײַנען אומצע־שיידבאר.

געקירצט.

שוין אין 1944, ווען ער געפינט זיך אין אלמא־אטא, ווי עס דערגרייכן צו אים די וויסטע בסורעס, שרײַבט ער:

> כ'וועל ניט זינגען מער פון מײַנע אויסגעטרוימטע
> קארשן־ביימער.
> דער וועלט־העקער זיי אויסגעהאקט האָט פון מײַן
> לײַבלעכער ערד.
> פון אופגעברויזטן ניעמאן וועל איך אויסגיסן א
> שווערד...

און דאָך פלאטערט אין זײַן פארוווּנדעט הארץ אן אופגעגליטע בענקשאפט „צום אופגעריכטן פרילינג“. וואָגלער, דער אופגייענדיקער שטערן פון דער גרופּע „יונג־ווילנע“, איז אין זײַן ערשט בוך (פון 1935) „א



בלעטל אין ווינט“ נאָך א פרילינגדיקער און טיף־פארבונ־דענער מיט דער נאטור. ער שעפּט פון איר אומענדלעכער שפּיל און פרוכטבארקײַט זײַן גלויבן, זײַן אימאזש און זײַן אינהאלט אין לעבן. ער הערט און פארשטייט דאָס לאָשן פון אלץ, וואָס שפּראָצט, בליט און אָטעמט מיט לעבן. ער רעדט מיט דער שפּראך פון נאָדל־ און מאנדל־בוים, ווי פון דער בעריאָזע, פון אלע ביימער, פון פייגל און כײַעס. ער זאפּט אײַן און דריקט אויס די מעלאנ־כאָלישע טריבקײַטן און שטימונגען פון דער נאטור, פון אלע אירע הארבסטן און בלוטיקע שקיִעס און אָוולדיקע פלייטן, טפילעס און צאר פון פארגיין. ער איז דער גע־בענטשטער דיכטער פון דער עלעגיע, פון די אומעטיקע ליטווישע לאנדשאפטן, פון די ליימענע ברעגן פון ווילי[ע] און ניעמאן, פון בוידעם־שטיבל און זײַן כיילעוודיק ליכטל, פון דער טרערפולער הארפּע.

אלץ ווערט בא אים ניסגאלע דורך סימבאָל, מאָשל און מעטאפאָרע, עס ווייעט פון אים שטענדיק מיט א טיפער ליבשאפט: ער וויל, אז אלץ אין דער נאטור זאָל זיך פארייניקן, פארשמעלצן, זיך מעשאדעך זײַן, טאנצן, שפּילן, זינגען און זיך פרייען. דער ליטווישער טײַך איז בא אים א מויד, וואָס ווערט אף איר כאָסן, אלע ביימער

פון סאַד פירן דיאַלאָגן און ליבעס. זיי ריידן אויך רעכי־לעס איינער אפן צווייטן. דאָס ווייץ איז „א נידעריקע פרוי מיט פעטע ברוסטן" און „ניט פאר קיינעם געדאכט, בלינד". דאָס קאָרן האָט בלויע אויגן און בלאָנדע לאָקן. זשאבעס מוסערן די גראָזן. „דער אַלטער ווינט איז א קייסן, א לאַמדן", און „דער יונגער ווינט איז א הולטיי".

ניטאָ קימאט בא וואָגלערן קיין איין שוואך ליד; א זעלטנקייט, וואָס מע טרעפט טיילמאָל אפילע ניט בא די גרויסע מייסטערס. וואָגלער האָט יעדעס ליד אויסגעטראָגן ביז פולשטענדיקער רייפקייט. זיין פערז איז אויסגע־טאַקט אָן שום פגימע און בלענדט מיט זיין בילדערלעכ־קייט און אָריגינעלקייט. וואָגלער האָט באַרייכערט דעם נוסעך, דעם וואָרט־אוצער פון דער יידישער דיכטונג מיט אויסדרוקן און ווערטער־פארבינדונגען פון א באַזונדערער כיינעוודיקער שיינקייט און רייכקייט פון פאַנטאַזיע:

אין געוועב פון בלויע שנייען
שלייכט א מאַן פון שטאָט צו שטאָט,
טראָגט דאָס שטאַר געזיכט אינצווייען
פונעם טייוול און פון גאָט.

אף די בלעטער פון שאָסייען
ער פארזיגלט מיט זיין טראָט
פון די וואַנדער־נעכט די ווייען
אין זיין מילך־ווייסן בלאַקנאָט.

וואָגלער איז געווען פארליבט אין יעדן יידיש אָס. פאר אים איז דאָס וואָרט און דער אָס געווען א רעמעז און א סאָד, ווי פאר די אמאָליקע באַלי־קאַבאָלע, וואָס האָבן געזוכט דורך די ספירעס אריסטאָקריגן פון זיי דעם סאָד־האַיעצירע. ער האָט געוווּסט, וויאַזוי זיך צו באַנוצן מיט אָט דער געהיימניס און הייליקייט פונעם וואָרט. „מיין פאָלק, איך וויל דיין לעבן פארוואַנדלען אין נעגינע!" — זינגט ער אין 1942 אין ווייטן קאַזאַכסטאַן.

אָבער ווען זיין כאָלעם ווערט פארלענדט, לאָזט אים שוין מער ניט אָפּ דאָס געוויין.

עלנאָנען וואָגלער האָט געהערט צו יענעם מין מענטש, — וועלכע מע טרעפט געוויינלעך אָפּטער צווישן דיכטער, — וואָס נעמט דארן און טריקענען אזוי גיך, ווי מע רייסט אים ארויס פון זיין באָדן, וו ער איז געווען פאַרוואָרצלט.

זיינע לידער פון ראַטנפארבאַנד אָדער שפּעטער פון פוילן און דאַן פון פראַנקרייך אָטעמען מיט די פארבן, רייכעס און בילדער פון זיין אָווער און זיין ערד פון ליטע. אָבער זיין דאַרטיקער פלוימענבוים איז שוין פאר־וואַנדלט געוואָרן אין א בלויער טליע. אין זיינע „לידער פון דער סען", וו ער באַזינגט דעם מאָנמאַרטער, דעם סען־מישעל, דעם באַגין אפן באַסטיל, קומען צוריק צו אים „די ליטווישע טראַקטן און פעלדער מיט זאַנגען", וואָס וויגן זיך אין טאַקטן פון פייגל־געזאַנגען. מיר טרעפן אָן קעסיידער און אומעטום „דעם אויסגעהאַקטן וואַלד".

וואָגלער איז אין די לעצטע יאָרן געבליבן באַם ראַנד, איינער פון די, וועמען מאַנגער האָט אָנגערופן „לעוואָנע־גייער".

דאָרע טייטלבוים
(„נייע פּרעסע")

כראָניק

„באַנאַנד מיט אונדז"

אזוי הייסט די זאַמלונג זיכרוינעס, געווידמעט די פּופצן כאַרקאָווער שרייבער־שלאַכטלייט, וואָס זיינען אומגעקומען אף די פראָנטן פון דער פאַטערלענדי־שער מילכאָמע און וועמענס נעמען עס זיינען מיט גאָלדענע אויסיעס אויסגעקריצט אפן מעמאָריאַל־טאָוול אין קלוב פון דער כאַרקאָווער שרייבער־אָרגאַניזאַציע.

„פופצן שרייבער, פארשיידענע לעבנס־וועגן און פארשיידענע שעפערישע ביאָגראַפיעס, — ווערט גע־זאָגט אינעם פאָרוואָרט פונעם בוך. — שרייבער, וואָס האָבן געשריבן אף פארשיידענע שפּראַכן: אף אוק־ראַיניש, רוסיש, יידיש. נאָר אַלע זיינען זיי געווען עכטע אינטערנאַציאָנאַליסטן און האָבן גרענעצלאָז ליב געהאַט דאָס סאָוועטישע היימלאַנד"...

די זאַמלונג עפנט זיך מיט אַן ארייַנפיר־אַרטיקל פון אָלעס גאָנטשאַר „אייביקער רום זיי", אין וועלכן דער פארזיצער פונעם שרייבער־פאַריין פון אוקראַינע באַערט דעם אָנדענק פון זיינע אומגעקומענע כאַווי־רים פ. אַלטמאַן, מ. אַראָנסקי, ק. געראַסימענקאָ, אָ. דעסניאַק, ל. זימני, ד. קאַניעווסקי, יאַ. קאַטשורע, א. קאָפּשטיין, יו. קאָרעצקי, מ. קולטשיצקי, ד. סע־מיאָנאָוו, מ. טרובלאַיני, י. פעלדמאַן, מ. כאַטשעש־וואַצקי און מ. שפּאַק.

וועגן יעדן פון די שרייבער־העלדן זיינען פארעפנט־לעכט אַרטיקלען און זיכרוינעס פון אַריבער דרייסיק ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פון אוקראַינע.

וועגן פּייסי אַלטמאַן, מוישע אַראָנסקי און מוישע כאַשטשעוואַצקי שרייבן דמיטראָ קאָסאַריק, יעכיעל טשיטשעלניצקי, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי און דאָרע כייקין.



דער מעמאָריאַל־טאָוול אין אָנדענק פון די כאַרקאָ־ווער שרייבער, וואָס זיינען אומגעקומען אף די פראָנטן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע

„מיר האָבן זיי גוט געקענט“

אין מאָסקווער צענטראַלן אַקטיאָרן־הויז אַף יאַבלאָטשקינעס נאָמען איז פאָרגעקומען אַן אָרדנטלעכער אָוונט פונעם ציקל, וואָס טראָגט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מיר האָבן זיי גוט געקענט“. דאָס מאָל איז דער אָוונט געווען געווידמעט די זיכרוינעס וועגן רוסישן שרײַבער יורי אָליעשא און וועגן ייִדישן אַרטיסט בינימין זוסקין.

פאַרן אָנהייב פונעם אָוונט האָט אין פאָיע געהערשט א באַזונדערע אופלעבונג, מענטשן האָבן אַרומגערינגלט די סטענדן, אַף וועלכע עס זײַנען עקספּאָנירט געווען פיל פאָטאָגראַפיעס פון די געשטאַלטן, וואָס זוסקין האָט געשאַפן אַף דער בינע פונעם מאָסקווער גאָסעט און אין פאַרשיידענע פילמען.

— אָליעשא און זוסקין זײַנען פערזענלעכקייטן פאַרשיידענע לויטן שעפערישן כאַראַקטער, — האָט געזאָגט אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט דער פאַרדינסטפולער קונסטטוער פּראָפ. פּ. מאַרקאָוו, — נאָר ביידע זײַנען זיי אונדז טײַער, פיל יאָרן זײַנען מיר געווען מיט זיי שעפעריש פאַרבונדן.

מיט זיכרוינעס וועגן יורי אָליעשא זײַנען אַרויסגעטראָטן א. מאַלצעווא, וועלכע האָט באַוויזן קינאָ־דאָקומענטן (אָליעשא אין זײַן וווינונג און אין שרײַבער־הויז אין פּערעדעלקינאָ), דער שרײַבער אי. ראַכמאַנאָוו און דער לאַורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון מײַסטערס פון קינסטלערישן וואָרט נ. גאָלובענצעוו.

עפענענדיק דעם צווייטן טייל פונעם אָוונט, האָט פּראָפעסאָר מאַרקאָוו געזאָגט:

— בינימין זוסקין, צוזאַמען מיט שלוימע מיכאָעלסן, איז געווען דער טרעגער פון דער רײַכער קונסט פונעם מאָסקווער גאָסעט. מיכאָעלס און זוסקין — א פון גאָט געבענטשטער דועט, א נאַטירלעכע און זעלטענע באַהעפטונג פון צוויי קינסטלער, וואָס האָבן, ניט געקוקט אפן קאָנטראַסט צווישן זייערע כאַראַקטערן, שטענדיק איינער דעם אַנדערן דערגאַנצט. עס וואָלט שווער געווען אופצונעמען מיכאָעלסעס ליר אָן זוסקינס לעץ, צי מיכאָעלסן — בינימינען אָן זוסקינען — סענדערלען אין „מאַסאָעס בינימין השלישי“.

נאָכדעם איז מיט זיכרוינעס וועגן ב. זוסקינען אַרויסגעטראָטן דער פאָלקס־אַרטיסט פון פּסםר אַרקאַדי רײַקין.

דער פאָלקס־אַרטיסט פון פּסםר מאַרק דאָנסקאָי, איינער פון די שעפער פונעם באַוווסטן פילם „די ניט־באַזיגטע“ (לויט באָריס גאָרבאַטאָווס ראָמאַן), דערציילט:

— מילכאָמע־צײַט. קיִעוו ליגט נאָך אין רויִנען. דער אויסוואַל צו שפּילן די הויפּט־ראָלן אין אונדזער פילם איז געפאַלן אַף די נאָענטע איינער צום אַנדערן אַקטיאָרן זוסקין און בוטשמא, ביידע אינטערנאַציאָנאַליסטיש־דענקערישע מענטשן. איך דערמאָן זיך, וויִאַזוי מיר זײַנען אינדרײַען אַוועק צום באַבי יאַר, קעדיי דאָרט דורכטראַכטן די נאַטור־קאַדרען פאַר דעם פילם...

אפן עקראַן ווערט באַוויזן א פראַגמענט פון דעם פילם „די ניט־באַזיגטע“. זוסקין אין דער ראָל פונעם דאָקטער אַראָן דאַווידאָוויטש און בוטשמא אין דער ראָל פונעם אוקראַיִנישן אַרבעטער, וואָס טוט אַלץ, קעדיי ראַטעווען א ייִדיש מיידעלע — דעם דאָקטערס אייניקל. דערשיטערנדיק איז דאָס בילד, ווען עס ווערט באַוויזן אַראָן דאַווידאָוויטשעס לעצטע באַגעגעניש מיט דעם רעטער פון זײַן אייניקל אין מאָמענט פון דער פאַשיסטישער טויט־אַקציע אין באַבי יאַר.

צום סאָף פון דעם אָוונט איז אַרויסגעטראָטן דער אַרטיסט פון מאָסקווער דראַמאַטישן טעאַטער ה. ליאַמפּע. ער האָט דערציילט וועגן ספּעקטאַקל „פּריילעכס“, אין וועלכן זוסקין האָט אַזוי גלענצנדיק אויסגעפילט די הויפּט־ראָל — יעקל דעם באַדכן. ה. ליאַמפּע האָט ציטירט אין ייִדיש אַן אויסצוג פון דעם ספּעקטאַקל.

עס זײַנען אויך באַוויזן געוואָרן פראַגמענטן פון די פילמען „די זוכער פון גליק“ און „קיניג ליר“, אין וועלכע בינימין זוסקין פילט אויס איינע פון די הויפּט־ראָלן.

א וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע

באַלבינע קורץ — איינע פון די עלטסטע ייִדישע שוישפּילערנס — איז אַלט געוואָרן 80 יאָר. איר האָט אָפּגעגליקט צו שפּילן צוזאַמען מיט אַזעלכע באַוווסטע מײַסטערס, ווי נאָעמי, ווײַנבערג, זאַסלאַווסקי, זילבערקאַסטן, סאָקאָלאָוו, שריפטזעצער, פאָגעלנעסט, ליכטענשטיין. אין איינער פון אירע ערשטע אופטריטן אין באָברויסקער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער האָט באַלבינע קורץ געשפּילט די ראָל פון דווירע אין דער פּאָפּולערער פּיעסע „דאָס ווילנער באַלעבעסל“.

אין 1926 קומט ב. קורץ אָן אין מינסקער טעאַטער „פאָלקס־בינע“, מיט וועלכן עס האָט דאַן אָנגעפירט בינימין שוואַרצער. שפּעטער זעצט זי פאָר איר טעאַטראַלע טעטיקײַט אין די ייִדישע טעאַטערן פון אוקראַיִנע. זי שאַפט די געשטאַלטן פון באַסיע — אין „קאָלדוניע“, מאַכליע — אין „מירעלע עפראָס“, פראַדל — אין „סטעמפעניו“, פּערל די מיטניטשקע — אין „גרויסן געווינס“.

געבוירן איז באַלבינע קורץ אין 1889 אין וואַרשע, אין א געזינד פון א שנײַדער. איצט וווינט זי אין טשערנאָוויץ, ווו זי האַלט אונטער, ניט געקוקט אַף איר טיפער עלטער, אַן ענגן שעפערישן קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע אַרטיסטן און שרײַבער.

נעמט אוועק די קינדער

מוזיק פון לייב יאמפאלסקי

ווערטער פון ארן ווערגעליס



נעמט אוועק די קינדער פון דעם שלעכטן,
נעמט אוועק די קינדער פון דעם נעכטן.
נעמט אוועק די קינדער! נעמט אוועק! נעמט אוועק!
קינדער דארפן גוטסקייַט אָן א ברעג.

נעמט אוועק די קינדער פון די שרעקן,
נעמט אוועק די קינדער פון דעם שטעקן,
נעמט אוועק די קינדער! נעמט אוועק! נעמט אוועק!
קינדער דארפן פריידן אָן א ברעג.

נעמט אוועק די קינדער פון דעם בייזן,
אויב דאָס בייזע שטראָפט, איז קומט זיי טרייסטן.
נעמט אוועק די קינדער פון דעם צאר! נעמט אוועק!
קינדער דארפן בראָכע אָן א ברעג.

נעמט אוועק די קינדער פון דער פינצטער,
נעמט זיי צו פון דער געפאר דער מינדסטער.
נעמט אוועק די קינדער פון דער נאכט, פון דער קעלט!
קינדער דארפן זון א גאנצע וועלט.

פון אונדזער
פאָטאָ-ארכיוו

דער דיכטער יאשע זעלדין בייס זיין דינסט אלס מאטראָס פון שווארץ־ יאמישן פלאָט.

פון רעכטס אף לינקס: **לייב קוויטקאָ, עזראָ פינינבערג און מוישע כאשטשעוואצקי אין אומאן, אין 1916, ווען ל. קוויטקאָ איז צום ערשטן מאָל געקומען צו פאָרן אין דער שטאָט.**

דאָוויד האָפשטיין צווישן א גרופּע אוקראַאינישע שרייבער. פון רעכטס אף לינקס: **ערשטע ריי — א. גאָלאָווקאָ, ד. האָפשטיין, מ. רילסקי; צווייטע ריי — מ. באזשאן, פּ. טיטשינא.**

דאַוויד בערגעלסאָן און בינאַמין זוסקין (אין צענטער) צווישן ארטיסטן פון מאָסקווער גאָסעט.

דער שרײַבער מוישע טײַטש. צייכענונג פון אן אומ־באוווסטן קינסטלער.

פריינטלעכער שארזש אף שלוימע מי־כאָעלסן, געצייכנט פונעם קינסטלער נאטאן אלטמאן.

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט 100 יאָר צוריק, אין פעווראַל 1869, איז אין שטעטל באָבער, מאָליִעווער גוב., געבוירן געוואָרן שימען דאָבין (פּסעוודאָנים שימוני).

ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט ש. דאָבין צוזאַמען מיט מיכל לעוויטאַן, באָרוך שוואַרצמאַן אא. געשאַפן אין דעמיִעווקע (קיִעוו) די ערשטע ייִדישע שול פאַר מיידלעך, וועלכע איז מיט דער צײַט געוואָרן א שול פון נײַעם טיפּ — א ייִדיש־וועלטלעכע ארבעטס־שול.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז ש. דאָבין געווען פאָרזיצער פון דער קיִעווער „קולטור־ליגע“ און איינער פון די רעדאַקטאָרן פון די אויסגאַבעס פון איר פאַרלאַג. ער האָט געשענקט פיל ענערגיִע דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט — געווען א מיטגליד פונעם צענטראַל־ראַט פון „געזערד“, איינער פון די אָנפירנדיקע טוער פון „געזקולט“, א מיטאַרבעטער פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קולטור בא דער אוקראַאִינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיִע. אלס לינגוויסט האָט ער מיטגעאַרבעט אין קיִעווער אינסטיטוט פון ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור.

שימען דאָבין איז אויך געווען א טאַלאַנטפולער ליטעראַט. אינטערעסאַנט זײַנען זײַנע זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אַלייכעמען.

ש. דאָבין (שימוני) איז געשטאָרבן אין יון 1949.

עס איז אלט געוואָרן 60 יאָר דער דיכטער, ליטעראַטור־קריטיקער, לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון ארגענטינער „איקוף“ צאַלעל בליך.

צאַלעל בליך שטאַמט פון סווענציאַן (ווילנער גובערניע). אין 1936 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארגענטינע און אין משך פון אָט די קאַרגע 35 יאָר געוואָרן דער ליבלינג פון די ארגענטינער ייִדישע ארבעטנדיקע, וועלכע שעצן אים אלס טאַלאַנטפולן דיכטער, ענערגישן געזעלשאַפטלעכן טוער, מעסירעסנעפעשדיקן קעמפער פאַר דער פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור.

באַלד ווי צ. בליך איז געקומען קיין ארגענטינע, איז ער געוואָרן

איינער פון די פירנדיקע טוער פון „איקא“ (ייִדישער קולטור־פאַרבאַנד אין ארגענטינע), דערנאָך דירעקטאָר פון ארגענטינער „ייִוואָ“. די לעצטע צוואַנציק יאָר איז ער אָנפירער פון דער ייִדישער פּערעץ־שול אין ווילזשא לינטש.

א באַגאַבטער שרײַבער, איז צאַלעל בליך דער אווטאָר פון א ריי ביכער און פילצאָליקע פּאָעטישע, פּובליציסטישע, ליטעראַטור־קריטישע ווערק.

צאַלעל בליך איז אלע יאָרן א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די ארגענטינער ייִדישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און ליטעראַרישע אויסגאַבעס. ער איז איינער פון די אָנפירער פון דער נײַער „איקוף“־אויסגאַבע „אין גאַנג“.

דעם 13 יול ווערט 75 יאָר זינט אין אָדעס איז געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער סאָוועטישער שרײַבער איסאַק באַבעל.

אין עלטער פון 20 יאָר איז אי. באַבעל איבערגעפאָרן קיין פּעטראָגראַד און אין א יאָר ארום האָט ער אין גאָרקיס זשורנאַל „לעטאָפּיס“ פאַרעפנטלעכט צוויי דערציילונגען. נאָך א גרויסן איבערײַס זײַנען אין 1923 דערשינען זײַנע דערציילונגען „זאַלץ“, „א בריוו“, „דאָלגושאָווס טויט“, „דער קיניג“. די דאָזיקע ווערק צוזאַמען מיט נאָך נאָוועלן האָבן געבילדעט באַבעלס צוויי גרונטציקלען: „די רײַטער־ארמיי“ (דערשינען אין א באַזונדער בוך אין 1926) און „אָדעסער דערציילונגען“ (אין א בוך־פאָרם ארויס אין 1931). אין די נאָוועלן פון צווייטן ציקל מאָלט באַבעל דאָס לעבן פון דער פאַררעוואָליוציאָנערער ייִדישער אָרעמשאַפט.

איסאַק באַבעל האָט אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסן — „דער זון־און־טערגאַנג“ (1928), מאַרי (1935), קינאָ־סצענאַריעס („בלאָנדזשענדע שטערן“, 1926) און אויך א ריי דערציילונגען, וועלכע זײַנען ניט פאַרייניקט אין ציקלען.

די גרויסע מײַסטערשאַפט באַבעלס האָט באַשטימט זײַן אָרט צווישן די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

איסאַק באַבעל איז געשטאָרבן דעם 17 מאַרט 1941.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

V. ИМЕНА ПРИЛАГАТЕЛЬНЫЕ

§ 1. Прилагательные еврейского языка изменяются по родам и числам, а в единственном числе — и по падежам:

Род	Падеж	С неопределенным артиклем	С определенным артиклем
Мужск.	Им. Дат. Вин.	**א גוט־ער א גוט־ן א גוט־ן** } **פאָטער**	**דער גוט־ער דעם גוט־ן דעם גוט־ן** } **פאָטער**
Женск.	Им. Дат. Вин.	**א גוט־ע א גוט־ער א גוט־ע** } **מוטער**	**די גוט־ע דער גוט־ער די גוט־ע** } **מוטער**
Средн.	Им. Дат. Вин.	**א גוט א גוט א גוט** } **קינד**	**דאָס גוט־ע דעם גוט־ן דאָס גוט־ע** } **קינד**

Во множ. числе прилагательные обычно имеют окончание **ע־** — независимо от рода, числа или артикля. Пример:

די יונג־ע ארבעטער זייַנען געקומען באגעגענען די אויסלענדיש־ע דעלעגאטן מיט פריש־ע בלומען אין די הענט. —

Молодые рабочие пришли встречать иностранных делегатов со свежими цветами в руках.

В единственном числе было бы:

דער יונג־ער ארבעטער (им. пад.), **באגעגענען דעם אויסלענדיש־ן דעלעגאט** (вин. п.), **מיט א פריש־ער בלום** (дат. п.).

§ 2. Некоторые прилагательные еврейского языка не изменяются и в единственном числе — ни по родам, ни по падежам. К ним относятся такие, которые указывают на отношение предмета или лица к определенному географическому месту и имеют в конце суффикс **ער־**. Примеры: **א מאָסקווער ארבעטער** — московский рабочий; **א מאָסקווער סטודענטקע; מיט א מאָסקווער פאספאָרט; מאָסקווער פאבריקן** — московские фабрики; **אמעריקאנער סכוירעס** — американские товары; **א קיִעווער צייַטונג;** — (одна) киевская газета **אין א קיִעווער צייַטונג;** — в (одной) киевской газете и т. п.

Часто употребляются как несклсняемые и некоторые прилагательные славянского происхождения или с суффиксами такого происхождения. Они оканчиваются на **ע־** независимо от рода, числа и падежа существительных, с которыми они сочетаются. Примеры: **א פריקרע מענטש** — непокладистый человек; **א שטאלטנע באָכער** — статный парень; **א האָרבאטע ייִנגל** — горбатый мальчик; **מיט א האָרבאטע ייִנגל.**

В разговорной речи такие прилагательные нередко употребляются как изменяемые.

Упр. Из тех же трех абзацев очерка З. Вендрова выпишите сочетания прилагательных с существительными (вместе с артиклями и предлогами; где такие имеются). Укажите род, число и падеж каждого сочетания, чертой отделите родовое, числовое или падежное окончание прилагательного. Особенно выделите сочетание с неизменяемым прилагательным.

§ 2. В составе сказуемого употребляется краткое прилагательное, которое не имеет никакого окончания — независимо от рода и числа. Примеры: **דער הימל איז** ריין — небо чисто; **די לאָנקע איז** גרין — луг зелен; **דאָס גראָז איז** געדיכט — трава густа; **די שניטער זײַנען** גרייט — косари готовы.

Упр. В наших примерах вставьте между артиклем и существительным подходящее полное прилагательное с одной из основ: **קרעפטיק** — крепок, **ברייט** — широк, **הויך** — высок, בלוי — голубой.

§ 3. От кратких прилагательных образуются при помощи суффикса **־ער** формы сравнительной степени, также употребляемые в составе сказуемого и не изменяющиеся ни по родам, ни по числам.

Примеры: **דאָס פעלד איז** ברייט־ער — поле шире; **די לאָנקע איז ברייט**.

Весьма часто при образовании сравнительной степени внутренний гласный основы заменяется другим:

אלט — стар, **עלט־ער** — старее; **לאנג** — длинен, **לענג־ער** — длиннее; יונג — молод, **ייִנג־ער** — моложе; **הויך** — высок, **העכ־ער** — выше.

§ 4. Если к формам сравнительной степени кратких прилагательных прибавить окончания рода, числа и падежа, получаются полные формы сравнительной степени.

Примеры: **עלטער** — старше, **אן עלטער־ער** — старший, **העכער** — выше, **א העכער־ער** — более высокий, высший. Эти формы изменяются подобно обычным прилагательным (см. образец в § 1 этой беседы).

Примечание. Прилагательным גוט(ער) — хорош(ий), добр(ый), שלעכט(ער) — плох(ой) соответствуют формы сравнительной степени с другим корнем: **בעסער** — лучше, **בעסער־ער** — лучший (более добрый); **ערגער** — хуже, **ערגער־ער** — худший (более плохой).

§ 5. Формы превосходной степени прилагательных образуются при помощи суффикса **־סט־** и определенного артикля. При этом внутренний гласный корня изменяется так же, как и при образовании ставнительной степени.

Примеры: **ברייט־ער** — широкий, **דער** ברייט־סט־ער — самый широкий **הויכער— דער ייִנג־סט־ער; יונג־ער— דער לענג־סט־ער; לאנגער — דער עלט־סט־ער; אלט־ער— דער העכ־סט־ער.**

Наряду с этими формами употребляются и формы со вспомогательным словом **סאמע** (после артикля): **דער סאמע** ייִנג־סט־ער — самый молодой **דער סאמע ברייט־סט־ער** — самый широкий, и т. п.

Упр. Дополните таблицу следующими прилагательными (без перевода): **גרויס־ער** — большой (сравнит. степ. — **גרעס־ער**), **קליינ־ער** — маленький (קלענ־ער), **רוי־ער** — сырой, неспелый, **ווייכ־ער** — мягкий, **קלוג־ער** — умный (קליג־ער), **ריינ־ער** — чистый, **ליכטיק־ער** — светлый, **גראָב־ער** — толстый (גרעב־ער), **שטיל־ער** — тихий, **דינ־ער** — тонкий.

Таблица.

Полное прилагат.	Краткое прилагат.	Сравнительн. степень	Ее полная форма	Превосходная степень
גרינג־ער легкий	**גרינג** лёгок (легка, легко, легки)	**גרינג־ער** легче	**א גרינג־ער־ער** более лёгкий	**דער גרינג־סט־ער** самый лёгкий, легчайший
שיינ־ער красивый	**שיין** красив	**שענ־ער** красивее	**א שענ־ער־ער** более красивый	**דער שענ־סט־ער** самый красивый, красивейший

Кандидат филологических наук

М. Шапирэ

■ ■ ■

10—1329

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания девятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69;
отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк
Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 18/VI 1969 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(14,35). Бум. л. 5+2 вклейки.
Цена 50 коп. Зак. 1329.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 7

1 9 6 9

В НОМЕРЕ:

И. Фефер. Солнце не заходит (пьеса).

К столетию со дня рождения В. И. Ленина

Я. Дворкин. Навсегда в моем сердце.
Б. Олевский. У Ленина (стихотворение).
Заметки: любимые композиторы Ильича; профиль на ордене.

Рассказы Ш. Горшман, Дж. Уотена, Б. Гальперина.
Стихи Х. Мальтинского, И. Штернберга, П. Киричанского, М. Могилевича.
А. Губницкий. Моя родословная (повесть).

Трибуна жизни

Ш. Рабинович. Зарядье.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

М. Шапиро. Еврейская лексикография и литературный язык.
Г. Релес. Их имена высечены на мемориальной доске.
Краткие рецензии. Заметки букиниста. Разное. О чем писала еврейская пресса 50 лет назад. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.